ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מעשה
# הגדולים

אידיש

**309**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

ספר

# מעשה הגדולים

מיר האבען איבער געזעצט אויף עברי טייטש אלע ווינדערליכע זאכען וואס געפינט זיך אין גאנץ ש"ס בבלי און ירושלמי, וואס עס האט זיך געטראפען ביי אונזערע היילינגע תנאים ואמוראים, ווי קליין און גרויס וועט זיך קענען ארויסנעמען א מוסר השכל ווי היילינג עס איז געוועזן זייערע רייד, און זיך ארויסנעמען א מוסר. און דער זכות פון די תנאים ואמוראים זאל אונז ביישטיין מיר זאלען זוכה זיין לביאת הגואל במהרה בימינו אמן:

פערלאג פון ר' אברהם כהנא סקלאד ספרים אין ווארשא
נאלעווקי 39

ווארשא

שנת תר"צ לפ"ק

## מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד:

איין חסיד האט געגעבען ערב ראש השנה איין ארימאן איין רענדעל האט זיך זיין ווייב מיט איהם שטארק געקריעגט איז דער חסיד ארויס געגאנגען פון שטיב און ער האט גינעכטיגט אין בית הקברות האט ער גיהערט ווי צוויי נשמות פון צוויי געשטארבינע מיידליך ריידען איינער צו דער צווייטער, מיין חברתי לאזען מיר געהן און ארום שוועבען אויף דער וועלט אין מיר וועלען הערען וואס פאר א גזרה מען האט גוזר געוועזען אויף דער וועלט. האט איהר די צווייטע גיענטפערט איך קען ניט געהן וועיל איך ליג בעגראבען אין איין ראגוזע געה די אליין אין וואס די וועסט הערען זאלט די מיר דערציילען. איז די נשמה אליין געגאנגען אין זי איז צוריק געקומען און האט דערציילט דער. צווייטער אז זי האט גיהערט אויף דעם הימעל אז ווער ער וועט זייען אין דעם ערשטען סעזאן וועט איין האגעל אויסקלאפען די תבואה. איז געגאנגען דער חסיד אין האט געזייעט אין צווייטען סעזאן איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט אויס געקלאפט געווארען אין זיין תבואה איז נישט אויסגעקלאפט געווארען. אין צווייטען יאהר איז דער חסיד ווייטער געגאנגען נעכטיגען אין בית הקברות האט ער ווייטער גיהערט ווי איין נשמה האט געזאגט צו דער צווייטער קום וועלען מיר ארום שוועבען אויף דער וועלט אין מיר וועלען הערען וואס פאר א גזרה מען האט גוזר געוועזען אויף דער וועלט. האט די צווייטע איהר גיענטפערט איך קען נישט געהן וועיל איך ליג בעגרובען אין תכריכים פון ראגוזע נאר געה די אליין אין וואס די וועסט הערען וועסט די מיר דער-ציילען. איז זי אליין געגאנגען אין זי איז צוריק געקומען אין האט איהר דערציילט אז זי האט גיהערט אז ווער עס וועט זייען אין צווייטען סעזאן וועט איין ווינד אויסקלאפען האט דער חסיד געזייעט אין דעם ערשטען סעזאן. איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט אויס-געקלאפט געווארען פון ווינד אין ווייניג ניט. האט איהם זיין ווייב גיפרעגט פאר וואס אין ערשטען יאהר איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט אויסגעקלאפט געווארען פון האגעל אין דיין תבואה איז ניט אויסגעקלאפט געווארען אין דאס יאהר האט איין ווינט אויסגע-קלאפט די תבואה פון דער גאנצער וועלט אין דיין תבואה ניט. האט ער איהר דערציילט וואס ער האט גיהערט ווען ער האט גינעכטיגט אין בית הקברות. אין איין צייט ארום האט זיך דעם חסיד'ס ווייב זיך געקריעגט מיט דער מוטטער פון דעם מיידעל וואס זי איז געלעגען אין תכריכים פון ראגוזע האט זי צו איהר געזאגט קום וועל איך דיר וויזען ווי דיין טאכטער ליגט אין איין ראגוזע, אין צווייטען יאהר איז דער חסיד ווייטער געגאנגען נעכטיגען אין בית הקברות האט ער ווייטער גיהערט ווי איין נשמה זאגט צו דער צווייטער קום וועלען מיר הערען וואס פאר איין גזרה עס איז נגזר געווארען אויף דער וועלט האט זי איהר גיענטפערט לאז מיך אב ווארום די רייד וואס מיר האבען גירעדט צווישען זיך זענען שוין בעוויסט צווישען די לעבעדיגע:

איין תנא וואס ער האט גיהייסען

זעירי האט געגעבען צו בעהאלטען געלד צו איין אשה וואס ער האט ביי איהר געהאט סטאנציע און ער איז אוועק געפאהרען צו זיין רבין לערנען דערוויל איז די אשה געשטארבען. ווען ער איז צוריק געקומען איז ער געגאנגען אויף איהר קבר און ער האט געזאגט ווי איז מיין געלד וואס איך האב דיר געגעבען צו בעהאלטען, האט זי איהם גיענטפערט דאס געלד ליגט אין לאך פון דער שוועל און זי האט איהם בעהייסען זאגען איהר מוטער אז זי זאל איהר שיקען דאס קעמעלע און דאס רערעל מיט דער פארב וואס זי פלעגט זיך צו פארבען די אויגען און זי זאל עס איהר שיקען מיט דער אין דער אשה ווייל זי וועט מארגען צו מיר קומען ווייל זי וועט מארגען שטארבען:

ביי דעם פאטער פון שמואל'ן איז געלעגען בעהאלטען געלד פון יתומים ווען ער איז געשטארבען איז זיין זוהן שמואל ניט געוועזען אין דער היים און צוליעב דעם האט ער ניט געוויסט פון דעם געלד האבען מענשען גירעדט אויף שמואל'ן אז ער עסט אויף דאס געלט פון די יתומים. איז שמואל געגאנגען אויף דעם בית הקברות און ער האט געזאגט צו די מתים איך זיך דעם מענש וואס ער הייסט אבא (ווייל די מתים האבען זיך פאר איהם בעוויזען גלייך ווי זיי וואלטען גיזעסען בעזאממען אויף דער ערד) האבען איהם די מתים גיענטפערט עס געפינען זיך דא פיעל מענטשען וואס זיי הייסען אבא האט ער זיי גיענטפערט איך זיך דעם מענש וואס ער הייסט אבא בן אבא (ווייל דעם פאטערס פאטער האט אויך געהייסען אבא) האבען איהם די מתים גיענטפערט עס געפינען זיך דאס נאך אזעלכע וואס זיי הייסען אבא בן אבא.

האט זיי שמואל געזאגט איך זיך דער מענטש וואס ער הייסט אבא בן אבא דער פאטער פון שמואל. האבען איהם די מתים געענטפערט ער איז ארויף געגאנגען אין הימעל אריין לערנען תורה. דערוויל האט ער דערזעהן ווי איין תנא וואס ער הייסט לוי זיצט אויסער פון אלע מתים האט איהם שמואל גיפרעגט פאר וואס ער זיצט אבגעזונדערט פון אלע מתים און פאר וואס ער געהט נישט ארויף אין הימעל אריין האט ער איהם גיענטפערט דאס האט מען איהם געגעבען איין עונש פאר די אלע יאהרען וואס ער איז ניט אריין געגאנגען אין דער ישיבה אריין פון דעם תנא ר' אפס און פון דעם האט דער תנא ר' אפס געהאט צער איבער דעם קען ער ניט ארויף געהן אין הימעל אריין. דער ווייל איז אהן געקומען שמואל'ס פאטער און ער האט געוויינט און געלאכט האט שמואל גיפרעגט זיין פאטער פאר וואס ער וויינט האט ער איהם גיענטפערט ווייל אין איין קורצע צייט וועסט די אויך דא זיין. האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס ער האט געלאכט האט ער איהם גיענטפערט ווייל ער איז שטארק חשוב אויף יענער וועלט האט שמואל געזאגט צו זיין פאטער אויב איך בין חשוב אויף יענער וועלט פערלאנג איך אז מען זאל דאס מיר צוליעב טוהן און מען זאל לוי'ן אריין לאזען אין הימעל אריין האט מען תיכף ארויף געלאזט לוי'ן אין הימעל אריין האט שמואל גיפרעגט זיין פאטער ווי איז דאס געלד פון די יתומים. האט ער איהם געזאגט דאס געלד ליגט אין דעם בנין וואס דאס מילעכעל שטייט אויף איהם. דאס געלד וואס ליגט הינטען אין דאס געלד וואס עס ליגט אויווין איז אונזער אין דאס געלד וואס עס ליגט אין דער מיטען איז

פון

פון די יתומים האט שמואל גיפרעגט זיין פאטער פאר וואס האסט די געלייגט דאס געלד פון די יתומים אין דער-מיטען, האט ער איהם גיענטפערט איך האב גירעכענט אויב גנבים וועלען צו גנבענען דאס געלד זאלען זיי צו נעמען אונזער געלד ווייל עס ליגט אויווען, אין אויב עס ווערט פערפוילט ווערען זאל אונזער געלד פערפוילט ווערען ווייל אונזער געלד ליגט דאך לעבען דער ערד אבער די יתומים'ס געלד האב איך געלייגט אין דער מיטען כדי עס זאל עס ניט טרעפען קיין שום היזק :

איין חסיד האט געדאווענט און אין מיטען דאווינען איז צו איהם צו געקומען איין שר און ער האט איהם געגעבען שלום און דער חסיד האט איהם נישט גיענטפערט. האט דער שר געווארעט ביז ער האט אבגעראווינט אין ער האט איהם גיפרעגט עס שטעהט דאך אין אייער תורה אז איין מענש דארף היטען זיין לעבען פאר וואס ווען איך האב דיר געגעבען שלום האסט די מיר ניט גיענטפערט ווען איך זאל דיר אב האקען דיין קאפ ווער וואלט מיר עפיס פאר דעם געטוהן. האט איהם דער חסיד גיפרעגט ווען די זאלסט שטיין פאר איין מלך בשר ודם אין עס זאל צו דיר וועלכער מענש צוקומען אין דיר געבען שלום וואלסט די איהם גיענטפערט. האט איהם דער שר גיענט-פערט ניין. האט איהם דער חסיד ווייטער גיפרעגט אין ווען די זאלסט איהם ענטפערן וואס וואלט מען דיר געטוהן האט איהם דער שר גיענטפערט מען וואלט מיר אבגעשניטען מיין קאפ. האט איהם דער חסיד געזאגט ווען פאר איין מלך בשר ודם אז מען שטעהט אין מען ענטפערט איין מענש שלום קומט אב צו שניידען דעם קאפ אז איך בין געשטאנען פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואס ער לעבט אייביג וואלט דאך מיר זיכער געקומען איין עונש ווען איך זאל דיר ענטפערין שלום. ווי דער שר האט דאס גיהערט איז ער מרוצה געווארען צו דעם חסיד אין ער האט דעם חסיד גאר ניט געטוהן :

אין איין שטאדט איז געוועזען איין שלאנג וואס ער האט מזיק געוועזען פיעל מענשען האט מען דאס דערציילט דעם הייליגען תנא רבי חנינא בן דוסא האט ער זיך געהייסען ווייזען דאס ארט ווי דער שלאנג געפינט זיך אין ער האט ארויף גישטעלט זיין פיס אויף דעם לאך ווי דער שלאנג האט זיך געפינען אין דער שלאנג האט איהם געביסען אין פיס אריין אין דער שלאנג איז באלד געפגרט האט רבי חנינא בן דוסא גענומען דעם שלאנג אויף זיין אקסעל אין ער האט איהם געטראגען אין בית המדרש אריין אין ער האט געזאגט צו די תלמודים זעהט אז ניט דער שלאנג הרג'ט נאר דער חטא הרג'ט אין ער האט געזאגט וועה איז דעם מענש וואס דער שלאנג האט איהם געטראפען אין וועה איז דעם שלאנג וואס רבי חנינא בן דוסא האט איהם געטראפען אין דער שטייגער פון דעם שלאנג איז אזוי דער שלאנג גוט ווען איין ביס אין אז דער מענש געהט פריהער צום וואסער שטארבט דער שלאנג. אין אויב דער שלאנג געהט פריהר צום וואסער מוז דער מענש שטארבען איז געשעהן איין נס אזוי ווי דער שלאנג האט רבי חנינא בן דוסא געגעבען איין ביס און פיס אריין האט אויף דעם ארט ארויס געשפראצט איין קוואל וואסער איבער דעם איז דער שלאנג געשטארבען :

ביי דעם תנא ר' גמליאל איז שלאף געווארען

געוואָרען איין קינד האָט ער געשיקט צוויי תלמידי חכמים צו דעם הייליגען תנא רבי חנינא בן דוסא אז ער זאָל מתפלל זיין אויף דעם קינד עס זאָל געזונד ווערען. אזוי ווי רבי חנינא בן דוסא האט זיי דערזעהן איז ער ארויף געגאנגען אויף דעם בוידעם און ער האט מתפלל געוועזען. ווען ער איז אראפ געגאנגען האט ער געזאָגט צו די צוויי תלמידי חכמים געהט א היים דאס קינד איז שוין געזונד די היץ איז שוין פון איהם אָב גיטרעטען. האָבען זיי איהם גיפרעגט ווי אזוי ער ווייסט צו איז ער איין נביא. האט ער זיי גיענטפערט איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין בן נביא נאָר איך האָב אזוי איין קבלה פון מיינע עלטערען אז מיין תפלה געהט גלייך איין איך בין זיך ניט טועה איז איין סימן אז מיין תפלה איז צו גיהערט און אויב איך בין זיך טועה איז איין סימן אז מיין תפלה איז ניט צו גיהערט. האָבען די צוויי תלמידי חכמים אויף געשריבען די שעה ווען רבי חנינא בן דוסא האט זיי געזאָגט אז דאס קינד איז שוין געזונד און ווען זיי זענען א היים געקו־מען צו ר׳ גמליאל און זיי האָבען איהם דערציילט וואס רבי חנינא בן דוסא האט זיי געזאגט און וועלכער שעה. האט זיי ר׳ גמליאל דערציילט אז אין דער אייגענער צייט ווען ר׳ חנינא בן דוסא האט זיי דאס געזאָגט איז פון דעם קינד אָבגיטרעטען די היץ און ער האט זיך גיהייסען געבין א ביסעל וואסער צו טרינקען:

רבי חנינא בן דוסא איז געגאנגען לערנען תורה צו ר׳ יוחנן בן זכאי איז ר׳ יוחנן בן זכאיס איין זוהן שלאף געוואָרען האט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאָגט צו ר׳ חנינא בן דוסא אז ער זאָל מתפלל זיין אויף זיין זוהן אז ער זאָל געזונד ווערען האט ר׳ חנינא בן דוסא געלייגט זיין קאָפ צווישען די פיס און ער האט מתפלל געוועזען און דער זוהן פון ר׳ יוחנן בן זכאי געזונד געוואָרען. האט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאגט ווען איך זאָל מתפלל זיין איין גאנצען טאָג וואָלט מען אויף מיר ניט גיקוקט. האט איהם זיין ווייב גיפרעגט צו איז דען ר׳ חנינא בן דוסא גרעסער פון דיר וואס די זאָגסט אז דיין תפילה וואָלט ניט געוואָרען צו געהערט און זיין תפילה איז צו גיהערט געוואָרען. האָט ער איהם גיענטפערט ר׳ חנינא בן דוסא איז גלייך ווי איין בעדינער פון מלך וואס ווען ער וויל קען ער אריין געהן צום מלך אָהן רשות און איך בין גלייך ווי איין שר וואס ער קען ניט אריין געהן אָהן רשות און ער קען ניט אריין געהן ווען ער וויל:

דער תנא ר׳ עקיבא איז געגאנגען אין וועג און ער האט מיט זיך מיט געפיהרט איין אייזעל און איין האָן און איין ליכט און ער איז אריין געקומען אין שטאדט אריין און ער האט געבעטין איין אכסניא צו נעכטיגען האט איהם קיינער ניט געוואלט געבען האט ר׳ עקיבא געזאָגט אַללעס וואס מען טוהט מיר מן השמים איז עס צו גוטען און ער האט געמוזט נעכטיגען אין פעלד איז געקומען איין לייב און ער האט אויף גיגעסען זיין אייזעל דער נאָך איז געקומין איין קאץ און האט אויף גיגעסען דעם האָן און איין ווינט האט אויס געלאשען דאס ליכט, האט ער ווייטער געזאגט וואס מען טוהט מיר מן השמים איז אַללעס צום גוטען. ביי נאכט זענען גזלנים בעפאַלען די שטאדט און זיי האָבען בעראַביערט די שטאדט האט ר׳ עקיבא געזאגט צו די מענשען פון שטאדט איהר זעהט דאס אללעס

וואס

וואס מיך האט געטראָפֿען איז אַללעס געוועזען צום גוטען ווארום ווען דאס ליכט זאָל זיך געווען ברענען אין דאָס אייזיל אין דער האן זאללען געוועזען שרייען וואָלטען די גזלנים געוועזען געקומען צו מיר אין זיי וואָלטען מיך געוועזען בעראַביערט אָבער אַז דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען אין דאָס אייזעל אין דער האן זענען ניט געוועזען האָבען די גזלנים פֿין מיר ניט געוויסט אין דורך דעם בין איך ניצל געוואָרען :

דאָס מלכות פֿון רום האָט גוזר געוועזען אויף די יודען אַז זיי זאָלען ניט לערנען קיין תורה וואָס האָט ר' עקיבא געטוהן ער האָט איין געזאַמעלט גרויסע פֿערזאַמלונגען מענשען אין ער האָט מיט זיי געלערנט תורה האָט איהם געטראָפֿען איין מענשען וואס ער האט געהייסען פּפוס בן יהודה האָט ער איהם גיפרעגט די האָסט ניט קיין מורא פֿאַר די אומה האָט איהם ר' עקיבא גיענטפֿערט אויף דיר זאָגט מען אַז די ביסט איין חכם אָבער די ביסט ניט קיין חכם נאר איין טפש איך וועל דיר געבען איין משל איין פֿוקס איז געגאַנגען לעבען טייך האָט ער גיזעהן ווי די פיש לויפען הין אין צוריק האָט דער פוקס גיפרעגט די פיש פֿאַר וואָס לויפט איהר הין אין צוריק אין איהר רוהט ניט אויף איין אָרט. האבען די פיש איהם גיענטפֿערט ווייל מיר האָבען מורא פֿאַר די נעצען וואס מענשען פערשפרייטען זיי זאָלען אינץ פֿאַנגען. האט דער פוקס צו זיי געזאָגט אויב איהר ווילט קומט אַרויס אויף דער יבשה אין מיר וועלען וואָהנען בעזאַממען גלייך ווי אונזערע עלטערען האָבען געוואָהנט. האבען איהם די פיש גיענטפערט אויף דיר זאָגט מען אַז די ביזט דער קליגסטער פֿון אַללע חיות אין די ביזט גאָהר איין טפש אין וואסער איז אונזער לעבען האָבען מיר מורא. אַז מיר וועלען אַרויסגעהן אויף דער יבשה וואָס דאָרט קענען מיר ניט לעבען דאַרפֿען מיר נאָך מעהר מורא האָבען. דאָס זעלבע איז ביי מיר אין דער צייט ווען מיר לערנען תורה וואס די תורה איז אונזער לעבען האָבען מיר מורא פֿאַר די אומות. ווען מיר זאָללען ניט לערנען קיין תורה דאַרפֿען מיר נאָך מעהר מורא האבען :

און איין קורצער צייט אַרום האָט מען דעם תנא ר' עקיבא געטראָפֿען לערנען תורה און מען האָט איהם איין גיזעצט אין דער תפיסה אַריין און מען האָט פּפוס בן יהודה אויך איין גיזעצט לעבען דעם תנא ר' עקיבא. האָט ר' עקיבא גיפרעגט צו פפוס בן יהודא פֿאַר וואס האט מען דיך איין גיזעצט האט איהם פפוס גיענטפערט וואהל איז דיר ר' עקיבא וואס מען האָט דיך איין גיזעצט צוליעב תורה און וועה איז צו מיר וואָס מען האט מיך איין גיזעצט צוליעב דברים בטלים. ווען מען האָט אַרויס געפֿיהרט דעם תנא ר' עקיבא מען זאָל איהם הרגענן האָט ר' עקיבא פונקט געזאָגט קריאת שמע אין מען האָט געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קעמלען אין ער האָט ניט געקוקט אויף די יסורים נאָר ער האָט מקבל געוועזען עול מלכות שמים באהבה אין מיט כונה. האבען איהם די תלמידים גיפרעגט רבי ביי אַזעלכע גרויסע יסורים האָסט די נאָך אין זינען מקבל צו זיין עול מלכות שמים האָט ער זיי גיענטפֿערט מיינע אַללע יאָהרען האָב איך זיך מצער געוועזען אויף דעם פסוק. ביי קריאת שמע שטעהט בכל נפשך די זאָלסט אויף דיר מקבל זיין עול מלכות שמים מיט דיין גאַנצען נפש אַפילו ווען מען נעמט דיר

צו דיין נפש זאָלסט די אויף מקבל זיין עול מלכות שמים איך האָב געטראַכט ווען וועט שוין קומען די צייט איך זאָל דעם פסוק קענען מקיים זיין אין יעצט אַז עס איז געקומען די צייט איך זאָל דעם פסוק קענען מקיים זיין. זאָל איך איהם ניט מקיים זיין אין ער האָט אַזוי לאַנג געשריגען „אחד" ביז זיין נשמה איז פון איהם אַרויס אין עס איז אַרויס איין בת קול פון הימעל און עס האָט געזאָגט וואָהל איז דיר ר' עקיבא וואָס דיין נשמה איז פון דיר אַרויס ביי דעם וואָרט „אחד" און די וועסט האָבען עולם הבא:

דער תנא ר' שילא האָט איין מאָהל געשלאָגען מלקות איין מענטש וואָס ער האָט מזנה געוועזען מיט איין ערלות האָט איהם דער מענטש פערמסרט פאַר דעם קיסר פון רום האָט דער קיסר פון רום געשיקט נאָך ר' שילא און ער האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די דעם מענש געשלאָגען מלקות האָט ר' שילא גיענטפערט ווייל ער האָט מזנה געוועזען מיט איין אייזיל. האָט איהם דער קיסר גיפרעגט די האָסט עדות אויף דעם האָט ער גיענטפערט אַז ער האָט עדות. איז אליהו הנביא געקומען אין געשטאַלט פון איין מענטש און ער האָט עדות געזאָגט אַז ער האָט גיזעהן ווי דער מענטש האָט מזנה געוועזען מיט איין אייזיל האָט דער קיסר געזאָגט צו ר' שילא אויב אַזוי קומט דאָך איהם מיתה. האָט ר' שילא גיענטפערט זינט מיר זענען פערטריבען געוואָרען און אונזער לאַנד האָבען מיר ניט קיין רשות צו פסקנען קיין דיני נפשות. אַזוי ווי דער קיסר האָט גיקלעהרט וואָס ער זאָל טוהן צו ר' שילא האָט ר' שילא געזאָגט דעם פסוק לך ד' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ. האָט איהם דער קיסר גיפרעגט וואָס ער זאָגט האָט ער איהם גיענטפערט איך לויב השי"ת וואָס ער האָט אויך גיגעבען איין גיוועלטיגקייט און רחמים ודינים צו דעם קיסר אויף דער ערד גלייך ווי דאָס מלכות פון הימעל. האָט איהם דער קיסר געזאָגט ווייל עס איז ביי דיר אַזוי חשוב דעם כבוד פון מיין מלכות גיב איך דיר רשות צו פסקנען און ער האָט איהם געגעבען איין אייזערנעם שטעקען ער זאָל שלאָגען די שולדיגע מענטשען און ער האָט איהם געהייסען זיצען ביי דעם טויער פון רום און פסקנען די דינים וואָס זיי וועלען צו איהם קוממען. ווען ר' שילא איז אַרויס געגאַנגען פון קיסר האָט דער מענטש וואָס ר' שילא האָט איהם געשלאָגען מלקות גיפרעגט טוהט דען הקב"ה איין נס אויף שקר ווייל ער האָט דאָך געזאָגט איין שקר אַז ער האָט מזנה געוועזען מיט איין אייזיל. האָט איהם ר' שילא גיענטפערט די רשעים הייסען זיי דען ניט קיין אייזלין עס שטעהט דאָך אין פסוק אשר בשר חמורים בשרם זייער לייב איז גלייך ווי איין לייב פון איין אייזיל. האָט ר' שילא געזעהן ווי דער מענש געהט דערציילען דעם קיסר אַז ר' שילא רופט זיי אייזלין האָט ר' שילא געזאָגט דער מענטש וויל דאָך מיך הרגינען און די תורה זאָגט דער וואָס וויל דיך הרגנען מעגסט די איהם פריהער הרגנען אין ער האָט איהם געגעבען איין קלאַפּ מיט דעם שטעקין און ער האָט איהם געהרגעט האָט ר' שילא געזאָגט ווייל דורך דעם פסוק פון לך ד' הגדולה, וכו' איז מיר געשעהן איין נס וועל איך אויף דעם דרשנען און ער איז אַריין געגאַנגען אין בית המדרש אַריין און געדרשענט איין דרשה אויף דעם פסוק:

מונבז המלך האָט צוטיילט זיין גאַנץ פארמעגען

פאַרמעגען צו פיהל אָרימע לייט האָבען איהם זיינע קרובים גיפרעגט דיינע עלטערען האָבען אַלץ פערגרעסערט זייער פערמעגען און די צוטיילסט דיין פערמעגען און דיינע עלטערינס פערמעגין האָט ער זיי גיענטפערט מיינע עלטערין האָבען בעהאַלטען זייער פערמעגען און דער ערד און איך בעהאַלט אויף דעם הימעל. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען אוצרות וואָס זיי ברענגען ניט קיין פערדינסט. און איך בעהאַלט אַזעלכע אוצרות וואָס איך וועל פון זיי האָבען פערדינסט. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען אויף אַזוי אַ אָרט וואָס מען קען זיי צו נעמען. אָבער איך בעהאַלט אויף אַזוי אַ אָרט וואָס מען קען זיי ניט צו נעמען. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען פאַר אַנדערע וועגען און איך האָב בעהאַלטען פאַר מיינעט וועגען. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען אויף דער וועלט און איך האָב בעהאַלטען אויף יענער וועלט. איבער דעם דאַרפט איהר אויף מיר ניט האָבען קיין תרעומות ווייל איך טוה בעסער פון מיינע עלטערין:

איין שר פון די עכו״ם ער האָט געהייסען דמה בן נתינה ער איז געוועזען איין עלטסטער פון די חיילות האָט איהם זיין מוטער געגעבין איין קלאַפּ מיט דעם שיעך אויף זיין פנים און דאָס חייל איז ביי דעם געשטאַנען און דער שיעך איז איהר אַרויס געפאַלען פון איהר האַנד. האָט ער אויף געהויבען דעם שיעך און ער האָט איהם איהר גיגעבען זי זאָל זיך ניט דאַרפען איינבייגען. און אויף דעם שטיין וואָס זיין פאָטער איז גיזעסען איז ער קיינמאָהל ניט געזעסען און ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען האָט ער דעם שטיין געמאַכט פאַר איין עבודה זרה. איינמאָהל איז פערלאָרען געוואָרען איין דימענט פון חושן דער דימענט הייסט ישפה האָט מען געזוכט אַזוי אַ דימענט און מען האָט איהם ניט געפינען נאָר ביי דמה בן נתינה איז מען צו איהם געגאַנגען קויפען דעם דימענט און מען האָט איהם צו געזאָגט פאַר דעם דימענט הונדערט רענדליך האָט ער זיי געוואָלט געבען דעם דימענט איז אָבער זיין פאָטער געשלאָפען אויף דעם קאַסטען וואָס דער דימענט איז דאָרט גילעגען האָט ער זיי גיענטפערט איך קען אייך יעצט דעם דימענט ניט געבען. האָבען זיי גירעכענט ווייל ער וויל מעהר געלד איבער דעם זאָגט ער אַז ער קען זיי דעם דימענט ניט געבען. האָבען זיי איהם צו געזאָגט צוויי הינדערט רענדליך און ער האָט זיי ווייטער דאָס זעלבע גיענטפערט. האָבען זיי איהם אַללע מאָהל מער צו געזאָגט ביז טויזנד רענדליך און ער האָט זיי דעם דימענט ניט געגעבען. זענען די שליחים פון די ישראל פון איהם אַוועק געגאַנגען. ווען זיין פאָטער איז אויף געשטאַנען האָט ער גענומען דעם דימענט און האָט איהם געבראַכט האָט מען איהם געוואָלט געבען טויזענד רענדליך אַזוי ווי זיי האָבען איהם דאָס לעצטע מאָהל געוואָלט געבען האָט ער ניט געוואָלט נעמען מעהר פון הונדערט רענדליך און ער האָט זיי געזאָגט איהר רעכענט אַז איך וועל פערקויפען די מצוה פון כבוד אב פאַר געלד דאָס וועל איך ניט טוהן. האָט איהם הקב״ה פאַר דעם גיגעבין שכר דאָס ביי איהם איז געבוירען געוואָרען איין פרה אדומה און מען האָט איהם גיגעבען אַזי פיעל געלד ווי די פרה אַדומה האָט געוואָגען:

איין מענש פלעגט צו געבען זיין פאָטער צו עסען געשטאָפּטע היגער איינמאָהל האָט איהם דער פאָטער גיפרעגט ווי נעמסט די אַזעלכע היגער האָט איהם דער זוהן גיענטפערט אַלטער

עס. אין שווייג. די כלבים טוהן אויך אזוי זיי עסען אין שווייגען אין פרעגען ניט (פון דאנען לערנען מיר חאטשע ער האט געגעבען דעם פאטער צו עסען נאר ווייל ער גיט איהם ניט בדרך כבוד ירשנט ער דאך גיהנם). אין עס איז פערהאנדען אמאהל ווען איין זוהן שיקט זיין פאטער ארבייטען אין ער האט פאר דעם דאס גן עדן. איין מענש האט בעהאט איין מיהל אין ער האט ביי זיך געהאלטען דעם פאטער איינמאהל האט איינער פון דער מיהל בעדארפען געהן צום קיסר מאהלען. האט דער זוהן געזאגט צו זיין פאטער אז ער זאל מאהלען אין דערהיים אין דער זוהן וועט געהן צום קיסר ווייל די מענשען וואס זיי מאהלען ביי דעם קיסר איז מען זיי מבזה אין מען שלאגט זיי איז גלייכער אז ער זאל ליידען די בזיונות אין די קלעפ איידער דער פאטער. (פון דאנען לערנען מיר חאטשע ער האט געהייסען זיין פאטער ארבייטען נאר ווייל ער האט געמיינט דעם פאטערס כבוד ירשינט ער דאס גן עדן):

צוויי ברודער האבען געוואהנט אין דער שטאט אשקלון אין זיי האבען גיהאט שכנים עכו"ם האבען די שכנים געזאגט ווען די יודען וועלען אויף געהן יו"ט קיין ירושלים וועלען מיר זיי צו נעמען זייער פערמעגען. עס איז געקומען יום טוב אין די צוויי ברידער זענען געגאנגען קיין ירושלים אין זיי האבען איבער געלאזט זייער פערמעגען אין דערהיים. האט הקב"ה אראב געשיקט מלאכים זיי האבען אויס געזעהן אזוי ווי די צוויי ברודער אין זיי זענען געוועזען אין שטיב. ווען די ברידער זענען אהיים בעקומען אין זיי האבען געזעהן אז עס פעהלט זיי גאר ניט האבען זיי געשיקט די שכנים מתנות. האבען די שכנים גיפרעגט די ברידער ווי זענט איהר געוועזען ביז יעצט האבען זיי גיענטפערט אין ירושלים. האבען די שכנים זיי גיפרעגט ווער האט איהר איבער געלאזט צו היטען דאס הויז האבען זיי גיענטפערט מיר האבען קיינעם נישט איבער געלאזט. האבען די שכנים פערשטאנען אז די מענשען וואס זענען דא געוועזען יום טוב זענען געוועזען מלאכים. האבען די שכנים געזאגט געלויבט איז אייער גאט וואס ער האט נישט פערלאזט זיין חסד פון אייך אין אזוי זאל ער ניט פערלאזען זיין חסד פון יעצט אהן אין ווייטער:

דעם הייליגער תנא ר' פנחס בן יאיר איז אמאהל געקומען אין איין שטאדט אריין האבען זיך די מענשען פון דער שטאדט פאר איהם פערקלאגט אז די עכברים עסין זיי אויף די תבואה האט ר' פנחס בן יאיר גוזר געוועזען אויף די עכברים פון דער שטאדט אז זיי זאלען זיך אללע צו זאממען קומען. זענען זיך אללע עכברים צו זאממען געקומען אין זיי האבען געשריגען. האט ר' פנחס בן יאיר געזאגט צו די מענשען פון דער שטאדט איהר פערשטעהט וואס די עכברים זאגען. זיי זאגען אז איהר גיט ניט קיין מעשר. אזוי ווי עס דארף צו זיין איבער דעם עסין זיי אויף די תבואה. האבען די מענשען געזאגט אז זיי נעמען אויף זיך פון הייבט אהן צו געבען מעשר אזוי ווי עס דארף צו זיין האבען די עכברים שוין מעהר ניט געגעסען די תבואה. צוויי ארימע לייט האבען געגעבען צו בעהאלטען צו ר' פנחס בן יאיר צוויי סאה גערשטען אין געגאנגען ר' פנחס בן יאיר אין האט פערזייעט די צוויי סאה גערשטען אויף זיינע פעלדער אין ער האט דעם גערשטען אב געשניטען. אין איין צייט ארום זענען די צוויי ארימע לייט געקומען אב

נעמען

אָב נעמען די צווי סאה גערשטען האָט ער צו זיי געזאגט ברענגט אייך קעמלין מיט אייזלין ווען איהר אייך א היים נעמען אייער גערשטען:

דער מלך פון די ישמעאלים האָט אראפּ געלאָזט איין פּעריל אין איין עכבר האָט איהם איינגעשלינגען איז דער מלך געקומען צו ר׳ פּנחס בן יאיר אז ער זאָל זעהן אז ער זאָל האָבין צוריק דעם פּעריל האָט ר׳ פּנחס בן יאיר געזאגט צום מלך צו בין איך איין מכשף וואָס די ביסט צו מיר געקומען. האָט איהם דער מלך גיענטפערט ניט ווייל די ביסט איין מכשף בין איך געקומען צו דיר נאָר צוליעב דיין גוט נאמען וואָס ער הערט זיך אויף דער גאנצער וועלט אז די ביסט איין גרויסער צדיק אין די ביסט גוזר אין הקב״ה איז מקיים דיין גזרה. זאָלסט גוזר זיין אויף די עכברים אז זיי זאָלין מיר אָפּ געבען דעם פּעריל. האָט ר׳ פּנחס בן יאיר גוזר געוועזען אויף די עכברים פון דער שטאָדט אז זיי זאָלין זיך צו זאמען קומען זענגען זיך אַלע עכברים צו זאמען געקומען האָט ער געזעהן ווי איין עכבר האָט אויף דעם ריקען אזוי ווי איין בלאָטער האָט ער געזאגט דער עכבר האָט דער פּעריל ווייל דאָס איז ניט קיין בלאָטער נאָר דאָ ליגט דער פּעריל איבער דעם איז אויף דעם אָרט העכער. האָט ער גוזר געוועזען אויף דעם עכבר אין ער האָט אויס געשפּיגען דעם פּעריל:

רבי פּנחס בן יאיר איז אַ מאָהל גע־גאנגען אין בית המדרש אריין אויף דעם וועג איז געוועזען איין טייך אין דאָס וואסער האָט זיך געשטארקט אין עס איז ניט מעגליך געוועזען אדורך צו געהן דאָס וואסער האָט ר׳ פּנחס בן יאיר געזאגט צום טייך די ווילסט מיך ניט לאָזען געהן אין בית המדרש אריין. האָט זיך דאָס וואסער געשפּאָלטען אין ר׳ פּנחס בן יאיר איז אדורך געגאנגען האָבען די תלמידים איהם גיפרעגט אפשר קענען מיר אויך אדורך געהן האָט ער זיי גיענטפערט דער וואָס ער ווייסט ביי זיך אז ער האָט נאָך ניט מבייש געוועזען קיין מענש דער קען אדורך געהן אין ער וועט ניט האָבען קיין שאָדין עס וועט איהם גאָר ניט זיין:

דער תנא ר׳ אבא בר זימנא איז גע־וועזען איין שניידער איינמאָהל האָט ער געאַרבייט ביי איין עכו״ם אין שטיב האָט דער עכו״ם געגעבען ר׳ אבא צו עסען בשר נבלה האָט ער ניט געוואָלט עסין ער האָט איהם געזאָגט אויב די וועסט ניט עסען וועל איך דיך הרגענ׳ן האָט איהם ר׳ אבא גיענטפערט אויב די ווילסט מיך הרגענ׳ן קענסט די מיך הרגענ׳ן אין איך וועל דאָס ניט עסין ווייל דאָס איז בשר נבלה אין דאָס טאָהר איך ניט עסען ווייל איך בין איין יהודי. האָט איהם דער עכו״ם געזאָגט יעצט וועל איך דיר מגלה זיין דעם גאנצען אמת מיין כוונה איז געווע־זען דיך אויס צו פּריווען צו די ביסט איין ערליכער ווען די זאלסט געוועזען עסין וואָלט איך דיך געוועזען געהרגט ווייל יעדער מענש דארף האַלטען אין זיין גלויבען אין זיין דת איין יהודי דארף האַלטען דעם יודישען דת איז ער איין עכו״ם דארף ער היטען דעם דת פון די עכו״ם:

דער הייליגער תנא ר׳ שמעון בן יוחאי איז געלעגען בעהאַלטען אין איין הייל דרייצען יאָהר ווייל דער קיסר האָט איהם געוואָלט הרגענ׳ן אין עס האָט קיינער

קיינער פון דעם ניט געוויסט אין ער האט ניט געהאט וואס צו עסען אין עס איז געשעהן איין נס אין עס איז ארויס געוואקסען איין בוים מיט באקסער אין דאס האט ער געהאט צו עסען די גאנצע דרייצען יאהר. איינמאהל איז ער גיזעסען ביי דער טהיר פון דער הייל האט ער געזעהן ווי איין מענש שטעהט אין פאנגט עופות האט ער גיהערט איין בת קול פון הימעל ווי עס זאגט רחמים. איז דער פויגעל וואס איז שוין געוועזען אין דער נעץ ניצול געווארען. ווי ער האט דאס געזעהן האט ער געזאגט אז איין פויגעל ווערט ניט געפאנגען ביז מען איז אויף אים גוזר אין הימעל וועט מען דאך אים א וודאי גאר ניט קענען טוהן אין ער איז ארויס געגאנגען פון דער הייל ווי ער האט געזעהן אז מען טהוט איהם גאר ניט האט ער געזאגט איך וועל געהן מתקן זיין די שטאדט טבריה ווייל איך האב פון איר געהאט איין הנאה איבער דעם וועל איך מטהר זיין די שטאדט טבריי׳ כדי די כהנים זאלען וויסען ווי זיי מעגען געהן אין ווי זיי טאהרען ניט געהן, האט ער גענומען אכבערס פון תרומה אין ער האט זיי געווארפען אין מארק ווי עס איז גיוועזען איין מת בעגראבען אין דער ערד איז ער ארויף געקומען אין ער האט דאס ארט פערצוימט כדי די כהנים זאלען דארט ניט געהן האט איין גוי דאס געזעהן האט ער געזאגט איך וועל שפעטען פון דעם אלטען יוד איך וועל איהם ווייזען אז ער האט ניט מטהר געוועזען איז דער גוי געגאנגען אין גענומען איין מת אין ער האט איהם בעגראבען אויף דעם ארט ווי ר׳ שמעון בן יוחאי האט מטהר געוועזען אין ער האט געזאגט צו ר׳ שמעון בן יוחאי די האסט דאס ארט מטהר געוועזען קום וועל איך דיר ווייזען אז אויף דעם ארט איז בעגראבען איין מת. האט ר׳ שמעון בן יוחאי געזעהן מיט רוח הקודש אז דער גוי האט דא בעהאלטען דאס מת. האט ר׳ שמעון בן יוחאי געזאגט איך בין גוזר אויף דעם וואס פון אויף דער ערד דאס האט ער געמיינט דעם גוי אז ער זאל אראב געהן אין דער ערד אריין ער זאל שטארבען אין דער מת וואס ליגט אין דער ערד זאל ארויס געהן פון דער ערד אין ער זאל לעבין. אין עס איז אזוי געוועזען. אין ווען ר׳ שמעון בן יוחאי איז אדורך געגאנגען לעבען איין טורם האט ער גיהערט ווי איין חכם האט געזאגט דאס איז דער בר יוחאי וואס ער האט מטהר געוועזען די שטאדט טברי׳. האט ר׳ שמעון בן יוחאי צו איהם געזאגט עס זאל אויף מיר קומין א זעלכעס אין א זעלכעס אויב איך האב ניט גיהערט פון הימעל אז טברי׳ דארף ריין ווערען אין די האסט מיר ניט געוואלט גלייבען. אין די האסט פון מיר גישפעט האט ר׳ שמעון בן יוחאי איהם אהן געקוקט איז פון איהם געווארען איין בערגיל ביינער:

אין איין שטאדט איז געוועזען איין קצב איין מאכיל טריפות. איינמאהל אין ערב שבת האט ער געטרינקען פיהל וויין אין ער איז געווארען שיכור אין ער איז ארויף געגאנגען אויף דעם דאך אין ער איז אראב געפאלען אין ער איז געשטארבען אין עס איז שוין געוועזען שבת אין ער איז געבליבען ליגען אויף דעם דויף האבען די הינט געגאקט זיין בלוט האט מען גיפרעגט דעם תנא ר׳ חנינא איין שאלה צו מען מעג איהם אריין נעמען אין שטיב אריין כדי די הינט זאלען איהם ניט עסען האט ר׳ חנינא גיענטפערט לאזען די הינט עסען זיין פלייש ווייל זיי עסען זייערס ווייל ער האט ביי זיי צו געגאזילט דאס טריפה

טריפה פלייש וואס דאס גיהערט צו די הינט אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה אז טריפה פלייש זאל מען ווארפען פאר די הינט און ער האט עס ניט געוואלט געבען די הינט נאר ער האט עס פערקויפט די יודען יעצט נעמען זיי זיך אב זייערס:

און דער שטאדט ווי דער ריש גלותא האט געוואהנט איז געוועזען איין פאסטוך וואס ער האט געפיטערט חזירים און די קינדער פון ריש גלותא פלעגען איהם שלאגען. און איין צייט ארום איז דער פאסטוך געווארען מלך האט דער מלך מורא געהאט אז די יודען זאלען איהם מבזה זיין און דער מלך געגאנגען אין דער שטאדט פמייס וואס די שטאדט איז געוועזען ווייט פון די יודען און ער האט געשיקט איין בריף צו די יודען אז זיי זאלען צו איהם קומען מוצאי שבת און ער האט אהן געזאגט דעם שליח אז ער זאל די יודען ניט אב געבען דעם בריף נאר הערשט ערב שבת פארנאכט כדי זיי זאלען ניט קענען קומען אויף מוצאי שבת קיין פמייס ווייל אין שבת וועלען זיי זיכער ניט געהן דער שליח האט אזוי געטוהן און ער האט דעם בריף איבער געגעבען פרייטאג פאר נאכט אין ר׳ יהודא הנשיא און ר׳ שמואל בר נחמן זענען געגאנגען אין מרחץ אריין זיך אבוואשען לכבוד שבת האט זיך פאר זיי בעוויזען איין שד וואס ער הייסט אנטיגרוס האט ר׳ יהודה הנשיא געוואלט אהן שרייען אויף דעם שד אז ער זאל ארויסגעהן פון מרחץ האט איהם ר׳ שמואל בר נחמן געזאגט לאז איהם אב דאס וואס ער האט זיך פאר אונז בעוויזען ווייל דורך איהם דארף אונז געטהון ווערען איין נס האט דער שד זיי גיפרעגט וואס דאס איין נס זיי דארפען. האבען זיי איהם דערציילט אז זיי האבען הערשט דערהאלטען איין בריף פון מלך אז זיי זאלען מוצאי שבת קומען קיין פמייס. האט זיי דער שד געזאגט וואשט אייך אב און זאריגט גאהר ניט הקב״ה וועט אייך טוהן איין נס. מוצאי שבת איז דער שד צו זיי געקומען און ער האט זיי גענומען אויף זיינע אקסלין און ער האט זיי אנידער געשטעלט פאר דעם הויף ווי דער מלך איז געוועזען. זענען די משרתים פון מלך אריין געגאנגען צום מלך און זיי האבען איהם געזאגט אז די רבנים פון די יודען שטייען פאר דעם הויף. האט דער מלך בעפוילען אז זיי זאלען צו איהם ניט אריין קומען ביז זיי זאלען זיך פריהער אב וואשען אין מרחץ און דאס מרחץ איז געוועזען אויסגעהייצט זיבען טעג און זיבען נעכט און די כונה פון מלך איז געוועזען אז זיי זאלען דארט פערברענט ווערען. איז דער שד פריהער אריין געגאנגען אין מרחץ אריין און ער האט אויס געקוהלט דאס מרחץ און זיי זענען אריין געגאנגען אין מרחץ אריין און זיי האבען זיך אב געוואשען און זיי זענען אריין געקומען צום מלך האט צו זיי דער מלך געזאגט ווייל אייער גאט טוהט אייך ניסים זענט איהר מבזה דעם מלך. האבען זיי דעם מלך גיענטפערט מיר האבען דיך נאר מבזה געוועזען ווען, די ביסט געוועזען איין פאסטוך אבער ניט ווען די ביסט איין מלך. האט זיי דער מלך גיענטפערט דעם קלענסטען גוי דארפט איהר ניט מבזה זיין ווייל איהר ווייסט ניט וואס ער קען שפעטער זיין:

צוויי תנאים ר׳ יוחנן און אילפא האבען גילערענט תורה און זיי זענען געוועזען זייער ארים האט איינער געזאגט צום צווייטען קום וועלען מיר האנדלין כדי

כדי מיר זאָלען האָבין וואס צו עסין. זענען זיי געגאַנגען און וועג און זיי האָבען זיך אַנידער געזעצט אינטער איין וואנט עסין האָבען זיי גיהערט ווי איין מ'אך האט געזאָגט צום צווייטען מיר וועלען אויף זיי אַרויף ווארפען די וואנט און מיר וועלען זיי הרגינען ווייל זיי האָבען פערלאָזט די תורה און זיי האָבען זיך גענימען צום האנדיל. האָט דער צווייטער מלאך געזאָגט לאָז זיי אָב ווייל איינער פון זיי דארף זיין גרויס ער דארף זיין איין רב אין איין ראש ישיבה. און עס איז ניט זיין צייט צו שטאַרבען. האָט ר' יוחנן גיפרעגט אילפא צו ער האָט עפיס גיהערט. האָט איהם אילפא גיענטפערט אַז ער האָט גאָר ניט גיהערט. האָט ר' יוחנן גיזאָגט אַז איך אליין האָב דאָס גיהערט אין אילפא ניט. איז איין סימן אַז איך וועל גרויס ווערען איבער דעם וויל איך צוריק אַהיים געהן און וועל ווייטער לערנען תורה און ער האָט אַזוי געטוהן אין ער איז אַהיים געגאַנגען אין ער האָט זיך גיזעצט לערנען און אילפא איז ווייטער געגאַנגען האנדלען. אין דער צייט ווען אילפא איז גיוועזען אין וועג האָט מען געקרוינט ר' יוחנן פאַר איין רב אין איין ראש ישיבה ווען אילפא איז אַהיים געקומען האָבין איהם די מענשין געזאָגט ווען די זאָלסט אויך געוועזען לערנען אַזוי ווי יוחנן וואָלטען מיר דיך גיוועזען געמאַכט פאַר איין רב אין איין ראש ישיבה. האָט זיך אילפא אַנידער גיזעצט אויף איין ברעט פון איין שיף. אין ער האָט געזאָגט חאַטשע איך האָב ניט גילערענט קיין תורה דאָך קען איך בעסער לערנען פון ר' יוחנן ווער עס וועט מיך קוממען פרעגען איין זאך און לערנען אין איך וועל איהם ניט ענטפערען זאָל מען מיך אַריין ווארפען און וואסער אַריין פון דעסטוועגען איז דאָך ר' יוחנן געבליבען איין ראש ישיבה:

דער הייליגער תנא נחום איש גם זו איז געוועזען בלינד אויף ביידע אויגען אין ביידע הענד און ביידע פיס זענען איהם גיוועזען אָבגישניטען אין זיין גוף איז געוועזען פיל מיט שחין אין ער איז געלעגען אין איין איינגעפאלינע שטיב האָבען די תלמידים מורא געהאט אַז די שטיב זאָל ניט איינפאלען און ער זאָל ניט געהרגיט ווערען האָבען זיי געוואָלט פרוהער איהם אַרויס נעמין דער נאָך די כלים האָט ער צו זיי געזאָגט נעמט פריהער אַרויס די כלים און דערנאָך וועט איהר מיך אַרויס נעמין ווארים כל זמן איך בין אין שטיב וועט די שטיב נישט איינפאלען. האָבען די תלמידים אַזוי געטוהן און אַזוי ווי זיי האָבין איהם אַרויס גענומען פון שטיב איז די שטיב איינגעפאלען. האָבען די תלמידים איהם גיפרעגט רבי אַז די ביסט איין צדיק פאַר וואָס איז דיר געקומען אַזא עונש. האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב עס מיר אַליין גורם געוועזען. איינמאָהל בין איך געגאַנגען צו מיין שווער און איך האָב מיט זיך געפיהרט דריי אייזלין מיט משאי. אויף איין אייזיל איז געלעגין עסענווארג און אויף דעם צווייטען איז געלעגען פערשידענע געטראַנקען. אין אויף דעם דריטען איז גילעגען זיסווארג. איז צו מיר צו געקומען איין אָרימאַן אין ער האָט מיר געזאָגט רבי שפייזט מיך. האָב איך צו איהם געזאָגט ווארט ביז איך וועל אַראָבנעמין פון אייזיל און איך האָב ניט געדאָנזיט אַראָב צו נעמען פון אייזיל עפיס צו עסען ביז דער אָרימאַן איז געשטאָרבען האָב איך זיך אַרויף געלעגט אויף דעם אָרימאַן אין איך האָב געזאָגט מיינע אויגען וואָס זיי האָבען ניט רחמנות געהאט

אויף

אויף דיינע אויגען זאָלען בלינד ווערען. מיינע הענד וואָס זיי האָבען ניט רחמנות געהאַט אויף דיינע הענד זאָלען אָב געשניטען ווערען. מיינע פיס וואָס זיי האָבען ניט רחמנות געהאַט אויף דיינע פיס. זאָלען אָב געהאַקט ווערען און עס איז נאָך ניט פאַר מיר גענוג געווען ביז איך האָב נאָך געזאָגט אַז מיין גוף זאָל געשלאָגען ווערען פיהל מיט שחין ווייל איך האָב זיך ניט צו געהיילט איהם צו געבען באַלד עסין. האָבין די תלמידים צו איהם געזאָגט וועה איז צו אונז וואָס מיר זעהן דיך אין אַזאַ מצב. האָט ער זיי גיענטפערט וועה וואָלט געווען צו מיר ווען איהר זאָלט מיך ניט אַזוי זעהן. און פאַר דעם האָט מען איהם גערופען איש גם זו ווייל וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען האָט ער געזאָגט גם זו לטובה:

איינמאָהל האָבין די יודען געוואָלט שיקען איין מתנה צום קיסר האָט מען גיקלעהרט ווער עס זאָל געהן מיט דער מתנה צום קיסר איז געבליבען אַז נחום איש גם זו זאָל געהן ווייל ער איז געוואָהנט אַז הקב"ה זאָל איהם טוהן ניסים. האָט מען געשיקט מיט איהם איין קעסטעלע ברילאַנטען מיט פעריל אַזוי ווי עס פאַסט פאַר איין קיסר. אויף דעם וועג האָט ער גינעכטיגט אין איין גאַסטהויז האָבען גנבים אַרויס גענימען פון קעסטעלע די ברי-ליאַנטען מיט די פעריל און זיי האָבען אַריין געלייגט אין קעסטעלע אַריין ערד. און דער פרי ווען ער האָט זיך אויף געהויבען און ער האָט געזעהן די ערד האָט ער געזאָגט גם זו לטובה. ווען ער איז געקומען מיט דעם קעסטעלע ערד צום קיסר. האָט דער קיסר גיעפענט דאָס קעסטעלע און ער האָט דערזעהן אַז עס איז פיהל מיט ערד איז ער שטאַרק געוואָרען אין כעס אויף די יודען און ער האָט געוואָלט אַלע יודען אויס הארגינען האָט נחום איש גם זו געזאָגט גם זו לטובה מן הסתם איז עס לטובה איז אליהו הנביא געקומען צום קיסר פערשטעלט פאַר איין שר און ער האָט געזאָגט צום קיסר אפשר איז די ערד פון זייער פאָטער אברהם וואָס בשעת ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט די מלכים אין ער האָט אויף זיי געוואָרפען די ערד זענען זיי געפאַלען גלייך ווי פון פיילין און זיי זענען אַלע געהרגיט געוואָרען. האָט דער קיסר געהאַט איין מדינה וואָס ער האָט מיט איהר מלחמה געהאַלטען איין לאַנגע צייט און ער האָט זי ניט גיקענט איין נעמין אין מען האָט געפרוביערט מיט דער ערד און ער האָט די מדינה איינגענומען. אַז דער קיסר האָט דאָס גיזעהן האָט מען אַריין גענומען ר' נחום איש גם זו און קיסרס אוצר אַריין און מען האָט אָהנגעפיהלט דאָס קעסטעלע מיט ברילאַנטען און מיט פיהל דימענטין און מען האָט איהם אַהיים געשיקט בכבוד גדול. ווען ער איז צוריק געגאַנגען האָט ער ווייטער גינעכטיגט האָבין איהם די מענטשען געפרעגט וואָס האָסט די גיבראַכט דעם קיסר איין חשובע מתנה. וואָס פאַר דער מתנה האָט מען דיר אָב געגעבען אַזאַ גרויסען כבוד האָט ער זיי גיענטפערט דאָס וואָס איך האָב ביי אייך גענומען די ערד דאָס האָב איך געבראַכט דעם קיסר איין מתנה. ווי זיי האָבען דאָס גיהערט האָבען זיי גענומען קעסטליך ערד און זיי האָבען עס געבראַכט צו דעם קיסר און זיי האָבען איהם געזאָגט מיר האָבען דיר אויך געבראַכט די זעלבע ערד וואָס דער יוד האָט דיר געבראַכט וואָרים די ערד וואָס דער יוד האָט געבראַכט איז אויף אונזער. מען האָט געפרובירט די ערד און מען האָט

געזעהן

געזעהן אז די ערד איז פראָסטע ערד. האָט מען זיי אויסגעהרגיט:

**עס** איז געוועזען איין צדיק וואָס ער האָט געהייסען אבא אומנא וואָס יעדען טאָג איז צו איהם געקומען איין בת קול פון הימעל און מען האָט איהם בעזאגט שלום עליך. און צו אביי איז געקומען אזא בת קול יעדען פרייטאָג. און צו רבא יעדען ערב יום הכפורים. האָט אביי געהאט חלישות הדעת פאַר וואָס צו אבא אומנא קומט דאָס בת קול יעדען טאָג און צו איהם נאָר יעדען פרייטאג האָט מען איהם פון הימעל געזאגט עס זאָל דיר ניט זיין קיין וואונדער אויף דעם ווייל די וועסט ניט קענען טוהן אזעלכע מעשים טובים ווי אבא אומנא:

**עס** איז געוועזען איין רופא ער פלעגט צו האַקען אָדער ער האָט געהאט איין בעזונדערע שטיב פאַר מענער וועגען און איין בעזונדערע שטיב פאַר פרויען וועגען. און ער האָט געהאט אזא מלבוש וואָס ער האָט עס אָהנגעטוהן די פרויען ווען ער האָט זיי געהאַקט אָדער און דאָס מלבוש איז געוועזען און גאַנצען פערמאַכט און עס איז געוועזען איין לאָך און דעם מלבוש. און דורך דעם לאָך פון מלבוש האָט ער איהר געהאַקט אָדער כדי ער זאָל ניט זעהן איהר לייב און ער האָט געהאַט איין אָרט און דרויסען וואָס אויף דעם אָרט איז געשטאַנענע די כלי וואָס מען האָט און איהר אריין געלייגט דאָס געלד פאַר זיין שכר טרחה כדי ער זאָל ניט זעהן ווער עס לייגט אריין געלד און ווער ניט וואָרים אפשר איז דאָ וועלכער מענטש וואָס ער האָט ניט קיין געלד זאָל ער ניט פערשעהמט ווערען און אז ער האָט געזעהן אז עמיצער האָט ניט קיין געלד האט ער איהם נאָך צו געגעבען זיין געלד כדי ער זאָל האָבען זיך עפיס צו קויפען צו עסין און אז עס איז צו איהם געקומען איין תלמוד חכם האָט ער ניט געוואָלט ביי איהם נעמען קיין געלד:

**אמאהל** האָט אביי צו איהם געשיקט צוויי תלמידי חכמים זיי זאָלען איהם פרובירען. זיי זענען צו איהם אריין געקומען און שטיב אריין און ער האָט זיי געגעבען צו עסין און צו טרינקען. ביי נאַכט האָט ער זיי אויסגיבעט איין געלעגער צו שלאָפען. און ער האָט זיי אינטער געלייגט וואָלינע מלבושים. און דער פריה ווען זיי זענען אויף געשטאַנען האָבען זיי צו גענומען די מלבושים און זיי זענען מיט זיי ארויס געגאַנגען און מארק אריין צו פערקויפען. זענען זיי צו געגאַנגען צו אבא אומנא און זיי האָבען איהם גיפרעגט ווי פיעל די מלבושים זענען ווערט און זיי האָבען איהם געבעטען אז ער זאָל זיי קויפען. האָט ער זיי געזאָגט וויפיעל זיי זענען ווערט און אזוי פיעל קען ער געבען. האָבען זיי איהם גיפרעגט אפשר זענען זיי מעהר ווערט האָט ער זיי גיענט־פערט פאַר דעם געלד וואָס איך וויל אייך געבין האָב איך זיי געקויפט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט נעם דיר אָב די מלבושים זיי זענען דיין מיר האָבען זיי ביי דיר צו גענומען. נאָך דעם האָבען זיי איהם גיפרעגט בשעת מיר האָבען דיר צו גענומען די מלבושים פאַר וואָס האָסט די אונז חושד געוועזען. האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב זיך געטראַכט אפשר דאַרפט איהר געלד אויף פדיון שבויים און איהר שעהמט אייך מיר צו ריידען געלד איבער דעם האָט איהר גענומען די מלבושים. האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר האָבען נאָר גענומען די מלבושים כדי מיר זאָלען דיך פרוווען. האָט ער זיי גיענטפערט די מלבושים

וועל

וועל איך ניט צוריק נעמען ווייל איך האב זיי שוין גישענקט אויף צדקה איבער דעם וויל איך זיי ניט צוריק נעמען. אין צוליעב אזעלכע מעשים האט מען איהם יעדען טאג געגעבען שלום פון הימעל:

דער תנא רב ברוקא פון דער שטאדט חוזאה פלעגט שטענדיג צו זיין אויף דעם מארק טאג אין דער שטאדט לפט אין אליהו פלעגט צו איהם קומען אויף דעם מארק. איינמאהל האט רב ברוקא גיפרעגט אליהו צו אויף דעם מארק געפינט זיך איין מענש וואס ער איז איין בן עולם הבא. האט איהם אליהו גיענטפערט ניין. דערווייל איז אנגעקומען איין מענש וואס ער איז געוועזען אהנגעטוהן אין שווארצע שיעך ניט אזוי ווי די יודען געהן אהנגעטוהן אין ער האט ניט געטראגען קיין ציצית האט אליהו געזאגט צו רב ברוקא דער מענש אין איין בן עולם הבא איז רב ברוקא צו געגאנגען צו דעם מענש אין ער האט איהם גיפרעגט וואס זיין בעשעפטיגונג איז. האט ער איהם גיענטפערט געה היינט פון מיר אוועק אין די וועסט קומען מארגען וועל איך דיר זאגען. מארגען איז רב ברוקא ווייטער צו איהם צו געגאנגען האט ער איהם גיענטפערט איך בין איין שומר פון דער תפיסה אין איך זעץ בעזונדער מענער אין בעזונדער פרויען כדי זיי זאלען ניט זיין אין איין שטיב אין אז איך זעה אין תפיסה איין יודישע טאכטער אין די עכו״ם ווילען מיט איהר מזנה זיין בין איך זיך מוסר נפש אין לאז ניט מען זאל מיט איהר מזנה זיין. האט רב ברוקא איהם גיפרעגט פאר וואס טראגסט די ניט קיין ציצית אין די געהסט אין שווארצע שיעך ניט אזוי ווי א יהודי. האט ער איהם גיענטפערט איך בין איין יוצא ונכנס צווישען די עכו״ם איבער דעם געה איך און שווארצע שיעך אין טראג ניט קיין ציצית כדי זיי זאלען ניט דערקענען אז איך בין איין יהודי אין אז איך הער דאס מלכות איז גוזר איין שלעכטע גזירה אויף די יהודים בין איך עס מודיע די רבנים פון די יהודים כדי זיי זאלען מתפלל זיין אז די גזירה זאל בטל ווערען. האט איהם רב ברוקא ווייטער גיפרעגט פאר וואס איך האב דיך נעכטין גיפרעגט וואס דיין בעשעפ־טיגונג איז. האסט די מיך געהייסען אוועק געהן אין קומען מארגען. האט ער איהם גיענטפערט ווייל נעכטין האט דאס מלכות גוזר געוועזען איין גזירה אויף די יודען האב איך ניט געהאט קיין צייט מיט דיר צו ריידען אין האב געוואלט געהן מודיעה זיין די גזירה צו די רבנים פון די יהודים כדי זיי זאלען מתפלל זיין אז די גזירה זאל בטל ווערען. דערווייל זענען אהנגעקומען אויף דעם מארק צוויי ברידער האט אליהו געזאגט צו רב ברוקא די צוויי ברידער וועלען אויך האבען עולם הבא איז רב ברוקא צו זיי צוגעגאנגען אין ער האט זיי גיפרעגט וואס זייער טוהן איז האבען זיי איהם גיענטפערט מיר זענען פרייהליכע מענשען אין. מיר מאכען פריילין אנדערע מענשען אויך אז מיר זעהן אז זיי זענען טרויעריג. אבער אז מיר זעהן אז צוויי מענשען קריגען זיך זאגען מיר פאר זיי פרייליכע ווערטליך ביז זיי ווערען פריילין אין זיי מאכען שלום צווישען זיך:

איין וואונדערליכע מעשה פון דעם בעוויסטען הייליגען תנא חוני המעגל. איינמאהל האט זיך געטראפען עס איז שוין געוועזען סוף אדר אין עס איז ניט בעגאנגען קיין רעגען האבען די יודען געשיקט צו חוני המעגל אז ער זאל מתפלל זיין עס זאל געהן רעגען האט

האָט ער מתפלל געווען און עס איז נים געגאַנגען קיין רעגן. האָט ער אויסגעגראָבען איין גריבעל און ער האָט זיך אַריין גישטעלט אין דעם גריבעל אַריין און ער האָט געזאָגט רבש״ע דיינע קינדער האָבען זיך פערלאָזט אויף מיר ווייל איך בין ביי דיר אַזוי ווי איין בן בית איך שוועהר ביי דיין גרויסען הייליגען נאָמען אַז איך וועל זיך נים אַוועק ריקען פון דעם גריבעל ביז די וועסט דיך דער-באַרימען אויף דיינע קינדער. האָט אָהנגעהויבען צו געהן איין ידראָבנע רעגען. האָבען זיינע תלמידים צו איהם געזאָגט רבי עס זעהט אויס אַז דער רעגען. געהט נאָר צוליעב דער וועלט עס זאָל נים זיין קיין הינגער. האָט חוני המעגל געזאָגט נים אַזאַ רעגען האָב איך געבעטען נאָר איין רעגען אַז ער זאָל אָהנפילען די גריבער מיט וואַסער. האָט אָהנגעהויבען צו געהן איין שטאַרים-דיגער רעגען אַז יעדען טראָפּען האָט געהאַלטען איין קוואַרט האָבען די תלמידים צו איהם געזאָגט רבי זייט מתפלל אַז מיר זאָלען נים שטאַרבען ווייל דער רעגען געהט נאָר צו פערפליצען די וועלט. האָט חוני המעגל געזאָגט נים אַזאַ רעגען האָב איך געבעטען נאָר רעגען. פון רצון און ברכה און נדבה איז דער רעגען געגאַנגען אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין און עס איז געווען אַזוי פיעל וואַסער, די מענטשען האָבין געמוזט אַרויף אויף דעם הר הבית. האָבען די תלמידים צו איהם געזאָגט רבי אַזוי ווי איהר האָט געבעטין אַז עס זאָל געהן רעגען זייט יעצט מתפלל אַז דער רעגען זאָל אויף הערען האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב איין קבלה אַז מען זאָל נים מתפלל זיין אויף פיעל טובה (אין דער רעגען איז דאָך איין טובה פאַר דער וועלט). דאָך ברענגט מיר איין אָקס און איך וועל מתודה זיין אויף איהם וועט שוין דער רעגען אויף הערען. האָבען זיי איהם גיבראַכט איין אָקס און ער האָט סומך געווען אויף איהם זיינע הענד און ער האָט געזאָגט רבש״ע דיין פאָלק ישראל וואָס די האָסט אויסגעצויגען פון מצרים קענען נים אויסהאַלטען. נים קיין פיעל גוטעס און נים פיעל שלעכטץ. האָסט די אויף זיי גיצערענט האָבען זיי נים גיקענט אויס-האַלטען. האָסט די זיי משפיע געווען פיעל גוטעס קענען זיי אויך נים אויס-האַלטען עס זאָל זיין דער ווילען פון דיר אַז דער רעגען זאָל אויף הערען און עס זאָל זיין איין ריוח אויף דער וועלט. האָט באַלד אָהנגעהויבען צו בלאָזען איין ווינט און די וואָלקענס זענען אַוועק און די זין האָט אויף געשיינט און די מענשען זענען אַרויס געגאַנגען און פעלד אַריין און זיי האָבען זיך אהיים געבראַכט שוואָמען וואָס דאָס וואַקסט פון פרישקייט נאָך רעגען:

נאָך אַווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא חוני המעגל. דער תנא חוני המעגל האָט שטענדיג זיך געווינדערט און נים פערשטאַנען דעם פשט פון דעם פסוק. עס שטייט אין פסוק שיר המעלות בשוב ד׳ את שיבת ציון היינו כחולמים ווי הקב״ה וועט צוריק קעהרען די יודען קיין ציון פון גלות בבל וואָס דאָרט זענען די יודען געווען זיבציג יאָהר וועט עס אויסזעהן אַזוי ווי איין חלום. האָט ער גיפרעגט ווי איז עס מעגליך אַז אַמענש זאָל שלאָפען זיבציג יאָהר. איינמאָהל איז ער געגאַנגען אין וועג און ער האָט גיזעצט זיך עסין האָט ער גיזעהן ווי אַ מענש פלאַנצט איין באָקסענבוים האָט ער גיפרעגט דעם מענש ווען וועט אויף דעם בוים וואַקסען

וואַקסען פירות האָט איהם דער מענטש גיענטפערט אין זיבציג יאָהר אַרום האָט ער איהם גיפרעגט ווייסט די דען אויף זיכער אַז די וועסט לעבען זיבציג יאָהר האָט איהם דער מענש תיכף גיענטפערט איך האָב דען געטראָפען די וועלט ליי-דיג אַזוי ווי מיינע עלטערען האָבען פאַר מיינט וועגען געפלאַנצט אַזוי וועל איך פלאַנצען פאַר מיינע קינדער וועגען. אַזוי ווי חוני המעגל האָט אָב גיגעסען איז ער שלעפעריק געוואָרען און ער האָט זיך געלייגט שלאָפען און עס איז אַרום איהם אַרויס געוואַקסען איין שטיין און דער שטיין האָט איהם בעדעקט און מען האָט חוני המעגל ניט אַרויס געזעהן און ער איז אַזוי געשלאָפען זיבעציג יאָהר. ווי ער האָט זיך אויף געכאַפּט האָט ער גיזעהן וויא אַמענש רייסט אָב דעם באָקסער פון בוים האָט ער איהם גיפרעגט די ביסט דער מענש וואָס די האָסט געפלאַנצט דעם בוים האָט איהם דער מענש גיענטפערט ניין איך בין דעם מענטשס וואָס ער האָט דעם בוים געפלאַנצט איין אייניקעל. האָט חוני המעגל געזאָגט איז דאָך איין סימן אַז איך בין געשלאָפען זיבציג יאָהר. האָט חוני המעגל געזעהן ווי זיין אייניקל האָט איהם געבאָרען איין גאַנצע סטאַדע אייזלין און ער איז אַהיים געגאַנגען אין ער האָט גיפרעגט ווי איז דער זוהן פון חוני המעגל האָט מען איהם גיענט-פערט זיין זוהן לעבט שוין ניט נאָר זיין אייניקעל לעבט. האָט ער געזאָגט איך בין חוני המעגל. האָט מען איהם ניט געוואָלט גלייבען איז ער געגאַנגען אין בית המדרש אַריין האָט ער גיהערט ווי די חכמים פון בית המדרש זאָגען די הלכה איז אונז ליכטיג אַזוי ווי אין די יאָהרען פון חוני המעגל ווארים ווען חוני המעגל פלעגט צו קומען אין בית המדרש אריין וואָס פאַר איין קשיא די חכמים האָבען געהאַט האָט ער זיי פערענטפערט. האָט ער געזאָגט איך בין דער חוני המעגל. האָט מען איהם ניט געוואָלט גלייבען. און זיי האָבען אין איהם ניט נוהג כבוד גיוועזען אַזוי ווי עס קומט אַזאַ מענטש האָט ער געהאַט חלישת הדעת האָט ער מתפלל געוועזען צו הקב"ה און ער איז נפטר געוואָרען:

## איין ווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא אבא חלקיה איין

אייניקעל פון דעם הייליגען תנא חוני המעגל. דער תנא אבא חלקיה איז געווע-זען זייער אַגרויסער צדיק אַז די וועלט האָט בעדאָרפען רעגען האָט מען געשיקט צו איהם ער זאָל מתפלל זיין אַז עס זאָל געהן רעגין. איינמאָהל האָט די וועלט בעדאָרפען רעגין. האָבין די רבנים געשיקט צו איהם צוויי תלמידי הכמים אַז ער זאָל מתפלל זיין אויף רעגין. ווי די צוויי תלמידי חכמים זענען צו איהם געקומען אַהיים האָבען זיי איהם ניט געטראָפען און דער היים זענען זיי געגאַנגען און פעלד אריין האָבען זיי איהם געטראָפען ווי ער איז געשטאַנען און געגראָבען. האָבען זיי איהם גיגע-בען שלום און ער האָט זיי ניט גיענט-פערט. פאַרנאַכט ווען ער איז אַהיים געגאַנגען האָט ער צוזאַמען געקליבען איין בינטעל האָלץ אין ער האָט געט-ראָגען דאָס האָלץ און די לאַפּאַטע אויף איין אַקסיל. אין אויף דעם צווייטען אַקסיל האָט ער געטראָגען דאָס קלייד אין אויף דעם גאַנצען וועג איז ער ניט געגאַנגען אָנגעטוהן די שיך און ווען ער האָט בעדאָרפען אַדורך געהן דורך איין טייך האָט ער אָנגעטיהן די שיעך אין אַז ער איז אַדורך געגאַנגען דורך איין אָרט ווי עס וואַקסען דערנער האָט ער אויף געהויבען זיינע קליידער כדי זיי זאָלען זיך ניט צו רייסען און אַז

ער

ער איז געקומען אין שטאָדט אריין איז איהם זיין ווייב אקעגען געגאַנגען אויסגעציהרט. און אַז ער איז צו געקומען צו דער שטיב איז זיין ווייב פריהער אריין געגאַנגען און דערנאָך ער אין דערנאָך די צוויי תלמידי חכמים און ער האָט זיך גיזעצט עסין אין ער האָט צו די צוויי תלמידי חכמים גיט געבעטען עסין און ער האָט צו טהיילט דאָס ברויט דעם עלטערין זוהן האָט ער גיגעבען צוויי שטיקליך. ווי ער האָט אָבגיגעסין האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב איך ווייס אַז די תלמידי חכמים זענען געקומען וועגען רעגען לאָמיר אַרויף געהן אויף דעם בוידעם און מיר וועלען בעטען צו הקב"ה אפשר וועט געהן רעגען. זיי זענען אַרויף געגאַנגען אויף דעם בוידעם און ער האָט זיך גישטעלט און איין ווינקעל אין דאָס ווייב אין צווייטען ווינקעל און זיי האָבען מתפלל געוועזען זענען אויף געגאַנגען די וואָלקענס און דעם ווינקעל ווי דאָס ווייב איז געשטאַנען ווייל איהר תפלה איז פריהער אָהנגענומען געוואָרען. ווען ער איז אַראָב געגאַנגען פון בוידים האָט ער גיפרעגט די תלמידי חכמים צוליעב וואָס זיי זענען געקומען האָבען זיי איהם גיענטפערט די רבנים האָבען אונז צו דיר געשיקט אַז די זאָלסט מתפלל זיין אויף רעגען. האָט ער זיי גיענטפערט געלויבט איז הקב"ה וואָס איהר דאַרפט שוין נישט מיין תפלה ווייל עס געהט שוין רעגען. האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר ווייסען אַז דער רעגען איז געקומען דורך דיין תפלה נאָר מיר בעטען דיך אַז די זאָלסט אונז פערענטפערען די ווינדערליכע זאַכען וואָס מיר האָבען ביי דיר גיזעהן פאַר וואָס ווען מיר האָבען דיר געגעבען שלום האָסט די דיך ניט געוואָלט צו אונז אומקוקען. האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב געאַרבייט ביי יענעם אויף דעם טאָג איבער דעם האָב איך זיך ניט געוואָלט אויס דרייען צו אייך כדי איך זאָל ניט שטערין די אַרבייט. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די געטראָגען דאָס האָלץ מיט דער לאָפּאַטע אויף איין אַקסעל אין דאָס קלייד אויף דעם צווייטען אַקסעל עס וואָלט דאָך בעסער געוועזען די זאָלסט געוועזען אונטער לייגען דאָס קלייד אונטערין האָלץ מיט דער לאָפּאַטע כדי עס זאָל דיר ניט דריקען דעם אַקסיל. האָט ער זיי גיענטפערט דאָס קלייד איז ניט מיין איך האָב עס נאָר געליגען אָהנצוטוהן אָבער ניט אונטער צו לייגען אונטער איין משא ווייל עס קען זיך צו רייסען. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אין גאַנצען וועג ביסט די נישט געגאַנגען אָנגעטוהן און די שיעך און אַז די ביסט געקומען צום וואַסער האָסט די אָהנגעטוהן די שיעך. האָט ער זיי גיענטפערט דעם גאַנצען וועג זעה איך ווי עס ליגט איין דאָרין איך זאָל אויף איהם ניט אַרויף טרעטען אָבער אין וואַסער זעה איך ניט קען איך אַרויף טרעטען אויף איין דאָרין אָדער איין פיש צו איין שלאַנג קען מיך בייסען. איבער דעם האָב איך אָהנגעטוהן די שיעך האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אַז די ביסט אדורך געגאַנגען לעבין דערנער האָסט די אויף געהויבען דיינע מלבושים עס וואָלט דאָך גלייכער גיוועזען די דערנער זאָלען די מלבושים צו רייסען איידער דאָס לייב. האָט ער זיי גיענטפערט אַז די דערנער וועלען צו שטערען דאָס לייב וועט זיך דאָס לייב אויס היילען אָבער אַז זיי וועלען צו שטערען די מלבושים און זיי וועלען זיי צו רייסען וועט דאָס מלבוש ניט ווערען צוריק גאַנץ. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אַז די ביסט אריין געקומען אין שטאָדט אַריין איז

דיר דיין ווייב אַקעגען געגאַנגען אויסגעצירהט. האָט ער זיי געענטפערט כדי איך זאָל ניט קוקען אויף איין פרעמדע אשה. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס איז דיין ווייב אריין בעגאַנגען פריהער אין דערנאָך ביסט די אריין געגאַנגען אין דערנאָך זענען מיר אריין געגאַנגען האָט ער זיי געענטפערט דורך דעם האָב איך ניט געלאָזט געהן מיין ווייב לעבען אייך ווייל איך קען אייך ניט צו איהר זענט ערליכע צו ניט איבער דעם האָב איך ניט געוואָלט אַז איהר זאָלט געהן לעבען מיין ווייב האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס ווען די האָסט דיך גיזעצט עסין האָסט די אונז ניט מיט גערופען עסין. האָט ער זיי געענטפערט ווייל איך האָב געהאַט ווינציג ברויט האָב איך פער־שטאַנען אַז איהר וועט ניט וועלען צו געהן עסען איבער דעם האָב איך אייך ניט געוואָלט צו רופען עסען האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די געגעבען דיין עלטערען זוהן איין שטיקעל ברויט אין דיין יונגערין זוהן האָסט די געגעבען צוויי שטיקלעך ברויט האָט ער זיי געענטפערט דער יונגערער זוהן זיצט איין גאַנצע טאָג אין חדר איז ער הונגעריג אָבער דער עלטערער זוהן איז דאָ איין גאַנצע טאָג אין דערהיים אַז ער ווערט הונגעריג נעמט ער זיך צו עסען איבער דעם האָט ער יעצט געגעבען איין שטיקעל ברויט. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס איז דער וואָלקען פריהער אויף געגאַנגען אין דער זייט ווי דיין ווייב איז גע־שטאַנען אין מתפלל געוועזען ניט אין דער זייט ווי די ביסט געשטאַנען. האָט ער זיי געענטפערט ווייל מיין ווייב זיצט שטענדיג אין שטוב אין אַז עס קומט אריין איין אָרימאַן גיט זי איהם עפיס צו עסען. האָט דער אָרימאַן תיכף איין הנאה קיין קיין שום טרחה ער האָט שוין צו עסען אָבער מיך טרעפט דער אָרימאַן אין גאַס אין אַז ער בעט ביי מיר עפיס גיב איך איהם געלד דאַרף ער זיך הערשט מטריח זיין אין קויפען עסען איבער דעם איז דער וואָלקען אויף געגאַנגען אין דער זייט ווי מיין ווייב איז געשטאַנען אין צוליעב נאָך אַטעם איז דער וואָלקען אויף געגאַנגען אין איהר זייט ווייל לעבין אונז האָבען געוואָהנט ניט קיין ערליכע מענשען האָב איך געבעטען אַז זיי זאָלען שטאַרבען אין מיין ווייב האָט געבעטען אַז זיי זאָלען תשובה טוהן אין עס איז אַזוי געוועזען זיי האָבען תשובה געטוהן איבער דעם איז איהר זכות גרעסער :

**איין** וווּנדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא חנן הנחבא איין אייניקעל פון דעם הייליגען תנא חוני המעגל :

**אַז** מען האָט בעדאַרפט רעגען האָבען די רבנים צו איהם געשיקט די קינדער פון חדר כדי עס זאָל איהם איבער נעמען דאָס רחמנות פון די קינדער אין ער זאָל בעטען צו השי"ת אַז ער זאָל געבען רעגען אין דעם זכות פון די קינדער. די קינדער פלעגען איהם צו רייסען ביי די פאָלעס אין זיי האָבען צו איהם געזאָגט פאָטער גיב אונז רעגען האָט אבא חנן גיזאָגט רבש"ע טהו צוליעב די קינדער וואָס זיי ווייסען ניט קיין חילוק צווישען דעם פאָטער וואָס ער גיט רעגען אין צווישען דעם פאָטער וואָס ער גיט ניט קיין רעגען ווייל זיי רעכינען אַז איך וועל זיי געבען רעגען אין עס איז באַלד געגאַנגען רעגען. פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען חנן הנחבא ווייל ער האָט זיך בעהאַלטען בשעת ער האָט מתפלל געוועזען אויף רעגען ווייל ער איז געוועזען אַיין גרויסער עניו :

איין

**איין** וואונדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא ר׳ יונה דער פאָטער פון ר׳ מני. אז מען האָט בעדאַרפט האָבען רעגען איז ער אריין געגאַנגען צו זיך אין שטיב אַריין אין ער האָט געזאָגט גיט מיר איין זאַך. וועל איך געהן קויפען פאַר איין גילדען תבואה. אין עס איז געוועזען איין גרויסער הונגער און ער איז געגאַנגען אויף איין בעהאַלטען אָרט אין ער האָט זיך אַנידער געשטעלט אויף איין טיעף אָרט אין ער האָט זיך בעדעקט מיט איין זאַך אין ער האָט מתפלל געוועזען אויף רעגען אין עס איז באַלד געגאַנגען רעגען. אין אז ער איז אַהיים געקומען האָט מען איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די ניט געבראַכט קיין תבואה האָט ער זיי גיענטפערט ווייל עס געהט שוין רעגען וועט דאָך שוין זיין איין זול איבער דעם האָב איך יעצט ניט געוואָלט קויפען ווייל יעצט איז דאָך נאָך טייער:

**דער** תנא ר׳ יוסי בר אָבין האָט גילערענט ביי ר׳ יוסי פון דער שטאָדט יוקרת האָט ער איהם פערלאָזט אין ער איז געקומען לערנען צו רב אשי. האָט איהם רב אשי גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די פערלאָזט ר׳ יוסי אין ביסט געקומען צו מיר. האָט ער איהם גיענטפערט אַז ער האט אויף זיין זוהן אין טאָכטער ניט קיין רחמנות. ווי אַזוי זאָל ער אויף מיר רחמנות האָבען. איינמאָהל האָט ער געדינגען אַרבייטער זיי זאָלען ביי איהם אַרבייטען אין פעלד אין ער האָט פערשפעטיגט זיי צו ברענגען עסען. האָבען די אַרבייטער געזאָגט צו זיין זוהן מיר זענען הונגעריג אין זיי זענען גיזעסען אונטער איין טייטעלבוים. האָט דער זוהן געזאָגט בוים בוים גיב אַרויס דיינע פירות כדי מיין פאָטערס אַרבייטער זאָלען האָבען צו עסין איז באַלד אַרויס געוואַקסען אויף דעם בוים טייטלען אין די אַרבייטער האָבען גיגעסען די טייטלען. ווי ר׳ יוסי איז געקומען אין פעלד אַריין האָט ער געזאָגט צו די אַרבייטער איהר ווייסט פאַר וואָס איך האָב אייך בין יעצט ניט געבראַכט קיין עסין ווייל איך בין געוועזען טרוד אין איין דבר מצוה. האָבען די אַרבייטער איהם גיענטפערט הקב״ה זאָל דיך אַזוי אָהן זעטען אַזוי ווי דיין זוהן האָט אונז אָהן געזעט. האָט ער זיי גיפרעגט ווי האָט מיין זוהן גענומען פון אייערט-וועגען עסען. האָבען זיי איהם דערציילט וואָס דער זוהן האָט געטוהן האָט ער צו דעם זון געזאָגט די האָסט מטריח געוועזען דיין בעשעפער אַז דער בוים זאָל אַרויס געבען זיינע פירות פאַר דער צייט איבער דעם זאָלסט די שטאַרבען פאַר דער צייט. אין ער האָט געהאַט איין טאָכטער איין וואונדערליכע יפת תואר איינמאָהל האָט ר׳ יוסי געזעהן ווי איין מענטש האָט צובראָכען איין פלאָט אין ער האָט אַריין געקוקט צו ר׳ יוסי אין הויף אריין. האָט איהם ר׳ יוסי גיפרעגט פאַר וואָס קוקסטו צו מיר אריין האָט ער איהם גיענטפערט רבי אַז איך האָב ניט קיין זכי׳ איך זאָל האָבען דיין טאָכטער פאַר אווייב זאָל איך האָטשע האָבען איין זכיה זי צו זעהן האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכטער מיין טאָכטער די ביסט מצער מענשען געה צוריק אין דער ערד אַריין אין מענטשען זאָלען דורך דיר ניט נכשל ווערען ווייל די ביסט איין יפת תואר איז ווער עס זעהט דיך שקאַרקט זיך אויף איהם זיין יצר הרע:

**עס** איז געוועזען איין צדיק איין גרויסער בעל צדקה ער האָט געהייסען אליעזר איש ברתותא ווען די גבאי צדקה האָבען איהם גיזעהן האָבען זיי זיך פאַר איהם בעהאַלטען ווייל ווען ער האָט

געזעהן די גבאי צדקה האָט ער זיי אוועק געגעבען ווי פיהל ער האט באַר געהאַט. איינמאָהל איז ער געגאַנגען אין מאַרק אַריין קויפען פאַר זיין טאָכטער וועגען צרכי חתונה האָבען איהם דער- זעהן די גבאי צדקה האָבען זיי זיך פאַר איהם בעהאַלטען ווי ער האָט זיי דער זעהן איז ער זיי נאָך געלאָפען און ער האָט צו זיי געזאָגט איך בעשוועהר אייך אַז איהר זאָלט מיר זאָגען אויף וואָס איהר נעמט יעצט צוזאַמען געלד האָבען זיי איהם געענטפערט מיר דאַרפען חתונה מאַכען איין יתומה. האָט ער גע- זאָגט איך שווער אַז זי איז פריהער פון מיין טאָכטער. האָט ער אוועק געגע- בען דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געהאַט און ער האָט ביי זיך איבער געלאָזט איין גילדען האָט ער געקויפט פאַר דעם גילדען ווייץ און ער האָט דעם ווייץ אַריין געלייגט און שפּייכלער פון ווייץ. ווען זיין ווייב איז אַריין געקומען אין שטוב אַריין האָט זי געפרעגט איהר טאָכטער וואָס האָט דער פאָטער געבראַכט האָט די טאָכטער איהר געענטפערט אַלעס וואָס ער האָט געקויפט האָט ער אַריין געלייגט אין שפּייכלער פון ווייץ. איז זי געגאַנגען עפינען די טיהר פון שפּייכלער זי זאָל זעהן וואָס דאָרט ליגט האָט זי געזעהן אַז דער שפּייכלער איז פיהל מיט ווייץ אַז מען האָט ניט געקענט עפינען די טהיר איז די טאָכטער צו איהם באַלד צו געגאַנגען און בית המדרש אַריין און זי האָט צו איהם געזאָגט קום אַ היים וועסט די זעהן וואָס הקב"ה האָט דיר געטוהן. האָט ער איהר געענט- פערט איך שווער אַז זיי זענען הקדש פאַר דיר און די האָסט ניט פון דעם ווייץ נאָר גלייך ווי יעדער אָרימאַן פון די יודען:

איינמאָהל האָט איין יוד מזנה געוועזן מיט איין גויה האָט איהם דער פאַר רבא געשלאָגען מלקות און ער איז צוליב די מלקות געשטאָרבען האָט מען דאָס דערציילט דעם קיסר איז דער קיסר ביין געוואָרען און האָט געוואָלט רבא שטראָפען האָט די מוטער פון קיסר געזאָגט צום קיסר מיין זוהן די זאָלסט ניט טשעפען מיט די יהודים ווייל וואָס זיי בעטען ביי הקב"ה טוהט ער זייער בקשה. האָט דער קיסר זי געפרעגט וואָס טהוט זיי הקב"ה האָט זי איהם געענט- פערט יעדער צייט ווען זיי בעטען ביי הקב"ה אַז עס זאָל געהן רעגען געהט רעגען. האָט איהר דער קיסר געזאָגט ווייסט די פאַר וואָס עס געהט רעגען. ניט פאַר זייער בעטען נאָר ווייל עס איז דאַמאָלסט די צייט פון רעגען אפילו ווען זיי זאָלען ניט בעטען וואָלט אויך געגאַנגען רעגען זאָלען זיי יעצט בעטען אויף רעגען. עס איז יעצט תמוז און עס איז ניט קיין צייט פון רעגען וועלען מיר זעהן צו עס וועט זיין רעגען. וועל איך וויסען צו הקב"ה איז מיט זיי. און ווייל דעם קיסרס מוטער האָט ליעב געהאַט רבא האָט זי צו איהם געשיקט אַז ער זאָל מתפלל זיין אַז עס זאָל געהן רעגען. האט רבא מתפלל געוועזען און עס איז ניט געגאַנגען קיין רעגען. האָט רבא געזאָגט רבש"ע אונזערע עלטערען האָבען אונז דערציילט אַז די האָסט געטוהן וואונדערליכע זאַכען פאַר- צייטענס אָבער מיר זעהן גאָהר ניט איך בעט דיך רבש"ע וועיז אונז יעצט דיינע וואונדערליכע זאַכען האָט אָהנגעהויבען צו געהן איין שטאַרקער רעגען און עס האָט אָנגעהויבען רינען וואַסער פון די רינעס ביז דאָס וואַסער האָט פערפלייצט די גאַסען. ביינאַכט איז זיין פאָטער געקומען צו איהם בחלום און ער האָט צו איהם געזאָגט ווי געפינט זיך היינט אַמענש אַז ער זאָל אזוי מטריח זיין דעם

בעשעפער

בשעפּער אַזוֹי ווי די האָסט געטוהן און
איך וואָרען דיך אַז די זאָלסט היינט
ביינאַכט ניט שלאָפען אין דיין בעט.
האָט רבא אַזוֹי געטוהן און דער פריה
האָט רבא געזעהן ווי זיין בעט איז
געוועזען איינגעשניטען מיט מעססערס
וואָרים די שדים האָבען איהם געוואָלט
הרגינען ווייל ער האָט גיבעטען רעגען
נישט ווען מען דאַרף איהם האָבען :

דער הייליגער רבי ר' חנינא בן דוסא
איז אַמאָהל געגאַנגען אין וועג
האָט אָהנגעהויבען צו רעגינען האָט
רבי חנינא בן דוסא געזאָגט רבש"ע די
גאַנצע וועלט זיצט בנחת און איך בין
בצער האָט דער רעגען אויף גיהערט.
ווען ער איז אהיים געקומען האָט ער
געזאָגט רבש"ע די גאַנצע וועלט איז
בצער ווייל זיי דאַרפען רעגען צו די
פעלדער און איך בין בנחת ווייל איך
זיץ אין שטיב אין דאַרף ניט קיין רעגען
ווייל איך האָב ניט קיין פעלדער האָט
אָהנגעהויבען צו רעגענען. ווייל און זיין
זכות איז די גאַנצע וועלט געשפּייזט
געוואָרען. און דער צייט וואָס רבי חנינא
בן דוסא האָט געלעבט איז יעדען טאָג
אַרויס געגאַנגען איין בת קול פון הימעל
די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט אין דעם
זכות פון מיין זוהן חנינא און מיין זוהן
חנינא לאָזט זיך בעניגען מיט אַטאָפּ
באָקסער פון איין ערב שבת ביז דעם
צווייטען ערב שבת :

דאָס ווייב פון הייליגען תנא רבי
חנינא בן דוסא פלעגט יעדען
ערב שבת הייצען דעם אויוון כדי די
שכנים זאָלען מיינען אַז זי באַקט לכבוד
שבת ווייל זי האָט זיך גישעהמט אַז
מען זאָל וויסען אַז זי האָט ניט וואָס
צו באַקען אויף שבת. איז געוועזען
אַ שכנה וואָס זי האָט געוויסט אַז זי האָט
ניט וואָס צו באַקען האָט זי געזאָגט
איך וועל אַריין געהן זעהן וואָס דער
רויך איז. ווי די שכנה האָט אָהנגעק-
לאַפּט און דער טהיר האָט זיך דאָס
ווייב פון רבי חנינא בן דוסא פער
שעהמט פאַר דער שכנה איז זי אַריין
געגאַנגען און דער צווייטער שטיב אַריין
איז געשעהן איין נס אַז דער אויוון
איז געוואָרען פיהל מיט ברויט און אין
איין מילטער איז געוואָרען פיהל מיט
טייג. האָט די שכנה צו איהר געזאָגט
ברענג אַריין די לאָפּאַטע און נעם אַרויס
דאָס ברויט פון אויוועון עס זאָל ניט
פערברענט. ווערען האָט דאָס ווייב פון
רבי חנינא בן דוסא איהר גיענטפערט
דורך דעם בין איך אַריין געגאַנגען אין
צווייטען חדר אַריין כדי איך זאָל אַריין
נעמין די לאָפּאַטע איך זאָל אַרויסנעמען
דאָס ברויט פון אויוועון. נאָך דעם האָט
דאָס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא געזאָגט
צו רבי חנינא ווי לאַנג וועלען מיר ליי-
דען דחקות האָט ער צו איהר געזאָגט
וואָס זאָל איך טוהן. האָט זי איהם געזאָגט
בעט רחמים אַז ער זאָל אינץ געבען פון
דער גוטס וואָס עס איז אָהנגעבּרייט
פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. האָט ער
גיבעטען רחמים איז אַראָב געקומען איין
האַנד פון הימעל און זי האָט איהם
גיגעבען איין גאָלדינעם פיס פון איין
טיש. האָט דאָס ווייב געזעהן בחלום אַז
אַלע צדיקים וועלען זיצען לעתיד ביי
גאָלדינע טישליך פון דריי פיס און זיי
וועלען זיצען ביי איין טישעל פון צוויי פיס
האָט זי איהם דאָס דערציילט האָט ער
צו איהר געזאָגט איז דען דיר ניחא אַז
אַלע צדיקים זאָלען זיצען ביי טישלעך
פון דריי פיס און מיר פון צוויי פיס
האָט זי צו איהם געזאָגט בעט רחמים
אַז מען זאָל דיר צוריק נעמען האָט ער
גיבעטין רחמים און מען האָט דעם פיס
צוריק גענומען און דאָס צו נעמין צוריק
דעם

דעם פיס אין אגרעסער נס ווי דאס געבען דעם פיס ווייל דאס איז א ידיעה אז פון הימעל גיט מען. אבער צוריק נעמט מען ניט. נאר ווייל ער האט מתפלל געוועזען האט מען ביי איהם צוריק גענומען:

דער הייליגער תנא רבי חנינא בן דוסא האט געזעהן ערב שבת פארנאכט ווי זיין טאכטער איז טרויעריג האט ער זי געפרעגט וואס זי איז טרויעריג האט זי איהם געענטפערט אז זי האט געוואלט אריין גיסען אין לאמפ אריין בוימאייל האט זי פערביטען און אריין געגאסען עסיג וועט זיך דאס לעמפעל ניט ברענען. האט ער איהר געזאגט זיי ניט טרויעריג דער וואס ער האט געזאגט אז בוימאייל זאל זיך ברענען. דער וועט זאגען אז עסיג זאל זיך ברענען און דאס לעמפעל האט זיך געברענט איין גאנצען שבת און מען האט פון דעם אהנגעצינדען מוצאי שבת דאס ליכט פון די הבדלה:

דער הייליגער תנא רבי חנינא בן דוסא האט געהאט ציגען זענען מענשען צו איהם געקומען און זיי האבען איהם געזאגט אז זיינע ציגען עסען די תבואות פון פרעמדע פעלדער. האט רבי חנינא בן דוסא געזאגט אויב מיינע ציגען עסען די תבואה פון פרעמדע פעלדער זאלען די בערען מיט די וועלף פון די פעלדער זיי אויף עסען און אויב זיי עסען ניט קיין תבואה פון פרעמדע פעלדער זאל יעדער ציג ברענגען פאר־נאכט ווען זיי וועלען אהיים קומען איין בער אויף איהרע הערנער. פארנאכט ווען זיי זענען אהיים געקומען האט יעדער ציג געהאט אויף איהרע הערנער איין בער. די ציגען זענען ניט געוועזען זיין ער איז געוועזען אגרויסער ארימאן נאר איינמאהל איז אמענטש דורך געגאנגען דורך דעם הויז ווי רבי חנינא בן דוסא האט געוואהנט און ער האט דארט געלאזט ליגען הינער. און ער האט זיי פערגעסען צו נעמען. האט דאס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא זיי אריין גענומען און שטיב אריין אין די דאזיקע הינער האבין געלייגט אייער. און פון די אייער איז אזוי וויטער געבארען געווארען הינער ביז עס איז געוועזען אזוי פיהל אז עס ניט מעגליך געוועזען זיי צו האלטען. האט ער זיי פערקויפט און ער האט געקויפט פאר דעם געלד ציגען. איינמאהל איז דער מענטש וואס ער האט דא פערגעסען די הינער אדורך געגאנגען דורך דעם הויז ווי רבי חנינא בן דוסא האט געוואהנט האט ער געזאגט צו זיין חבר אויף דעם ארט האב איך איבער געלאזט הינער. האט רבי חנינא בן דוסא דאס געהערט האט ער איהם געפרעגט האסט איין סימן אין די הינער האט ער איהם געזאגט די סימנים. האט רבי חנינא בן דוסא איהם אבגעגעבען די ציגען און דאס זענען געוועזען די ציגען וואס זיי האבען געבראכט אויף זייערע הערנער:

דער הייליגער תנא רבי אליעזר בן פדת איז געוועזען איין גרויסער ארימאן. איינמאהל האט ער זיך געהאקט אדער. און נאך דעם דארף מען עסען גיטע מאכלים און ווייל ער איז געוועזען איין גרויסער ארימאן. האט ער ניט געהאט פאר וואס זיך צו קויפען עפיס צו עסען האט ער גיגעסען איין בלעטעל פון קנאבעל און ער איז פערחלשט געווארען. זענען די רבנים צו איהם געקומען מבקר חולה זיין האבען זיי גע־זעהן ווי ער האט געוויינט און געלאכט און פון זיין נאז איז ארויס געגאנגען איין

פינק

פינק פייער ווען ער האט זיך אויף געוועקט האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס האט ער געוויינט און געלאכט. האט ער זיי גיענטפערט אז הקב"ה איז ביי מיר גיזעסען האב איך איהם גיפרעגט רבש"ע ווי לאנג וועל איך אזוי זיין בצער אויף דער וועלט. האט מיר הקב"ה גיענטפערט מיין קינד די ווילסט אז איך זאל חרוב מאכען די וועלט און איך זאל זי צוריק בעשאפען אפשר וועסט די געבוירען ווערען אינטער איין מזל פון פרנסה. האב איך געזאגט דאס אלעס ווילסט די טוהן פאר מיינעט וועגען און נאך דעם אלעמען בין איך הערשט און איין ספק צו איך וועל געבארען ווערען אין איין מזל פון פרנסה. האב איך ווייטער געפרעגט הקב"ה רבש"ע וויפיהל יאהרען וועל איך נאך לעבען צו די יאהרען וואס איך וועל לעבען ווערען זיין מעהר צו די יאהרען וואס איך האב שוין אב געלעבט זענען מעהר האט מיר הקב"ה געענטפערט די יאהרען וואס איך דארף לעבען זענען ווייניג אין צוליעב דעם האב איך געוויינט. האב איך געזאגט צו הקב"ה אז איך האב שוין ניט אזוי פיהל צו לעבען ווי פיהל איך האב געלעבט וויל איך ניט אז די זאלסט חרוב מאכען די וועלט און זאלסט זי צוריק בעשאפען. האט מיר הקב"ה געזאגט פאר דעם וואס די האסט געזאגט אז די ווילסט ניט אז איך זאל צוליעב דיר חרוב מאכען די וועלט וועל איך דיר געבען בעולם הבא דרייצען טייכען מיט בומאייל וואס ער הייסט אפרסמון די זאלסט דיך אין דעם בומאייל וואשען אין צוליעב דעם האב איך געלאכט. האב איך געזאגט צו הקב"ה מעהר ווערסט די מיר ניט געבען האט מיר הקב"ה גיענטפערט דיינע חברים וואס וועל איך געבען. האב איך גיענטפערט ווען איך זאל בעטען ביי איין מענש וואס ער האט ניט מעהר צו געבען וואלט רעכט געוועזען איך בעט דאך פון הקב"ה וואס די קענסט מיר געבען פיהל גוטעס אין מיינע חברים אויך. האט הקב"ה מיר געגעבען איין קלאפ מיט דעם פינגער אויף מיין שטערען פארליעבשאפט און ער האט מיר געזאגט מיין זוהן אלעזר איך האב דיר געשלאגען מיט מיין פינגער דאס איז געוועזען די פינק פייער וואס ארויס געגאנגען פון מיין נאז:

אין דער צייט ווען טורנוסרופס הרשע האט חרוב געמאכט דאס היכל איז גוזר געווארען אגזרה אויף רבן גמליאל אז מען זאל איהם הרגענען איז געקומען איין שר אין בית המדרש אריין און ער האט געזאגט איך ברויך דעם גדול הדור. ווי רבן גמליאל האט דאס גיהערט האט ער זיך בעהאלטען איז דער שר געגאנגען בצנעה צו רבן גמליאל און ער האט צו איהם געזאגט אויב איך וועל דיך מציל זיין פון טוידט וועסט די מיך ברענגען לחיי העולם הבא האט איהם רבן. גמליאל גיענטפערט יא האט צו איהם דער שר געזאגט שווער מיר צו. האט רבן גמליאל צו געשווארען איז דער שר ארויף געגאנגען אויף דעם בוידעם און ער האט זיך ארא בגעווארפען און ער איז געשטארבען און די גזירה איז בטל געווארע. ווייל אז איינער פון די שרים וואס זיי זענען געוועזען ביי דער גזירה איז געשטארבען האבען זיי גירעכענט אז צוליעב דער שלעכטער גזירה איז ער געשטארבען איבער דעם האבען זיי די גזירה מבטל געוועזען און דער שר איז געוועזען איינער פון די שרים וואס זיי זענען געוועזען ביי דער גזירה. איז ארויס געגאנגען איין בת קול פון הימעל. אין זי האט געזאגט דער שר איז מזומן לחיי העולם הבא:

דער הייליגער תנא רבא איז שלאף געוועזען איז ביי איהם

גֶעזעסען זיין ברודער רב שעורים אין רבא האָט געהאַלטען ביי גסיסה האָט רבא געזאָגט צו זיין ברודער רב שעורים אַז ער זאָל זאָגען דעם מלאך המות אַז ער זאָל איהם ניט שטאַרק מצער זיין. האָט איהם רב שעורים גיענפערט דער מלאך המות איז דאָך שטענדיג געוואָהנט צו קומען צו אונז און די קענסט דאָך איהם קענסט די דאָך איהם אַליין זאָגען האָט איהם רבא גיענטפערט ווייל מיין מזל איז שוין קאַליע געוואָרען ווייל איך בין איין גוסס וועט דער מלאך המות מיך ניט פאָלגען אַזוֹ איך וועל איהם זאָגען. האָט רב שעורים געזאָגט צו רבא איך וועל איהם בעטען אַז ער זאָל דיך ניט מצער זיין נאָר איך וועל דיך בעטין אַז נאָך דיין פטירה זאָלסט די מיר קומען זאגען וואס דער מלאך המות האָט דיר געטוהן. ווען רבא איז נפטר געוואָרען האָט ער זיך בעוויזען צו רב שעורים האָט איהם רב שעורים גיפרעגט צו ער האט געהאַט צער פון מלאך המות האט איהם רבא גיענטפערט איך האב געהאַט צער אַזוֹי ווי איינער האקט זיך אָדער אין ער ליידט אַביסעל יסורים :

**רבא** איז געזעסין ביי רב נחמן ווען ער האָט געהאַלטען ביי גסיסה האָט רב נחמן געזאָגט צו רבא אַז ער זאָל זאָגען דעם מלאך המות אַז ער זאָל איהם ניט מצער זיין האָט איהם רבא גיפרעגט די ביסט דען ניט איין גרעסערער מאַן פון מיר קענסט די דאָך איהם אַליין זאָגען האָט איהם רב נחמן גיענטפערט ווער הייסט דען ביי איהם איין אדם חשוב פאַר וועמען האָט דען דער מלאך המות מורא האָט רבא געזאָגט צו רב נחמן איך וועל איהם זאָגען אַז ער זאָל דיך ניט מצער זיין נאָר איך בעט דיך אַז די זאָלסט מודיעה זיין נאָך דיין פטירה ווי אַזוֹי ער איז זיך מיט דיר בעגאַנגען. נאָך דער פטירה האָט זיך רב נחמן צו איהם בעוויזען האָט איהם רבא גיפרעגט צו ער האָט עפיס געהאַט צער פון מלאך המות האָט ער איהם גיענטפערט איך האָב? אַזוֹי געשפיערט אַזוֹי ווי מען נעמט אַרויס איין האָר פון דער מילעך איך האָב גאָר ניט געהאַט קיין צער און ווען מען זאָל מיך הייסען נאָך אַמאָהל אַראָב געהן אויף דער וועלט וואלט איך ניט געוואָלט ווייל איך האָב מורא פאַר דעם מלאך המות האָטשע איך האָב פריהער ניט געהאַט קיין צער :

**אחר** (אלישע) וואָס ער איז געוועזען דעם תנא ר׳ מאיר׳ס איין רבי נאָר ער איז אַרויס געגאַנגען לתרבות רעה איז אַמאָהל געריטען אויף אַ פערד אין שבת און רבי מאיר איז נאָך איהם נאָך געגאַנגען און ער האָט ביי איהם גילערענט תורה האָט צו איהם אחר געזאָגט מאיר געה צוריק ווייל איך האָב משער געוועזען אין די טריט פון מיין פערד אַז ביז אהער איז איין תחום שבת. האָט רבי מאיר צו איהם געזאָגט קום די אויך צוריק. האָט ער איהם גיענטפערט איך האָב דאָך שוין דיר געזאָגט אַז איך האָב גיהערט איין קול שובו תשובה איהר ווילדע קינדער. אחוץ אַחר איהם וועט ניט העלפען קיין תשובה. האָט רבי מאיר אָנגענומען צו אַחר און ער האָט איהם אַריין געפיהרט אין בית המדרש אַריין און ער האָט געזאָגט צו איין יונגעל. זאָג מיר דיין פסוק וואָס די האָסט היינט גילערענט האָט איהם דאָס יונגעל גיענטפערט אין שלום אמר ד׳ לרשעים צו די רשעים וועט ניט זיין איין שלום. האָט ער איהם אַריין געפיהרט אין דרייצען בתי מדרשים אַריין און ער האָט גיפרעגט די קינדער די פסוקים וואָס זיי האָבען גילערינט און זיי האָבין איהם אַלע באַלד גיענטפערט

ניט קיין גוטע פסוקים. דאס לעצטע יונגעל האט איהם געזאגט דעם פסוק ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי און צו דעם רשע זאגט הקב"ה צו וואס זאלסט די שמיסען מיינע חוקים. דאס יונגעל האט ניט גיקענט שארף רעדען בשעת ער האט געזאגט דאס על רשע האט זיך געדאכט אז ער זאגט ולאלישע איז ער געווארען און כעס און ער האט ארויס גענומען איין מעסער און ער האט איהם צו שניטען אויף דרייצען שטיקער און ער האט דיא שטיקער צו שיקט און די דרייצען בתי מדרשים אריין. זינט אחר האט גיהערט דאס קול פון הימעל אז יעדען איינציגען וועט העלפין תשובה נאר איהם ניט האט ער געזאגט ווייל איך האב שוין ניט קיין האפפיניג אז איך זאל האבין עולם הבא וויל איך חאטש איין הנאה האבין פון דער וועלט און ער איז ארויס געגאנגען לתרבות רעה. האט ער געטראפען א זונה אין שבת האט ער געוואלט מיט איהר מזנה זיין. האט זי איהם גיפרעגט ביסט די דען ניט אלישע בן אבויה צום סוף ווילסט די טוהן איין עבירה. האט ער אויסגעריסען אין שבת איין רעטאך פון פעלד און ער האט איהר גיגעבען. האט זי געזאגט אז ער רייסט אויס איין רעטאך אין שבת איז א סימן אז ער איז ניט אלישע נאר איין צווייטער און דארך דעם האט מען איהם געריפען אחר. אחר איז טייטש איין צווייטער. ווען ער איז געשטארבען האט מען אין הימעל געזאגט שטראפען קען מען איהם ניט ווייל ער האט גילערענט תורה אין עולם הבא קען מען איהם אויך נישט געבען ווייל ער האט געזינדיגט האט רבי מאיר געזאגט עס וואלט גלייכער געוועזען אז מען זאל איהם שטראפען כדי ער זאל האבען עולם הבא און ער האט געזאגט ווען איך וועל שטארבין. וועל איך אויף ברענגען איין רויך פון זיין קבר דאס וועט זיין א סימן אז מען שטראפט איהם. ווען רבי מאיר איז נפטר געווארען איז אויף געגאנגען איין רויך פון קבר פון אחר האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז איין גרויסקייט צו פערברענען זיין רבין. איין מענש איז געוועזען צווישען אונז אין מיר זאלען איהם קענען ברענגען לעולם הבא ווען איך זאל איהם האלטין ביי דער האנד און איך זאל איהם פיה־רען לעולם הבא ווער וועט איהם ביי מיר ארויס נעמען און ער האט געזאגט ווען איך וועל שטארבין וועל איך פערלעשין דעם רויך פון זיין קבר ווען רבי יוחנן איז נפטר געווארען האט דער רויך אויף גיהערט:

די טאכטער פון אחר איז געקומען צו רבי בעטען אז ער זאל איהר געבען עסין ווייל זי איז געוועזען ארים האט זי רבי גיפרעגט ווער זי איז האט זי איהם גיענטפערט איך בין די טאכטער פון אחר. האט רבי זיך געווינדערט און ער האט געזאגט עס געפינט זיך נאך פון זיינע קינדער אויף דער וועלט. האט זי צו איהם געזאגט רבי גידענק אין זיין תורה און זאלסט ניט גיט גידענקען אין זיינע מעשים. איז אראב געקומען איין פייער פון הימעל און עס האט אבגיברענט די שטיהל פון רבי. האט רבי געזאגט אז די וואס זענען פערמיעסט געווארען ביי דער תורה איז די תורה אויף זיי אזוי מגין ווי אזוי וועט נאך די תורה מגין זיין אויף די וואס זענען בעשיינט מיט דער תורה:

ווען אחר איז געבארען געווארען אין דעם טאג פון ברית האט זיין פאטער געמאכט א סעודה ער איז געוועזען פון די גרויסע לייט פון ירושלים אין ער האט גערופען צו אלע גרויסע לייט פון ירושלים

ירושלים אין ער האט זיי גיזעצט אין איין שטוב אין ר' אליעזר אין ר' יהושע זענען גיזעסען אין איין צווייטע שטיב נאך דעם ווי זיי האבען אב געגעסען אין אב געטרינקען האבען זיי אהנגע-הויבען צו טאנצען. האבען ר' אלעזר אין ר' יהושע געזאגט אין דער צייט ווען זיי זענען עוסק אין זייערס זאלען מיר עוסק זיין אין אונזערס. אין זיי האבען עוסק געוועזען אין דברי תורה. איז אראב געקומען איין פייער פון הימעל אין עס האט זיי ארום גערינגעלט האט אבויה צו זיי געזאגט איהר זענט געקומען פערברענען מיין הויז. האבען זיי איהם גיענטפערט חס ושלום מיר ווילען דיר גאר ניט טוהן נאר מיר האבען גילערענט תורה מיט אזא התלהבות גלייך ווי זיי זענען געגעבען געווארען אויף דעם בארג סיני וואס אויף דעם בארג סיני איז די תורה געגעבען געווארען מיט פייער איבער דעם איז דא אויף אראב געקומען איין פייער. האט אבויה געזאגט ווייל דער כח פון דער תורה איז אזוי גרויס אויב מיין קינד וועט לעבען וועל איך איהם פורש זיין צו דער תורה. אין ווייל זיין כוונה איז ניט געוועזען לשם שמים ער האט ניט געמיינט די תורה נאר דאס גרויסקייט וואס עס קומט דורך דער תורה איבער דעם איז אחר ניט געוועזען קיין צדיק:

**אלישע** (אחר) איז א מאהל געגאנגען אין וועג האט ער געזעהן ווי א מענש האט געטראפען אויף דעם וועג איין נעסט פון פייגעל האט ער אוועק געשיקט די מוטער פון די פייגעל אין די יונגע פייגעל האט ער צו גענומען אזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה. אין אזוי ווי דער מענש איז אהיים געקומען איז ער געשטארבען. האט אחר געזאגט עס שטייט אין דער תורה אויב די וועסט אוועק שיקען די מוטער אין די קינדער וועסט די דיר נעמען וועט דיר זיין גוט אין די וועסט לאנג לעבען. האט אחר געזאגט דאס איז דאס גוט-קייט אין דאס לאנגע לעבען וואס דעם מענטש קומט צום סוף איז ער באלד געשטארבען. אין ער האט ניט געוואלט גלייבען וואס אונזערע חכמים דרשנען עס וועט דיר זיין גוט אויף דער וועלט וואס זי איז בלויז גוט. אין די וועסט לאנג לעבען אויף דער וועלט וואס זי איז לאנג אויף אייוויג. דאס מיינט מען עולם הבא. אין צוליעב דעם איז ער ארויס געגאנגען לתרבות רעה:

**דער** תנא ר' עקיבא איז געוועזען איין פאסטאך בייא כלבא שבוע האט די טאכטער פון כלבא שבוע געזעהן אז ר' עקיבא איז אפרומער אין איין גוט הערציגער. האט זי געזאגט צו ר' עקיבא אויב איך וועל צו דיר חתונה האבען וועסט די געהן אין א ישיבה ארייין לערנען האט ער איהר גיענטפערט יא. האט זי מיט איהם חתונה געהאט אין זי האט איהם אוועק געשיקט אין א ישיבה ארייין לערנען תורה. ווי כלבא שבוע האט דאס דערהערט האט ער זי ארויס געטריבען פון שטיב אין ער האט זי מדיר הנאה געוועזען אז זי זאל פון איהם גאר ניט קיין הנאה האבען. אין ר' עקיבא איז געזעסען צוועלף יאהר אין דער ישיבה אין האט געלערענט תורה. נאך צוועלף יאהר איז ער אהיים געקומען אין ער האט מיט זיך מיט-געבראכט צוועלף טויזענד תלמידים האט ר' עקיבא גיהערט ווי איין אלטער מאן האט געזאגט צו זיין ווייב ווי לאנג וועסט די זיין אזוי ווי א לעבדיגע אלמנה. האט זי איהם גיענטפערט ווען מיין מאן זאל מיך וועלען פאלגען וואלט ער נאך

גיזעסען

ביזעסען אין דער ישיבה. האָט ר׳ עקיבא געזאָגט אַז זי גיט מיר רשות וועל איך צוריק געהן אין וועל זיצען אין דער ישיבה נאָך צוועלף יאָהר. אין ער איז ניט אַריין געגאַנגען אין שטיב אַריין נאָר ער איז גלייך צוריק געגאַנגען אין דער ישיבה אַריין אין ער איז דאָרט בעזעסען נאָך צוועלף יאָהר אין ער איז אַהיים געקומען מיט פיהר אין צוואַנציג טויזענד תלמידים. ווי די דאָס וויב האָט דערהערט אַז ער קומט איז זי איהם אַקעגען געגאַנגען האָבען איהר די שכנות געזאָגט אַז זי זאָל זיך לייען שעהנע מלבושים אין אָהנטוהן. האָט זי גיענטפערט אַז ער ווייסט אַז איך האָב ניט קיין שעהנע מלבושים איבער דעם דאַרף איך מיר ניט לייען קיין שעהנע מלבושים. ווען זי איז צו איהם צו געגאַנגען איז זי אויף איהם אַרויף געפאַלען אין זי האָט איהם געקושט די פיס האָבען די תלמידים זי געוואָלט אַוועק שטויסען האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו די תלמידים לאָזט זי אָב מיין תורה אין אייער תורה איז אַלעס דאַך איהר ווייל זי האָט מיך געראַטען איך זאָל געהן אין דער ישיבה אַריין :

ווי כלבא שבוע האָט גיהערט אַז עס איז געקומען איין גרויסער מאַן אין שטאָדט אַריין ער האָט ניט געוויסט אַז דאָס איז זיין איידים ר׳ עקיבא האָט ער געזאָגט איך וועל צו איהם געהן אפשר וועט ער מיר מתיר נדר זיין אַז מיין טאָכטער זאָל מעגען פון מיר אַהנאה האָבען. אין ער איז צו איהם געגאַנגען האָט צו איהם ר׳ עקיבא געזאָגט ווען די זאָלסט געוועזען וויסען אַז די וועסט האָבען איין איידים אַתלמוד חכם וואָלסט די דיין טאָכטער געוועזען מדיר הנאה געוועזען האָט איהם כלבא שבוע גיענטפערט אַז איך זאָל געוועזען וויסען אַז מיין איידי וועט זיין אַ תלמוד חכם וואָלט אי אויף געוויס די טאָכטער ניט מדיר הנא.. געוועזען. האָט איהם ר׳ עקיבא געזאָגט איך בין דיין איידים. איז ער איהם געפאַלען אויף זיין פנים אין ער האָט איהם געקושט זיינע פיס אין ער האָט איהם אַוועק געגעבען איין האַלב פערמעגען :

דער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי איז אַמאָהל געריטען אויף אַאייזיל און ער איז אַרויס געריטען פון דער שטאָדט ירושלים און די תלמידים זענען נאָך איהם נאָך געגאַנגען האָט ער געזעהן ווי אַ אשה האָט געקליבען גערשטין צווישען די פיס פון די פערד. ווי די אשה האָט איהם דערזעהן איז זי צו איהם צו געגאַנגען אין זי האָט צו איהם געזאָגט רבי שפייז מיך. האָט ער זי גיפרעגט ווער ביסט די. האָט זי איהם גיענטפערט איך בין די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון. האָט ער זי גיפרעגט ווי איז אַהין געקומען דאָס געלד פון דיין פאָטער האָט האָט זי איהם גיענפערט מען זאָגט דען ניט אַ משל אין ירושלים דער וואָס ער וויל אַז זיין געלד זאָל האָבין אַ קיום זאָל ער טוהן ביט דעם געלד צדקה אין זכות פון דער צדקה וועט זיין געלד האָבין אַ קיום. אָבער מיין פאָטער האָט ניט געגעבין קיין צדקה אַזוי ווי ער האָט בעדאַרפען. האָט ער זי גיפרעגט ווי איז אַהין געקומען דיין שווערס געלד. האָט זי איהם גיענטפערט מיין פאָטערס געלד האָט פערלענד דעם שווערס געלד האָט זי איהם גיפרעגט רבי איהר גידענקט ווען איהר האָט אייך געחתמט אויף מיין כתובה האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו זיינע תלמידים איך גידענק ווען איך האָב זיך געחתמט אויף איהר כתובה און איך האָב געליינט די כתובה איז געשטאַנען אי...

דער כתובה א מיליאן רענדליך וואס דער פאטער האט איהר געגעבען אויסער וואס דער שווער האט איהר צו געגעבין. האט ר' יוחנן בן זכאי געוויינט און ער האט געזאגט וואהל איז אייך יודען ווען איהר טוהט ניט דעם רצון פון הקב"ה איז ער זיי מוסר צו איין אומה שפלה ניט נאר אין דער האנד פון דער אומה שפלה נאר אונטער די בהמות פון איין אומה שפלה:

איינמאהל איז געקומען א ארימאן צו רבא האט איהם רבא גיפרעגט וואס ער איז געוואהנט צו עסען האט ער איהם גיענטפערט אז ער איז געוואהנט צו עסען איין געשטאפטע הין און צו טרינקען אלטען וויין. האט איהם רבא גיפרעגט איז ביי דיר ניט טייער מענשענס געלד. האט איהם דער ארימאן גיענטפערט איך עס דען זייערס איך עס וואס הקב"ה גיט מיר אזוי ווי עס שטייט אין פסוק „ואתה נותן להם את אכלם בעתו" די גיסט זיי זייער עסען אין דער צייט פון דעם פסוק לערענט מען אז הקב"ה גיט יעדער מענש זיין פרנסה אין דער צייט. גיט דאך הקב"ה דעם ציבור פון מייניט וועגין. אזוי ווי רבא האט מיט איהם גירעדט איז צו איהם געקומען זיינע א שוועסטער וואס ער האט זיך שוין מיט איהר ניט געזעהן דרייצין יאהר. און זי האט איהם געבראכט איין געשטאפטע הין און אלטען וויין. האט רבא געזאגט אז די שוועסטער האט מיר דאס געבראכט איז א סימן אז דער ארימאן איז גירעכט. האט רבא געזאגט צום ארימאן איך האב אקעגען דיר גירעדט ניט קיין ריכטיגע רייד. איך בעט דיך אז די זאלסט מיר מוחל זיין. און ער האט איהם געבעטין אז ער זאל עסין די געשטאפטע הין און טרינקען דעם אלטען וויין וואס די שוועסטער האט איהם געבראכט:

דער תנא ר' עוקבא האט געהאט א שכן א ארימאן יעדען טאג פלעגט ער איהם אריין לייגען אין דעם לאך פון דער שוועל פיער גילדען. און דער ארימאן האט ניט געוויסט ווער. איינמאהל האט דער ארימאן געזאגט איך וועל זעהן ווער עס לייגט אריין דאס געלד. און פונקט דעם טאג וואס דער ארימאן האט אכטונג געגעבען ווער עס וועט איהם אריין לייגען דאס געלד. האט זיך מר עוקבא פערזוימט אין בית המדרש איז זיין ווייב נאך איהם געגאנגען אין זיי זענען ביידע א היים געגאנגען ווי זיי זענען געקומען לעבען דער שטוב פון ארימאן. האט זיך מר עוקבא מיט זיין ווייב צו געבויגען צו דער טהיר און זיי האבען אריין געלייגט די פיער גולדען. ווי דער ארימאן האט געזעהן אז זיי האבען זיך איין געבויגען אין אריין געלייגט דאס געלד אין דעם לאך פון דער טהיר. איז דער ארימאן נאך זיי נאך געגאנגען כדי ער זאל זעהן ווער זיי זענען. זענען זיי אנטלאפען אין זיי האבען זיך בעהאלטען אין איין אויווען וואס איז געוועזען אויסגעשארט מען זאל אין איהם אריין זעצין ברויט. האט מר עוקבא זיך אבגעברוהט די פוס. האט זיין ווייב צו איהם געזאגט לייג ארויף דיינע פוס אויף מיינע פוס וועט דיר ניט זיין הייס. האט מר עוקבא געהאט חולשת הדעת ווייל ער האט געזעהן אז זיין ווייב איז מעהר צדיקת פון איהם. האט זי צו איהם געזאגט דורך דעם איז מיין זכות גרעסער ווייל איך בין שטענדיג אין שטוב און אז עס קומט אריין א ארימאן גיב איך איהם באלד צו עסין און ער האט תיכף א הנאה. ער דארף זיך ניט מטריח זיין צו געהן קויפען. אבער די אז די ווילסט

פיס

עפיס געבען אַ אָרימאַן גיסט די איהם געלד דאַרף ער זיך הערשט מטריח זיין און הערשט קויפען פאַר דעם געלד עסין האָט ער ניט תיכף קיין הנאה. איבער דעם איז מיין זכות גרעסער. און דאָס וואָס זיי האָבען זיך בעהאַלטען פאַר דעם אָרימאַן ווייל זיי האָבען איהם ניט געוואָלט מבייש זיין. ווייל עס איז גלייכער אַז מען זאָל זיך אריין וואַרפען אין איין קאַלך אויווען אריין איידער מען זאָל יענעם מבייש זיין אַזוי ווי מיר געפונען ביי תמר זי איז געוועזען גרייט אַז מען זאָל זי פערברענען איידער זי זאָל יהודה מבייש זיין. און זי האָט ניט געוואָלט אויסזאָגען פון וועמען זי איז מעוברת:

מר עוקבא האָט געהאַט איין שכן אַ אָרימאַן וואס ער האט איהם געשיקט יעדען ערב יום הכפורים פיער הונדערט גולדען. איינמאָהל האט ער איהם געשיקט די פיער הונדערט גולדען מיט זיין זוהן איז זיין זוהן צוריק געקומען און ער האט געזאָגט אַז דער אָרימאַן דאַרף שוין ניט קיין געלד. האט ער איהם גיפרעגט וואס האָסט די ביי דעם אָרימאַן געזעהן האט ער איהם גיענטפערט איך האב געזעהן אַז מען האט אויף געשפריצט די שטוב מיט אַלטען וויין. האט מר עוקבא צו איהם געזאָגט דאס איז אַ בעוויינ אַז ער איז איין מפונק איבער דעם דאַרף מען איהם שיקען טאָפעל און פון דאַמאָלסט אָהן האט ער איהם געשיקט יעדען ערב יום הכפורים אכט הונדערט גולדען. ווען מר עוקבא האָט געהאַלטען ביי שטאַרבען האָט ער זיך געהייסען געבען דעם בוך וואס עס איז געוועזען פערשריבען די אַלע צדקות וואס ער האט געגעבען. האט מען איהם געגעבען דעם בוך האט ער בערעכענט אַז ער האט צו טהיילט זיבען טויזענד רענדלעך. האט ער געזאָגט איך האָב זיך ווינציג שפייז אָהנגעגרייט און וועג אַריין אין דער וועג איז זייער ווייט. האט ער צו טיילט אַ העלפט פון זיין פערמעגען צו אָרימע לייט

דער תנא ר' יהושע בן לוי ווען עס איז געקומען זיין צייט אַז ער זאָל אוועק געהן פון דער וועלט האָט מען אויף דעם הימעל געזאָגט צום מלאך המות געה צו ר' יהושע בן לוי נאָר איידער די וועסט איהם צו נעמען די נשמה זאָלסט דו איהם צוליעב טוהן וואָס ער וועט פערלאַנגען. האָט זיך דער מלאך המות צו איהם בעוויזען האָט צו איהם ר' יהושע געזאָגט איך וויל אַז די זאָלסט מיר ווייזען מיין אָרט אין גן עדן. האָט איהם דער מלאך המות געזאָגט איך וועל דיר ווייזען. האָט ר' יהושע צו איהם געזאָגט גיב מיר דיין מעסער די זאָלסט מיך אויף דעם וועג ניט דערשרעקען. האָט ער איהם געגעבען דאָס מעסער. ווען ער איז צו געקומען צום גן עדן האָט איהם דער מלאך המות אויף געהויבען און ער האָט איהם געוויזען זיין אָרט איז ר' יהושע אריין געשפרינגען אַלעבעדיגער אין גן עדן אריין. האָט איהם דער מלאך המות אָהנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע און ער האָט איהם געוואָלט צוריק אַרויס נעמען. האָט ר' יהושע בן לוי געשוואָרען אַז ער וועט שוין פון דאָרט ניט אַרויס געהן איז דער מלאך המות געגאַנגען צו הקב"ה און ער האָט איהם דאָס דערציילט האָט הקב"ה געזאָגט אויב ער האָט אַמאָהל געשוואָרען און ער האָט זיך די שבועה מתיר געוועזען וועלען מיר איהם די שבועה אויך מתיר זיין און אויב ער האָט זיך נאָך קיינמאָהל ניט מתיר געוועזען קיין שבועה וועלען מיר איהם די שבועה

שבועה אויך ניט מתיר זיין. האט מען אכטונג געגעבן און מען האט געזעהן אז ער האט זיך נאך קיינמאהל ניט מתיר געוועזען קיין שבועה און ער איז פערבליבען אין גן עדן. האט דער מלאך המות זיך געהייסען אב געבען דאס מעסער. האט ער עס איהם ניט געוואלט אבגעבען איז ארויס איין בת קול פון הימעל און עס האט געזאגט צו ר' יהושע בן לוי גיב איהם אב דאס מעסער ווייל ער דארף עס האבען פאר אנדערע מענשען ווענען. האט ער עס איהם אב געגעבען. האט אליהו אויסגערופען רייניגט אויס איין ארט פאר בן לוי. איז ער געגאנגען אין גן עדן און ער האט געטראפען ווי ר' שמעון בן יוחאי איז געזעסען אויף דרייצען שטוהלען פון גין גאלד. האט איהם ר' שמעון בן יוחאי גיפרעגט די ביסט בן לוי. האט ער איהם גיענטפערט יא. האט ער איהם גיפרעגט עס האט זיך בעוויזען אין דיינע צייטען איין רעגען בויגען. האט ער איהם גיענטפערט אז יא. האט ער איהם גיענטפערט אויב אז עס איז אין דיינע צייטען געוועזען איין רעגען בויגען ביסט די ניט בן לוי און די ביסט ניט ראוי צו דעם כרוז וואס איך האב גיהערט אין באמת יא'יז אין די צייטען פון ר' יהושע בן לוי ניט געוועזען קיין רעגען בויגען נאר ער האט געזאגט אז עס איז געוועזען אין זיינע צייטען איין רעגען בויגען ווייל ער האט זיך ניט געוואלט האלטען פאר א צדיק ווייל דער רעגען בויגען ווייזט אז די וועלט איז זינדיג און מען דארף ברענגען איין מבול אויף דער וועלט נאר ווייל הקב"ה האט געשווארען אז ער זאל ניט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט און אז עס איז דא א צדיק איז ער מגין אויף דעם דור איבער דעם האט ער ניט געוואלט זאגען אז אין זיינע צייטען איז ניט געוועזען קיין רעגען בויגען:

דער תנא ר' עקיבא ווען ער איז אהיים געקומען פון דער ישיבה איז ער געוועזען אגרויסער ארימאן און ער איז רייך געווארען פון זעקס זאכען איינס איז געוועזען וואס זיין שווער האט איהם אוועק געגעבען אהאלב פערמעגען דאס צווייטע איז געוועזען פון איין שיף אויף די שיף איז געוועזען געמאכט פון האלץ איין געשטאלט פון אשעפס פאר איין סימן אז די שיף זאל געהן גרינג אזוי ווי אשעפס און מען פלעגט דעם שעפס אהנפילען מיט גאלדינע רענדליך איינמאהל איז אבגעפאהרען פון פארט א שיף און מען האט פערגעסין אויף דעם פארט דעם שעפס האט איהם ר' עקיבא געפינען און איז פון דעם רייך געווארען. דאס דריטע איז געוועזען פון א קעסטיל פון דער שיף וואס מען פלעגט דארט אריין לייגען דאס געלד פון דער שיף. איינמאהל האט ר' עקיבא געגעבען די שווימערס פון ים פייער גילדען זיי זאלען איהם עפיס ארויס ברענגען פון ים האבען זיי גאר נישט געפינען נאר דאס קעסטיל. און זיי זיי האבען עס איהם גיגעבען האט ער גיעפענט דאס קעסטיל האט ער געפינען און דעם קעסטיל פיעל רענדליך ווייל איינמאהל איז דערטרינקען געווארען איין שיף האבען די מענשין פון דער שיף אריין געלייגט אין דעם קעסטיל אריין זייער גאנץ פערמעגען. דאס פערדע איז געוועזין פון איין מטרנותא איינמאהל האט ר' עקיבא בעדארפען געלד איז ער געגאנגען צו דער מטרנותא זיך לייען געלד האט זי איהם געזאגט איך וועל דיר לייען נאר הקב"ה מיט דעם ים זאלען זיין ערבים ווען עס איז געקומען די צייט וואס ער האט איהם אויס גיזעצט

ג׳ועצט צו בעצאָלען איז ר׳ עקיבא שלאָף געוואָרען איז די מטרנותא געגאַנגען צום ים און זי האָט געזאָגט רבש״ע די ווייסט דאָך אַז ר׳ עקיבא איז שלאָף און ער האָט מיר ניט צו בעצאָהלען מיין חוב און איך האָב דאָך דיך גענו- מען פאַר איין ערב איבער דעם דארפסט די מיר אָב געבען. אין דעם איז דעם קיסרס טאָכטער משוגע געוואָרען און זי האט גענומען איין קעסטעלע פיהל מיט ברי- לאַנטען און רענדליך אין זי האָט עס אַריין געוואָרפען און ים אַריין און דאָס קעסטעלע איז גלייך צו געשווימען צו דער מטרנותא אין זי האָט גענומען דאָס קעסטעלע אין זי האט עס גיעפינט אין זי האָט זיך אָב גענימען איהר חוב אין דאָס איבריגע האט זי איבער געלאָזט פאר ר׳ עקיבא וועגען. ווען ר׳ עקיבא איז געזינד געוואָרען האָט ער גענומען געלד און איז געגאַנגען צו דער מטרנו- תא און ער האָט איהר געוואָלט בעצאָה- לען דעם הוב האָט זי איהם געזאָגט איך בין געגאַנגען צום ערב אין דער ערב האָט מיר בעצאָהלט מיין חוב און ער האט מיר נאָך געגעבען מעהר ווי פיעל עס איז מיר געקומען אין זי האט איהם געגעבין דעם מותר אין פון דעם מותר איז ער רייך געוואָרען דאס פונפטע איז געוועזן פון דעם ווייב פון טורנוסרופוס הרשע. ר׳ עקיבא פלעגט שטענדיג צו האָבען וויכוחים מיט טור- נוסרופוס פאַר דעם קיסר איינמאָהל איז טורנוסרופוס אהיים געקומען פון קיסר זייער טרויעריג האט איהם דאָס ווייב גיפרעגט פאַר וואָס ער איז אַזוי טרויעריג האט ער איהר גיענטפערט ווייל ר׳ עקיבא איז איהם יעדען טאָג מבייש פאַר דעם קיסר. האָט זי צו איהם בעזאגט דער גאט פון די יודען האט פיינט זנות גיב מיר רשות וועל איך איהם איבער ריידען אין איך וועל איהם מכשיל זיין מיט איין עבירה ווייל זי איז געוועזען זייער איין יפת תואר האט ער געגעבין איהר רשות אין זי האט זיך אויסגעצייהרט און זי איז געגאַנגען צו ר׳ עקיבא און זי האט פאַר איהם אויף גידעקט איהרע פיס. ווי נאָהר ר׳ עקיבא האט זי דערזעהן האָט ער אויסגעשפיגען און ער האָט געלאַכט און געוויינט האָט זי איהם גיפרעגט אויף וואָס בעדייטען די דריי זאַכען וואָס ער האָט געטוהן האָט ער איהר גיענטפערט צווי זאַכען וועל איך דיר זאָגען און די דריטע וועל איך דיר ניט זאָגען דאָס וואָס איך האָב געשפיגען ווייל די קומט אַרויס פון אַ טיפה סרוחה אין דאָס וואָס איך האָב געוויינט אויף אַזאַ שעהנהייט וואָס עס וועט פוילען אין דער ערד. אין דאָס וואָס איך האָב געלאַכט איז ווייל ער האָט געזעהן ברוח הקודש אַז זי וועט זיך מגייר זיין און ער וועט זי נעמען פאַר אַ ווייב און דאָס האָט ער איהר ניט געוואָלט אויסזאָגען האָט זי איהם גיפרעגט צו עס וועט איהר העלפען תשובה האָט ער איהר גיענטפערט אַז עס וועט איהר העלפען. האָט זי זיך מגייר געוועזען אין זי איז געווארען זיין ווייב און זי האָט איהם געגעבען אַ גרויס פערמעגען. דאָס זעקסטע איז געוועזען פון קטיעה בר שלום וואס ער האט אוועק געגעבען זיין גאַנץ פאַרמעגען צו ר׳ עקיבא:

**צדקיהו** דער מלך פון די ישראל ווען נבוכדנצר האט פערטריבען די ישראל און גלות אַריין איז אַמאָהל אַריין געקומען צו נבוכדנצר האט ער איהם געטראָפען עסין איין רויען נישט קיין געקאָכטען האָז. האָט נבוכדנצר געזאָגט צו צדקיהו שווער אַז די זאָלסט נישט אויסזאָגען. האט צדקיהו געשווארען שפעטער האט צדקיהו געהאט צער אויף דעם וואס ער האט געשווארען ווייל ער האָט די זאך געוואָלט אויס זאָגען כדי

די

די וועלט זאָלען איהם מבזה זיין אין איהם ניט וועלען פאַר אַ קיסר האָט ער זיך מתיר געווען די שבועה און ער האָט די זאַך אויסגעזאָגט. האָט נבוכדנצר זיך דערוויסט אַז די גרויסע לייט שעצען איהם גרינג האָט ער פערשטאַנען אַז צדקיהו האָט זיכער אויסגעזאָגט אז ער האָט גיגעסען איין רויהען האָז. האָט נבוכדנצר געשיקט רופען די סנהדרין מיט צדקיהו און ער האָט געזאָגט צו די סנהדרין איהר זעהט וואָס צדקיהו האָט געטוהן און ער האָט געזאָגט צו צדקיהו די האָסט דאָך געשווארען אַז די וועסט ניט אויסזאָגען און צום סוף האָסט די אויסגעזאָגט. האָט איהם צדקיהו גיענט-פערט איך האָב זיך גיפרעגט אויף מיין שבועה און מען האט זי מיר מתיר געווען. האָט נבוכדנצר גיפרעגט די סנהדרין צו מען קען מתיר זיין אשבועה האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז מען קען מתיר זיין איין שבועה. האָט זיי נבוכדנצר ווייטער גיפרעגט צו דאַרף דער מענטש וואָס ער האָט איהם בעשוואָרען זיין ביי דעם מתיר זיין האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז דער מענש וואָס ער האָט איהם בעשוואָרען דאַרף זיין ביי דעם מתיר זיין האָט נבוכדנצר געזאָגט צו די סנהדרין. פאַר וואָס האָט איהר מתיר געוועזען צדקיהו די שבועה אונטער מיינער אויגען פאַר וואָס האָט איהר איהם ניט נעזאָגט אַז איהר קענט איהם ניט מתיר זיין די שבועה אָהן מיר. האָבען זיי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען האָט מען פון זיי אַפּער גענומען די שטוהלען און זיי זענען געבליבען זיצען אויף דער ערד אין מען האָט זיי אָהנגעבינדען און די עקען פון די פערד אין מען האָט זיי אַרום געשלעפּט אין די גאַסען:

אין דער שטאָט ירושלים האָבען גע-וואָהנט צוויי יודען איינער האָט געהייסען קמצא און דער צווייטער האָט געהייסען בר קמצא אין דורך זיי איז חרוב געוואָרען ירושלים. אַ מענש האָט געמאַכט אַ סעודה אין קמצא איז גע-וועזען זיינס אַ פריינד אין בר קמצא איז געוועזען זיינס אַ שונא האָט ער געשיקט בעטען קמצא. האָט דער שליח זיך טועה געוועזען אין ער האָט געבעטען בר קמצא. אין בר קמצא איז געקומען אויף דער סעודה. ווי דער בעל שמחה האָט גיזעהן אַז בר קמצא זיצט ביי דער סעודה האָט ער צו איהם געזאָגט די ביסט דאָך מיין שונא ווי קומסט די צו מיר אויף מיין שמחה. האָט איהם בר קמצא גיענטפערט וויל איך בין שוין געקומען לאָז מיך זיצען אין איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר מיין עסין אין טרינקען. האָט איהם דער מענטש גיענטפערט איך וויל ניט. האָט ער צו איהם ווייטער געזאָגט איך וועל דיר בעצאָהלען ווי פיעל איין האַלבע סעודה בעטרעפט אין לאז מיך זיצען. האָט ער אויך ניט געוואלט. האט ער איהם געזאָגט איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר דער גאַנצער סעודה אין לאָז מיך זיצען האָט ער אויך נישט געוואָלט. און ער האָט איהם אָנגענימען אין אַרויס געוואָרפען. אין ביי דער סעודה זענען גיזעסען די חכמים פון ירושלים האָט בר קמצא געזאגט וויל די חכמים זענען גיזעסען ביי דער סעודה אין זיי האָבען דאָס אַלעס געזעהן אין זיי האָבען געשוויגען אין גאָר ניט געזאָגט זיי האָבען בע-דאַרפען זאגען דעם מענש אַז ער זאָל מיך ניט מבייש זיין איז דאָך אַסימן אַז עס איז זיי ניחא אַז מען זאל מיך מבייש זיין וועל איך פערמסרן אַלע יודען פאַר דעם קיסר פון רום (דאַמאָלסט זע-נען די יודען געוועזען אינטער טעניג אינטער די רומים) אין ער איז געגאַנ-גען צום קיסר אין ער האָט איהם געזאָגט

די

די יודען האָבען אין דיר מורד געווען. האָט איהם דער קיסר געפרעגט ווי אזוי קען איך וויסען אז עס איז אמת אזוי ווי די זאָגסט. האָט בר קמצא געזאָגט צום קיסר. א בעווייז וועסט די האָבען אז עס איז אמת אז די יודען האָבען אין דיר מורד געווען שיק זיי א קרבן זיי זאָלען עס מקריב זיין וועסט די זעהן צו זיי וועלען עס מקריב זיין צו ניט. האָט דער קיסר מיט איהם געשיקט איין קאַלב פאַר א קרבן. בשעת ער איז מיט דעם קרבן געגאַנגען האָט ער געמאַכט אין דעם קרבן א מום אויף אזא אָרט וואָס ביי די יודען איז עס א מום און ביי די עכו"ם איז עס ניט קיין מום. האָבען די רבנן געוואָלט היסען דאָס קרבן מקריב זיין כדי דער קיסר זאָל ניט זיין אין כעס. האָט ר' זכרי' בן אבקילוס געזאָגט צו די רבנן אויב מען וועט דאָס קרבן מקריב זיין וועלען מענשען וואָס זיי וועלען ניט וויסען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען זאָגען אז א קרבן מיט א מום מעג מען מקריב זיין אויף דעם מזבח. האָבען די רבנן געוואָלט בר קמצא הרגנן כדי ער זאָל ניט צוריק געהן צום קיסר און איהם דערציילען אז מען האָט דאָס קרבן ניט געוואָלט מקריב זיין. האָט ר' זכרי' צו זיי געזאָגט מענשען וועלען זאָגען אז זיי וועלען זעהן אז מען וועט בר קמצא הרגנן אז דער וואָס ער מאַכט א מום אין א קרבן קומט איהם מיתה. האָט מען דאָס קרבן ניט מקריב געווען אין בר קמצא האָט מען ניט גע'הרג'ט איז בר קמצא צוריק געגאַנגען צום קיסר און ער האָט איהם דערציילט אז די יודען ווילען דאָס קרבן ניט מקריב זיין איז דער קיסר געוואָרען אין כעס אויף די יודען. און ער האָט אויף זיי געשיקט איין שר וואָס ער האָט געהייסען נירון קיסר. ווי ער איז געקומען לעבען ירושלים האָט ער געוואָלט וויסען צו ער וועט קענען איינעמען די שטאָדט ירושלים ער האָט געוואָרפען א פייל אויף מזרח זייט איז די פייל אריין געפאַלען קיין ירושלים. האָט ער געוואָרפען פיילען אין אַלע פיער זייטען זענען אַלע די פיילען אריין געפאַלען קיין ירושלים האָט ער שוין געזעהן אז ער וועט די שטאָדט איינעמען. האָט ער געזעהן איין יונגעל האָט ער צו דעם יונגעל געזאָגט זאָג מיר דיין פסוק וואָס די האָסט היינט געלערענט. האָט איהם דאָס יונגעל געזאָגט דעם פסוק „ונתתי את נקמתי באדום ביד עמי ישראל" איך וועל זיך נוקם זיין אין אדום פאַר מיין פאָלק ישראל. האָט נירון קיסר געזאָגט הקב"ה וויל חרוב מאַכען זיין הויז און ער וויל זיך אָבווישען זיינע הענד אין מיר איז ער אנטלאָפען און ער האָט זיך מגייר געווען. און עס איז פון איהם אַרויס געקומען דער תנא ר' מאיר:

האָט דער קיסר געשיקט אויף די יודען א שר וואָס ער האָט געהייסען אספייננות קיסר האָט ער בעלאַגערט אַרום דער שטאָדט דריי יאָהר ער האָט ניט אריין געלאָזט קיין עסען אין שטאָדט אריין. איז אין ירושלים געווען דריי עשירים. איינער האָט געהייסען נקדימון בן גוריון. און דער צווייטער האָט געהייסען בן כלבא שבוע. און דער דריטער האָט געהייסען בן ציצית הכסת. האָבען זיי זיך אינטער-נעמומען צו שפייזען די יודען איינער מיט תבואה און דער צווייטער מיט וויין און בוימאייל אין זאַלץ. און דער דריטער מיט האָלץ. און עס איז געווען צו שפייזען די יודען איינע צוואַנציג יאָהר. איז אין ירושלים געווען ניט קיין אָרענטליכע און ניט קיין בערעבענטע מענשען

מענשען זיי ווערען אָהנגערופען בריוני וועלכעס זיי האָבען נאָר געוואָלט אַרויס געהן צו די רומים אויף אַ מלחמה און ווען די רבנים האָבען צו זיי געזאָגט אַז מען זאָל זיך אונטער געבען אונטער די רומים האָבען זיי געזאָגט אַז מען זאָל בעסער אַרויס געהן אויף אַ מלחמה. די רבנים האָבען אָבער געוויסט אַז מען וועט זיי ניט קענען בייקומען. האָבען זיי בעסער געוואָלט מאַכען שלום מיט די רומים האָבען די בריונים געזאָגט אַז כל זמן די יודען האָבען צו עסין וועלען זיי ניט אַרויסגעהן אויף אַ מלחמה האָבען זיי זיך מיישב געוועזען. און זיי האָבען פערברענד אַלע אוצרות פון תבואה איז געוואָרען אין ירושלים אַ הינגער. אין ירושלים האָט געוואָהנט אַ אשה איין עשירה זי האָט געהייסען מרתא בת בייתוס האָט זי געשיקט איהר קנעכט אַז ער זאָל איהר קויפען זעמעל מעהל. איידער דער שליח איז געקומען איז דערווייל פערקויפט געוואָרען דאָס זעמעל מעהל. איז דער קנעכט צוריק-בעגאַנגען און ער האָט איהר געזאָגט אַז קיין זעמעל מעהל איז שוין ניט דאָ נאָר פראָסט מעהל איז דאָ. האָט זי איהם געהייסען קויפען פראָסט מעהל. איידער דער קנעכט איז געקומען איז שוין קיין פראָסט מעהל אויך ניט געוועזען נאָר גראָב מעהל, איז ער צוריק געגאַנגען און ער האָט איהר געזאָגט אַז קיין פראָסט מעהל איז אויך ניט דאָ נאָר גראָב מעהל איז דאָ. האָט זי איהם געהייסען קויפען גראָב מעהל. איידער ער איז געגאַנגען איז שוין דאָס גראָבע מעהל אויך פערקויפט געוואָרען איז זי געזעסען אין שטוב באָרוויס. האָט זי געזאָגט איך וועל אַליין געהן אין מאַרק אַריין אפשר וועל איך געפונען וואָס צו עסען האָט זי אַרויף געטרעטען אויף מיסט פון אַ בהמה

און וויל זי איז געוועזען איין איידעלע האָט זי ניט געקענט דערליידען דאָס מיסט אויף דעם פיס און זי איז געשטאָרבען. האָט זי אַרויס גענומען איהר גאַנץ גאָלד און זילבער און זי האָט עס אַרויס געוואָרפען אויף דער גאַס. און זי האָט געזאָגט צו וואָס דאַרף איך עס האָבען. דער עלטסטער פון די בריונים האָט געהייסען אַבא סיקרא ר' יוחנן בן זכאי איז געוועזען זיין מוטערס אַ ברודער האָט ר' יוחנן בן זכאי צו איהם בעפוילען אַז ער זאָל צו איהם קומען עס זאָל קיינער ניט וויסען. וויל ער דאַרף מיט איהם רעדען אַ סוד. איז ער צו איהם געקומען האָט ר' יוחנן בן זכאי צו איהם געזאָגט ווי לאַנג נאָך וועט איהר ניט לאָזען אַרויס געהן מאַכען שלום מיט די רומים איהר ווילט אויס הרגנן די גאַנצע שטאָדט פאַר הונגער. האָט איהם אַבא סיקרא גיענט-פערט אויב איך וועל זיי עפיס זאָגען וועלען זיי מיך הרגנען. האָט ר' יוחנן בן זכאי צו איהם געזאָגט גיב מיר איין עצה איך זאָל קענען אַרויס געהן צו די רומים אפשר וועל איך קענען עפיס אויסראַטעווען. האָט איהם אַבא סיקרא געזאָגט מאַך דיך שלאַף און די גאַנצע שטאָדט וועט דיך קומען מבקר חולה זיין און די זאָלסט אַריין לייגען אין בעט אַריין איין פערשטינקען שטיק פלייש. אַז מען וועט צו דיר אַריין קומען וועלען זיי זאָגען אַז די ביסט געשטאָרבען. און מען זאָל ניט צו לאָזען צו דער מטה קיין פרעמדע מענשען נאָר דיינע תלמידים וויל אַ פרעמדער מענש וועט דיך טראָגען און ער וועט זעהן אַז די ביסט גרינגער וויל אַ לעבעדיגער איז גרינגער ווי אַ מת וועלען זיי זעהן אַז די לעבסט וועט מען דיך ניט אַרויס לאָזען. אָבער דיינע תלמידים וועלען ניט אויסזאָגען

האָט

האָט ער אַזוי געטוהן און עס איז אַרויס בעגאַנגען אַ קול אַז ער איז געשטאָרבען האָט ר' אליעזר גענומען די מטה אין איין זייט און ר' יהושע אין דער צווייטער זייט ווי זיי זענען צו געקומען צו דעם טויער האָבען די בריוני איהם געוואָלט שטעכין מיט שפיזען האט אבא סיקרא צו זיי געזאָגט די רומיים וועלען זעהן אַז איהר שטעכט איהם וועלען זיי זאגען אַז אפילו זייער רבין שטעכין זיי. האָבען זיי איהם געוואלט שטיפען זיי זאָלען זעהן אפשר לעבט ער נאָר ער מאַכט אַזוי טוידט האט אבא סיקרא צו זיי געזאגט אַז די רומיים וועלען זעהן וועלען זיי זאגען אַז זיי דריקען זייער רבין. האבען זיי גיעפענט דער טויער און זיי האָבען זיי אַרויס געלאסט. ווי א ער איז געקומען נאָהנט לעבין די רומים איז ער אַראָב געגאַנגען פון דער מטה און ער איז צו געגאַנגען צו אספינוס און האָט צו איהם געזאָגט פריד אויף דיר קיסר. פריד אויף דיר קיסר. האָט אַספינוס צו איהם געזאָגט די ביסט מחויב צוויי מאָהל מיתה איינמאָהל איך בין ניט קיין קיסר און די רופסט מיך קיסר ביסט די דאָך אַ מורד במלכות. צווייטענס אויב איך בין אַ קיסר פאַר וואָס ביסט די צו מיר ניט געקומען ביז יעצט. האָט איהם ר' יוחנן בן זכאי גיענטפערט עס איז אמת אַז די ביסט אַ קיסר ווען די זאָלסט נישט זיין קיין קיסר וואָלט ירושלים נישט געפאַלען אין דיינע הענד אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „והלבנון באַדיר יפול" דאָס בית המקדש וועט פאַלען אין דער האַנד פון איין אדיר און „אַדיר" מיינט מען אַ קיסר. און דאָס וואָס די פרעגסט פאַר וואָס איך בין צו דיר ניט געקומען ביז יעצט ווייל די בריוני האָבען מיך ניט אַרויס געלאָזט. האָט איהם אספינוס געפרעגט אַז איינער האָט איין פאַס האָניג און אַרום דעם פאַס איז ארום גערינגעלט איין שלאַנג וואָס טהוט מען אַז מען וויל אַרויס נעמען דעם האָניג צוברעכט מען דען נישט דאָס פאַס כדי דער שלאַנג זאָל אַוועק געהן. אַזוי האָט איהר בעדאָרפען צו ברעכען די מויער כדי איהר זאָלט קענען צו מיר אַרויס געהן. האָט ר' יוחנן בן זכאי נישט געוויסט וואָס צו ענטפערין ווייל ער איז דערשראָקען געוואָרען איז פון איהם דער דעת אַוועק. אַזוי ווי ער איז געשטאַנען מיט אספינוס איז אָהנגעקומען אַ שליח פון רום און ער האט געזאגט צו אספינוס אַז דער קיסר פון רום איז געשטארבען און די גרויסע לייט פון רום ווילען איהם קריינען פאַר אַ קיסר איז ער געווען אָהנגעטוהן איין שיך האָט ער געוואָלט אָהנטוהן דעם צווייטען שיעך האָט ער איהם ניט גיקענט אָהנטוהן. האָט ער געוואָלט דעם ערשטען שיעך אויסטוהן, האָט ער אויך ניט גיקענט האָט זיך אַספינוס געווינדערט און געזאָגט וואָס איז דאָס. האָט איהם ר' יוחנן בן זכאי גיענטפערט די זאָלסט דיך ניט ווינדערין ווייל די האָסט גיהערט איין בשורה טובה. איבער דעם איז דיר דיין ביין גרעבער געוואָרען. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „ושמועה טובה תדשן עצם" איין שמועה טובה מאַכט פעט דעם ביין לאָז פאַר דיר אַדורך געהן אַ מענטש וואָס ער איז דיינס אַ שונא וועט דיר דיין ביין צוריק מאָגער ווערען. וועסט די קענען דעם צווייטען שיעך אויך אָהנטוהן. האָט אַספינוס געזאָגט צו ר' יוחנן בן זכאי אַז די ביסט אַזוי קליעג פאַר וואָס ביסט די צו מיר ניט געקומען ביז יעצט האט איהם ר' יוחנן בן זכאי גיענטפערט איך האָב דאָך שוין דיר איינמאָהל גיענטפערט. האָט אַספינוס צו איהם געזאָגט איך האָב דאָך שוין דיר אויך גיענטפערט. האָט אַספינוס צו איהם

איהם געזאָגט איך געה פֿון דאַנען אַוועק אין איך וועל שיקען צוויינטען מענטש אויף מיין אָרט בעט עפּיס פֿון מיר וועל איך דיר צוליעב טוהן האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאָגט איך בעט פֿון דיר גיב מיר די שטאָדט יבנה מיט איהרע חכמים אין די משפחה פֿון רבי גמליאל הנשיא אין זאָלסט מיר געבען איין רופא ער זאָל היילען ר׳ צדוק וואָס ער האָט געפאַסט פערציג יאָהר אַז ירושלים זאָל ניט חרוב ווערען. האָט ער איהם די אַלע זאַכען צוליעב געטוהן אין ער איז געגאַנגען קיין רוים אין איבער גענומען די מלוכה. האָט אַספּינוס געשיקט טיטוס הרשע אַזוי ווי ער האָט איינגענומען די שטאָדט ירושלים איז ער אַריין געגאַנ-גען אין קדשי קדשים אַריין. אין ער האָט אַריין גענומען אַ זונה אין ער האָט אויף געשפּרייט אַ ספר תורה. אין ער האָט מזנה געוועזען אין ער האָט אַרויס גענומען די שווערד אין ער האָט געשטאָכען דאָס פּרוכת איז געשעהן איין נס אין עס האָט פֿון פּרוכת אַרויס געשפּריצט בלוט האָט ער גירעכענט אַז ער האָט געהרגעט דעם וואָס ער האָט געוואָלט... אין ער האָט פֿון פּרוכת געמאַכט איין זאַק. אין ער האָט צוזאַמען גענומען אַלע כלים פֿון בית המקדש. אין ער האָט זיי אַריין געלייגט אין דעם פּרוכת אַריין אין ער האָט זיך אויף געזעצט אויף אַ שיף ער זאָל פאָהרען קיין רוים ער זאָל זיך בערימען אין רוים וואָס ער האָט געטוהן. איז אויף איהם אויף געשטאַנען איין שטורים ווינד אין עס האָט איהם געוואָלט דערטרינקען. האָט טיטוס געזאָגט מיר דאַכט זיך אַז דער יודישער גאָט איז נאָר שטאַרק אויף דעם וואַסער. פּרעה האָט ער דערטרינקען אין וואַסער. סיסרא האָט ער דערטרינקען אין וואַסער. מיך וויל ער אויך דערטרינקען אין וואַסער אויב ער איז שטאַרק זאָל ער מיט מיר מאַכען אַמלחמה אויף דער יבשה וועלען מיר זעהן ווער עס איז שטאַרקער. איז אַרויס געגאַנגען אַ בת קול אין עס האָט געזאָגט די רשע בן רשע דאָס איינ־קעל פֿון עשו הרשע איך האָב אַקליין בעשעפעניש אַפֿליג געה אַרויף אויף דער יבשה אין מאַך מיט איהר אַמלחמה. אַזוי ווי ער איז אַרויס געגאַנגען פֿון דער שיף איז די פֿליג אַריין אין זיין נאָז אַריין. אין פֿון דער נאָז איז זי אַריין אין דעם מוח אַריין אין זי האָט איהם גילעכערט זיין מוח זיבען יאָהר:

איינמאָהל איז ער אַדורך געגאַנגען דורך איין קאָוואַל האָט דאָס פֿליגעל דערהערט דאָס קול פֿון האַממער. איז עס שטיל געוואָרען האָט ער געזאָגט עס איז דאָ אַ עצה שטיל צו מאַכען דאָס פֿליגעל. האָט ער יעדען טאָג גערופֿען אַ קאָוואַל ער זאָל פֿאַר איהם קלאַפּען מיט דעם האַממער אַז ער האָט גערופען איין גוי האט ער איהם בעצאַהלט פיהר גולדען אַ טאָג. אין אַז עס איז צו איהם געקומען איין יוד האָט ער איהם ניט געוואָלט בעצאָהלען ער האָט איהם געזאָגט עס איז גענוג אַז די זעהסט אַ נקמה אין דיין שונא עס האָט איהם געהאָלפען דאָס קלאַפּען אַ חודש. שפּעטער איז דאָס פֿליגעל געוואוינט געוואָרען מיט דעם קלאַפּען. אין עס האָט שוין ניט געהאָלפען דאָס קלאַפּען פֿון האַממער אין עס האָט ווייטער גילעכערט אין זיין מוח ביז ער איז געשטאָרבען. אין ווען ער איז געשטאָר-בען האָט מען צו שפּאַלטען זיין קאָפּ אין מען האָט אַרויס גענומען דאָס פֿליגעל איז עס געוועזען גרויס אַזוי ווי אַטויב פֿון אַ יאָהר עס האָט געוואויגען צוויי פֿונט. דאָס מויל פֿון דער פֿליג איז געוועזען פֿון קופּער אין די נעגעל

זענען

זענען געווען פון איזען איידער ער איז געשטארבען האט ער איבער געלאזט אצוואה אז מען זאל זיין גוף פערברענען אין מען זאל דאס אש פערשפרייטען אויף אלע זיבען ימים כדי דער יודישער גאט זאל איהם ניט געפינען אין ער זאל איהם משפטן:

**אונקלוס** בן קלוניקוס איז געווען טיטוס איין שוועסטערס:

א זוהן ער האט זיך געוואלט מגייר זיין האט ער אויף געבראכט טיטוסען מיט כישוף אין ער האט איהם גיפרעגט ווער איז חשוב אויף דעם עולם העליון האט ער איהם גיענטפערט די ישראל. האט ער איהם גיפרעגט צו זאל ער זיך מגייר זיין. האט ער איהם גיענטפערט די יודען האבען זייער פיהל מצות די ווערסט ניט קענען מקיים זיין אלע מצות נאר ריין דיך מיט זיי ווערסט די ווערען גרויס ווייל ווער עס טהוט זיי שלעכטס ווערד ברויס. האט איהם אונקלוס גיפרעגט וואס זיין שטראף איז האט ער איהם גיענטפערט דאס זעלבע וואס איך האב זיך אליין גיפסקינט יעדען טאג נעמט מען צוזאמען מיין אש אין מען בעשאפט מיך אין מען משפט מיך און מען פערברענד מיך צוריק אין מען צושפרייט דאס אש אויף זיבען ימים. האט ער אויף געבראכט בלעם הרשע אין ער האט איהם גיפרעגט ווער איז חשוב אויף דעם עולם העליון האט ער איהם גיענטפערט די ישראל. האט ער איהם גיפרעגט צו ער זאל זיך מגייר זיין האט ער איהם גיענטפערט די זאלסט ניט פארשטען זייער גוטס ביז אייוויג האט ער אויף גיבראכט א יודישען רשע אין ער האט איהם גיפרעגט ווער איז חשוב אויף עולם העליון האט ער איהם גיענטפערט די ישראל האט ער איהם גיפרעגט צו ער זאל זיך מגייר זיין האט ער איהם גיענטפערט די זאלסט זייער גוטס זאלסט די פארשטען אין זייער שלעכטס זאלסט די ניט פארשטען דער וואס רוהערט די ישראל איז גלייך ווי ער רוהערט זיין אפעל פון אויג אין ער האט זיך מגייר געווען. דער גאנצער גורם פון דעם חרבן איז געווען וואס מען האט מבייש גיווען בר קמצא האט הקב"ה צו געהאלפען בר קמצא אז דאס בית המקדש זאל חרוב ווערען פון דאנען זעהן מיר ווי גרויס דער חטא איז אז מען איז מבייש אמענטש:

**דורך** איין האן מיט א הין איז חרוב געווארען די שטאט טור מלכא עס איז אין דער שטאדט געווען א מנהג אז ווען מען האט חתן וכלה געפיהרט צו דער חופה האט מען פאר זיי גע-טראגען א האן מיט א הין אויף א סימן אז זיי זאלען זיך מעהרען אזוי ווי די עופות. איינמאהל איז צו געקומען צו דיא חופה רומיים אין זיי האבען געוואלט צו בעמען דעם האן מיט דער הין זענען די יודען זיי בעפאלען אין זיי האבען זיי געשלאגען. זענען די רומיים געגאנגען צום קיסר און זיי האבען איהם דערציילט אז די יודען האבען זיי געשלאגען. איז דער קיסר געגאנגען מיט זיי מלחמה האלטען. צווישען די יודען איז געווען איין יוד ער האט געהייסען בר דרומא ער איז גע-ווען א שטארקער מענטש ער האט געגעבען א שפרינג ווייט אויף צוויי טויזענד איילען און ווער עס איז געש-טאנען און די צוויי טויזענד איילען האט ער געהרגט. האט דער קיסר פון רום אראב גענומען די קרוין פון זיין קאפ אין ער האט געזאגט רבש"ע איך בעט דיך אז די זאלסט מיך אין מיינע זעלנער ניט איבער ענטפערעז אין. דער האנד

פון איין מענש. האָט בר דרומא זיך געשטרויכעלט מיט זיין מויל און ער האָט געזאָגט די גאָט האָסט אונז פער-לאָזט און די געהסט ניט אַרויס אין אינזערע מלחמות. דאָס מיינט מען אַז מיר דאַרפען ניט אַז די זאָלסט אונז העלפען. אין ער איז אַריין געגאנגען אין בית הכסא אַריין איז געקומען אַ שלאַנג אין ער האָט איהם אַרויס גישלעפט זיינע קישקעס אין איז געשטאָרבען. האָט דער קיסר געזאָגט ווייל הקב"ה האָט מיר געטוהן אַ נס וועל איך זיי יעצט אָבלאָ-זען אין וועל זיי גאָר נישט טוהן. אַז די יודען האָבען גיזעהן אַז דער קיסר איז פון זיי אוועק בעגאַנגען האָבען זיי זיך אָהנגעהויבען צו פרייען אין צו עסען אין טרינקען אין אָהנגעצינדען ליכט אַז עס איז געוועזען אַזוי לעכטיג אין שטאָדט אַז צוויי טויזענט איילען ווייט פון דער שטאָדט האָט מען אָהנגעזעהן דאָס אויס-קריצעכץ פון אַ פינגערל האָט דער קיסר געזאָגט די יודען שפעטין פון מיר. איז ער געוואָרען אין כעס אויף די יודען אין ער איז צוריק געגאַנגען אויף אַ מלחמה אין עס זענען אַריין געגאַנגען אין שטאָדט אַריין דריי הינדערט טויזענד זעלנער מיט שווערדען אין די הענד אין מען האָט געהרגט די יודען. דריי טעג אין דריי נעכט. די שטאָדט טור מלכא איז געוועזען אַזוי גרויס אַז אין איין זייט האָט מען געהרגט אין דער צווייטער זייט האָט מען געטאַנצט אין איין עק שטאָדט האָט מען ניט געוויסט וואָס עס טהוט זיך אין דעם צווייטען עק שטאָדט:

דורך איין אָקס פון אַ וואָגען איז חרוב געוואָרען די שטאָדט ביתר.

אין דער שטאָדט ביתר איז געוועזען אַ מנהג אַז עס איז געבאָרען געוואָרען אַ זכר האָט מען געפלאַנצט אַ בוים וואָס ער הייסט ארז אין אַז עס איז געבאָרען געוואָרען אַ נקבה האָט מען געפלאַנצט אַ בוים וואָס הייסט תדהר אין אַז זיי האָבען חתונה געהאַט האָט מען אינטער געהאַקט די צוויי ביימער אין מען האָט פון זיי געמאַכט חופה שטאַנגען. איינמאָל איז די טאָכטער פון רוימישען קיסר אדורך געפאָרען דורך דער שטאָדט ביתר האָט זיך צובראָכען איין אָקס פון איהר וואָגען האבען איהרע קנעכט אונ-טער געהאַקט איין בוים וואָס ער הייסט ארז אין זיי האָבען געמאַכט איין אָקס צו דעם וואָגען וואָס די קיסרס טאָכ-טער איז מיט איהם געפאָהרען. זענען די יודען בעפאַלען די קנעכט אין זיי האָבען זיי געשלאָגען. איז די טאָכטער אהיים געקומען אין זי האָט דערציילט דעם קיסר אַז די יודען האָבען איהרע קנעכט געשלאָגען איז דער קיסר גע-גאַנגען אויף דער שטאָדט ביתר מלחמה האַלטען אין עס זענען אַריין געגאַנגען אין שטאָדט אַריין אַכציג טויזענד עלטס-טע פון די זעלנער אין זיי האָבען געהרגט אנשים ונשים וטף אין דאָס יודישע בלוט איז גערינען אַריין אין ים הגדול אין פון דער שטאָדט ביתר ביז צום ים הגדול איז געוועזען ווייט צוויי טויזענד איילען. זיבען יאָהר האָבען די גוים געמוסטיגט זייערע אללע פעלדער פון יודישען בלוט:

אויף איין פלאַץ לעבען דער שטאָדט ירושלים האָט נבוזראַדן אויסגע-הרגט פיער אין ניינציג מאָהל צעהן טויזענד יודען אויף איין שטיין ביז זייער בלוט איז צו גערינען צו דעם בלוט פון זכריהו הכהן וואָרים ער האָט געזעהן ווי דאָס בלוט פון זכריהו הכהן קאָכט זיך האָט ער גיפרעגט ווער איז דאָס בלוט. האָבען די יודען איהם גיענט-פערט אַז דאָס איז בלוט פון קרבנות וואָס עס איז פערגאָסען געוואָרען. האָט ער

ער געהייסען ברענגען בלוט פון קרבנות זעהן צו דאָס בלוט איז גלייך צו דעם בלוט. האָט ער גיזעהן אַז עס איז נישט גלייך. האָט ער געזאָגט צו די יודען וועט איהר מיר אויסזאָגען ווער דאָס בלוט איז איז גוט. אין אויב ניט וועל איך קעמען אייער לייב מיט אייזערנע קאַמען. האָבען זיי איהם דערציילט עס איז צווישען אינץ געוועזען אַ נביא וואָס ער האָט אונץ געזאָגט מוסר האָבען מיר איהם געהרגט אין עס איז שוין עטליכע יאָהר זינט מיר האָבען איהם געהרגט אין זיין בלוט רוהט נישט. האָט נבוזראדען געזאָגט איך וועל איהם איבער בעטין האָט ער געבראַכט די סנהדרין גדולה אין די סנהדרין קטנה. אין ער האָט זיי געשאָחטין אויף דעם בלוט פון זכריהו אין דאס בלוט האָט נישט גערוהט האָט ער געבראַכט בחורים אין בתולות אין ער האָט זיי געשחטין אויף דעם בלוט אין דאָס בלוט האָט נאָך ניט גערוהט האָט ער געבראַכט די קינדער פון חדר אין ער האָט זיי געשחטין אויף דעם בליט אין דאָס בלוט האָט נאָך אַלעס נישט גערוהט. האָט ער געזאָגט זכריהו זכריהו! די בעסטע פון די יודען האָב איך שוין אויסגעהרגט אין דיין בלוט רוהט נאָך נישט ווילסט די אַז איך זאָל אויסהרגנען אַלע יודען. ווי ער האָט דאָס געזאָגט האָט דאָס בלוט גערוהט. האָט נבוזראדן ביי זיך געטראַכט אַז די יודען האָבען געהרגט איין נפש האבען זיי געהאַט אַזאַ עונש איך האָב אַזוי פיעל נפשות אויס געהרגט. וואָס פאַר אַ עונש וועט מיר קומען. האָט ער אַהיים געשיקט איין בריעף ווי אַזוי די קינדער זאלען זיך טהיילען מיט זיין פערמעגען אין ער האָט זיך מגייר געוועזען:

מען האָט געבראַכט צום קיסר פון רוים איין אשה מיט איהרע זיבען זוהן האָט דער קיסר געזאָגט צו דעם ערשטען זוהן אַז ער זאָל דינען די עבודה זרה האָט איהם דער זוהן גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה „אנכי ד׳ אלקיך" הקב״ה זאָגט צו די יודען איך בין דיין גאָט אבער נישט קיין צווייטער איבער דעם טאהר איך נישט דינען די עבודה זרה. האָט מען איהם גיהרגעט. האט מען געבראַכט דעם צווייטען זוהן האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט דין די עבודה זרה. האָט ער גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה „לא יהיה לך אלקים אחרים על פני" די זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע אָב געטער האָט מען איהם געהרגעט. האָט מען געבראַכט דעם דריטען זוהן אין מען האָט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה. האָט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „לא תשתחוה לאל אחר" די זאָלסט דיך ניט ביקען צו קיין אַנדערין אָב גאָט האָט מען איהם אויך געהרגעט. האָט מען געבראַכט דעם פערטען זוהן אין מען האָט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה האָט ער גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה „זובח לאלהים יחרם" דער וואָס ער שעחט צו דער עבודה זרה זאָל ווערען פערוויסט האָט מען איהם אויך געהרגעט. אין מען האָט געבראַכט דעם פינפטען זוהן אין מען האָט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה. האָט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד" האָט מען איהם אויך געהרגעט. האָט מען געבראַכט דעם זעקסטען זוהן אין מען האָט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה האָט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „והשבות אל לבבך כי ד׳ הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד" די זאָלסט וויסען ביי דיר אין הארץ אַז הקב״ה איז איין גאָט אויף דעם הימעל און אויף דער ערד אין עס איז נישט

ניש דא קיין צווייטער בעשעפער א חוץ איהם האָט מען איהם אויך געהרגט אין מען האָט געבראַכט דעם זיבעטין זוהן און מען האָט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה האט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „את ד׳ האמרת היום וד׳ האמירך היום״ די האסט געאיינציגט הקב״ה פאַר איין גאָט אין הקב״ה האָט דיך געאיינציגט פאַר איין פאָלק מיר האָבען געשווארען צו הקב״ה אַז מיר זאָלען איהם נישט פערבייטען פאַר קיין אַנדערען גאָט אין הקב״ה האט אינך צו געשוואָרען אַז ער זאָל אינך נישט פערבייטען פאַר איין אַנדער פאלק. האט דער קיסר געזאָגט צו דעם יונגעל איך וועל אַראָב ווארפען מיין פינגעריל אין די ווערסט דיך אַראב בייגען אויף דער ערד אויף צו הייבען דאס פינגעריל כדי די מענשען זאלען רעכינען אַז די ביקסט דיך צו דער עבודה זרה און די האָסט געטוהן מיין בעפעל. האָט דאָס יונגעל געזאָגט צום קיסר וועה צו דיר קיסר צוליעב דיין כבוד טוהסט די אַזוי עס איז דיר אַבושה איך זאל נישט טוהן דיין בעפעהל. פאַר דעם כבוד פון הקב״ה דאַרף איך זיך זיכער מוסר נפש זיין. האט מען איהם אויך געהייסען הרגינען. איידער מען האט איהם געהרג׳ט האט די מוטער געזאָגט גיט מיר דאָס קינד איך זאָל איהם אַביסעל אָהנקישען און זי האָט געזאָגט צו דעם קינד מיינע קינדער געהט און זאָגט צו אייער פאטער אברהם די האסט מקריב געווען איין זוהן און איך האָב מקריב געווען זיבען זוהן און זי איז אַרויף געגאַנגען אויף איין דאַך און זי האָט זיך אַראָב געוואָרפען פון דאַך און זי איז געשטאָרבען. און עס איז אַראָב איין בת קול און עס האָט געזאָגט „אם הבנים שמחה״ די מוטער פון די קינדער איז פריילוך זי איז אין גן עדן:

ווען שלמה המלך האט גישטעלט דאָס בית המקדש האט ער בעדאָרפען פיעל שטיינער אין דער דין איז אַז מען טאָר נישט האַקען די שטיינער מיט קיין האמער האָט שלמה המלך גיפרעגט די רבנים איין עצה וואָס ער זאָל טוהן מיט די שטיינער האָבען די רבנים איהם גיענטפערט עס געפינט זיך איין בעשעפיניש וואָס עס הייסט שמיר וואָס קיין שום האַרטע זאַך קען נישט בייסטיין קעגען דעם שמיר. ווען משה רבינו האָט בעדאָרפען צו שניצען די שטיינער צום אפוד האָט ער גענימען דעם שמיר אין ער האָט איהם אַרויף געלייגט אויף דעם שטיין איז דער שטיין צו שפאַלטען געוואָרען האָט שלמה זיי גיפרעגט ווי נעמט מען דעם שמיר האָבען זיי איהם גיענטפערט די זאָלסט נעמין איין שד אַ זכר אין א שד אַ נקבה אין די זאָלסט זיי צווינגען וועלען זיי דיר מיזען זאָגען ווי דער שמיר געפינט זיך האָט שלמה אַזוי געטוהן האָבען איהם די שדים גיענטפערט מיר ווייסען נישט ווי דער שמיר געפינט זיך נאָר אפשר ווייסט אונזער מלך אַשמדאי. האָט זיי שלמה גיפרעגט ווי געפינט זיך אייער מלך איך זאָל איהם קענען נעמען צו מיר. האָבען זיי איהם גיענטפערט ער געפינט זיך אויף איין בארג אין ער האט זיך דאָרט געגראָבען איין ברין אין ער האָט זי צו גידעקט מיט אַ שטיין אין פערחתמט מיט זיין חתימה. אין יעדען טאָג געהט ער אַרויף אויף דעם הימעל אין דער ישיבה של מעלה אין ער לערינט דאָרט תורה אין דערנאָך קומט ער אַראָב אויף דער ערד אין ער לערינט מיט אונץ די תורה וואָס ער האָט גילערענט אויף דעם הימעל. אין דערנאָך געהט ער טרינקען דאָס וואַסער פון דער ברין אין ער בעקוקט זיין חתימה צו זי איז גאַנץ אין אַז זי איז גאַנץ. עפענט ער

אויף

אויף די ברין אין טרינקט דאָס וואַסער פון דעֶר ברין אין עֶר פעֶרמאַכט צוריק די ברין. האט שלמה המלך געשיקט בניהו בן יהוידע אין ער האט איהם מיט געֶגעבען איין קייט וואס עס איז געוועזעֶן אויסגעקריצט איין שם. אין איין פינגערעֶל וואס עֶס איז געֶוועזעֶן אויסגעֶקריצט דער שם אין בינטלעך וואָל אין לאָגלען ווין. בניהו בן יהוידע איז געגאַנגעֶן צום דעם באַרג וואס אַשמדאי האט דארט געהאט די ברין אין ער האָט אויסגעגראָבעֶן איין גריב אונטעֶר דער ברין פון אַשמדאי אין עֶס איז אַרויסגעֶרינען דאס וואַסער פון דער ברין אין ער האָט פעֶרשטאָפט דאס לאָך פון דעֶר ברין מיט דער וואָל דערנאָך האט עֶר געגראבען איין גריב העכער פון דעֶר ברין פון אַשמדאי אין ער האָט געמאַכט איין לאָך פון דעם גריב אין דעֶר ברין אַריין אין ער האט אַריין געגאסען ווין אין דעם גריב אַריין אין דער ווין איז אַריין געריגעֶן אין דעֶר ברין אַריין. דעֶרנאָך האט ער די צוויי גריבער פערשיט כדי אַשמדאי זאָל ניט דערקענען אַז עמיצעֶר האָט דאָ עֶפיס געטוהן אין ער האָט זיך אַרויף גיזעֶצט אויף אַ בוים אין וועֶן אַשמדאי איז צו געקומען צו דעֶר ברין אין עֶר האָט גיזעֶהן אַז די חתימה איז גאַנץ האָט ער גיעפעֶנט די ברין האָט ער געזעהן אז אין דעֶר ברין איז דאָ ווין. האָט ער ניט געֶוואָלט טרינקעֶן ער איז אָבעֶר געוואָרען דאָרשטיק אין עֶר האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען אין ער האט געֶטרינקען דעם ווין איז ער שיכור געֶווארען אין ער איז אַנשלאָפען געוואָרעֶן איז בניהו אַראב געגאַנגען פון בוים אין עֶר האט איהם געֶבינדען מיט דעֶר קייט ווען ער האט זיך אויף געכאַפט פון שלאף אין עָר האט געזעהן די קייט האט ער געוואלט צו רייסען די קייט. האט בניהו צו איהם געזאגט דעם שם פון הקב"ה איז אויף דיר. ווי אַשמדאי האָט דאָס דערהערט, איז ער געֶבליבעֶן רוהיג האָט איהם בניהו אָהנגענומעֶן אין עֶר האָט איהם געֶפיהרט אויף דעם וועג האָט ער זיך געגעֶבען איין קראַץ אין איין בוים האָט ער דעם בוים אום געוואָרפעֶן איז ער צו געקומען צו איין שטיב פון איין אַלמנה. איז די אַלמנה צו איהם אַרויס געגאַנגען. אין זי האָט איהם געֶבעטעֶן אַז עֶר זאָל איהר ניט איינוואַרפען דאָס הויז האָט ער זיך אוועק געבויגעֶן פון דער שטיב. האָט עֶר צו בראָכען איין ביין אויף דעם וועֶג. האָט עֶר געזעהן איין סגי נהור ווי ער בלאָנדשזעט אין וועג. האָט ער איהם אָהנגעֶנומען אין צוריק געֶשטעֶלט אויף דעם וועג. דערנאך האָט ער געֶזעהן איין שיכור בלאָנדשזעט אין וועג. האָט עֶר איהם אויך צוריק גישטעֶלט אויף דעם וועג. נאך דעם האָט ער געזעֶהן איין חתונה. אין מען האָט זיך שטאַרק געֶפרייט. האָט עֶר געוויינט. נאָך דעם האָט ער גיהעֶרט ווי אַמעֶנטש האָט געזאָגט צו אַ שוסטעֶר. אַז ער זאָל איהם מאַכען איין פאָר שיעֶך אויף זיבעֶן יאָהר. האָט ער געֶלאַכט. נאָך דעם האָט ער געזעֶהן ווי אַמכשף זיצט אין מאַכט כישוף. האָט ער אויך געֶלאַכט. ווען ער איז געֶקומען צו שלמה המלך. האָט מעֶן איהם דריי טעֶג ניט אַריין געלאָזט. דעם עֶרשטען טאָג האט ער גיפרעגט פאֶר וואָס לאָזט מעֶן מיך ניט אַריין צום מלך. האָט מעֶן איהם גיעֶנטפערט אַז ער האָט פיהל וויין געֶטרינקען. האָט עֶר גענומעֶן איין ציגעל אין געֶלייגט אויף איין צווייטען האָט מעֶן דאס דעֶרציילט שלמה. האָט ער געזאָגט דאָס וואָס עֶר האָט געֶלייגט איין ציגעֶל אויף דעם צווייטען דאָס בעדייט אַז ער הייסט מיר געבען נאָך צו טרינקען

טרינקען דעם צווייטען טאג. האט אשמדאי
גיפרעגט פאר וואס לאזט מען מיך ניט
אריין צו שלמה. האט מען איהם
גיענטפערט אז ער האט פיהל וויין
געטרינקען. האט ער גענומען דעם ציגעל
אראב פון צווייטען. האט מען דאס
דערציילט שלמה. האט שלמה געזאגט
אז דאס וואס ער האט אראב גענומען
איין ציגעל פון צווייטען דאס בעדייט
אז מען זאל מיר געבען ווינציג צו עסען.
נאך דריי טעג האט איהם שלמה אריין
גערופען צו זיך. האט אשמדאי גענומען
איין שטעקעלע פון פיהר איילען און ער
האט עס געווארפען פאר שלמה. און
ער האט צו איהם געזאגט ווען די
וועסט שטארבען וועסט די מעהר ניט
האבען ווי פיהר איילען ערד. און די
האסט איינגענומען די גאנצע וועלט. און
די האסט דיך ניט אהנגעזעט ביז די
האסט מיך אויך איינגענומען. האט איהם
שלמה גיענטפערט איך וויל פון דיר
גאר ניט. נאר איך וועל שטעלען דאס
בית המקדש און איך דארף האבען דעם
שמיר זאג מיר ווי ער געפינט זיך. האט
איהם אשמדאי גיענטפערט דער שמיר
געפינט זיך ביי דעם שר של ים און
ער גיט איהם ניט נאר דעם ווילדען
האן אז ער שווערט איהם צו אז ער
וועט איהם אבגעבען. האט איהם שלמה
גיפרעגט צו וואס דארף דער האן
האבען דעם שמיר. האט איהם אשמדאי
גיענטפערט ער נעמט דעם שמיר צו די
ליידיגע בערג וואס עס וואקסט אויף
זיי ניט קיין ביימער און קיין זרעים
און אזוי ווי ער האלט דעם שמיר
איבער די בערג ווערט אין די בערג
איין שפאלט נאך דעם ברענגט ער
זרעים פון ביימער און ער ווארפט אריין
אין די שפאלטען די זרעים און עס
וואקסט ארויס ביימער און פון דעם האט
ער צו עסען. האט מען געזוכט איין
נעסט פון דעם ווילדען האן. און עס
איז געווען אין דער נעסט יונגע
עופות און מען האט פערמאכט די
נעסט מיט גלאז כדי ווען דער האן
וועט אהנקומען זאל ער זעהן די קינדער
און ער זאל ניט קענען צו זיי צו קומען
וועט ער דארפען בענוצען דעם שמיר
איבער צו שניידען דאס גלאז ווי דער
האן איז אהנגעקומען און ער האט
געזעהן ווי די נעסט איז פערמאכט מיט
גלאז און ער האט געוואלט אריין געהן
צו די קינדער. און ער האט ניט גיקענט
אריין געהן איז ער געגאנגען צום
שר של ים און ער האט ביי איהם גענומען
דעם שמיר און ער האט איהם צו
געלייגט צו דעם גלאז אזוי ווי די שלוחים
פון שלמה המלך האבען דערזעהן האבען
זיי געגעבען אגעשריי אויף דעם האן.
האט זיך דער האן דערשראקען און ער
האט דעם שמיר ארויס געלאזט פון
מויל און זיי האבען דעם שמיר צו
גענומען אינדער האן האט זיך דערווארגען
וויל ער האט עובר געווען אויף דער
שבועה וואס ער האט צו געשווארען
צום שר של ים אז ער זאל איהם אב
געבען דעם שמיר. האט, בניהו גיפרעגט
אשמדאי פאר וואס אז די האסט געזעהן
ווי דער סגי נהור בלאנדזשעט אין וועג
האסט די איהם צוריק גישטעלט אויף
דעם וועג. האט אשמדאי גיענטפערט
איך האב געהערט ווי מען האט אויסגע-
רופען אויף דעם הימעל אז ער איז
א צדיק גמור און ווער עס וועט איהם
טוהן א נחת רוח וועט זוכה זיין לעולם
הבא איבער דעם האב איך איהם צוריק
גישטעלט אויף דעם וועג כדי איך זאל
זוכה זיין לעולם הבא. האט ער איהם
ווייטער גיפרעגט פאר וואס אז די
האסט געזעהן דעם שיכור בלאנדזשען
האסט די איהם צוריק געשטעלט אויף
דעם וועג האט ער איהם גיענטפערט
ווייל

ווייל מען האט אויף איהם אויסגערופען אין הימעל אז ער איז א רשע גמור האב איך איהם געוואלט טוהן א נחת רוח כדי ער זאל אב נעמען זיין שכר אויף דער וועלט אז אויף יענער וועלט זאל ער קיין שכר נישט האבען האט ער איהם ווייטער גיפרעגט פאר וואס ווען די האסט געזעהן אז מען האט זיך געפרייט אויף דער חתונה האסט די געוויינט. האט ער איהם גיענטפערט ווייל איך האב געזעהן אז דער חתן וועט שטארבען אין די דרייסיג טעג פון דער חופה אין די כלה וועט דארפען ווארטען דרייצען יאהר אויף איין שוואגער אז ער זאל איהר געבען חליצה. האט ער איהם ווייטער גיפרעגט. פאר וואס ווען די האסט גיהערט אז דער מענטש האט געזאגט צום שיסטער אז ער זאל איהם מאכען שיעך אויף זיבען יאהר האסט די געלאכט. האט ער איהם גיענטפערט דער מענטש וועט קיין זיבען טעג נישט לעבען וויל ער שיעך אויף זיבען יאהר. האט ער איהם ווייטער גיפרעגט פאר וואס אז די האסט געזעהן ווי דער מכשף זיצט אין טוהט כישוף האסט די געלאכט. האט ער איהם גיענטפערט ווייל אונטער דעם ארט ווי דער מכשף איז געזעסען ליגט איין אוצר מיט גאלד און זילבער אין ער מאכט כישוף אין ווייסט נישט וואס עס ליגט אונטער איהם. האט שלמה איהם אויף געהאלטען ביי זיך ביז ער האט פערענדיגט דאס בית המקדש. איינמאהל איז שלמה געשטאנען אליין מיט אשמדאי האט שלמה גיפרעגט אשמדאי עס שטייט אין דער תורה אז איהר שדים זענט גרויסע העלדען מיט וועלכען זענט איהר שטארקער פון אונז. האט אשמדאי איהם גיענטפערט נעם אראב פון מיר די קייט און גיב מיר דיין פינגעריל וועל איך דיר ווייזען מיין שטארקייט האט שלמה פון איהם אראב גענימען די קייט אין ער האט איהם געגעבען זיין פינגעריל. האט איהם אשמדאי איינגעשלינגען און מיט איין פליגעל האט ער זיך אהנגעשפארט אין דער ערד אין דעם צווייטען פליגעל אין דעם הימעל. אין ער האט איהם אויס געשפיגען אויף פיער הינדערט מייל ווייט. אין שלמה המלך איז ארום געגאנגען אין די הייזער אין ער האט געשריגען איך בין שלמה המלך. האט איהם קיינער ניט געוואלט גלויבען. מען האט איהם גע-האלטען פאר א משוגענער אין ער איז געקומען צו די סנהדרין און ער האט אויך דאס זעלבע געזאגט. האבען די סנהדרין געזאגט אז א משוגינער האלט זיך נישט שטענדיג בלויז ביי איין זאך און קיין צווייטע משוגינע רייד זאגט ער נישט. דארף מען בודק זיין גוט אין דער זאך. האבען די סנהדרין געשיקט רופען בניהו אין זיי האבען איהם גיפרעגט צו דער מלך האט איהם אין דער צייט גערופען האט ער גיענטפערט אז נישט. האבען זיי גיפרעגט די ווייבער צו דער מלך קומט צו זיי האבען זיי גיענטפערט יא. האט מען זיי געהייסען בודק זיין אין זיינע פיס ווייל שדים האבען פיס אזוי ווי הענער. האבען זיי גיענטפערט אז ער קומט צו זיי אין די זאקען אין ער איז זיי תובע ווען זיי זענען נדות אין ער איז תובע בת שבע זיין מוטער האבען די סנהדרין פערשטאנען אז דאס איז אשמדאי. האט מען געגעבען שלמה המלך זיין פינגעריל וואס עס איז געווען אויס געקריצט דעם שם אין די קייט וואס עס איז געווען אויס געקריצט דעם שם אין שלמה איז אריין געגאנגען זיך אין שטיב אריין ווי אשמדאי האט איהם דער זעהן איז ער אוועק געפלויגען:

רב כהנא איז אויף געגאנגען פון בבל קיין ארץ ישראל האט איהם רב געזאגט

געזאָגט אז זיבען יאָהר צייט זאָל ער
נישט פרעגען ר׳ יוחנן קיין שום קשיא.
האָט ר׳ שמעון בן לקיש געזאָגט צו ר׳
יוחנן א גרויסער מאַן איז אהער געקו-
מען פון בבל מאָרגען ווען ער וועט קו-
מען אין דער ישיבה אריין זאָלסט די
אויף איהם אכטונג געבען. ווען רב כהנא
איז געקומען צומאָרגענס צו ר׳ יוחנן אין
דער ישיבה אריין האָט איהם ר׳ יוחנן
געזעצט אין דער ערשטער שורה עס איז
געזעסן אויסגיזעצט זיבען שורות תלמידים
האָט ר׳ יוחנן געזאָגט א הלכה אין רב
כהנא האָט איהם גאָר נישט גיפרעגט
האָט מען איהם אראָב גיזעצט נידריגער
איין באַנק. האָט ר׳ יוחנן ווייטער געזאָגט
א הלכה אין רב כהנא האָט איהם אויך
גאָר נישט איבער גיפרעגט האָט מען
איהם אראָב גיזעצט נידריגער נאָך איין
באַנק ביז מען האָט איהם גיזעצט אויף
דער לעצטער באַנק. האָט ר׳ יוחנן
געזאָגט צו ר׳ שמעון בן לקיש דער לייב
וואָס איז געקומען פון בבל איז געוואָרען
איין פוקס. האָט רב כהנא געזאָגט עס
זאָל זיין דער ווילען פון הקב״ה אז די
זיבען שורות בענק וואָס מען האָט מיך
אראָב גיזעצט זאָלען זיין פאַר די זיבען
יאָהר וואָס איך האָב צו געזאָגט צו רב
אין ער האָט געזאָגט צו ר׳ יוחנן אז ער
זאָל איבער זאָגען די הלכות וואָס ער
האָט פריהער געזאָגט. האָט ר׳ יוחנן
געזאָגט א הלכה אין רב כהנא האָט
איהם גיפרעגט א קשיא האָט ער ווייטער
געזאָגט א הלכה האָט איהם רב כהנא
ווייטער גיפרעגט א קשיא ביי יעדער
קשיא וואָס רב כהנא האָט גיפרעגט האָט
מען איבער גיזעצט העכער ביז ער איז
גיזעסן אויף דער ערשטער באַנק. ר׳
יוחנן איז געוועזען איין אַלטער מאַן אין
ער האָט געהאַט לאַנגע ברעמען האָט
ער געזאָגט הייבט מיר אויף מיינע
ברעמין כדי איך זאָל אָהנקוקען רב כהנא.
אין רב כהנא האָט געהאַט איין שפּאַלט
אין דער אויבערשטער ליפּ האָט זיך
איהם געדאַכט אז ער לאַכט פון איהם.
האָט ר׳ יוחנן געהאַט חלשות הדעת איבער
דעם אין רב כהנא נפטר געוואָרען. צו
מאָרגען האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו די
תלמידים איהר זעהט וואָס דער מענש
פון בבל האָט געטוהן ער האָט גילאַכט
פון מיר האָבען איהם די תלמידים
גיענטפערט ער האָט איין געשפּאַלטינע
ליפּ דאַכט זיך אז ער לאַכט. איז ר׳
יוחנן באַלד אריין געגאַנגען אין דער
מערה ווי רב כהנא איז גילעגען האָט
ער גיזעהן ווי א גרויסער שלאַנג ריינ-
געלט ארום די מערה כדי עס זאָל
קיינער נישט קענען אריין געהן אין דער
מערה אריין האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צום
שלאַנג. שלאַנג עפין אויף דיין מויל עס
זאָל אריין געהן דער רבי צום תלמיד
האָט דער שלאַנג נישט גיעפענט זיין
מויל. האָט ער ווייטער געזאָגט עפין
דיין מויל עס זאָל אריין געהן איין חבר
צום צווייטען. האָט ער ווידער נישט
גיעפינט. ווי ער האָט איהם געזאָגט
עפין דיין מויל עס זאָל אריין געהן
דער תלמיד צום רבין האָט ער גיעפינט
זיין מויל איז ר׳ יוחנן אריין געגאַנגען
אין דער מערה אריין אין ער האָט
מתפלל געוועזען אין רב כהנא איז
לעבעדיג געוואָרען האָט ר׳ יוחנן געזאָגט
צו רב כהנא איך זאָל געוועזען וויסען
אז די האָסט איין צו שפּאַלטענע ליפּ
וואָלט איך נישט געוועזען געהאַט קיין
חילשות הדעת. יעצט בעט איך דיך אז
די זאָלסט מיט מיר מיט געהן. האָט איהם
רב כהנא גיענטפערט אויב די קענסט
בעטין אז איך זאָל נישט קיינמאָהל
שטאַרבען וועל איך צוריק געהן אין אויב
נישט וועל איך מיט דיר נישט געהן
נאָר איך וועל צוריק געהן קיין בבל.
האָט איהם ר׳ יוחנן גיפרעגט אלע

ספקות ודיפיהל ער האָט געהאַט אין ער האט איהם אַלע פערענטפערט :

די יודען זענען איינמאָהל אויף געגאַנגען קיין ירושלים אויף יום טוב אויף דעם וועג האָבען זיי נישט געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען איז נקדימון בן גורין אַריין געגאַנגען צו אַ שר. אין ער האט צו איהם געזאָגט לייא מיר צוועלף גריבער וואַסער אין איך וועל דיר אָב געבען אַנדערע צוועלף גריבער וואַסער אויב עס וועט געהן רעגען וועלען די צוועלף גריבער ווערען צוריק פיהל אין אויב עס וועט ניט רעגענען וועל איך דערפילען די צוועלף גריבער מיט זילבער. אין מען האָט בעשטימט אַ צייט אַז ביז דעם טאָג אַז די גריבער וועלען ניט ווערען פיהל מיט וואַסער דאַרף נקדימון זיי אָהנפילען מיט זילבער. ווי עס איז געקומען דער בעשטימטער טאָג אין דער פריה האָט דער שר געשיקט צו נקדימון בן גורין אַז ער זאָל איהם געבען וואַסער אָבער געלד. האָט איהם נקדימון גיענטפערט עס איז הערשט אין דער פריה. בייטאָג האט דער שר צו איהם ווייטע געשיקט. האט ער איהם אויך גיענטפערט עס איז נאָך דאָ צייט. פאַרנאַכט האט דער שר צו איהם ווייטער געשיקט האט ער איהם אויך גיענטפערט עס איז נאך דא צייט. האָט דער שר אויס גישפעט פון איהם אין ער האָט געזאָגט אַגאַנץ יאָהר איז ניט געגאַנגען קיין רעגען. אין יעצט אין דער קורצער צייט וועט געהן רעגען. אין דער שר איז אַריין געגאַנגען אין מרחץ אריין פריילין דאָס ער וועט באַלד האָבען געלד. אין נקדימון בן גורין איז אַריין געגאַנגען אין בית המקדש טרויעריג אין ער האָט מתפלל געוועזען פאַר הקב״ה אין ער האָט געזאָגט רבש״ע עס איז גלוי וידוע פאר דיר ״ האב ניט געליגען דאָס וואַסער פאַר מיין כבוד וועגען נאר כדי די יודען זאָלען האָבען וואַסער. איז באַלד געוואָרען דער הימעל פערוואָלקענד אין עס איז געגאַנגען רעגען אין עס איז אָהנגעקומען אין די גריבער נאָך מעהר וואַסער ווי עס איז געוועזען בשעת ער האט געליגען. נקדימון בן גורין איז אַרויס געגאַנגען פון בית המקדש אין דער שר איז אַרויס געגאַנגען פון מרחץ אין זיי האָבען זיך ביידע בעגעגענט. האָט נקדימון געזאָגט צום שר גיב מיר געלד פאַר דעם וואַסער וואס עס איז דא מעהר. האָט איהם דער שר גיענטפערט איך וויס אַז אייער גאָט האָט ניט מרעיש געוועזען די וועלט נאָר פאַר דיינעט וועגען׳ דאָך האָב איך צו דיר אַ טענה ווייל די זון האָט זיך שוין גיזעצט איז דאָס וואַסער געגאַנגען אין מיין רשות. איז נקדימון ווייטער אַריין געגאַנגען אין בית המקדש אַריין אין ער האָט מתפלל געוועזען אין ער האט געזאגט רבש״ע מאַך וויסען אַז די האָסט בעגלייבטו מענטשען אויף דער וועלט אַזוי ווי די האסט מיר פרוהער געטוהן אַ נס טהו מיר יעצט אויך אַ נס האט אהנגעהויבען צו בלאָזען אַ ווינד אין די וואָלקענס זענען צו שפרייט געוואָרען אין די זון האט אויף געשיינט האָט מען געזעהן אַז עס איז טאָג :

דין תנא ר׳ אליעזר מיט די חכמים האָבען זיך געקריגט וועגען איין אויוועֶן צו ער איז טמא צו ער איז טהור. האָט ר׳ אליעזר געזאָגט אַז דער אויוועֶן איז טהור אין די חכמים האָבען געזאָגט אַז ער איז טמא אין ר׳ אליעזר האָט פיהל טעמים געגעבען צו זיינע רייד אין די חכמים האָבען זיינע טעמים ניט געוואָלט מקבל זיין. האט ר׳ אליעזר געזאגט צו די חכמים אויב די הלכה

איז אזוי ווי איך זאג זאל דער בוים וואס שטעהט לעבען אונז אויסווייזען איז דער בוים תיכף אויסגעריסען געווארען פון זיין ארט הונדערט איילען ווייט. האבען די חכמים געזאגט מיר קוקען ניט אויף דעם בוים. האט ר' אליעזר ווייטער געזאגט אויב די הלכה איז אזוי ווי איך זאל דאס וואסער אויסווייזען האט דאס וואסער אהנגעהויבען צו געהן צוריק האבען די חכמים געזאגט מיר קוקען ניט אויף דעם וואסער. האט ר' אליעזר ווייטער געזאגט זאלען די ווענט פון בית המדרש זיך איינבויגען און זיי האבען געהאלטען ביי איינפאלען האט ר' יהושע אהנגעשריגען אויף די ווענט. דא ווי תלמידי חכמים קריגען זיך וועגען א דבר הלכה זאלט איהר אייך ניט אינטערעסירען אין דעם זענען די ווענט ניט איינגעפאלען צוליב דעם כבוד פון ר' יהושע און זיי האבען זיך ניט אויף געשטעלט צוליעב דעם כבוד פון ר' אליעזר און זיי זענען געשטאנען איינגעבויגען האט ר' אליעזר ווייטער געזאגט זאל מען פון הימעל אויסווייזען אזוי ווי ווער די הלכה איז. איז אראב געקומען איין בת קול פון הימעל און האט געזאגט וואס ווילט איהר פון ר' אליעזר די הלכה איז אזוי ווי ער. האט זיך ר' יהושע אויף געשטעלט און ער האט געזאגט די תורה איז ניט אין הימעל מיר קוקען ניט אויף קיין בת קול די האסט געשריבען אין דער תורה „אחרי רבים להטות" אז מען געהט נאך דעם רוב און מיר זענען דער רוב. האט ר' נתן בעטראפען אליהו הנביא און ער האט איהם גיפרעגט וואס טוהט יעצט הקב"ה. האט ער איהם גיענטפערט ער פריידט זיך און ער זאגט מיינע קינדער האבען מיך מנצח געווען. און דעם טאג האט מען געבראכט אלע טהרות וואס ר' אליעזר האט מטהר געווען און מען האט זיי פערברענט און מען האט ר' אליעזר געלייגט אין חרם אריין האבען די חכמים געזאגט ווער וועט איהם געהן מודיע זיין האט ר' עקיבא געזאגט איך וועל איהם געהן מודיע זיין ווארים אויב עס וועט געהן איין אדם שאינו הגון און ער וועט ניט וויסען ווי אזוי איהם מודיע צו זיין קען ער חרוב מאכען די גאנצע וועלט. האט זיך ר' עקיבא אהנגעטוהן שווארצע מלבושים אזוי ווי איין אבל און ער איז געגאנגען צו ר' אליעזר און ער האט זיך געזעצט ווייט פון ר' אליעזר פיהר איילען האט איהם ר' אליעזר גיפרעגט וואס איז היינט אנדערש ווי שטענדיג. האט ער איהם גיענטפערט עס דאכט זיך מיר אז דיינע חברים זענען פון דיר אב געשייד. האט ר' אליעזר צוריסען זיינע מלבושים און ער האט זיך געזעצט אויף דער ערד און עס איז גערינען פון זיינע אויגען טרערען און די וועלט איז געשלאגען געווארען א דריטעל מיט איילבירטען און איין דריטעל מיט ווייץ און איין דריטעל מיט גערשטען. און אפילו דאס טייג וואס איז געווען ביי דער אשה און די הענד איז קאליע געווארען. און ווי ר' אליעזר האט געקוקט מיט זיינע אויגען איז עס פערברענט געווארען. און דער נשיא רבן גמליאל איז געפארען אויף איין שיף איז אויף איהם אויף געשטאנען איין פאליע און זי האט איהם געוואלט דערטרינקען האט רבן גמליאל געזאגט עס זעהט מיר אויס אז דאס איז צוליעב ר' אליעזר האט ער זיך אויף געשטעלט און ער האט געזאגט רבש"ע עס איז גלוי וידוע פאר דיר אז דאס האב איך ניט געטוהן צוליעב מיין כבוד און צוליעב מיינע עלטערענס כבוד נאר כדי עס זאל זיך ניט מעהרען קיין מחלוקת ביי די יודען האט זיך די פאליע אב געשטעלט.

דאס

דאָס ווייב פון ר׳ אליעזר האָט געהיי-
סען אימא שלום זי איז געוועזען איין
שוועסטער פון רבן גמליאל זיגט מען
האָט ר׳ אליעזר געלייגט אין חרם אַריין
האָט זי איהם נישט געלאָזט פאַלען אויף׳ן
פנים ביי תחנון כדי ער זאָל נישט מעניש
זיין רבן גמליאל׳ן ווייל רבן גמליאל איז
געוועזען נשיא אין דורך איהם איז דער
חרם געמאַכט געוואָרען. איינמאָהל האָט
זי זיך טועה געוועזען זי האָט גירעכינט
אַז אין דעם טאָג איז ראש חודש וועט
ער דאָך נישט זאָגען קיין תחנון האָט זי
איהם נישט געהיטען. האָט ר׳ אליעזר
געזאָגט תחנון און ער איז געפאַלען אויף
דעם פנים ווי זי האָט דאָס דערזעהן
האָט זי צו איהם געזאָגט שטעה אויף
די האָסט שוין דערהרגט מיין ברודער.
אַזוי ווי זי האָט דאָס אַרויס געזאָגט
האָט מען אין שטאָדט געבלאָזען שופר
פאַר אַ סימן אַז דער נשיא איז געש-
טאָרבען. האָט ר׳ אליעזר זי געפרעגט
פון וואַנען האָסט די געוויסט אַז ווען
איך וועל פאַלען אויף מיין פנים וועט
דיין ברודער שטאַרבען. האָט זי איהם
גיענטפערט אַזוי האָב איך בקבלה פון
מיין פאָטער אַז אַלע טויערען פון הימעל
זענען פערשלאָסען אויסער דעם טויער
פון אונאה דאס הייסט ווען מען דריקט
אַמענטש אומשולדיג:

דער תנא ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון
האָט אַמאָהל געטראָפען דעם שר
פון מלך אַרום געהן אין זיכען גנבים
ער זאָל זיי איינזעצין אין תפיסה האָט
איהם ר׳ אליעזר גיפרעגט ווי אַזוי קענסט
די זיי געפונען זיי זענען דאָך גלייך צו
די חיות פון פעלד וואָס בייטאָג טוהן
זיי זיך בעהאַלטען און בעהעלטינישען
וויא מענטשען גייען קיינמאָהל נישט
כדי מען זאָל זיי נישט זעהן קען דאָך
זיין אַז די נעמסט צדיקים אין די רשעים
ווערען ניצול. האָט איהם דער שר
גיענטפערט וואָס זאָל איך טוהן איך
האָב אַזאַ בעפעהל פון מלך איבער דעם
אז איך טרעף אַ מענש וואָס איך האָב
נאָר אויף איהם אַ חשד פון גנבה האָב
איך מורא איהם אָב צו לאָזען. האָט
איהם ר׳ אליעזר געזאָגט קום אַ הער
וועל איך דיר זאָגען ווי אַזוי די זאָלסט
טוהן די זאָלסט זיי זיכען אין די שענ-
קען אין די זאָלסט אַריין געהן אין אַ שענק
אַריין אין דער פיערטער שעה אויף דעם
טאָג וואָס דאַמאָלסט איז די צייט פון
עסין וואָס יעדער געהט דאַמאָלסט ארין
און די שענקען עסין אין אַז די וועסט
זעהן אַ מענש זיצט אין טרינקט ווין
און ער האַלט דעם כוס און דער האַנד
אין ער דרימצלט זאָלסט די אויף איהם
פרעגען וואָס זיין טוהן איז אויב ער
איז אַ תלמוד חכם קאָן זיין אַז ער האָט
זיך אויף געהויבען פאַרטאָג לערנען
איז ער יעצט שלעפעריג אין אויב מען
וועט דיר זאָגען אַז ער איז איין אַר-
בייטער קען זיין אַז ער איז אויף געש-
טאַנען פריה צו דער אַרבייט איבער
דעם איז ער יעצט שלעפעריק אין אויב
מען וועט דיר זאָגען אַז ער איז נישט
קיין תלמוד חכם און נישט קיין אַרביי-
טער איז אַ סימן אַז ער איז אַ גנב אין
ער איז אַגאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען
ווייל ער האָט געגנב׳ט און איהם זאָלסט
די נעמען און תפיסה אַריין. ווי מען
האָט גיהערט די עצה ביי דעם מלך
האָט מען געזאָגט די וועלט זאָגט איין
וואָרט דער וואָס ער קען לייענען דעם
בריף דער זאָל זיין דער שליח פון דעם
בריף אַזוי יעצטן ווייל ער פערשטעהט
ווי אַזוי צו געפינען די גנבים זאָל ער
אַליין זיין דער ממונה פון דעם אין ער
זאָל אויף זיכען די גנבים האָט מען
איהם גערופען צום מלך און מען האָט
איהם געמאַכט פאַר דעם עלצטין ער זאָל
אויף

אויף זיכען די גנבים און מען האט איהם
מיט געגעבען זעלנער און ער איז גע-
גאנגען זיכען גנבים אין ווען ער האט
געטראפען דרימלען אין שענק אין ער
איז נישט געוועזען קיין תלמוד חכם
און נישט קיין ארבייטער האט ער איהם
איינגעזעצט אין תפיסה אריין. איינמאהל
האט איהם ר׳ יהושע בן קרחה בעגעגענט
ווי ער האט געפירט גנבים איינציזעצען
האט ער צו איהם געזאגט די עסיג פון
וויין. דאס מיינט מען די ביסט א רשע
בן צדיק ווי לאנג נאך וועסט די איבער
ענטפערין דאס פאלק פון הקב״ה מען
זאל זיי הרגינען. האט ער איהם גיענט-
פערט איך פערלענד נאהר די דערנער
פון וויינגארטען דאס מיינט מען איך
גיב נאר איבער די רשעים צו הרגנען.
האט איהם ר׳ יהושע בן קרחה גיענט-
פערט זאל קומען דער בעל הבית פון
וויינגארטען דאס מיינט מען הקב״ה אין
ער זאל פערלענדען זיינע דערנער. איינ-
מאהל האט איין וועשער בעגעגענט ר׳
אליעזר בר ר׳ שמעון אין ער האט איהם
גערופען עסיג פון וויין האט ר׳ אליעזר
בעזאגט אז ער איז אזא מחוצף ער זאל
מיך רופען עסיג פון וויין איז א סימן
אז ער איז א רשע. אין ער האט איהם
געהייסען איינזעצען ווי ר׳ אליעזר האט
זיך בערוהיגט האט ער חרטה געהאט
וואס ער האט געהייסען דעם וועשער
איינזעצען און ער איז געגאנגען און
תפיסה אריין ער זאל איהם אויסלייזען
און ער האט נישט געקאנט איהם אויס-
לייזען אין מען האט דעם וועשער גע-
האנגען איז ר׳ אליעזר געשטאנען אונטער
דער תליה און ער האט געוויינט וויל
ער האט מורא געהאט אפשר איז דער
וועשער נישט קיין רשע און מען האט
איהם בחנם אויף געהאנגען. האבען
מענטשען צו איהם געזאגט רבי די
דארפסט נישט וויינען וואס מען האט
דעם וועשער געהאנגען וויל ער איז א
רשע וויל ער מיט זיין זוהן האבען
מונה געוועזען און יום הכיפור מיט
א נערה מאורסה איבער דעם איז איהם
געקומען מיתה. האט ר׳ אליעזר ארויף
געלייגט זיינע הענד אויף זיין בויך אין
ער האט געזאגט פרייט אייך מיינע
גידערים אז דא ווי עס איז מיר געווע-
זען א ספק אויף דעם וועשער צו ער
איז א רשע צו נישט האט זיך ארויס
געוויזען אז ער איז א רשע. דא ווי מיר
איז זיכער אז דער מענטש איז א רשע
בין איך זיכער אז איך טוה גוט וואס
איך הייס איהם הרגינען איך בין פער-
זיכערט אז קיין ווערים וועלין צו אייך
קיין שליטא נישט האבען. און ער האט
זיך נישט געקאנט בערוהיגען ביז ער
האט זיך געהייסען איינגעבין שלאף געט-
ראנק און מען האט איהם אויף געשניטען
דעם בויך אין מען האט ארויס גענימען
פון בויך פעטץ. אין מען האט דאס פעטץ
געלאזט ליגען אין תמוז אויף דער זין
ער זאל זעהן צו דאס פעטץ וועט פער-
שטינקען ווערען צו נישט און עס איז
געליגען דער חודש תמוז אין דעם חודש
אב אין דאס פעטץ איז נישט פערשטינ-
קען געווארען האט ר׳ אליעזר געזאגט
אויף זיך דעם פסוק „אף בשרי ישכון
לבטח" אפילו מיין לייב וועט רוהען
אויף זיכער עס וועט אין מיין לייב
נישט שולט זיין קיין רימה ותולעה:

נאך דעם ווי ר׳ אלעזר בר ר׳ שמעון
האט געמאכט די אלע פרובעס
און עס האט זיך ארויס געוויזען אז ער
האט גוט געטוהן האט ער זיך דאך נישט
געקאנט בערוהיגען ער האט פארט מורא
געהאט אפשר האט ער וועלכען צדיק
אויך געהרגט האט ער זיך נישט גע-
קענט בערוהיגען און ער האט אויף זיך
מקבל געוועזען יסורים כדי ער זאל מיט
זיי

זיי אַבקומען אויף דער וועלט אז ער זאָל קומען ריין אויף יענער וועלט אין זיין גוף איז געוואָרען פיהל מיט צרעת אז ביינאַכט האָט מען איהם אונטער געלייגט זעכציג לייליכער אין דער פריה האָט מען זיי אַ פּער גענומען זענען זיי געוועזען פיהל מיט בלוט וואָס עס האָט געריגען פון צרעת. אין יעדען טאָג האט איהם זיין ווייב געמאַכט זעכציג מינים געקעכטץ פון פייגען אין ער איז געזינד געוואָרען אין זי האט איהם ניט געלאָזט געהן אין בית המדרש אריין כדי די רבנים זאָלען איהם ניט דעקוטשען ווייל ער איז געוועזען שטאַרק אָבגעשוואַכט פון די יסורים. ביינאַכט האט ער געזאָגט צו די יסורים מיינע ברידער אין מיינע חברים קומט אין דער פריה. אין דער פריה האָט ער צו זיי געזאָגט געהט פון מיר אוועק כדי איך זאָל קענען לערנען. איינמאָהל האָט דאָס ווייב גיהערט ווי ער זאָגט צו די יסורים קומט צו מיר האט דאָס ווייב צו איהם געזאָגט איך זעה דאָך אז די ברענגסט אויף דיר אליין די יסורים ווילסט די פערלענדען מיין פאָטערס געלד מיט דעם וואָס איך מוז דיר יעדען טאָג מאַכען רפואות אין די פערפאַלסט מיט דעם בלוט אלע מלבושים איז זי פון איהם אוועק געגאַנגען צו איהר פאָטער אין זי האָט מיט גענומען די טאָכטער. איינמאָהל זענען מענשען געפאָרען אויף דעם ים. האָט זיך געמאַכט איין שטורם ווינד אין די שיף האָט געהאַלטען ביי אונטער געהן. האָבען זיי מתפלל געוועזען צו הקב"ה אין זיי האָבען געזאָגט רבש"ע העלף אונז אין דעם זכות פון ר' אליעזר ווי זיי האָבען דאָס געזאָגט האט דער ים אויף גיהערט צו שטורמען ווי זיי זענען ארויסגעגאַנגען אויף דער יבשה האָבען זיי געשיקט צו ר' אליעזר זעכציג קנעכט זיי האָבען געהאַלטען אין זייערע הענד זעכציג בייטלען מיט געלד אין זיי האָבען איהם געמאַכט זעכציג מיני מאַכלים. איינמאָהל האָט דאָס ווייב געזאָגט צו דער טאָכטער געה גיב אַ קוק וואָס דיין פאָטער מאַכט ווי זי איז געקומען צום פאָטער האָט צו איהר דער פאָטער געזאָגט געה אין זאָג דיין מוטער אז דאָס רייכקייט וואָס איך האָב איז גרעסער פון איער רייכקייט אין ער האָט גיגעסען אין געטרינקען אין ער איז געזינד געוואָרען אין ער איז געגאַנגען און בית המדרש אריין. האָט מען פאַר איהם געבראַכט זעכציג שאלות פון דם נשים אין ער האָט אלע בלוטען מטהר געוועזען האָבען די רבנים געזאָגט ווי געשיקט זיך עס זאָל ניט זיין צווישען די אלע זעכציג בלוטען קיין איין בלוט אז עס זאָל זיין טמא האָט ר' אליעזר געזאָגט צו די חכמים אויב אז עס איז אזוי ווי איך זאָלען די אלע ווייבער די היינטיגע נאַכט מעוברת ווערען אין די קינדער זאָלען זיין אלע זכרים. אין אויב ניט זאָל איין קינד פון זיי זיין אַ נקבה אין דער סוף איז געוועזען אז אלע זענען געוועזען זכרים אין מען האָט אלע קינדער אַנאָמען געגעבין אליעזר. ווען ער האָט געהאַלטען ביי שטאַרבען האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב איך ווייס דאָך אז די רבנים זענען אויף מיר אין כעס אין זיי וועלען זיך ניט מיט מיר מתעסק זיין אזוי ווי עס דאַרף צו זיין על כן זאָלסט די מיך לייגען אויף דעם בוידעם אין די זאָלסט גאָר ניט קיין מורא האָבען. אין זיין ווייב האָט דערציילט אז ער איז געלעגען אויף דעם בוידעם אערך פון צוואַנציג יאָהר אין אז זי פלעגט ארויף געהן אויף דעם בוידעם אַכטונג צו טוהן וואס ער מאַכט. אין אז זי האט איהם אויסגע-ריסען אַ האָר פון זיין באָרד איז געריגען פון דעם אָרט בלוט גלייך ווי-

ער וואלט געלעבט. איינמאהל האט זי געזעהן ווי עס איז ארויס געקראכען פון זיין אויער אווארים. האט זי מורא געהאט אז זיין לייב ווערט שוין קאליע איז ער צו איהר געקומען בחלום אין ער האט איהר געזאגט שרעק דיך ניט דאס איז ניט ווייל מיין גוף ווערט קאליע נאר דאס איז פאר איין עונש איך האב איינמאהל גיהערט ווי מען האט מבזה געוועזען א תלמיד חכם אין איך האב אויף דעם מענש ניט אהנגעש-שריגען אזוי ווי עס דארף צו זיין איבער דעם האט מען מיר געגעבען דעם עונש אין אז עס זענען געקומען צוויי מענטשען זיך לאדען זענען זיי געשטאנען ביי דער טהיר פון בוידעם אין זיי האבען געטענהט איז ארויס געגאנגען א קול פון בוידעם דער איז גערעכט אין דער שולדיג. איינמאהל האט זיך זיין ווייב געקריגט מיט א שכנה האט די שכנה צו איהר געזאגט די זאלסט זיין אזוי ווי דיין מאן וואס מען האט איהם ניט קובר געוועזען. האבען די רבנים געזאגט אז מען ווייסט שוין אז ער לעבט ניט אין מען האט איהם ניט קובר געוועזען איז ניט קיין כבוד פאר איהם נאר מען דארף איהם קובר זיין האבען די רבנים איהם געוואלט קובר זיין האבען די מענשען פון דעם ארט וואס עס האט ביהייסען עכבור וואס איז געוועזען לעבען דער שטאדט ווי ר׳ אליעזר איז געוועזען ניט געלאזט איהם קובר זיין ווייל די צייט וואס ער איז געלעגען אויף דעם בוידעם איז קיין חיה רעה ניט אויף געגאנגען אויף זיי ווייל זיין זכות האט אויף זיי מגין געוועזען. ערב יום כיפור ווען אלע מענטשען זענען געוועזען טרוד צוליב יום כיפור זענען די רבנים געגאנגען אין זיי האבען איהם אראב גענומען פון בוידעם אין זיי האבען איהם געפיהרט צו דעם ארט וואס עס הייסט בי בירי אין מערה האט איהם געבראכט צו דער מערה פון זיין פאטער. אין ארום דער מערה איז געליגען א שלאנג אין ער האט געהאלטען דעם עק אין מויל האבען די רבנים געזאגט צום שלאנג עפין אויף דיין מויל מען זאל אריין ברענגען דעם זוהן צו זיין פאטער האט דער שלאנג ארויס גענימען זיין עק פון מויל אין ער האט׳ זיך אוועק געריקט אין מען האט איהם קובר געוועזען אין דער מערה פון זיין פאטער:

ווען ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון איז נפטר געווארען האט רבי געשיקט צו זיין ווייב אז ער וויל זי נעמען פאר א ווייב האט זי גיענטפערט די כלי וואס מען האט מיט איהר געניצט הייליגע זאכען קען מען איהר ניט ניצען קיין אום הייליגע זאכען. האט רבי צו איהר געשיקט הגם מיט תורה איז ער געוועזען גרעסער פון מיר אבער מיט מעשים איז ער דען געוועזען גרעסער פון מיר האט זי איהם גיענטפערט מיט תורה צו ער איז געוועזען גרעסער פון דיר ווייס איך ניט אבער מיט מעשים טובים ווייס איך אז ער איז געוועזען גרעסער פון דיר ווייל ער האט אויף זיך מקבל געוועזען יסורים:

ווי רבי האט געזעהן אז די יסורים האבען געהאלפען צו ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון אז קיין ווערים האבען ניט קיין שליטה געהאט אין זיין גוף האט ער געזאגט אזוי ווי איך זעה אז יסורים זענען אזוי חביב. האט ער אויף זיך גענומען דרייצען יאהר יסורים. דער שומר פון די פערד פון רבי איז געוועזען רייכער פון דעם מלך שבור פון דעם מוסט פון די בהמות ווייל רבי האט געהאט פיהל בהמות ווען ער האט האט געגעבען די בהמות עסען האט

מען דאָס קול גיהערט פון דריי מייל ווייט. איינמאָהל האָט דער שומר גיגעבען די בהמות צו עסין פונקט אין דער צייט ווען רבי איז אַרויס געגאַנגען אין בית הכסא אַריין האָט מען דאָס קול פון רבי וואָס ער האָט געשריגען פון די יסורים וואָס ער האָט געהאַט העכער גיהערט. אין נאָך די גרויסע יסורים וואָס רבי האָט געהאַט זענען די יסורים פון ר׳ אליעזר געוועזען חשיבער ווייל די יסורים פון ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון זענען צו איהם געקומען מאהבה. אין מאהבה זענען זיי פון איהם אַוועק אין די יסורים פון רבי זענען צו איהם גע-קומען דורך אַ מעשה און דורך אַ מעשה זענען זיי פון איהם אַוועק. איינמאָהל האָט מען געפיהרט איין קאַלב צו דער שחיטה איז דאָס קאַלב אַנטלאָפען און עס האָט זיך בעהאַלטען אונטער די פאָלע פון רבי אין דאָס קאַלב האָט געוויינט. האט רבי געזאָגט צום קאַלב גע״ה ווייל די ביסט אויף דעם בעשאַפען געוואָרען. האָט מען אין הימעל געזאָגט ווייל ער האט זיך נישט מרחם געוועזען אויף דעם קאַלב זאָלען אויף איהם קומען יסורים איינמאָהל האט די דינסט פון רבי אויסגיקערט די שטוב זענען אין שטיב געלעגען קליינע קעצליך האָט זי זיי געוואלט אַרויס וואַרפען האט רבי צו איהר געזאגט לאז זיי ליגען אין שטיב עס שטייט אין פסוק „ורחמיו על כל מעשיו" הקב״ה איז זיך מרחם אויף זיינע אַלע בעשעפינישען האָט מען געזאָגט אין הימעל ווייל ער איז זיך מרחם אויף בעשעפינישען דאַרף מען זיך אויף איהם אויך מרחם זיין און די יסורים זענען פון איהם אָבגיטרעטען. די אַלע יאָהרען וואָס ר׳ אליעזר האָט געהאַט די יסורים איז קיין מענטש נישט געשטאָרבען פאַר דער צייט און די אַלע יאָהרען וואָס רבי ... געהאַט די יסורים האָט די וועלט נישט בעדאָרפען קיין רעגין. הגם ... איז נישט געגאַנגען קיין רעגען איז די ערד געוועזען פייכט אין אַז מען האָט אויסגעריסען איין רעטיך פון דער בייט איז דאָס גריבעל פון דעם רעטעך געוואָרען פיעל מיט וואַסער:

רבי איז אַמאָהל געקומען אין דער שטאָדט ווי ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון האָט געוואָהנט האָט ער זיך גיפרעגט צו עס איז געבליבען וועלכער זוהן פון דעם צדיק האָט מען איהם גיענטפערט עס איז געבליבען פון איהם אַ זוהן נאָר ער איז נישט קיין ערליכער האָט רבי איהם געהייסען ברענגען צו זיך אין ער האָט איהם מסמך געוועזען כדי ער זאָל זיך איבער קלערען אַז ער איז שוין אַמוסמך וועט ער זיך נעמין צום לערנען אין ער האָט איהם איבער געגעבען צו ר׳ שמעון בן איסי אַז ער זאָל מיט איהם לערנען. יעדען טאָג האָט ער געזאָגט איך וועל געהן אין מיין שטאָדט אַריין. האָט איהם ר׳ שמעון גיענטפערט מען רופט דיך חכם און רבי און די ווילסט געהן און דיין שטאָדט אַריין און די ווילסט נישט לערנען האָט ער געזאָגט איך שווער אַז איך וועל שוין נישט וועלען געהן און מיין שטאָט אַריין נאָר איך וועל לערנען. ווען ער איז גרויס געוואָרען איז ער געפאָרען אין דער ישיבה אריין פון רבי. האָט רבי דערהערט זיין קול האָט רבי געזאָגט דאָס קול איז גלייך ווי דאָס קול פון ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון האָט מען איהם גיענטפערט דאָס איז זיין זוהן. ווען ער איז נפטר גע..רען האָט מען איהם געוואָלט קובר זיין אין דער מערה פון זיין פאָטער האָט איין שלאַנג אַרום געוויקעלט די מערה האָט מען געזאָגט צום שלאַנג עפין אויף דיין מויל זאָל אַריין געהן דער זוהן צום פאָטער האָט ער ... געוואָל...

עפינען זיין מויל האט מען גירעכינט ווייל דער פאטער איז גרעסער פון איהם איז אראב געקומען א בת קול נישט ווייל ער איז גרעסער פון איהם נאר ווייל דער פאטער איז שטענדיג געוועזען בצער אין ער איז נישט געוועזען בצער :

רבי יוחנן איז געוועזען זייער א שעה-נער מענטש. איינמאהל האט זיך ר' יוחנן געבאדען אין ירדן אין ריש לקיש האט זיך געבאדען און דער צוויי-טער זייט ירדן אין ער איז געוועזען דאמאלסט איין גזלן. ווי ריש לקיש האט דערזעהן ר' יוחנן איז ער איבער געש-ווימען דעם ירדן צו ר' יוחנן. האט ר' יוחנן געזאגט צו ריש לקיש דיין כח איז גיט צו דער תורה. האט איהם ריש לקיש גיענטפערט דיין שעהנקייט וואלט געפאסט פאר ווייבער. האט איהם ר' יוחנן געזאגט אויב די וועסט תשובה טוהן וועל איך דיר געבען מיין שוועסטער וואס זי איז נאך שענער פון מיר האט ריש לקיש אויף זיך גענימען ער זאל תשובה טאהן און ער האט געוואלט צוריק שווימען דעם ירדן ער זאל צוריק נעמען די מלבושים האט ער נישט גיקענט אזוי שווימען אזוי ווי פריהער ווייל ער האט אויף זיך גענימען דער עול תורה איז שוין זיין כח אב געשוואכט געווארען און ער האט אהנגעהויבען צו לערנען תורה ביי ר' יוחנן אין ער איז געווארען איין גדול בתורה. איינמאהל האט זיך געמאכט איין מחלוקת אין בית המדרש וועגען א מעסער ווען עס קען מקבל טומאה זיין ווארים דער דין איז אז אפלי קען נישט מקבל טומאה זיין ביז עס ווערט פערענדיגט. האט ר' יוחנן געזאגט צו ריש לקיש ווייל די ביסט געוועזען א גזלן ווייסט די? און ביסט א בקי און די כלים פון א גזלן ווען זיי ווערען פערענדיגט. האט ריש לקיש געזאגט צו ר' יוחנן וואס האט מיר געהאלפען מיט דעם וואס איך האב אויף זיך גענימען דער עול תורה ווען איך בין געוועזען א גזלן האט מען מיך גערופען רבי ווייל איך בין געוועזען איין עלטסטער און דא רופט מען מיך רבי. האט איהם ר' יוחנן גיענט-פערט עס האט דיר געהאלפען וואס איך האב דיך מקרב געוועזען תחת כנפי השכינה אין ר' יוחנן האט געהאט חולשת הדעת פון די רייד וואס ריש לקיש האט איהם געזאגט. איז ריש לקיש שלאף געווארען און זיין ווייב איז געקומען צו ר' יוחנן און זי האט פאר איהם געוויינט אז ער זאל מתפלל זיין אז ריש לקיש זאל געזינד ווערען אין זי האט איהם געזאגט טוה צוליעב מיינע קינדער און בעט רחמים אז ריש לקיש זאל געזינד ווערען. האט ער איהר גיענטפערט איך וועל שפייזען דיינע קינדער. האט זי איהם געזאגט בעט רחמים צוליעב מיר איך זאל נישט בלייבען קיין אלמנה. האט ער איהר גיענטפערט איך וועל דיך שפייזען אין ריש לקיש איז נפטר גע-ווארען. האט ר' יוחנן זיך שטארק מצער געוועזען אויף דעם וואס ריש לקיש איז נפטר געווארען ווייל ער האט נישט געהאט קיין אזעלכען גוטען תלמיד אזוי ווי ריש לקיש. האבען די רבנים געזאגט ווער וועט געהן צו ר' יוחנן לערנען כדי זיין דעה זאל בערוהיגט ווערען איז געבליבען אז ר' אליעזר בן פדת זאל צו איהם געהן ווייל ער איז אגרויסער חריף ובקי איז ר' אלעזר געגאנגען. אין ער האט זיך געזעצט פאר ר' יוחנן וואס ר' יוחנן האט געזאגט אדין האט ר' אליעזר צו איהם געזאגט איך האב גי-לערינט אז עס איז אזוי ווי די. דער תנא זאגט אויך אזוי ווי די. האט ר' יוחנן צו איהם געזאגט די ביסט נישט אזוי ווי ריש לקיש אז איך האב געזאגט איין הלכה. האט מיך ריש לקיש גיפרעגט

פיער

פיער און צוואַנציג קשיות און איך האָב איהם געענטפערט פיער און צוואַנציג תּירוצים, און ממילא איז די הלכה קלאָהר געוואָרען אָבער די ברענגסט מיר ראיות אַז איך זאָג גוט ווייס איך דען ניט אַליין אַז איך זאָג גוט. האָט ר׳ יוחנן צוריסען זיינע קליידער און ער האָט געשריגען ווי ביסט די ריש לקיש. און ער האָט אַזוי לאַנג געשריגען ביז ער איז אַראָב פון זינען האָבען די רבנים מתפלל געווען אַז ער זאָל נפטר ווערען און זיין נשמה איז אַרויף געגאַנגען אין הימעל אַריין בטהרה :

דער תנא ר׳ חנינא האָט זיך אַמאָהל געקריגט מיט דעם תנא ר׳ חייא האָט ר׳ חנינא געזאָגט צו ר׳ חייא מיט מיר קריגסט די דיך ווען די תורה זאָל חס ושלום פערגעסען ווערען פון די יודען וואָלט איך זיי דערמאַנט מיט מיין פילפול. האָט איהם ר׳ חייא געענטפערט איך האָב געטוהן איין סיבה אַז די תורה זאָל ניט פערגעסען ווערען פון די יודען איך האָב געזייעט פלאַקס און פון דעם פלאַקס האָב איך געפלאָכטען נעצען. און איך האָב געפאַנגען הערשען און דאָס פלייש האָב איך געגעבען צו עסען דיא יתומים, און פון די פיהל האָב איך אויסגעאַרבייט פּאַרמיט און איך האָב אויף זיי אויפגעשריבען די חמישה חומשי תורה און איך בין געגאַנגען אין אַזעלכע שטעדט וואס עס איז דאָרט ניט דאָ קיין מלמדים איין איך האָב געלערענט מיט פינף קינדער די פינף חומשים מיט יעדען יונגעל איין בעזונדער חומש און מיט זעקס קינדער האָב איך געלערענט די ששה סדרי משנה מיט יעדען יונגעל אַבעזונדער משניות און איך האָב געהייסען די קינדער אַז איין קינד זאָל לערנען מיט דעם צווייטען זיין סדר וואס ער האָט געלערענט ממילא האָבען דאָך אַללע קינדער גיקענט גאַנץ חומש און גאַנץ משניות דאס איז רעכט וואס רבי האָט אַמאָהל געזאָגט די מעשים פון ר׳ חייא זענען זייער גרויס האָט איהם זיין זוהן, ר׳ שמעון גיפרעגט די מעשים פון ר׳ חייא זענען גרעסער אַפילו פון דיינע מעשים. האט ער איהם גיענטפערט זיי זענען גרעסער אַפילו פון מיינע מעשים :

אליהו הנביא פלעגט יעדען טאג צו קומען אין דער ישיבה אַריין פון רבי. איינמאָהל איז ער געקומען שפעט עס איז געווען ראש חודש. האט איהם רבי גיפרעגט פאַר וואס ער איז היינט געקומען שפעט האט ער איהם גיענטפערט איך האב ניט געהאַט קיין צייט ווייל איך האב בעדאַרפען אויף שטעלען אברהם אבינו און איהם געבען וואַסער צו וואַשען די הענד און ער האט אבגעדאַווענט און איך האָב איהם צוריק געלייגט. דערנאָך האב איך דאס זעלבע בעדאַרפען טוהן צו יצחק און צו יעקב. האט איהם רבי גיפרעגט פאַר וואס דאַרפסט די אויף שטעלען יעדען בעזונדער די קענסט דאך זיי אויף שטעלען אַלע מיט אַמאָהל וועט דאך ניט פערנעמען אַזוי פיהל צייט. האָט איהם אליהו גיענטפערט ווען זיי זאלען דאַווינען אַלע בעזאַממען וואלטען זיי גיקענט ברענגען משיח פאַר דער צייט איבער דעם האב איך ניט קיין רשות זיי אויף צו שטעלען אַלע מיט אַמאָהל. האט איהם רבי גיפרעגט צו עס געפינט זיך אַזעלכע מענטשען אויף דער וועלט וועלכעס זיי זאָלען האָבען אַגרויסען זכות האט איהם אליהו גיענטפערט עס געפינט זיך אויף דער וועלט ר׳ חייא מיט זיינע קינדער זאָלען דאַווינען פאַר דעם עמוד. אַזוי ווי ר׳ חייא האָט געזאָגט משיב הרוח האט אָהנגעהויבען צו בלאָזען

אווינד

אוינד אזוי ווי ער האט געזאגט מוריד הגשם איז געגאנגען רעגען ווען ער האט געהאלטען ביי דער ברכה פון מחיה המתים האט די וועלט אהנגעהויבען צו שטארמען אין די מתים האבען געוואלט" אויף שטיין פון זייערע קברים האט מען אויף דעם הימעל גיפרעגט ווער איז דער וואס איז מגלה די סודות אז די תפלה פון ר' חייא מיט זיינע קינדער איז אזוי חשוב ווי די תפלה פון די אבות האט מען געזאגט אז אליהו' האט דאס אויסגעזאגט. האט מען אליהון געשמיסען זעכציג קלעפ מיט איין פייערדיגע רוט. איז אליהו געקומען אין שוהל אריין אין ער האט זיך פערשטעלט פאר איין בער אין ער איז אריין געגאנגען צווישען זיי אין ער האט זיי מטרד געווען אין זיי האבען שוין ניט גיקענט מכוון זיין אין דער תפלה :

דער תנא רבה בר נחמני איז נפטר געווארען ווייל ער האט מורא געהאט פאר דעם קיסר. מען האט דערציילט דער קיסר אז ער איז מבטל די יודען פון פאדאטעק צוויי חדשים אין יאהר ווייל ראש חודש ניסן אין ראש חודש תשרי קומען זיך צו איהם צוזאמען צוועלף טויזענד תלמידים לערנען תורה אין אז מען וויל ביי זיי נעמען פאדאטעק געפינט מען זיי ניט אין דער היים האט דער קיסר געשיקט א שליח אז ער זאל ברענגען רבה בר נחמני אין ער האט איהם ניט גיקענט געפינען ווייל ער האט זיך פאר איהם בעהאלטען. איינמאהל האט זיך געטראפען אז דער שליח איז געקומען אין דער שטאדט פומבדיתא אין רבה איז פונקט געוועזען אין דער זעלבער אכסניה ווי דער שליח איז געוועזען האט דער שליח פון קיסר בעטרינקען צוויי כוסות וויין איז איהם זיין מויל געווארען אויסגעקרימט ווייל ער האט געטרינקען זוגות האט דער בעל אכסניה געפרעגט רבה בר נחמני וואס ער זאל טוהן אז דעם שליח זאל דאס מויל אויסגעגלייכט ווערען ווייל ער איז איין שליח פון קיסר האבען זיי מורא פאר דעם קיסר אז ער זאל ניט זאגען אז מען האט איהם געטוהן כשוף. האט רבה געהייסען אז מען זאל איהם געבען נאך איין כוס וויין ווען דאך שוין ניט זיין קיין זוגות וועט איהם זיין מויל אויסגעגלייכט ווערען. האט מען אזוי געטוהן איז איהם זיין מויל אויס-געגלייכט געווארען. האט דער שליח געזאגט איך ווייס זיכער אז דער מענטש וואס איך זיעך איהם איז דא ביי אייך ווייל ער איז אגרויסער חכם אין ער האט אייך געגעבען די עצה אז מיין מויל זאל אויס געגלייכט ווערען. האט דער שליח אנגעהויבען צו זיכען אין ער האט געפינען רבה בר נחמינו. האט דער שליח געזאגט צו רבה איך גיה צוריק צום קיסר אין אויב מען וועט מיך וועלען הרגענען אז איך זאל אויסזאגען ווי די ביזט וועל איך ניט אויסזאגען אין איך וועל זיך לאזען הרגענען נאר אויב מען וועט מיך שטראפען מיט יסורים וועל איך מוזען אויסזאגען אין ער האט גענומען רבה בר נחמינו אין ער האט איהם איינגיזעצט אין דער תפיסה אריין אין ער האט פערשלאסען די טהיר. האט רבה בר נחמני מתפלל געווען איז געשעהן אנס אין די וואנט פון דער תפיסה איז איינגעפאלען אין ער איז אנטלאפען צו דעם ארט וואס הייסט אגמא. אין ער האט זיך אנידער גיזעצט אויף א ווארציל פון איין אינטער געשניטענעם בוים אין ער האט געלערענט תורה. האט ער גיהערט ווי אין הימעל איז אמחלוקת וועגען אנגע. הקב"ה האט געזאגט אז זי איז טהור אין די גאנצע ישיבה

ישיבה פון הימעל האָבען געזאָגט ווער זאָל אויסוויזען אַזוי ווי ווער די הלכה איז. האָט מען גיענטפערט אז רבה בר נחמני זאָל אויסווייזען. האָט מען געשיקט דעם מלאך המות נאָך איהם. האָט ער ניט גיקענט צו איהם צו געהן ווייל ער האָט ניט אויף גיהערט צו לערנען. דערווייל האָט אָהנגעהויבען צו בלאָזען אַווינט אין עס איז געוואָרען אַ רעש צווישען די ביימער. האָט ער גירעכענט אַז דער רעש איז פון חיל פון קיסר וואָס זיי זענען געקומען איהם נעמען. האָט ער געזאָגט רבש״ע איך וויל בעסער שטאַרבען דורך דיין האַנד איידער איך זאָל איבער גיענטפערט ווערען אין דער האַנד פון קיסר אין ער איז תיכף נפטר געוואָרען. איידער ער איז נפטר געוואָרען האָט ער געזאָגט טהור. איז אַרויס אַבת קול פון הימעל אין עס האָט געזאָגט וואוהל איז דיר רבה וואָס דיין גוף איז טהור אין דיין נשמה איז אַרויסגעגאַנגען מיט דעם וואָרט טהור. איז אַראָב געפאַלען איין קוויטעל פון הימעל אין דער שטאָדט פומבדיתא וואָס רבה בר נחמני איז דאָרט געוועזען ראש ישיבה אַז רבה בר נחמני איז פערבעטען געוואָרען אין דער ישיבה של מעלה דאָס מיינט מען אַז ער איז נפטר געוואָרען. איז אביי מיט אַלע רבנים אַרויס געגאַנגען זיך מיט איהם מתעסק זיין נאָר זיי האָבען ניט געוויסט ווי ער געפינט זיך זענען זיי געגאַנגען צו דעם אָרט אַגמא האָבען זיי דערזעהן פון דער וייטענס ווי אַ חברה פייגעל שטעהן אין דער לופטען אויף איין אָרט אין זיי האַלטען צו שפרייט די פליגעל זיי זאָלען מאַכין איין שאָהטען האָבען זיי געזאָגט אויף דעם אָרט געפינט זיך זיכער רבה בר נחמני זענען זיי דאָרט צו געגאַנגען אין זיי האָבען איהם דאָרט געפינען אין זיי האָבען זיך מיט איהם מתעסק געוועזען

אין זיי האָבען איהם מספיד געוועזען דריי טעג אין דריי נעכט. איז אַראָב געפאַלען אַקוויטיל פון הימעל אין עס האָט געזאָגט ווער עס וועט אַוועק געהן פון דאַנען וועט זיין אין חרם. האָבען זיי איהם מספיד געוועזען זיבען טעג איז אַראָב געפאַלען אַ קוויטעל פון הימעל געהט אַהיים לשלום. אין דעם טאָג וואָס רבה בר נחמני איז נפטר געוואָרען איז געוועזען אַגרויסער שטורם ווינד אַז אַ טעריק איז גערייטען אויף אַקעמעל אויף דער זייט טייך האָט איהם דער ווינד אַריבער געוואָרפען אויף דער צווייטער זייט. האָט דער טערק גיפרעגט פאַר וואָס דער שטורם ווינד איז האָט מען איהם גיענטפערט אַז רבה בר נחמני איז נפטר געוואָרען האָט דער טערק געזאָגט רבש״ע די גאַנצע וועלט איז דיין אין רבה בר נחמני איז דיין די ביסט דער ליבהאָבער פון רבה בר נחמני אין רבה בר נחמני איז דיין ליבהאָבער פאַר וואָס ווילסט די חרוב מאַכען די וועלט איז באַלד דער שטורם ווינד געשטעלט געוואָרען:

דער יודישער קיסר הורדוס איז געוועזען אַ קנעכט פון מלכות בית חשמונאי איז איהם געפעלען איין מיידיל פון בית חשמונאי. איינמאָהל האָט ער געהערט אַ בת קול פון הימעל אַז וועלכער קנעכט ער וועט יעצט מורד זיין וועט ער מצליח זיין. האָט ער אויס געהרגיט די גאַנצע מלכות בית חשמונאי אין ער האָט איבער געלאָזט דאָס מיידיל. דאָס מיידיל האָט געזעהן אַז ער וויל זי נעמען פאַר אַ ווייב איז זי אַרויף געגאַנגען אויף דעם בוידעם און זי האָט געשריגען ווער עס וועט זאָגען אַז ער איז פון מלכות בית חשמונאי זאָל מען וויסען אַז ער איז אַ קנעכט ווייל ער האָט אויס געהרגיט די גאַנצע משפחה פון מלכות

בית

בית חשמונאי עס איז נישט געבליבען נאר איך אליין און איך ווארף זיך אראב פון בוידעם אין זי האט זיך טאקע אראב געווארפען פון בוידעם און זי איז געשטארבען. און הורדוס האט איבער גענומען די מלוכה האט ער גע- זאגט ווער דרשינט דעם פסוק „מקרב אחיך תשים עליך מלך" פון דיינע ברו- דער זאלסט די דיר מאכען איין מלך אין הורדוס איז דאך געווען געבארען פון גוים. דאס דרשינען נאר די רבנים האט ער אויס געהארגעט אלע רבנים נאר ער האט זיך איבער געלאזט בבא בן בוטא כדי ער זאל קענען ביי איהם פרעגין איין עצה ווען ער וועט דארפען אין ער האט גענימען איין פעל פון א שרץ וואס הייסט אנקה. דאס האט שטעכענדיגע האר אזוי ווי נאדלען און ער האט פון דער פעל געמאכט א קרוין און ער האט זי אהנגעטוהן בבא בן בוטא ארום די אויגען אין ער איז בלינד געווארען. איינמאהל איז הורדוס געקומען צו בבא בן בוטא און ער האט זיך ניט אויס געגעבען אז ער איז הורדוס אין ער האט צו איהם געזאגט זעה וואס דער קנעכט האט געטוהן ער האט אויס געהרגעט אלע רבנים אין שרים. האט איהם בבא גיענטפערט וואס זאל איך איהם טוהן האט איהם הורדוס גיענטפערט שעלט איהם האט איהם בבא בן בוטא געזאגט עס שטייט אז קיין מלך טאר מען נישט שעלטען. האט איהם הורדוס געזאגט ער איז דאך נישט קיין מלך ער איז דאך א קנעכט טאר ער דאך נישט זיין קיין מלך. האט איהם בבא בן בוטא געזאגט זאל ער ניט זיין קיין מלך נאר איין עושר אין קיין עושר טאהר מען אויך נישט שעלטען אפילו ער זאל נישט זיין נאר איין נשיא טאהר מען איהם אויך נישט שעלטען. האט איהם הורדוס געזאגט דאס איז רעכט ווען ער איז איין ערלי- כער אבער ער איז דאך נישט קיין ער- ליכער איבער דעם מעגסט די איהם שעלטען. האט בבא בן בוטא געזאגט איך האב מורא אפשר וועט ער געוואר ווערען אז איך האב איהם געשאלטען וועט ער מיך הרגנען. האט ער איהם געזאגט עס איז דאך דא קיינער נישט דא נאר מיר ביידע. ווער וועט איהם דערציילען. האט איהם בבא בן בוטא גיענטפערט עס שטייט אין פסוק „כי עוף השמים יוליך את הקול" די עופות פון הימעל טוהן פיהרען דאס קול. אז הורדוס האט געזוהן אז ער קען נישט איהם איבער רעדין האט ער איהם געזאגט איך בין הורדוס ווען איך זאל געוועזען וויסען אז די רבנים זענען אזוי ערליך וואלט איך זיי נישט געוועזען דערהרגעט יעצט גיב מיר איין עצה ווי אזוי איך זאל מתקן זיין דאס וואס איך האב אויס- געהרגעט די רבנים האט ער איהם גיענט- פערט די האסט פערלאשען דאס ליכט פון דער וועלט וואס די האסט געהארגיט די רבנים וואס זיי לערנען די תורה וואס עס ווערט גערופען נר זאלסט די בויען דאס בית המקדש וואס עס ווערט אויך אהנגערופען נר האט איהם הורדוס גיענטפערט איך האב מורא פאר דעם מלך פון די רוימיים (ווייל דאמאלסט זענען די יודען געוועזען אונטער טעניג אונטער די רומיים) אפשר וועט ער מיך נישט לאזען. האט איהם בבא בן בוטא גיענטפערט שיק א שליח קיין רום פרע- גען און דער שליח זאל געהן קיין רום א יאהר אין ער זאל זיך פערזוימען דארט א יאהר און וועג צוריק זאל אויך דויערין א יאהר דער ווייל וועסט די עס צוריק אויף שטעלין. האט ער אזוי געטוהן און אין דער צייט האט ער דאס בית המקדש אויף גישטעלט האט מען איהם פון רום צוריק געשיקט אויב די האסט נאך נישט דאס בית המקדש צוליגט זאלסט

[illegible] די עס נישט צולייגען. און אויב די האסט עס צולייגט זאלסט די עס נישט צוריק שטעלען און אויב די האסט עס שוין צוריק גישטעלט. איין שלעכטער קנעכט נאך דעם ווי ער טוהט פרעגט ער. אויב די האלסט דיך גרויס מיט דיין כלי זיין וואס די האסט מיט דעם אויסגעהרגט דיינע שרים דיין יוחס בריף איז דא ביי אונז. מיר ווייסען אז די ביסט א קנעכט אין די ביסט נישט קיין מלך און נישט קיין בן מלך. די הורדוס ביסט געווארען אליין פריי. עס האט דיך קיינער נישט פריי געלאזט האבען אונזערע חכמים געזאגט. ווער עס האט נישט געזעהן דאס בנין פון הורדוס האט נאך קיין שעהן בנין נישט געזעהן. ער האט עס געבויעט מיט גרינע און ווייסע מערמאלשטיינער און ער האט עס גע־וואלט איבער דעקען מיט גאלד האבען איהם די רבנים געזאגט לאז עס אזוי זיין אזוי זעהט עס אויס אזוי ווי די פאליס פון ים :

**דער** תנא ר׳ יוחנן בן זכאי האט געזעהן מוצאי יום כיפור אין חלום אז זיין שוועסטערס קינדער דארפען דאס יאהר היזק האבען זיבען הינדערט רענדדליך. האט ער זיי געצווינגען אגאנץ יאהר אין ער האט ביי זיי גענימען פיעל געלד אויף צדקה אז עס איז נאך ביי זיי געבליבען פון די זיבען הינדערט רענדליך זיבעצין. ערב יום כיפור זענען געקומען שלוחים פון קיסר און זיי האבען ביי זיי געוואלט געלד האט זיי ר׳ יוחנן בן זכאי געזאגט איהר זאלט נישט מורא האבען זיי וועלען ביי אייך נישט נעמען מעהר ווי זיבעצין רענדליך וואס איך האב נאך ביי אייך. האבען זיי איהם געפרעגט פון וואנען האסט די דאס בעוויסט האט ער זיי גיענטפערט ווייל איך האב אזוי געזעהן אין חלום אז איהר דארפט דאס יאהר היזק האבען זיבען הינדערט רענדליך. האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס האסט די אונז דאס נישט געזאגט. וואלטען מיר עס דיר געווען אוועק גענעבען די גאנצע זיבען הונדערט רענדליך. האט ער זיי גיענטפערט דורך דעם האב איך אייך נישט געוואלט אויסזאגען כדי איהר זאלט טוהן די מצוה לשמה :

**איין** אשה איז געקומען צו בנימין הצדיק אין א יאהר פון הונגער אין ער איז געוועזען א גבאי צדקה אין זי האט צו איהם געזאגט רבי גיט מיר עסין. האט ער איהר גיענטפערט איך שווער אז איך האב נישט קיין געלד פון צדקה האט זי איהם גיענטפערט אויב איהר וועט מיך נישט שפייזען קומט אויס אז איך מיט מיינע זיבען קינדער זאלען שטארבען פון הונגער. האט ער איהר געגעבין עסין פון זיין געלד. און אצייט ארום איז בנימין הצדיק שלאף געווארען און ער האט געהאלטען ביי שטארבען האבען די מלאכים געזאגט פאר דעם רבש״ע די האסט געזאגט אז דער וואס דערהאלט איין נפש פון די יודען ביי דעם לעבען איז גלייך ווי ער וואלט דערהאלטען ביי דעם לעבין די גאנצע וועלט אין בנימין הצדיק האט דערהאלטען ביי דעם לעבין די אשה מיט זיבען קינדער זאל ער אזוי יונג שטארבען. האט מען צוריסען זיין גזר דין און מען האט איהם מוסיף געווען אויף זיינע יאהרען צוויי אין צוואנציג יאהר :

**דער** תנא ר׳ בנאה האט אמאהל ארום געצייכענט די קברים פון די צדיקים כדי די כהנים זאלען וויסען בין וואנען זיי מעגען געהן און ווייל ער איז געוועזען א אדם חשוב האט ער געהאט רשות

רשות אריין צו געהן און די קברים פון די צדיקים ווי ער איז צו געקומען צו דער מערה פון אברהם אבינו האט ער געטראפען אליעזר עבד אברהם שטייט לעבען דער מערה. האט ער איהם גיפרעגט וואס טוהט יעצט אברהם. האט ער איהם גיענטפערט אז ער זיצט לעבין שרה אמנו און זי קעמט איהם די האר. האט איהם ר׳ בנאה געזאגט געה אריין צו אברהם און זאג איהם אז בנאה שטעהט דא און ער בעט רשות אריין צו געהן. האט אברהם גיענטפערט לאז ער אריין געהן איז ר׳ בנאה אריין געגאנגען און ער האט אויסגעמאסטען די מערה פון אינעוועהניג און דערנאך האט ער ארום געצייכענט פון אויסענוועהניג ווי ער איז צו געקומען צו דער מערה פון אדם הראשון אין ער האט געוואלט אריין גיהן איז ארויס א בת קול אין האט געזאגט אין געשטאלט פון יעקב אבינו וואס ער איז בעשאפען געווארען אין געשטאלט פון אדם הראשון מעגסט די קוקען אבער אין געשטאלט פון הקב״ה טארסט די נישט קוקען. האט ר׳ בנאה געזאגט איך דארף דאך אויס מעסטין די מערה. האט איהם דאס בת קול גיענטפערט די מערה פון אדם הראשון האט די זעלבע מאס ווי די מערות פון די אבות האט ער געגעבען א קוק אויף די טריט פון אדם הראשון האבען זיי געלויכטען גלייך אזוי ווי צוויי זינען:

**איין** מאן האט אמאהל גיהערט וויא זיין ווייב האט געזאגט צו איהר טאכטער פאר וואס טוהסט די נישט אזוי בעהאלטען ווי איך. נאהר די טוהסט יעדערער זאל וויסען. איך האב צעהן קינדער אין פון דיין פאטער האב איך נישט מעהר וויא איין זוהן און די איבריגע קינדער זענען פון פרעמדע מענשין. איידער דער מאן איז נפטר געווארען האט ער געזאגט מיין גאנץ פערמעגען זאל מען אוועק געבען צו איין זוהן. און ער האט נישט געזאגט צו וועלכען זוהן. נאך זיין פטירה זענען אלע קינדער געקומען צו ר׳ בנאה זיך משפטן יעדער איינער פון זיי האט געזאגט אז איהם האט דער פאטער גע-מיינט. האט ר׳ בנאה צו זיי געזאגט געהט אויף אייער פאטערס קבר אין קלאפט אין קבר אריין ביז ער וועט אויף שטיין און וועט זאגען וועלכען ער האט געמיינט. ביין קינדער זענען געגאנגען. ווי ר׳ בנאה האט געזעהן אז איינער איז נישט געגאנגען האט ער פארשטאנען דורך דעם געהט ער נישט ווייל ער איז זיין ריכטיגער זוהן און צוליב דעם ווייל ער נישט געהן ווייל זיין נאטור לאזט איהם נישט מבזה זיין זיין פאטער אבער די איבריגע זוהן זענען ממזרים ארט זיי נישט דער בזיון. האט ער געהייסען געבין דאס פערמעגען דעם זוהן וואס ער איז נישט געגאנגען קלאפען אויף דעם קבר. זענען די איבריגע זוהן געגאנגען צום קיסר אין זיי האבען איהם דערציילט אז עס געפינט זיך ביי די יודען איינער וואס ער הייסט בנאה און ציהט אויס ביי מענטשין געלד אהן א טעם (דאס מיינט מען ער פסקנט אהן א טעם) אין אהן עדות האט מען ר׳ בנאה געבראכט צום קיסר און מען האט איהם איינגיזעצט און תפיסה אריין איז דאס ווייב פון ר׳ בנאה געגאנגען צום קיסר און זי האט געשריגען פאר דעם קיסר איך האב געהאט א קנעכט אין מען האט איהם אבגעשני-טען דעם קאפ. און מען האט אראב גענומען זיין הויט. זיין פלייש האט מען אויף גיגעסין און מיט זיין הויט שעפט מען וואסער און מיט זיין הויט גיט מען צו טרינקען די גאנצע בני הישיבה אין מען

מען וויל מיר ניט בעצאָהלען. האָט דער קיסר ניט פערשטאַנען וואָס זי מיינט אין זי האָט עקסטרי געזאָגט פערשטעלט כדי עס זאָל קיינער ניט פערשטיין נאָר איהר מאַן ר׳ בנאה. האָט דער קיסר גיפרעגט ר׳ בנאה וואָס מען מיינט דאָס האָט ער איהם גיענטפערט זי האָט געהאַט אַ אָקס האָט מען איהם ביי איהר צו גענאַזילט אין מען האָט איהם גישחטען אין מען האָט אויף געגעסען זיין פלייש אין פון דער פעל האָט מען געמאַכט אַלאַגעל אין מען שעפט מיט דעם לאָגעל וואַסער אין מען טרינקט פון דעם לאָגעל. האָט דער קיסר געזאָגט ווייל ער איז אַזוי קליג זאָל ער זיצען ביי דעם טויער אין ער זאָל פסקנען :

א מענטש האָט געהאַט אַ בוים וואָס זיינע צווייגען זענען אַרויס געוואַקסען אין רשות הרבים אַריין האָבען די מענטשען פון רשות הרבים איהם געהייסען אָב האַקען די צווייגען ווייל די צווייגען האָבען זיי געשאַדעט. האָט דער מענטש ניט געוואָלט אָב האַקען די צווייגען. האָבען זיי איהם גערופען לדין צו ר׳ ינאי האָט ר׳ ינאי געזאָגט צו דעם מענטש גיי היינט אוועק אין די זאָלסט קומען מאָרגען ווייל ר׳ ינאי האָט אויך געהאַט אַבוים וואָס זיינע צווייגען האָבען געוואַקסען אין רשות הרבים אַריין אין צוליעב דעם האָט ער היינט ניט געוואָלט פסקנען אַז ער דאַרף די צווייגען אָב האַקען ווייל ער וועט איהם פרעגען פאַר וואָס ער האַקט ניט אָב זיינע צווייגען. ביינאַכט האָט ר׳ ינאי אָבגעהאַקט די צווייגען פון זיין בוים. מאָרגען ווי דער מענטש איז צו איהם געקומען האָט איהם ר׳ ינאי געהייסען אָב האַקען די צווייגען האָט איהם דער מענטש גיפרעגט פאַר וואָס האַקסט די ניט אָב דיינע צווייגען. האָט ער איהם גיענטפערט גייא זעה אויב די צווייגען פון מיין בוים זענען אָבגעהאַקט זאָלסט די אויך אָב האַקען דיינע צווייגען אין אויב מיינע צווייגען זענען ניט אָבגעהאַקט זאָלסט די דיינע צווייגען אויך ניט אָב האַקען. אין דאָס וואָס ר׳ ינאי האָט ביז יעצט ניט אָב געהאַקט די צווייגען ווייל ער האָט גירעכענט אַז די מענטשען פון רשות הרבים האָבען אַ הנאה פון דיא צווייגען ווייל די צווייגען בעשיצען זיי פון דער זין, אָבער יעצט אַז ער האָט גיזעהן אַז זיי הייסען דעם מענטש אָבהאַקען די צווייגען איז דאָך אַבעווייז אַז זיי האָבען ניט קיין הנאה פון די צווייגען האָט ער זיינע צווייגען אויך אָבגעהאַקט :

רבה בר חנה האָט דערציילט אַז די מענטשען וואָס זיי פאָהרען שטענדיג אויף דעם ים אַז די כוואַליע וואָס זי וויל דערטרינקען די שיף זעהט מען אין דער שפיץ פון דער כוואַליע איין געשטעלט אַזוי ווי ווייס פייער אין אַז מען וויל צו קלאַפּען די כוואַליע שלאָגט מען זי מיט אַשטעקען וואָס עס איז אויף איהם אויס געקריצט אהי״ה אשר אי״ה ה׳ צבאות אמן אמן סלה ווערד די כוואַליע באלד אָב גישטעלט. נאָך האָט רבה בר בר חנה דערציילט אַז די מענטשען וואָס זיי פאהרען שטענדיג אויף דעם ים האָבען איהם דערציילט אַז פון איין כוואַליע ביז צו דער צווייטער כוואַליע איז ווייט דריי הונדערט מייל אין דאָס קול פון דער כוואַליע הערט מען גאר ווייט אין די הויך פון דער כוואַליע איז דריי הונדערט מייל. איינמאָהל זענען זיי געפאָהרען אויף אַ שיף האָט זיי אַכוואַליע אויף געהויבען מיט דער שיף אַזוי הויך ביז זיי האָבען געזעהן דאָס אָרט פון אַקליינעם שטערין

איז

אין עס געוועזען אזוי גרויס אזוי ווי
אפעלד וואס מען קען אויסזייען פערציג
כור גארטשיצע. ווען די כוואליע זאל
זיי געוועזען אויף הייבען העכער וואלטען
מען געוועזען פערברענד געווארען פון דער
היץ אין זיי האבען גיהערט ווי איין
כוואליע האט געזאגט צו דער צווייטער
צו האסט די עפיס איבער געלאזט אויף
דער וועלט וואס די האסט עס ניט
פערפלייצט וועל איך עס פערפלייצען.
האט איהם די צווייטע כוואליע גיענט-
פערט גיה ארויס אין זעה דאס שטאר-
קייט פון בעשעפער אז אפילו די ברייט
פון איין פאדעם קענען מיר ניט ארויס
געהן ווייטער פון ברעג :

**נאך** האט רבה בר בר חנה דערציילט
אז מען האט איהם געוויזען איין
צפרדע וואס זי איז געוועזען אזוי גרויס
אזוי ווי דאס ארט וואס עס הייסט אקרא
דהגרוניא עס איז דארט געוועזען
זעכציג הייזער איז געקומען אשלאנג
אין האט איין געשלינגען די צפרדע איז
געקומען אעורב אנקבה אין זי האט
איינגעשלינגען דעם נחש אין זי האט
זיך ארויף געזעצט אויף אצווייג פון
א בוים פון דעם קענען מיר זעהן דאס
שטארקייט פון דעם בוים האט רב
פפא בר שמואל געזאגט ווען איך זאל
דארט ניט געוועזען זיין וואלט איך ניט
געגלייבט :

**נאך** האט רבה בר בר חנה דערציילט
איינמאהל בין איך געפאהרען אויף
א שיף האב איך געזעהן א פיש וואס
עס איז איהם ארייין אין זייבע
באזולעכער איין ווערמיל אין עס האט
געטיידט דעם פיש אין דער ים האט
איהם אויסגעשפיגען ווייל דער ים קען
ניט פערטראגען קיין טוידטע זאך
אין דער פיש האט חרוב געמאכט
זעכציג שטעדט וואס ער איז אויף זיי
ארויף געפאלען אין זעכציג שטעדט
האבען געגעסען פון פלייש פון דעם פיש
אין זעכציג שטעדט וואס זיי זענען
געוועזען ווייטער האבען איינגעזאלצען
פלייש פון דעם פיש אין זיי האבען
דאס פלייש צו זיך אהיים געגומען אין
פון איין אויג פון דעם פיש האט מען
ארויס געגומען דריי הינדערט פעסער
בוימאייל ווען איך בין צוריק געפארען
אויף דעם זעלבען ארט אין א יאהר
ארים האב איך געזעהן ווי מען האט
געהאקט פון די ביינער פון פיש
בעלקים צוריק צו בויען די איינגעפאלינע
שטעהט :

**נאך** האט רבה בר בר חנה דערציילט
איינמאהל זענען מיר געפאהרען
אויף א שיף האבען מיר געזעהן א פיש
וואס אויף זיין ריקען האט זיך פערזא-
מעלט זאמד אין עס האט אויף דעם
זאמד געוואקסען גראז האבען מיר
גערעכענט אז דאס איז א אינזעל פון
ים זענען מיר אויף דעם זאמד ארויף
געגאנגען אין מיר האבען אויף דעם
זאמד געבאקט אין געקאכט אז דער
ריקען פון פיש איז דערווארימט
געווארען האט ער זיך געגעבען אדרעה
ווען מיר זאלען ניט געוועזען זיין
נאהנט פון דער שיף וואלטען מיר
געוועזען דערטרינקען געווארען :

**נאך** א מעשה האט רבה בר בר חנה דער-
ציילט איינמאהל זענין מיר געפא-
רען אויף אשיף דריי טעג און דריי נעכט
צווישען איין, פליס פעדער ביז דער צוויי-
טער און די שיף איז געגאנגען געגען דעם
פיש און די שיף איז געגאנגען אזוי
שנעל אז אין דער צייט וואס מען דער-
ווארימט איין קעסיל וואסער איז די שיף
אב געפאהרען זעכציג מייל אז א מענש
האט געווארפען א פייל איז די שיף
גיגאנגען

געגאנגען נאָך שנעלער. האָט רב אשי געזאָגט אַז דער פּיש איז פון די קלײנע פיש פון ים ווייל ער האָט צוויי פּליספעדערין וואָרים די גרויסע פיש האָבען נאָר אײנציגע פליספעדערין אין דעם ריקען:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דערציילט איינמאָהל זענען מיר געפאָהרען אויף א שיף האָבען מיר געזעהן ווי א פויגעל איז געשטאַנען ביז די קנעכיל אין וואסער האָבען מיר גירעכענט אַז דאָס וואסער איז נישט טיעף האָבען מיר זיך געוואָלט באָדען אין דעם וואסער איז אַרויס א בת קול פון הימעל אין עס האָט געזאָגט געהט נישט דאָ ווייל א האַק איז אויף דעם אָרט אַראָב געפאַלען שוין זיבען יאָהר און זי איז נאָך נישט געקומען צום גרינד אין נישט ווייל דאָס וואסער איז אַזוי טיעף נאָר ווייל דאָס וואסער געהט מיט א גרויסען שטראָם איבער דעם קען די האַק נישט קומען צום גרונד:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דערציילט. איינמאָהל זענען מיר געגאנגען אין דער מדבר האָבען מיר געזעהן אַסטאַדע געגז וואָס די פעדערין זענען זיי אַרויס געפאַלען פון פעטקייט און עס האָט זיך געצויגען א טייך שמאַלץ פון די געגז האָב איך געזאָגט צו די געגז איך וועל פון אייך האָבען בעולם הבא האָט מיר איין גאנץ אויף געהויבען איין פיסעל אין א צווייטע גאנץ האָט מיר אויף געהויבען א פליגעל ווען איך בין אהיים געקומען האָב איך עס דערציילט פאַר רבי אליעזר האָט ער מיר געזאָגט די יודען זענען עתיד ליתן את הדין דורך די געגז ווייל דורך זייערע זינד האַלטען זיי אויף די גאולה לײדען די געגז צער פון זייער פעטקייט:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דערציילט. איינמאָהל זענען מיר געגאַנגען אין דער מדבר און עס איז מיט אונז געגאַנגען א טערק האָט ער צו מיר געזאָגט קום וועל איך דיר ווייזען די מתי מדבר ווי אַזוי זיי ליגען זענען מיר געגאַנגען האָבען מיר גיזעהן ווי זיי ליגען אַזוי ווי א שיכור ליגט זיי זענען געוועזען ביי זייער פּאַרב און זיי זענען גילעגען מיט דעם פנים אַרויף אין די קניה אויף גישטעלט איז דער טערק אדורך געגאַנגען אונטער איינעמס א קניה און ער איז גערוטען אויף א קעמיל און ער האָט געהאַלטען און דער האַנד א שפּיז און ער האָט נישט אָהנגערוהרט די קניה. האָב איך אָב געשניטען א ציצה פון איינעם כדי איך זאָל ווייזען די חכמים ווי אַזוי די הלכה איז צו אַזוי וויא די בית הלל צו אַזוי ווי די בית שמאי האָבען די קעמלין וואָס מיר זענען אויף זיי געריטען זיך נישט גיקענט רוהרען פון אָרט האָט דער טערק מיר געזאָגט אפשר האָסט די ביי זיי עפּיס צו גענימען איבער דעם קענען די קעמלין זיך נישט רוהרען פון אָרט ווייל מיר האָבען א קבלה אַז ווער עס נעמט עפּיס ביי זיי קען זיך ניש רוהרען פון אָרט האָב איך צוריק געלייגט די ציצה האָבען הערשט די קעמלין זיך גיקענט רוהרען פון אָרט ווי איך בין אהיים געקומען און האָב דאָס דערציילט די חכמים. האָבען זיי מיר געזאָגט אַז איך בין א שוטה ווייל איך האָב בעדאַרפען אכטונג געבען וואָלט איך דאָך שוין געוועזען געוויסט אַזוי ווי ווער דער דין איז:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דערציילט. איינמאָהל בין איך געגאַנגען אין דער מדבר בעזאַממען מיט א טערק האָט דער טערק צו מיר געזאָגט קום

קום וועל איך דיר ווייזען דעם בארג סיני. בין איך צו געגאנגען האב איך געזעהן ווי ארום דעם בארג שטעהן עגדיסען. אזוי ווי ווייסע אייזלין און איך האב גיהערט א בת קול ווי עס זאגט וועה איז וואס איך האב געשוואָרען און אז איך האב געשוואָהרען ווער קען מיר מופר זיין. אז איך בין א היים געקומען און איך האב זיי דאס דערציילט האבען זיי מיר געזאגט אז איך בין א שוטה איך האב בעדארפט זאגען מופר לך און איך האב גירעכענט אז דאס וואס דאס בת קול זאגט ווער עס קען מיר מיפר זיין מיינט מען דאס וואס מען האט געשוואָהרען אז איך זאל נישט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט איבער דעם האב איך נישט געוואלט זאגען מופר לך:

**נאך** א מעשה האט רבה בר חנה דערציילט אז איינמאהל איז ער בעגאנגען אין וועג בעזאמען מיט א טערק האט צו איהם דער טערק געזאגט קום וועל איך דיר ווייזען די שפאלטען און דער ערד פון דעם ארט ווי די בני קרח זענען איינגעזינקען געווארען איז ער צו געגאנגען צו דעם ארט. האט ער געזעהן א שפאלט און דער ערד האט דער טערק גענימען א בייטעל וואל און ער האט עס איינגעווייקט אין וואסער און ער האט עס ארויף גישטעקט אויף דער שפיז און ער האט עס אריין גישטעקט אין דעם שפאלט אריין און ער האט עס ארויס גענימען איז עס געווען אבגיברענט. האט דער טערק געזאגט צו רבה לייג צו דיין אויער צו דעם שפאלט וועסט די הערען וואס זיי זאגען. האט ער צו געלייגט דאס אויער און ער האט גיהערט ווי זיי זאגען משה איז אמת און זיין תורה איז אמת און מיר זענען ליגנערס. האט דער טערק צו איהם געזאגט יעדען ראש חודש ווארפט מע׳ זיי אריין פון גיהנם אויף דעם ארט און זיי שרייען די זעלבע ווערטער משה איז אמת און זיין תורה איז אמת און מיר זענען ליגנערס:

**נאך** א מעשה האט רבה בר חנה דערציילט. איינמאהל איז ער געגאנגען אין וועג בעזאממען מיט א טערק האט דער טערק צו איהם געזאגט קום וועל איך דיר ווייזען דאס ארט ווי דער הימעל מיט די ערד רוהרען זיך אהן. איז ער צו געגאנגען האט ער געזעהן ווי עס איז דארט געמאכט אזוי ווי פענסטער האט ער גענימען זיין פעקיל און ער האט עס אריין געלייגט אין איין פענסטער און ער האט זיך גישטעלט דאווינען ווען ער האט אב געדאווינט האט ער געוואלט זיך ארויסנעמען פון פעקיל עפיס צו עסין האט ער נישט געטראפען דארט זיין פעקעל האט ער גיפרעגט צו דא געפינט זיך אויך גנבים האט איהם דער טעריק גיענטפערט דער גלגל פון הימעל וואס ער דרעהט זיך האט זיכער צו גענימען דאס פעקעל ווארט ביז מארגען אין דער צייט דער גלגל וועט צוריק קומען אויף דעם ארט וועט ער צוריק ברענגען דיין פעקיל. האט ער געווארט ביז מארגען אין דער צייט ווען דער גלגל איז צוריק געקומען אויף דעם ארט האט דער גלגל צוריק געבראכט דאס פעקיל:

**רב** ספרא האט דערציילט. איינמאהל איז ער געפאהרען אויף א שיף האט ער געזעהן א פיש וואס ער האט געהאט אהארען און אויף דעם הארען איז געווען אויסגעקריצט איך בין אקליין בעשעפעניש פון ים און איך בין גרויס דריי הינדערט מייל און איך געה אין מויל אריין פון לויתן ער זאל מיך אויף עסין

עסין. האָט רב אשי געזאָגט דאָס איז אַ ציג פֿון ים און מיט דעם האָרען גראָבט זי אין דער ערד זיכט זיך עסין:

רבי יוחנן האָט דערציילט. איינמאהל איז ער געפאהרען אויף אַ שיף האט מען דערזעהן אין ים אַ קעסטעלע וואָס אין דעם קעסטעלע איז געוועזען איינגעפאַסט דימאַנטען מיט פערל און ארום דעם קעסטעלע זענען געשווימען פיש וואס זיי הייסען כורשא איז אויף דער שיף געוועזען אַמענטש וואס ער האט גיקענט שווימען האט ער זיך אראָב געלאָזט אין ים אריין ארויס צו נעמען דאס קעסטעלע האבען די פיש געוואלט אָבבייסען זיין דיעך. האט דער מענטש געוואָרפען אויף די פיש עסיג זענען די פיש אוועק געשווימען פון ריח פון עסיג איז ארויס אַ בת קול פון הימעל וואָס האט איהר צו דעם קעסטעלע דאָס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא איז אָהנגעבערייט צו בעהאַלטען אין דעם קעסטעל תכלת פאר די צדיקים לעתיד לבוא:

רבי יהודה האָט דערציילט. איינמאָהל איז ער געפאָהרען אויף אַ שיף האָט מען דערזעהן איין אבן טוב וואָס אשלאַנג האָט איהם ארום געריינגעלט. אַ מענטש וואָס ער האָט גיקענט שווימען האָט זיך אראָב געלאָזט אין ים אריין צו נעמען דעם אבן טוב איז געקומען אשלאַנג אין. האָט געוואָלט איינשלינגען די שיף איז געקומען אַפויגעל און ער האָט אָבגעשניטען דעם קאָפּ פון שלאַנג און וויל דער שלאַנג איז געוועזען גרויס איז געוואָרען דאָס וואַסער רויט פון בלוט איז געקומען אצווייטער שלאַנג און ער האָט גענומען דעם אבן טוב און האָט איהם ארויף געלייגט אויף דעם טוידטען שלאַנג. איז דער שלאַנג לעבעדיג געוואָרען; איז ער וויטער צו געקומען צו דער שיף און האָט זי געוואָלט איינשלינגען איז וויטער געקומען דער פויגעל און האָט געהרגעט דעם שלאַנג דערווייל האָט דער מענטש גענומען דעם אבן טוב און האָט איהם אריין געוואָרפען אין דער שיף אריין איז אין דער שיף געלעגען איינגעזאַלצינע פייגעל האָט מען דעם אבן טוב ארויף געלייגט אויף די פייגעל זענען זיי לעבעדיג געוואָרען און זיי זענען אוועק געפלויגען מיט דעם אבן טוב:

רבי אליעזר און רבי יהושע זענען געפאָהרען אויף אַ שיף איז רבי אליעזר דערשלאָפען געוואָרען. און ר' יהושע האט ניט געקענט שלאָפען האָט רבי יהושע געגעבען אַ ציטער און ער האָט זיך זייער דערשראָקען האָט זיך רבי אליעזר אויף געוואַכט און ער האט גיפרעגט רבי יהושע וואָס האָסטו דיך אַזוי דערשראָקען. האָט איהם רבי יהושע גיענטפערט איך האָב געזעהן אגרויס ליכטיקייט אין ים. האט איהם רבי אליעזר געזאָגט אפשר האָסט די געזעהן די אויגען פון לויתן וואָס זיינע אויגען לייכטען אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „עיניו כעפעפי שחר" זיינע אויגען לייכטען אַזוי ווי די שטראַלען פון מאָרגען שטערען:

רב הונא בר נתן איז אמאָהל געגאַנגען מיט מענטשען אין דער מדבר האָבען זיי געהאַט איין שטיק פלייש האָבען זיי גיעפינט דאָס שטיק פלייש ארויס צו נעמען דאָס חלב מיט דעם אָדער און זיי האבען דאָס פלייש ארויף געלייגט אויף דעם גראָז און זיי זענען געגאַנגען ברענגען האָלץ אָב צו בראָטען דאָס פלייש ווען זיי זענען געקומען מיט דעם האָלץ האָבען זיי געזעהן אַז דער שניט פון פלייש איז צוריק פערוואַקסען געוואָרען:

געוואָרען אין זיי האָבען געמאַכט פייער אין זיי האָבען דאס פלייש אָב געבראָטען אין אַ יאָהר אַרום ווען זיי זענען צוריק געגאַנגען דעם זעלבען וועג האָבען זיי געזעהן אַז די קוילען זענען נאָך ניט פערלאָשען געוואָרען. ווען ער איז אַהיים געקומען אין ער האָט דאָס דערציילט פאַר אַמימר האט איהם אַמימר גיענטפערט דאס גראז וואס די האסט אַרויף געלייגט דאס פלייש הייסט סמתרי דאס איז אַזאַ אַשאַרפע זאַך אַז מען לייגט עס אַרויף אויף איין איינגע- שניטינע זאַך צוהט עס צוזאַממען אין צס מאַכט עס איינס אין די קוילען זענען פון דעם האָלץ וואס עס הייסט רותם וואס זיי ווערען ניט אַזוי שנעל פערלאָשען:

רבי יוחנן האט געדרשנט לעתיד ווערט הקב"ה ברענגען דימאָנטען מיט פערל וואָס זיי זענען גרויס דרייסיג איילען די לענג אין דרייסיג איילען די ברייט אין ער וועט זיי אָבשניצען אַז זיי וועלען האַלטען צעהן איילען די ברייט אין צוואָנציג איילען די הויך אין ער וועט זיי אַרויף שטעלען אין די טויערין פון ירושלים. האָט איין תלמיד געלאַכט פון דעם אין ער האט געזאגט מען קען נישט געפינען קיין דימאַנט ער זאל אַזוי גרויס זיין ווי איין איי פון איין עוף וואָס עס הייסט צלצל ווי אַזוי קען מעגליך זיין אַז עס זאָל זיך געפינען אַזעלכע גרויסע דימאַנטען ווי רבי יוחנן זאָגט. איינמאָל איז ער געפאָהרען אויף אַ שיף זייער אַווייטען וועג. האָט ער געזעהן ווי מלאכים שניצען דימאַנטען וואס זיי האַלטען דרייסיג איילען די לענג אין דרייסיג איילען די ברייט אין זיי שניצען זיי אָב זיי זאלען האַלטען צעהן איילען די ברייט אין צוואָנציג איילען די לענג האט ער זיי גיפרעגט צו וואס שניצט איהר די דימאַנטען האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז הקב"ה וועט זיי אַרויף שטעלען אויף די טויערין פון ירושלים. ווי ער איז אַהיים געקומען האט ער געזאָגט צו רבי יוחנן רבי דרשן אין פאַר דיר פאַסט צו דרשנען ווייל אַזוי ווי די האָסט געדרשנט אַזוי האָב איך געזעהן. האט ר' יוחנן צו איהם געזאָגט די לעהרער מענטש ווען די וואָלסט ניט געלייבט קומט דאָך אויס אַז די שפעטסט פון די רייד פון די חכמים האט ער אויף איהם געגעבען אַקוק איז פון איהם געוואָרען איין בערגעל ביינער:

יוסף בן יועזר האט געהאַט אַזוהן וואס ער האָט זיך ניט געפיהרט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין. אין ער האָט געהאַט אַ כלי פיהל מיט רענדלעך. האט ער מקדיש געוועזען די כלי מיט רענדליך כדי דער זוהן זאָל זיי ניט ירשנען. האט דער זוהן גענימען אַ ווייב די טאכטער פון דעם מענטש וואָס ער האט געמאַכט קרוינען פאַר דעם קיסר ינאי וועגען. איינמאָהל האָט זיין ווייב געבאָרען אַקינד האָט ער געקויפט פאַר איהרט וועגען אַ פיש האָט זי גיעפענט דעם פיש האָט זי אין איהם געפינען אַברולאַנט. האָט דאָס ווייב צו איהם געזאָגט די זאָלסט ניט פערקויפען דעם ברילאַנט דעם קיסר ווייל ער וועט איהם ביי דיר קויפען פאַר ווינציג געלד נאָר טראָג דעם ברילאַנט צו דעם גבאי פון הקדש ער איז אַערליכער ער וועט דיר בעצאָהלען וויפיהל ער איז ווערד ווייל מען דאַרף איהם האָבען צום אפוד נאר די זאלסט איהם ניט זאָגען וויפיהל די ווילסט נאָר ער זאָל דיר זאָגען וויפיהל ער וועט דיר געבען ווייל ער איז אַ ירא שמים ער וועט דיך ניט אָב נאַרען האָט ער געבראַכט דעם ברעלאַנט

צו דעם גבאי פון הקדש. אין ער האט איהם גיפרעגט וויפיהל ער איז ווערט. האט דער גבאי איהם גיענטפערט ער איז ווערט דרייצען כלים מיט רענדליך נאר עס איז ניט דא מעהר ווי זיבען כלים מיט רענדליך האט ער גיענטפערט גיט מיר די זיבען כלים מיט רענדליך אין זעקס שענק איך אין הקדש אריין. האט מען אויף געשריבען יוסף בן יועזר האט גישענקט איין כלי מיט רענדליך אין זיין זוהן וואס ער האט גירעכענט אז ער פיהרט זיך ניט אזוי ווי עס דארף צו זיין האט גישענקט זעקס כלים מיט רענדליך אין אטייל זאגען אז אזוי האט מען אויף געשריבען יוסף בן יועזר האט גישענקט אכלי מיט רענדליך אין הקדש אריין. אין זיין זוהן האט ארויס גענומען פון הקדש זיבען כלים מיט רענדליך וויל ער האט ניט בעדארפען אויסליידיגען די קאסע פון הקדש ער האט בעדארפען עפיס איבער לאזען:

רבי גמליאל הנשיא האט אמאהל געזאגט אז מען זאל צוזאמען רופען אויף מארגען אין דער פריה זיבען מענטשען אויף דעם גארען וואס דער גארען איז געוועזען מיוחד פאר דעם בית דין מען האט בעדארפען מעבר זיין דאס יאהר. ווי ער איז ארויף געקומען האט ער דארט געטראפען אכט מענטשען. האט ער געזאגט ווער עס איז ארויף געקומען שלא ברשות זאל אראב געהן. האט שמואל הקטן זיך אויף גישטעלט אין ער האט געזאגט איך בין ארויף געקומען שלא ברשות איך בין ניט ארויף געקומען מעבר זיין דאס יאהר נאר איך בין ארויף געקומען זיך לערנען ביי אייך א הלכה ווי אזוי איהר וועט טוהן. האט איהם רבי גמליאל געזאגט זייט מיין זוהן זייט. די אלע יאהרען זענען ראוי זיי זאלען מעובר ווערען דורך דיר נאר די חכמים האבען געזאגט אז מען טאהר ניט מעבר זיין דאס יאהר נאר דורך די מענטשען וואס זיי זענען גערופען ספיציעל צו דעם אין באמת איז שמואל הקטן געוועזען פון די גערופינע נאר ער האט געזאגט אז ער איז ניט געוועזען פון די גערופנע כדי דער ניט געריפינער מענטש זאל ניט מעניש ווערען. די זעלבע מעשה איז פארגעקומען ביי רבי. רבי איז אמאהל געזעסען אין גילערענט מיט זיינע תלמידים האט ער דער-שפירט א ריח פון קנאביל האט רבי געזאגט ווער עס האט געגעסען קנאביל זאל ארויסגעהן. האט רבי חייא זיך אויף גישטעלט אין ער איז ארויס געגאנגען זענען אלע תלמידים אויך ארויס געגאנגען. מארגען האט רבי שמעון בן רבי געטראפען רבי חייא האט ער צו איהם געזאגט די האסט מצער געוועזען מיין פאטער. האט איהם רב חייא גיענטפערט איך האב דיין פאטער ניט מצער געוועזען איך האב ניט געגעסען קיין קנאבעל נאר דורך דעם בין איך ארויס געגאנגען כדי דער מענטש וואס האט געגעסען קנאביל זאל ניט מבויש ווערען וויל איך האב פערשטאנען אז איך וועל ארויס געהן וועלען אלע תלמידים ארויס געהן ממילא וועט מען ניט וויסען ווער עס האט געגעסען קנאביל. אין די זעלבע מעשה איז פאר געקומען ביי רבי מאיר. עס איז אמאהל אריין געקומען א אשה אין בית המדרש אריין פון רבי מאיר אין זי האט געזאגט איינער פון אייך האט מיך מקדש געוועזען בביאה. האט רבי מאיר אב געשריבען א גט אין ער האט איהר געגעבען. האבען אלע תלמידים אויך אזוי געטוהן אין רבי מאיר האט זי ניט געהאט מקדש געוועזען נאר ער האט עקסטרי אזוי געטוהן כדי מען זאל ניט וויסען ווער עס האט זי מקדש געוועזען ער זאל ניט מבויש ווערען:

אַיין קנעכט פון ינאי המלך האט אַ מאָהל געהרגיט אַ מענש. האט רבי שמעון בן שטח געזאָגט צו די חכמים. גיט אַכטונג אין דעם דין איהר זאָלט דעם עבד דן זיין. איהר זאָלט ניט קוקען וואס ער איז אַ עבד פון ינאי המלך. האט מען געשיקט צו ינאי המלך דיין קנעכט האָט גהרגיט אַ מענש. האט ער צו זיי געשיקט דעם עבד מען זאָל איהם דן זיין. האָבען זיי צו איהם צוריק געשיקט אַז ער מוז אַליין אויך קומען ווייל מען געהט דן זיין זיין עבד דאַרף ער אַליין זיין ביי דעם דין. איז ער געקומען און ער האט זיך אַגידער געזעצט. האט רבי שמעון בן שטח געזאָגט שטעל דיך אויף אין די עדות זאָלען עדות זאָגען. אַז דיין קנעכט האט געהרגיט אַ מענש אין די שטעהסט ניט פאַר אונז נאָר די שטעהסט פאַר הקב"ה. האט ינאי המלך צו איהם געזאָגט נישט אַזוי ווי די זאָגסט וועל איך טוהן. נאָר אַזוי ווי דיינע חברים וועלען זאָגען אַזוי וועל איך טוהן. האט רבי שמעון בן שטח זיך געגעבין אַ דרעה אויס אין זיין רעכטע זייט צו די חכמים צו זעהן וואס זיי וועלען זאָגען האָבין זיי אַראָב געבויגען זייערע קעפּ צו דער ערד. ווייל זיי האָבען מורא געהאט פאַר ינאי המלך. האָט ער זיך אויס געדרעהט צו די חכמים וואס זענען געזעסען אין דער לינקער זייט האָבען זיי אויך אַראָב געבויגען זייערע קעפּ צו דער ערד. האט רבי שמעון בן שטח צו זיי געזאָגט איהר זענט בעלי מחשבות דאָס הייסט איהר האָט פריהר געזאָגט אַז איהר וועט איהם משפט'ן און יעצט טראַכט איהר אַנדערש זאָל קומען הקב"ה וואס ער הייסט אַבעל מחשבות און זאָל פון אייך געצאָהלט ווערען. איז געקומען דער מלאך גבריאל און ער האט זיי געוואָרפען אין דער ערד און זיי זענען געשטאָרבען. פון דעמאָלסט האָט מען מתקן געווען אַז אַ מלך זאָל מען ניט דן זיין און ער זאָל קיין צווייטען נישט דן זיין ער זאָל אויף קיין צווייטען נישט עדות זאָגען און קיין צווייטער זאָל אויף איהם נישט עדות זאָגען:

רבי שמעון בן שטח האָט אַ מאָהל געזעהן ווי איינער האָט געיאָגט דעם צווייטען אין אַ חורבה אַריין איז רבי שמעון נאָך געלאָפען נאָך זיי האָט ער געזעהן ווי איינער האָט געהאַלטען אַ שווערד און עס האָט פון איהר געטרופט בלוט און דער צווייטער איז געלעגען אויף דער ערד דערהרגיט און ער האָט זיך געוואָרפען. האָט ר' שמעון בן שטח געזאָגט צו דעם רוצח ווער האָט איהם דערהרגיט עס איז נישט אַנדערש נאָר די. אָבער איך. און איך ווייס דאָך זיכער אַז די האָסט איהם דערהרגיט נאָר וואס קען איך טוהן אַז איך קען דיר גאָר ניט טוהן ווייל עס איז ניט דאָ קיין עדות נאָר הקב"ה וואס ער איז אַ יודע מחשבות זאָל פון דיר געצאָהלט ווערען אין רבי שמעון בן שטח איז נישט אַוועק געגאַנגען פון אָרט ביז עס איז געקומען אַ שלאַנג און ער האָט דעם רוצח געגעבען אַ ביס אין ער האָט איהם דערהרגעט:

אַ קיסר פון די אומות העולם האט אַמאָהל געזאָגט צו רבי תנחום קום וועלען מיר אַלע זיין איין פאָלק. האט איהם רבי תנחום גיענטפערט מיר וועלען זיין איין פאָלק נאָר מיר זענען דאָך גמלת קענען מיר נישט זיין גלייך מיט אייך נאָר איהר קענט אייך מל זיין און איהר זאָלט זיין גלייך מיט אונז. האט איהם דער קיסר גיענטפערט די ביסט גירעכט נאָר עס איז אַ גיזעץ אַז דער וואס ער איז מנצח דעם קיסר און דער קיסר ווערט דורך איהם מבויש דאַרף מען איהם אַריין וואַרפען צו די חיות

חיות רעות האט מען איהם אריין געווארפען צו די חיות האבען די חיות איהם גארנישט געטוהן. האט א מין געזאגט צום קיסר דאס וואס די חיות האבען איהם נישט אויף געגעסען איז ווייל זיי זענען נישט הונגעריג. האט מען דעם מין אריין געווארפען צו די חיות האבען זיי איהם אויף געגעסען:

אמאהל איז געשטארבען א מוכס (א עקזעקוטער) א יוד ער איז געוועזען א רשע אין דעם זעלבען טאג איז געשטארבען א חכם גדול און אלע גדול וחשובי העיר האבען זיך מתעסק געוועזען מיט דער מטה פון דעם חכם און די קרובים פון דעם מוכס האבען זיך מתעסק געוועזען מיט דער מטה פון דעם מוכס און זיי האבען געטראגען די מטה נאך דער מטה פון דעם חכם. אויף דעם וועג זענען זיי בעפאלען געווארען פון א חברה רויבערס האבען זיי געלאזט שטעהן די מטות און זיי זענען אנטלאפען. שפעטער זענען זיי צוריק געקומען קובר זיין דעם חכם האבען זיי גענומען די מטה פון דעם מוכס. איז דארט געוועזען א תלמיד פון דעם חכם וואס ער האט ביי דער גאנצער צייט נישט אבגעטרעטען פון דער מטה האט ער געשריגען צו זיי אז זיי זאלען נעמען די צווייטע מטה האבען זיי אויף איהם נישט געקוקט און זיי האבען בעגראבען דעם מוכס בכבוד גדול און די קרובים פון מוכס האבען קובר געוועזען דעם חכם אין דעם קבר פון מוכס אין דער תלמוד האט געהאט פון דעם גרויס צער ער האט זיך געוואונ-דערט וואס האט מיין רבי געזינדיגט וואס ער האט געהאט אזא בזיון און וואס פאר א זכות האט דער מוכס געהאט וואס ער האט געהאט אזא גרויסען כבוד. איז דער חכם געקומען צום תלמוד בחלום און ער האט איהם געזאגט זיי דיך נישט מצער קום וועל איך דיר ווייזען מיין ארט אין גן עדן. אין דאס ארט פון דעם מוכס אין גיהנם. נאר איינמאהל האב איך געהערט ווי מען האט מבזה געוועזען א תלמיד חכם און איך האב געשוויגען. איבער דעם איז כי'ל געקומען דער בזיון. און דער מוכס האט א מאהל געמאכט א סעודה פאר דעם שר העיר וועגען. און דער שר העיר איז נישט געקומען אויף דער סעודה. האט ער די סעודה צוטיילט ארימע לייט. איבער דעם האט ער געהאט דעם כבוד און ער האט אב גענומען זיין שכר. האט דער תלמוד געפרעגט ווי לאנג וועט דער מוכס אזוי זיין אין גיהנם. האט איהם דער חכם גיענטפערט ביז רבי שמעון בן שטח וועט שטארבען און ער וועט אריין אין גיהנם אויף זיין ארט. האט איהם דער תלמוד געפרעגט. פאר וואס קומט איהם דאס. האט איהם דער חכם גיענטפערט. ווייל עס איז דא אין דער שטאדט אשקלון אכציג ווייבער מכשפות. אין ער איז זיי נישט דן. אין דער פריה האט דער תלמוד דערציילט דאס רבי שמעון בן שטח. האט רבי שמעון בן שטח אויסגעקליבען אכציג תלמידים שטארקע מענשען און יעדען איינציגען האט ער געגעבען איין לאגעל אין איין מאנטיל איז געלעגען אין לאגעל. אין דעם טאג האט שטארק גירעגענט. אין ער האט צו זיי געזאגט איהר זאלט זיין גוט געווארענט זיי זענען אכציג. אזוי ווי איהר וועט אריין קומען זאל יעדער פון אייך נעמען איינע אין אויף הייבען וועט שוין דער כשוף אויף אייך נישט קיין שליטה האבען. און ער האט זיי געלאזט שטעהן אין דרויסען און ער איז אריין געגאנגען צו זיי אין שטוב אריין. האבען זיי איהם גיפרעגט ווער ביסט די. האט ער זיי גיענטפערט. איך בין א מכשף. האבען זיי איהם גיפרעגט וואס פאר

א כישוף

אַ כישוף קענסט די אונז ווייזען. האָט ער זיי גיענטפערט. איך קען אייך ווייזען אַזוי ווי עס איז יעצט אַ רעגען און איך וועל אייך אַריין ברענגען אַכציג בחורים אָהנגעטוהן אין טריקינע מאַנטלען האָבען זיי איהם געזאָגט מיר ווילען זעהן. איז ער אַרויס געגאַנגען. און ער האָט צו זיי געגעבען אַ ווינק האָבען זיי אַרויס גענומען די מאַנטלין פון די לאָגלען אין זיי זענען אַריין געקומען. אין יעדער איינער האָט גענומען איינע אין ער האָט זי אויף געהויבען. און זיי האָבען זיי אַרויסגענומען אין אויף געהאָנגען. האָט דאָס זייערע קרובים פערדראָסען. און צוויי פון זיי האָבען עדות געזאָגט אויף אַ זוהן פון רבי שמעון בן שטח. אַז ער האָט געטוהן אַ עבירה וואָס עס קומט איהם מיתה. און מען האָט איהם דן געוועזען מען זאָל איהם פערשטיינען. ווען מען האט איהם אַרויס געפיהרט צו פערשטיינען האט ער געזאָגט. אויב איך האב געטוהן די עבירה זאָל מיין מיתה נישט זיין אַ כפרה. און אויב נישט. זאָל מיין מיתה זיין אַ כפרה אויף מיר אין אויף אייך. און די זינד זאָל ליגען אויף די עדות. ווי די עדות האָבען דאס דערהערט. האָבען זיי מודה געוועזען אַז זיי האָבען פאַלטש עדות געזאָגט ווייל זיי זענען אויף איהם געוועזען אין כעס פאַר וואָס זיין פאָטער האט אויסגעהרגית די מכשפות זייערע קרובים. דאָך האָט דאָס בית דין איהם נישט געקענט פטרן. און מען האָט איהם פערשטיינט :

**רבי** שמעון בן חלפתא איז אַ מאָהל געגאַנגען אין וועג האָבען איהם בעגעגענט לייבען און זיי האָבען אויף איהם געברימט זיי האָבען איהם געוואָלט אויף עסען. האט ער געזאָגט עס שטייט אין פסוק „הכפירים שואגים לטרף” די לייבען שרייען צו פערציקונג. זענען אַראָב געקומען צוויי עופות פון הימעל. איין עוף האָבען די לייבען אויף גיגעסין. אין איין עוף האָבען זיי איבערגעלאָזט. האט ער דאָס עוף אַ היים גענומען און ער האט עס געבראַכט אין בית המדרש אַריין אין ער האט גיפרעגט צי דאט עוף איז טהור צו נישט. האָבען די חכמים איהם גיענטפערט אַז פון הימעל געהט נישט אַראָב קיין דבר טמא איבער דעם מעג מען דאָס עוף עסין :

**ווען** ירושלים איז החרוב געוואָרען איז דאָך געוועזען פיעל מענשען וואס זיי זענען געלעגען געשוואָלען פון הינגער. פלעגט אליהו הצדיק בעזוכען די מענשען. איינמאָהל האט ער געטראָפען אַ קינד ליגען אויף דעם מיסט. און עס איז געוועזען געשוואָלען פון הינגער. האט ער גיפרעגט דעם קינד פון וועלכער משפחה ער איז. האט ער איהם געזאָגט פון וועלכער משפחה ער איז. האָט ער איהם גיפרעגט צו עס איז נאָך עמיצער איבער געבליבען פון דער משפחה. האָט ער איהם גיענטפערט. אַז עס איז קיינער נישט איבער געבליבען נאָר ער אַליין. האָט איהם אליהו גיפרעגט. אויב איך וועל דיך אויסלערנען אַ זאַך וואס דורך דער זאַך וועסט די בלייבען לעבען. וועסט די דיך אויסלערנען. האָט איהם דאס קינד גיענטפערט. איך וועל זיך אויסלערנען. האט ער איהם געהייסען יעדען טאָג זאָגען שמע ישראל. האט איהם דאס קינד גיענטפערט איך וועל נישט דערמאַנען דעם נאָמען פון דעם גאָט וואס מיינע עלטערין האבען מיך נישט געלערנט. און ער האט אַרויס גענומען אַ עבודה זרה פון זיין שויס אין ער האט זי געהאַלדזט אין געקושט ביז זיין בויך איז צושפאָלטען געוואָרען אין די עבודה-זרה איז אַראָב געפאַלען אויף דער ערד. און ער איז אַרויף געפאַלען אויף דער עבודה זרה און ער איז געשטאָרבען :

**אנכריות** איז א מאהל שטארק שלאף געוועזען האט זי א נדר געטוהן אז זי וועט געזינד ווערען וועט זי דינען אלע עבודה זרות פון דער וועלט. חען זי איז געזינד געווארען איז זי געגאנגען אין זי האט געדינט אלע עבודה זרות פון דער וועלט אז זי איז געקומען צו דער עבודה זרה בעל פעור האט זי גיפרעגט די גלחים מיט וואס דינט מען די עבודה זרה. האבען די גלחים איהר גיענטפערט מען עסט אזא מין גראז וואס דאס גראז איז משלשל אין מען רייניקט זיך אויס אויף דער עבודה זרה. האט זי גיענטפערט איך וויל בעסער צוריק קראנק ווערען איידער איך זאל דינען אזוי די עבודה זרה:

**אנכרית** האט אמאהל געדינגען איודישען בעל עגלה ער זאל מיט איהר פאהרען אין וועג ווי זיי זענען אדורך געפאהרען דורך דער עבודה זרה פעור האט די נכרית געזאגט צו דעם בעל עגלה ער זאל אויף איהר ווארטען ביז זי וועט אריין געהן אין דינען די עבודה זרה ווען זי איז ארויס געקומען האט דער יהודי צו איהר געזאגט ווארט אויס ביז איך וועל אויך אריין געהן. האט זי צו איהם געזאגט די ביסט דאך איהודי. האט ער איהר גיענטפערט וואס ארט דיך איז ער אריין געגאנגען אין ער האט זיך אויסגערייניקט אין מיט דער עבודה זרה האט ער זיך אב געווישט. האבען די בעדינער פון דער עבודה זרה געלויבט דעם יהודי אין זיי האבען געזאגט עס האט נאך קיינמאהל קיין מענטש אזוי ניט בעדיענט די עבודה זרה אזוי ווי דער יהודי:

**טורנוסרופוס** הרשע האט גיפרעגט רבי עקיבא פארוואס איז ביי דיר חשובער דער שבת מעהר פון אלע טעג. האט רבי עקיבא איהם גיפרעגט פאר וואס ביסט די אחשובער שר מעהר פון אלע שרים. האט ער איהם גיענטפערט ווייל דער קיסר האט מיך געוואלט גרעסער מאכען פון אלע שרים. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט דעם טאג שבת האט אויך הקב"ה געוואלט גרעסער מאכען פון אלע טעג. האט איהם טורנוסרופוס געזאגט איך פרעג די פראגע פון וואנען ווייסט די אז היינט איז שבת אפשר איז אצווייטער טאג שבת. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט דער טייך סמבטיון וועט אויסווייזען אגאנצע וואך ווארפט ער שטיינער אין שבת רוהט ער אין דאס זעלבע דער מכשף בעל אוב וואס ער ברענגט אויף א מת מיט כישוף אגאנצע וואך קען ער אויף ברענגען דעם מת אין שבת קען ער איהם ניט אויף ברענגען. אין דער זעלבער בעוויז איז פון דיין פאטערס קבר אגאנצע וואך געהט אויף ארויעך פון זיין קבר אין שבת געהט נישט קיין רויעך ווייל אין שבת רוהען אלע רשעים פון גיהנם מען איז זיי ניט דן.

**א אשה** אמכשפה האט געוואלט אפער נעמען אביסעל ערד פון אינטער די פיס פון רבי חנינא כדי זי זאל איהם קענען טוהן כישוף. האט רבי חנינא צו איהר געזאגט אויב די וועסט קענען מיר טוהן כישוף מעגסט די טוהן ווייל דיין כישוף וועט גאהר נישט העלפען ווייל עס שטייט אין פסוק „אין עוד מלבדו" מען קען גאהר נישט טוהן אז הקב"ה וויל נישט אין אויב די וועסט מיר קענען כישוף טוהן איז עס פון הקב"ה אין איך וועל עס מקבל זיין באהבה:

**רב** האט אמאהל דערציילט ר' חייא ווי ער האט געזעהן ווי איין אראבער

אַראַבער האָט צו שניטען זיין קעמיל אויף שטיקער און ער האָט געגעבען אַ קלינג מיט דעם גלעקיל האָט זיך דאָס קעמיל אויף גישטעלט. האָט איהם ר' חייא גיפרעגט צו האָסט די געזעהן ווען דאָס קעמיל האָט זיך אויף גישטעלט איז געוועזען אַ צייכען פֿון בלוט אַז ער זאָל עס געוועזען צו שניידען וואָלסט די בעדאַרפֿען אָהן זעהן בלוט נאָר דאָס איז נאָר געוועזען אָפּערבלענדיניש:

**רבי** אליעזר און רבי יהושע זענען אריין געגאַנגען זיך וואַשען אין מרחץ און דער שטאָדט טבריה איז דאָרט געוועזען אַ מכשף און ער האָט געזאָגט אַ שפּראַך זענען זיי געבליבען שטעהן אויף איין אָרט און זיי האָבען זיך נישט גיקענט רוהרען פֿון אָרט. האָט רבי אליעזר געזאָגט צו רבי יהושע זעה נאָר וואָס עס האָט אונז געטראָפֿען אין זעה עפּיס צו טוהן. האָט רבי יהושע געזאָגט עפּיס האָט דער טויער פֿון מרחץ צוהנגעכאַפּט דעם מכשף און ער האָט איהם געהאַלטען ווען עס איז אַריין געגאַנגען אין מרחץ אריין און ווען עס איז אַרויס געגאַנגען פֿון מרחץ האָט דעם מכשף געגעבען אַ קלאַפּ. האָט דער מכשף געבעטען רבי יהושע און רבי אליעזר אַז זיי זאָלען איהם אויף בינדען האָבען זיי איהם גיענטפֿערט בינד די אויף דיין שפּראַך וועלען מיר אויף בינדען אונזערס האָט ער אויף געבינדען זיינס און זיי זייערס און זיי זענען אַלע אַרויס געגאַנגען. האָט רבי יהושע געזאָגט צו דעם מכשף די זעהסט מיר קענען אויך דאָס זעלבע וואָס די אין די האָסט שוין פֿאַר דיינעם אָב גענימען דיין געצאָהלט. האָט דער מכשף צו זיי געזאָגט קומט וועלען מיר געהן אויף דעם ים וועל איך אייך ווייזען וואָס איך קען זענען זיי געגאַנגען צום ים האָט דער מכשף עפּיס געזאָגט האָט זיך דער ים געשפּאָלטען און ער האָט צו זיי געזאָגט איהר זעהט איך האָב געטוהן דאָס זעלבע ווי אייער רבי משה. האָבען זיי צו איהם געזאָגט ביסט די דען נישט מודה אַז משה איז געגאַנגען אין מיטען ים אין דער יבשה ווייזט די אויך דאָס זעלבע. איז דער מכשף אריין געגאַנגען אין מיטען ים האָט רבי יהושע גוזר געוועזען אויף דעם שר של ים אין דאָס וואַסער האָט אָהנגעהויבען צו געהן אַזוי ווי פֿריהער און דער מכשף איז דערטרונקען געוואָרען:

**רבי** אליעזר און רבי יהושע און רבן גמליאל זענען געקומען קיין רום זענען זיי אַריין געקומען אויף איין אָרט האָבען זיי געזעהן ווי קינדער שפּילען זיך מיט שטיקלעך ערד און זיי זאָגען אַזוי האָט מען אין ארץ ישראל אָבגעשיידט תרומה אין מעשר. האָבען זיי פֿערשטאַנען אַז אויף דעם אָרט וואָהנען יודען זענען זיי אַריין געגאַנגען אין דער שטאָדט אַריין אין זיי זענען איינגעשטאַנען ביי אַ מענש ווען זיי האָבען זיך אַנידער גיזעצט עסין האָבען זיי געזעהן אַז יעדער תבשיל וואָס מען האָט פֿאַר זיי געבראַכט האָט מען עס פֿריהר אַדורך געטראָגען דורך אַ חדר נאָך דעם האָט מען דאָס תבשיל פֿאַר זיי געבראַכט. האָבען זיי גיפֿרעגט דעם בעל הבית פֿאַר וואָס טראָגט ער פֿריהער אַריין יעדען תבשיל און דעם חדר אַריין. האָט דער בעל הבית זיי גיענטפֿערט ער טוהט דאָס צוליעב זיין אַלטען פֿאָטער וואָס ער האָט אויף זיך גענימען אַז ער זאָל נישט אַרויס געהן פֿון דעם חדר ביז עס וועלען אַ העך קומען חכמים וועט ער זיי מגלה זיין פֿאַר וואָס ער וויל נישט אַרויס געהן פֿון חדר. האָבען זיי געזאָגט צום בעל הבית געה אין

זאָג דיין אַלטען פאָטער אַז ער זאָל אַרויס געהן פון חדר אין קומען פאַר די חכמי ישראל. וואָס זיי זענען אַ הער געקומען. איז דער זקן צו זיי אַרויס געגאַנגען האָבען זיי איהם געפרעגט פאַר וואָס זיצט די אין דעם חדר און די ווילסט ניט אַרויס געהן האָט ער זיי געענטפערט. דאָס טהו איך דורך מיין זוהן וואָס ער האָט נישט קיין קינדער און איך בעט פון אייך אַז איהר זאָלט מתפלל זיין אויף מיין זוהן אַז ער זאָל האָבען קינדער. האָט רבי אליעזר געזאָגט צו רבי יהושע טהו עפיס אַז דער יוד זאָל געהאָלפען ווערען. האָט רבי יהושע זיך געהייסען געבען זרע פון פלאַקס און ער האָט עס פערשפרייט אויף דעם טיש האָט זיך אויזגעזעהן אַזוי ווי די זרע זייעט מען און עס וואַקסט און מען רייסט זיי אויס און עס איז אויף געגאַנגען אַ אשה דאָס איז געוועזען די מכשפה וואָס זי האָט כשוף געטוהן האָט רבי יהושע גע-זאָגט צו דער מכשפה בינד אויף דעם כישוף וואָס די האָסט געטוהן האָט זי געענטפערט איך וועל נישט אויף בינדען. האָט רבי יהושע צו איהר געזאָגט אויב די וועסט נישט אויף בינדען. דעם כישוף וועל איך פאַר יעדערען מפרסם זיין דיינע מעשים אין דיין נאָמען. האָט זי געענט-פערט איך קען דעם כישוף נישט אויף בינדען ווייל איך האָב אַריין געוואָרפען דעם קשר פון כישוף אין ים אַריין האָט רבי יהושע גוזר געוועזען אויף דעם שר של ים האָט ער אויסגעשפיגען דעם קשר פון כשוף נאָך דעם האָבען זיי מתפלל געוועזען אין ער האָט געהאַט אַ זוהן דעם בעוויסטען תנא רבי יהודה בן בתירה:

ווען רבי אליעזר בן הורקנוס איז שלאַף געוואָרען (דאָס איז דער רבי אליעזר וואָס האָט געקריגט מיט רבי יהושע אין מיט די חכמים וואָס די חכמים האָבען איהם געלייגט אין חרם אַריין) איז רבי עקיבא מיט זיינע חברים געגאַנגען איהם מבקר חולה זיין אין רבי אליעזר איז געזעסען אין אַביידעל אין זיי זענען געזעסען אין שטיב אין עס איז דאַמאָלסט געוועזען ערב שבת אין זיין זוהן הורקנוס איז צו איהם אַריין געגאַנגען איהם אויסטוהן די תפילין ווייל עס איז שוין געוועזען שפעט. האָט ער אויף איהם אָהן געשריגען אין הורקנוס איז אַרויסגעגאַנגען מבויש אין ער האָט געזאָגט צו זיינע חברים מיר זעהט אויס אַז מיין פאָטער איז ניט ביי די קלאָהרע געדאַנקען אין ער האַלט שוין נאָהנט ביי שטאַרבען. וואָרים ווען ער זאָל זיין ביי די קלאָהרע געדאַנקען וואָלט ער זיך געלאָזט אויסטוהן די תפילין. האָט רבי אליעזר דאָס דער הערט האָט ער געזאָגט צו די חכמים מיין זוהן אין זיין מוטער זענען נישט ביי די קלאָהרע געדאַנקען ווי אַזוי לאָזען זיי אַוועק אַ איסור סקילה דאָס הייסט ליכט צינדען אין אַריין שטעלין דאָס עסין אין אויוועזן אַריין מיט דעם וואַרטען זיי און זיי פערנעמען זיך מיט אַ איסור דרבנן וואָרים אַז מען לייגט תפילין אין שבת איז מען נאָר עובר אויף אַ איסור דרבנן אַז די חכמים האָבען געזעהן אַז ער איז ביי די ריינע געדאַנקען זענען זיי צו איהם אַריין געגאַנגען אין זיי האָבען זיך גיזעצט ווייט פון איהם פיער איילין (ווייל ער איז געוועזען אין חרם) האָט ער גיפרעגט די חכמים צוליעב וואָס זענט איהר געקומען האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר זענען געקומען לערנען תורה. האָט ער זיי גיפרעגט פאַר וואָס זענט איהר ביז יעצט נישט געקומען. האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר האָבען נישט געהאַט קיין צייט האָט ער צו זיי געזאָגט איך וואונדער זיך אויב איהר וועט

וועט שטארבען א געוועהנליכע מיתה האט איהם רבי עקיבא גיפרעגט וואס וועט זיין מיין מיתה האט ער איהם גיענט-פערט דיין מיתה וועט זיין שווערער פון זייערע ווייל די האסט אגיטען געדאנק צום לערנען ווען די זאלסט ביי מיר לערנען וואלסט די געוועזען פיעל תורה גילערענט. האט רבי אליעזר גענימען זיינע צוויי הענד אין ער האט זיי ארויף גלייגט אויף זיין הארץ אין ער האט געזאגט וועה איז צו אייך מיינע הענד וואס איהר זענט אזוי ווי צוויי ספרי תורות וואס מען איז זיי גולל (ווארים א ספר תורה אז מען וויקעלט זי צו זעהט מען נישט ארויס דאס כתב אזוי ווי די תורה וואס איז ביי מיר אין הארץ ווערט פערוויקעלט אין בעהאלטען ווייל די תלמידים זענען נישט געקומען לער-נען אין דער צייט וואס ער איז געוועזען אין חרם. בלייבט דאך די תורה ביי איהם אין הארץ פערבארגען) פיעל תורה האב איך אליין גילערענט אין פיעל תורה האב איך גילערענט מיט די תלמידים און איך האב נישט געפעהלט פון מיינע רבנים אפילו אזוי ווי א הונד לעקט וואסער פון ים. דאס הייסט איך האב גאר נישט פערגעסען און איך האב מיט מיינע תלמידים אויך געלערענט אלעס וואס איך האב ביי מיינע רבנים געלערענט אין ניט דאס אליין נאר איך האב געלערענט דריי הונדערט הלכות אין מראות נגעים אין עס האט מיך קיינער גאר נישט איבער גיפרעגט אין איך האב געלערענט דריי הינדערט הלכות פון נטיעות קישואין אין עס האט מיך קיינער גאר נישט איבער גיפרעגט אויסער עקיבא בן יוסף. איינמאהל בין איך געגאנגען אין וועג מיט עקיבא בן יוסף. האט ער צו מיר געזאגט רבי לערנען מיך דאס פלאנצען פון די קישואין דאס הייסט דורך א שם וואס איך וועל זאגען זאלען וואקסען קישואין. האב איך געזאגט איין ווארט איז דאס פעלד פיהל געווא-רען מיט קישואין האט ער צו מיר געזאגט די האסט מיך אויס גילערענט ווי אזוי מען פלאנצט זיי לערען מיך אויס זייער אויסרייסען. האב איך געזאגט איין ווארט זענען אלע קישואין זיך איינגעזאמעלט אויף איין ארט. האבען די חכמים איהם גיפרעגט א דין אויף א זאך צו די זאך איז טהור צו זי איז טמא האט ער זיי גיענטפערט זי איז טהור אין זיין נשמה איז פון איהם ארויס בטהרה. האט זיך רבי יהושע אויף גישטעלט און ער האט געזאגט דער חרם איז מותר. מוצאי שבת האט רבי עקיבא בעגעגענט טראגען זיין מטה צווישען דער שטאדט קיסרי און דער שטאדט לוד האט רבי עקיבא זיך געשלאגען זיין לייב אין ער האט געשריגען רבי. איך האב פיעל געלד צו בייטען און איך האב עס נישט ביי וועמין צו בייטען דאס מיינט מען איך האב פיעל שאלות צו פרעגען און איך האב זיי נישט וועמין צו פרעגען:

**קליאפטורא** המלכה האט געזאגט צו רבי מאיר דאס גלייב איך די מתים וועלען לעבעדיג ווערען נאר איך פרעג דיך צו וועלען זיי אויף שטעהן נאקיט צו מיט זייערע מלבושים. האט ער איהר גיענטפערט מיר קענען נעמען א ביישפיעל פון אווייץ. אווייץ לייגט מען אריין אין דער ערד אריין נאקיט און זי וואקסט ארויס אין א זאנג דאס הייסט איהר מלבוש. א מענש וואס מען בעגראבט איהם אין מלבושים וועט אוודאי אויף שטיין מיט די מלבושים:

**א קיסר** האט א מאהל גיפרעגט רבן גמליאל'ן איהר זאגט אז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען זיי ווערען

דאך

דאך ערד און ערד קען דען לעבען. האט דעם קיסרס טאכטער געזאגט צו רבן גמליאל איך וועל מיין פאטער ענטפערין א תשובה. למשל עס איז דא ביי אונז אין שטאדט צוויי טעפערס. איינער מאכט טעפ פון וואסער. און דער צווייטער מאכט טעפ פון ליים. וועלכער טעפער איז בעסער. האט ער איהר געענטפערט דער וואס ער מאכט פון וואסער. ווייל פון ליים איז נישט קיין ווינדער אז מען מאכט טעפ. אבער פון וואסער איז א ווינדער. האט זי צו איהם געזאגט אז הקב"ה קען בעשאפען מענשען פון וואסער פון א טיפה סרוחה קען ער פון ערד אוודאי בעשאפען. איבער דעם איז נישט קיין ווינדער. חאטשע די מתים ווערען ערד אין זיי וועלען לעבעדיג ווערען:

א מין האט געזאגט צו רבי אמי. איהר זאגט אז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען עס ווערט דאך פון זיי ערד. און ערד קען דען לעבעדיג ווערען. האט איהם רבי אמי געענטפערט. איך וועל דיר געבען צו פערשטעהן מיט א משל. א מלך בשר ודם האט געזאגט צו זיינע קנעכט זיי זאלען איהם בויען א פאלעץ אויף אזא ארט ווי עס איז נישט דא קיין וואסער און קיין ערד. האבען זיי אבגעזוכט א ארט ווי עס איז נישט דא קיין וואסער אין קיין ערד. און זיי האבען דארט געשטעלט א פאלאץ. אין א צייט ארום איז דער פאלאץ איינגע-פאלען. האט ער זיי געהייסען שטעלען א פאלאץ אויף אזא ארט ווי עס איז דא וואסער און ערד. האבען די קנעכט געענטפערט. מיר קענען אויף אזא ארט קיין פאלאץ נישט שטעלען. האט זיך דער מלך אויף זיי געבייזערט. און ער האט צו זיי געזאגט אויף אזא ארט ווי עס איז נישט דא קיין וואסער און קיין ערד האט איהר געקענט שטעלען דעם פאלאץ. און אויף אזא ארט ווי עס איז דא וואסער אין ערד קענט איהר נישט שטעלען. דאס זעלבע איז דא אויף הקב"ה האט בעשאפען דעם מענטש פון א טפה קטנה וואס זי האט נישט קיין ממש. זאל ער איהם פון ערד נישט קענען בעשאפען. און אויב די ווילסט מיר נישט גלויבען אז הקב"ה קען בעשאפען פון ערד. געה ארויס אויף א פלאץ וועסט די זעהן א עכבור וואס ער ווערט בעשאפען פון דער ערד וועסט די זעהן אז היינט איז ער האלב עכבור אין האלב ערד און מארגען וועסט די זעהן אז ער איז שוין אינגאנצען א עכבור. אפשר וועסט די זאגען אז ער ווערט בעשאפען אין א לאנגע צייט נישט אין איין טאג. געה ארויס אויף דעם בארג. וועסט די זעהן אז עס איז אויף איהם נישט דא קיין איין חלזון. און מארגען אז עס וועט געהן רעגען. וועסט די זעהן אז דער בארג וועט זיין פיל מיט חלזון. איז דאך אבעוויז אז הקב"ה קען בעשאפען א בריה אין א קליינע צייט:

א צדוקי האט געזאגט צו גביהה בן פסיסא. וועה איז צו אייך רשעים וואס איהר זאגט אז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען. מיר זעהן אז די לעבעדיגע מענשען שטארבען. זאגט איהר אז די געשטארבינע וועלען לעבעדיג ווערען. האט איהם גביהה בן פסיסא געענטפערט פערקעהרט. וועה איז צו אייך רשעים וואס איהר זאגט אז די מתים וועלען נישט לעבעדיג ווערען. די מענשען וואס זיי האבען נאך קיינמאהל נישט געלעבט אויף דער וועלט לעבען יעצט. די וואס זיי האבען שוין אמאל געלעבט וועלען דאך אוודאי לעבעדיג ווערען. האט דער צדוקי געזאגט צו גביהה בן פסיסא. די רופסט מיך רשע. ווען איך זאל דיר געבען א דריק מיט מיין

מיין פוס. וואָלט איך דיר אויסגעגלייכט דיין פלייצע (גביהה האט געהאַט אַ קרימע פלייצע). האט איהם גביהה גיענטפערט. אויב די וועסט אַזוי טוהן וועסט די זיין אַ גוטער רופא און איך וועל דיר גוט בעצאָהלען:

די בני אפריקא זענען זיך געקומען מאַהנען ביי די יודען אַ חלק אין ארץ ישראל פאַר אַלכסנדרוס מוקדון. זיי האָבען געטענהט אַז ארץ ישראל איז זייערס. ווייל די תורה רופט עס ארץ כנען. און כנען איז געוועזען זייער פאָטער. האט גביהה בן פסיסא געזאָגט צו די חכמים. גיט מיר רשות וועל איך געהן טענה'ן פאַר אייך. אויב זיי וועלען מיך מנצח זיין וועט איהר זאָגען איהר האָט מנצח געוועזען אַ פּראָסטען מענש פון אונז. און אויב איך וועל זיי מנצח זיין וועט איהר מיר נישט געבען דעם כח הניצוח מיר. נאָר איהר וועט זאָגען אַז די תורה פון משה רבינו האָט זיי מנצח געוועזען. האָבען די חכמים איהם בעגעבען רשות און ער איז געגאַנגען צו אַלכסנדרוס מוקדון. האָט ער צו זיי געזאָגט. פון וואַנען האָט איהר אַ ראיה אַז ארץ ישראל איז אייערס פון דער תורה. איך וועל אייך אויך געבען אַ ראיה פון דער תורה. עס שטעהט אין פסוק „ויאמר ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו". נח האָט געזאָגט פערפליעכט זאָל זיין כנען אַ קנעכט זאָל ער זיין צו זיינע ברודער. עס קען זיין אַז דאָס לאַנד כנען איז אייער פאָטערס. נאָר דער דין איז אַז אַ עבד קויפט אַ פער-מעגען גיהערט דאָס פערמעגען צו זיין בעל הבית. און אייער פאָטער כנען איז דאָך געוועזען אַ עבד צו אונזער פאָטער שם. גיהערט דאָך זיין פערמעגען צו אונזער פאָטער שם. קומט דאָך אויס אַז ארץ ישראל איז אונזער און איך מאָהן נאָך ביי אייך די ווערד פון דער אַרבייט פון אַזוי פיעל יאָהרען וואָס איהר האָט ביי אונז נישט געאַרבייט. האָט אַלכסנדרוס מוקדון געזאָגט צו די בני אפריקא ענטפערט איהם אַ תשובה אויף זיינע רייד. האָבען זיי געזאָגט צו אַלכסנדרוס מוקדון גיב אונז צייט דריי טעג מיר זאָלען זיכען אַ תשובה. האָט ער זיי געגעבען צייט דריי טעג. זיי האָבען געזוכט אַ תשובה און זיי האָבען נישט געפונען. זענען זיי אַנטלאָפען און זיי האָבען איבער געלאָזט זייערע פעלדער פערזייעט אין דאָס יאָהר איז פונקט געוועזען אַ יאָהר פון שמיטה:

אין אַ צייט אַרום זענען די בני מצרים געקומען צו אַלכסנדרוס מוקדון זיך פערקלאָגען אויף די יודען. און זיי האָבען גע'טענה'ט עס שטעהט אין דער תורה „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום". הקב"ה האט געגעבען אַז די יודען זאָלען האָבען חן אין די אויגען פון די מצרים און זיי האָבען זיי געליגען גאָלד און זילבער גיט אונז אָב דאָס גאָלד און זילבער וואָס איהר האָט ביי אונז געליגען. האָט גביהה געזאָגט צו די חכמים. גיט מיר רשות איך זאָל געהן לדין מיט זיי. אויב זיי וועלען מיך מנצח זיין וועט איהר זאָגען אַ הדיוט פון אונז האָט איהר מנצח געוועזען, און אויב איך וועל זיי מנצח זיין. וועט איהר מיר נישט געבען דעם כבוד הניצוח. נאָר איהר וועט זאָגען אַז די תורה פון משה רבינו האָט זיי מנצח געוועזען. האָבען זיי איהם געגעבען רשות איז ער געגאַנגען און ער האָט צו זיי געזאָגט פון וואַנען ברענגט איהר אַ ראיה פון דער תורה. איך וועל אויך ברענגען אַ ראיה פון דער תורה. עס שטעהט אין פסוק „ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה" די יודען זענען גיזעסען אין מצרים און

געאַרבייט

געארבייט פיער הונדערט אין דרייסיג יאָהר. בעצאָהלט אונז פאר פיער הונדערט אין דרייסיג יאָהר ארבייט פון ששים רבוא יודען וואס איהר האָט מיט זיי געארבייט. האָט אלכסנדרוס מוקדון בעזאָגט צו די בני מצרים ענטפערט זיי א תשובה. האָבען זיי געזאָגט גיב אונז צייט דריי טעג האָט ער זיי געגעבען צייט דריי טעג אין זיי האָבען געזוכט א תשובה. און זיי האָבען נישט געפינען קיין תשובה. אין זיי זענען אנטלאָפען און זיי האָבען איבער געלאָזט זייערע פעלדער פערזייעט און דאָס יאָהר איז אויך געוועזען שמיטה. אין א לענגערע צייט ארום זענען געקומען די בני ישמעאל אין די בני קטורה צו אלכסנד-רוס מוקדון זיך פערקלאָגען אויף די יודען און זיי האָבען געטענה'ט אז ארץ ישראל געהערט צו זיי אויף ווייל עס שטייט אין פסוק „ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם" דאָס זענען די קינדער פון ישמעאל בן אברהם און עס שטייט ווי-טער אין פסוק „ואלה תולדות יצחק בן אברהם" דאָס זענען די קינדער פון יצחק בן אברהם זענען מיר דאָך אויך קינדער פון אברהם האָבען מיר דאָך א חלק אין ארץ ישראל. האָט גביהה בן פסיסא געזאָגט צו די חכמים גיט מיר רשות איך זאָל געהן צו אלכסנדרוס מוקדון טענהן האָבען זיי איהם געגעבען רשות האָט ער צו זיי געזאָגט פון וואַ-נען ברענגט איהר א ראיה צו אייך פון דער תורה איך וועל אויך ברענגען א ראיה פון דער תורה עס שטייט אין פסוק „ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק" אברהם האָט אוועק געגעבען זיין גאנץ פערמעגען צו יצחק „ולבני הפלגשים אשר לאברהם נתן מתנות" אין די בני פלגשים האָט ער געגעבען מתנות פרעג איך אייך א פאָטער וואס ער האָט איינגעטיילט ביי זיין לעבען זיין פער-מעגען צו זיינע קינדער קען איינער האָבען טענות צום צווייטען האָבען זיי איהם באַלד מודה געוועזען אז יער איז גירעכט:

דער קיסר אנטונינוס האָט א מאָהל געזאָגט צו רבי דער גוף מיט דער נשמה קענען זיך פטר'ן ביי דעם דין דער גוף קען טענהן די נשמה האָט געזינדיגט ווארים זינד די נשמה איז פון איהם אוועק געגאנגען ליג איך אין קבר אזוי ווי א אבן דומם אין די נשמה קען טענהן דער גוף האָט געזינדיגט ווארים זינט איך בין ארויס געגאנגען פון דעם גוף פליה איך ארום אויף דער לופט אזוי ווי א פויגעל און זינדיג גאר נישט. האָט איהם רבי גיענטפערט איך וועל דיר עס געבען צו פערשטיין מיט א משל. א מלך בשר ודם האָט געהאָט א גאָרטען אין דעם גאָרטען האָט געוואקסען שעהנע פירות און ער האָט אריין גיזעצט אין דעם גאָרטען אריין צוויי שומרים איינער איז געוועזען א לאָמער און דער צווי-טער איז געוועזען א בלינדער. האָט דער לאָמער געזאָגט צו דעם בלינדען איך זעה אין דעם גאָרטען שעהנע פירות נעם מיך אויף דיינע פלייציס וועלען מיר ביידע קענען צו געהן אָב רייסען די פירות. זיי האָבען אזוי געטוהן און זיי האָבען די פירות אויף געגעסען. און אין א צייט ארום איז דער מלך געקומען אין גאָרטען אריין האָט ער געזעהן ווי די שעהנע פירות זענען נישט דא האָט איהם דער בלינדער גיענטפערט איך בין דאָך בלינד און איך זעה דאָך נישט צו רייסען די פירות אין דער לאָמער האָט גיענטפערט איך בין דאָך לאָם ווי אזוי האָב איך גיקענט צו געהן אָברייי-סען די פירות. האָט דער מלך אויף גיזעצט דעם לאָמען אויף דעם בלינדען אין ער האָט זיי געמשפט. אזוי דא אויך

שיקט

שיקט הקב"ה צוריק אַריין די נשמה אין דעם מענטשענס גוף אַריין און ער איז זיי דן:

הקב"ה האָט געזאָגט צו דוד המלך וועלכען עונש ווילסט די צו דיינע קינדער זאָלען פערלענד ווערען צו די זאָלסט איבער גיענטפערט ווערען אין דער האַנד פון שונא האָט דוד המלך געזאָגט רבש"ע איך וויל בעסער איבער גיענטפערט ווערען אין דער האַנד פון שונא איידער מיינע קינדער זאָלען פערלענד ווערען. איינמאָהל איז דוד המלך אַרויס געגאַנגען אין אַדאָרף אַריין איז געקומען דער שטן און ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ הירש האָט ער איהם געוואַלט פאַנגען און ער האָט איהם געוואָרפען פיילען און ער האָט איהם נישט געטראָפען די פיילען און ער האָט דעם הירש נאָך געיאָגט ביז צום לאַנד פלשתים. ווי ישבי בנוב האָט איהם דערזעהן האָט ער געזאָגט ער האָט געהרגעט מיין ברודער גלית און ער האָט גענומען דוד המלך און ער האָט איהם געבינדען און ער האָט איהם אַרינטער געלייגט אונטער דער פרעס פון דער אָלאַרנע. איז געשעהן אַ נס אַז די ערד וואָס דוד איז אויף איהר געלעגען איז געוואָרען ווייך און עס האָט איהם גאָר נישט געשאַדט דאָס איז פונקט געוועזען ערב שבת פאַר נאַכט. און אַבישי האָט זיך געוואַשען האָט ער געזעהן און דעם וואַסער פלעקין פון בלוט אין אַ אַטייל זאָגען אַז אַטויב איז געקומען אין זי האָט געקלאַפט מיט די פליגעל און זיך געריסען איהרע פעדערין. האָט אַבישי געזאָגט די כנסת ישראל איז גיגלעכענט צו אַטויב און אַז זי רייסט זיך די פעדערין איז אַבעוויז אַז דוד המלך איז בצער. איז ער געגאַנגען זיכען דעם מלך אין זיין שטיב האָט ער איהם נישט געפינען. האָט ער איהם געשיקט זיכען אין בית המדרש אַריין איז ער אויך נישט געוועזען האָט ער גיפרעגט אַ שאלה צו בשעת הסכנה מעג מען רייטען אויף דעם פערד פון מלך האָבען איהם די חכמים גיענטפערט אַז בשעת הסכנה מעג מען רייטען אויף דעם פערד פון מלך. האָט ער זיך גיזעצט רייטען אויף דעם פערד פון מלך. און ער האָט געהאַט קפיצת הדרך און ער איז באַלד געקומען צום לאַנד פלשתים. ווי ער איז אָהנגעקומען אין לאַנד פלשתים איז געזעסען ערפה די מוטער פון ישבי און זי האָט געשפינען ווי זי האָט דער זעהן אבישי האָט זי איהם געוואָרפען דאָס שפינדעל און זי האָט עס נישט געטראָפען האָט זי צו איהם געזאָגט הייב מיר אויף דאָס שפינדעל וואָס עס איז פון מיר אַראָב געפאַלען. האָט אבישי איהר געוואָרפען דאָס שפינדיל און ער האָט זי געהרגיט. ווי ישבי האָט דערזעהן אבישי האָט ער געזאָגט יעצט זענען זיי שוין צוויי מענשען האָט ער גענימען דוד המלך און ער האָט איהר געוואָרפען אין דער הויך אין ער האָט אינטער גישטעלט די שפיז כדי דוד זאָל אַרויף פאַלען אויף דער שפיז. אין ער זאָל געהרגיט ווערין האָט אבישי געזאָגט א שם אין דוד המלך געבליבען שטעהן אין דער לופט און זיי זענען ניצול געוואָרען. האָט אבישי גיפרעגט דוד המלך ווי קומסט די אַ הער. האָט איהם דוד דער ציילט וואָס הקב"ה האָט איהם געזאָגט אין וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען. האָט אבישי צו איהם געזאָגט עס איז גלייכער די זאָלסט דיר אויסקליבען דעם צווייטען עונש די דאַרפסט נישט פערקלערען וואָס עס וועט זיין מיט דיינע קינדער האָט דוד געזאָגט צו אבישי העלף מיר צו מתפלל זיין האָט איהם אבישי געהאָלפען אין ער האָט געזאָגט א שם זעבען

זענען זיי צוריק אראָב אויף דער ערד אין ישבי האט זיי נאָך געיאָגט ביז זיי זענען געקומען צו דער גרענעץ פון ארץ ישראל. האָבען זיי זיך אָב גישטעלט און זיי האָבען מלחמה געהאַלטען מיט איהם. און זיי האָבען איהם ניט געקענט בייקומען. ווי זיי האָבען צו איהם געזאָגט געה וועסט די זעהן דיין מוטער ליגט שוין אין קבר. ווי זיי האָבען איהם דערמאָנט אז זיין מוטער איז געשטאָרבען איז זיין כח אָבגעשוואַכט געוואָרען און זיי האָבען איהם געהרגית:

רבי טביומי האָט געזאָגט אז מען זאָל איהם געבען דאָס גאַנצע פערמעגען פון דער וועלט וועט ער נישט זאָגען קיין ליגענט. איינמאהל איז ער געקומען אין אַ שטאָדט אריין וואָס זי האָט געהייסען קושטא (קושטא איז טייטש אמת) און די מענשען פון דער שטאָדט האָבען קיינמאָהל נישט געזאָגט קיין ליגענט. און עס איז דאָרט קיינער נישט געשטאָרבען פאַר דער צייט און רבי טביומי האָט פון דאָרט גענומען אַ ווייב. און ער האט מיט איהר געהאַט צוויי זוהן. איינמאָהל האט דאָס ווייב זיך געוואַשען דעם קאָפּ איז אַריין געקומען אַ שכנה און זי האט גיפרעגט צי זיין ווייב איז דאָ אין שטוב. האט ער בייזיך געטראַכט. ווייל זי וואַשט זיך דעם קאָפּ איז נישט שעהן אז די שכנה זאָל צו איהר אַריין געהן. האָט ער איהר גיענטפערט אַז זי איז נישט דאָ אין שטוב. זענען איהם זיינע צוויי זוהן געשטאָרבען. האָבען איהם די מענשען פון דער שטאָדט גיפרעגט פאַר וואָס האָט זיך דיר דאָס געטראָפען. האט ער זיי דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דער שכנה וואָס ער האט איהר געזאָגט ליגענט אז זיין ווייב איז נישט דאָ אין דערהיים. און צוליעב דעם רעכענט ער זענען זיינע צוויי זוהן געשטאָרבען. האָבען די מענשען צו איהם געזאָגט מיר בעטען דיך אַז די זאָלסט דיך אַרויסציהען פון אונזער שטאָדט די זאָלסט נישט אָהנרייצען דעם מלאך המות אַז ער זאָל קומען צו אונז אין שטאָדט אַריין דורך דעם וואָס די האָסט געזאָגט ליגענט. דורך דעם האט די שטאָדט געהייסען קושטא ווייל קושטא איז טייטש אמת ווייל מען האט דאָרט שטענדיג געזאָגט אמת:

דער קיסר שבור האט אַ מאָהל געזאָגט צו שמואל'ן איהר זאָגט אַז משיח וועט קומען אויף אַ אייזיל. איך וועל איהם שיקען מיין שעהן פערד עס קען גוט לויפען. ווייל עס איז אַ בושה פאַר איהם אַז ער זאָל קומען אויף אַ אייזיל. האט איהם שמואל גיענטפערט דיין פערד האט דען הונדערט קאָליהרען. ווייל דאָס אייזיל וואָס משיח וועט אויף איהם קומען וועט האָבען הונדערט קאָליהרען:

רבי יהושע בן קרחה האָט אַ מאָהל געטראָפען אליהו הנביא שטעהן לעבען דער מערה פון רבי שמעון בן יוחאי. האָט ער איהם גיפרעגט צו ער וועט האָבען עולם הבא. האט ער איהם גיענטפערט. אויב דער האַר וועט וועלען (דאָס האט ער געמיינט די שכינה). האט רבי יהושע בן לוי געזאָגט. איך האב גיהערט אַ קול פון דריי מענשען. און געזעהן האב איך נאָר צוויי. ווייל דער דריטער איז געוועזען די שכינה. האט ער איהם ווייטער געפרעגט. ווען וועט קומען משיח. האט איהם אליהו גיענטפערט געה אין פרעג משיח אַליין וועט ער דיר זאָגען. האט ער איהם גיפרעגט ווי וועל איך איהם געפונען. האָט ער איהם גיענטפערט. ער זיצט לעבען דער שטאָדט רום. האט ער איהם גיפרעגט וואָס פאַר אַ סימן. האָט איהם אליהו גיענטפערט ער זיצט צווישען אָרימע לייט וואָס זיי האָבען נגעים אויף זייער לייב. יעדער

יעדער אָרימאַן וואָס ער האָט עטליכע
נגעים. בינד זיך אויף אַלע נגעים
בצוזאַמען און ער ווישט זיי אָב. אין ער
בינד זיי צו אַלע בצוזאַמען. אָבער משיח
בינד זיך אויף יעדען נגע בעזונדער. אין
ער ווישט זי אָב אין בינד זי צו. אין
דערנאָך בינד ער אויף די צווייטע נגע
אין ווישט זי אָב. און ער בינד זי צו.
ווייל ער טראַכט דערביי אפשר וועט ער
דערווייל דאַרפען געהן אויסלייזען די
יודען ביז ער וועט דאַרפען צו בינדען
אַלע נגעים וועט דאָך לאַנג דויערין.
איז רבי יהושע בן לוי צו געגאַנגען צו
משיח און ער האָט צו איהם געזאָגט
שלום עליך רבי ומורי. האָט איהם משיח
גיענטפערט שלום עליך בן לוי. האָט
איהם רבי יהושע בן לוי גיפרעגט. ווען
וועט דער האַר קומען. האָט ער איהם
גיענטפערט. הײַנט. ווען רבי יהושע בן
לוי איז צוריק געקומען צו אליהו. האָט
איהם אליהו גיפרעגט וואָס האָט דיר
משיח געזאָגט. האָט ער איהם גיענטפערט
ער האָט מיר געזאָגט שלום עליך בן לוי.
האָט איהם אליהו געזאָגט. ער האָט דיר
אין דיין פאָטער מבטיח געוועזען אַז
איהר וועט האָבען עולם הבא. וואָרים
ווען איהר זאָלט נישט זיין קיין צדיקים
גמורים וואָלט ער דיר נישט גיענטפערט
קיין שלום אין ער וואָלט נישט דערמאַנט
דיין פאָטערס נאָמען. האָט רבי יהושע
בן לוי געזאָגט צו אליהו. משיח האָט
מיך אָבגענאַרט. ער האָט מיר געזאָגט
אַז ער וועט הײַנט קומען און ער איז
נישט געקומען. האָט איהם אליהו
גיענטפערט זיין כונה איז געוועזען מיט
דעם וואָס ער האָט דיר געזאָגט היינט
(היום) האָט ער געמײַנט. „היום אם
בקולי תשמעו" היינט אויב איהר וועט
זיין ערליך וועט ער היינט קומען:

ווען רבי אליעזר איז שלאָף בעוואָרען
זענען זיינע תלמידים אריין געגאַנ-
גען איהם מבקר חולה זיין. האָט ער צו
זיי געזאָגט אַ גרויסער צאָרען איז דאָ
אויף דער וועלט (דאָס האָט ער געמיינט
אויף זיך וואָס ער איז שלאָף). האָבען
די תלמידים אָהנגעהויבען צו וויינען
אין רבי עקיבא האָט געלאַכט. האָבען זיי
געזאָגט צו רבי עקיבא. פאַר וואָס לאַכסט
די. האָט ער זיי גיפרעגט פאַר וואָס
וויינט איהר. האָבען זיי איהם גיענטפערט
די ספר תורה איז בצער זאָלען מיר
נישט וויינען. האָט רבי עקיבא צו זיי
געזאָגט פאַר דעם לאַך איך וואָרים כל זמן
איך האָב געזעהן אַז דער ווין פון מיין
רבין איז נישט זויער געוואָרען אין זיין
פלאַקס איז נישט אויס געקלאַפּט געוואָרען
און זיין בוימאייל איז נישט פערשטינקען
געוואָרען. ווייל ער האָט געהאַט אַ ברכה
אין זיין פערמעגען. האָב איך גירעכענט
אפשר האָט דער רבי אָבגענומען זיין
שכר אויף דער וועלט אָבער אַז איך
זעה אַז דער רבי איז בצער זעה איך
אַז זיין שכר איז אָבגעהיטען לעולם
הבא. און דאָס וואָס ער ליידט אויף
דער וועלט איז כדי ער זאָל אָב קומען
אויף דער וועלט. אפשר האָט ער גע-
זינדיגט. האָט רבי אליעזר געזאָגט צו
רבי עקיבא איך האָב דען עפּיס געפעהלט
פון דער תורה וואָס די זאָגסט אַז איך
לייד יסורים פאַר מיינע עונות. האָט
איהם רבי עקיבא גיענטפערט. די האָסט
דאָך מיך געלערענט אַז עס שטייט אין
פסוק „כי אדם אין צדיק בארץ אשר
יעשה טוב ולא יחטא" עס איז נישט דאָ
קיין צדיק אויף דער וועלט אַז ער זאָל
טוהן בלויז גוטס. אין ער זאָל ניט
זינדיגען מן הסתם האָסט די אויך עפּיס
געזינדיגט:

אין דער צייט ווען רבי אליעזר איז
שלאָף געוועזען זענען צו איהם
אריין געגאַנגען פיער זקנים איהם מבקר
חולה זיין. רבי טרפון און רבי יהושע
און

אין רבי אלעזר בן עזרי׳ אין רבי עקיבא האָט רבי טרפון געזאָגט צו רבי אליעזר די ביסט בעסער פאַר די יודען פון רעגען ווייל רעגען איז נאָר גיט אויף דער וועלט אין דיין תורה וואָס די האָסט מיט זיי געלערענט מאַכט זיי גיט אויף דער וועלט אין אויף יענער וועלט. האָט רבי יהושע זיך אָנגערופען די ביסט בעסער צו די יודען פון דער זין ווייל די זין איז נאָר אויף דער וועלט ווייל לעתיד וועלען די ליכט בענייעט ווערען אָבער דיין תורה איז בעולם הזה ובעולם הבא. האָט זיך רבי אלעזר בן עזרי׳ אָהנגערופען די ביסט בעסער צו די יודען ווי פאָטער און מוטער ווייל פאָ־טער אין מוטער זענען נאָר אויף דער וועלט וואָס זיי טוהען גוטס זייערע קינדער אָבער אַ רבי טוט גוט זיינע תלמידים בעולם הזה ובעולם הבא. האָט זיך רבי עקיבא אָהנגערופען. די יסורים זענען דיר געליעבט ווי זענען אויף דיר מכפר. האָט רבי אליעזר געזאָגט האלט מיך אונטער איך זאָל הערען די רייד פון מיין תלמיד עקיבא וואס ער זאָגט אַז די יסורים זענען גיט :

מען האָט געפאַנגען צוויי יודען פון דעם אָרט הר הכרמל אין דער פאַנגער האָט זיי געפיהרט און ער איז נאָך געגאַנגען האָט ער גיהערט ווי איינער האָט געזאָגט צום צווייטען דאָס קעמיל וואָס עס געהט פאַר אונז איז בלונד אויף איין אויג און עס ליגט אויף דעם קעמיל צוויי לאָגלען איינער מיט ווין און דער צווייטער מיט בוימאייל אין די צוויי מענשען וואָס זיי פיהרען דאָס קעמיל. איז איינער אַ יוד און דער צווייטער אַ עכו״ם. האָט דער פאַנגער צו זיי געזאָגט איהר זענט אַ עם קשה עורף פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלעס דאָס קעמיל איז דאָך ווייט פון אונז. האָבען זיי איהם גיענטפערט דאָס וואָס מיר זאָגען אַז דאס קעמיל איז בלינד אויף איין אויג דערקענען מיר פון דעם גראָז וואָס אין איין זייט איז דאס גראָז אָב געגעסען אין דער צווייטער זייט נישט ווען דאס קעמיל זאָל זעהן אויף ביידע אויגען וואָלט עס געגעסען פון ביידע זייטען איז דאָך אַ סימן אַז אויף איין אויג איז עס בלינד. אין דאָס וואָס מיר זאָגען אַז עס ליגט אויף דעם קע־מיל צוויי לאָגלען איז איינער מיט ווין אין דער צווייטער מיט בוימאייל דער־קענען מיר אין די טראָפּענס וואָס עס איז אַראָב געריגען פון די לאָגלען אין איין זייט זענען די טראָפּענס איינגע־זאַפּט אין דער ערד דאָס איז ווין ווייל עס איז נישט פעט ווערט עס באַלד איינגעזאַפּט אין דער ערד אין פון דער צווייטער זייט ווערען די טראָפּענס נית איינגעזאַפּט און דער ערד איז אַ סימן אַז עס איז בוימאייל ווייל בוימאייל איז פעט ווערט עסן אַזוי שנעל נישט איינ־געזאַפּט אין דער ערד. אין דאָס וואָס מיר זאָגען אַז די צוויי מענשען וואָס זיי פיהרען דאָס קעמיל איז איינער אַ יוד און דער צווייטער אַ עכו״ם מיר האָבען געזעהן אַז זיי האָבען משתין געוועזען איז איינער געגאַנגען אין דער זייט אַריין. און דער צווייטער האָט משתין געוועזען און מיטען וועג. אַ יוד איז זיין שטייגער אַז ער זאָל געהן אין אַזייט אַריין משתין זיין. אָבער אַ עכו״ם איז משתין אין מיטען וועג. איז דער פאַנגער נאָך געלאָפען דעם קעמיל אין ער האָט געזעהן אַז עס איז אמת אַזוי ווי זיי האָבען געזאָגט האָט ער זיי געקושט און זייער קאָפּ אַריין אין ער האָט זיי אהיים געבראַכט צו זיך און שטיב אַריין. און ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ סעודה און ער האָט פאַר זיי געטאַנצט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט עס זעהט אונז אויס אַז די ביסט אַ זוהן פון דעם תליון האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער

אויב

אויב די וועסט מיר אויס זאָגען דעם אמת ווער מיין פאָטער איז. איז גוט ווען נישט וועל איך דיך הרג'נ'ן. האָט איהם זיין מוטער געזאָגט בשעת החופה איז מיין מאַן אַרויס געגאַנגען אין דער תליון איז צו מיר אַריין געגאַנגען אין ער האָט מיט מיר מונה געווען אין איך בין פון איהם מעוברת געוואָרען אין איך האָב דיך געבאָהרען. נאָך דעם האט ער זיי געגעבען פלייש צו עסין האבען זיי צו איהם געזאגט דאס פלייש האט א טעם פון הינד פלייש. האט ער גיפרעגט זיין מוטער צו עס איז אמת. האט זי איהם געזאָגט דאס שעפסעל האט נאָך געזייגט ווען איהר מוטער איז געפּגרט האָט זי געזייגט פון א הינד. האָט ער זיי געגעבען ויין צו טרינקען האָבען זיי געזאגט דער ויין האָט א טעם פון אַמת. האָט ער גיפרעגט זיין מוטער האָט זי איהם גיענטפערט דער ויין איז פון דעם בוים וואָס ער וואַקסט אויף דיין פאַטערס קבר האט ער זיי געגעבען גאלד אין זילבער אין ער האט זיי גע-קישט און ער האָט געזאָגט געלויבט איז דער גאָט פון די יודען וואָס ער האָט אויסדערוויילט אין די קינדער פון אברהם און ער האָט זיי געגעבען פון זיין חכמה ווי זיי קומען ווערען זיי שרים צו זייערע שרים און ער האָט זיי פריי געלאָזט און זיי זענען א היים געגאַנ-גען בשלום:

די מענטשען פון סדום האָבען איינגע-פיהרט אַזאַ מנהג. דער וואָס האָט געהאַט איין בהמה האָט געפאַשעט אַלע בהמות פון דער שטאָדט איין טאָג. און דער וואָס האָט נישט געהאַט קיין בהמה האָט בעדאַרפט די בהמות פון דער שטאָדט פאַשען צוויי טעג. איז דאָרט געווען איתום וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין בהמה האָט מען איהם געגע-בען צו פאַשען די בהמות פון שטאָדט צוויי טעג. האָט ער געהרגיט די בהמות און ער האָט געזאָגט ווער עס האָט בהמות דער זאָל נעמען איין פעל. און דער וואָס האָט נישט קיין בהמות זאָל נעמען צוויי פעל. האָבען זיי איהם גיפרעגט פאַר וואָס ער טוהט אַזוי האָט ער זיי גיענטפערט איהר האָט דאָך אַליין געמאַכט אַזאַ פסק אַז דער וואָס האָט בהמות זאָל פאַשין איין טאָג אין דער וואָס האָט נישט קיין בהמות זאָל פאַשין צוויי טעג. אַזוי דאָס אויך ווער עס האָט בהמות זאָל נעמען איין פעל אין דער וואָס האָט נישט קיין בהמות דאַרף נעמען צוויי פעל:

אין סדום איז געווען פיער דיינים איינער האָט געהייסען שקראי אין דער צווייטער האט געהייסען שקרוראי און דער דריטער האָט געהייסען זייפי און דער פערדטר האָט געהייסען מצלי דינא. און זיי האָבען איינגעפיהרט אַזאַ דין אַז איינער האָט געשלאָגען דעם צווייטענס וויב און זי האָט מפיל גע-ווען האָבען זיי געפסקינט אַז ער זאָל איהם געבין דאָס וויב ער זאָל מיט איהר ליגען ביז זי וועט צוריק מעוברת ווערין. און אַז איינער האט אָבגעשניטען דאָס אויער פון צווייטענס א אייזיל האָט מען איהם געהייסען געבען דאָס אייזיל ביז עס וועט צוריק וואַקסען דאָס אויער. אין ווער עס האט געמאַכט דעם צוויי-טען א ווינד האָט מען געהייסען אַז ער זאָל איהם בעצאָהלען פאַר דעם בלוט וואס ער האָט איהם געלאָזט. און ווער עס איז אַדורך געגאַנגען דורך א בריק האט בעדאַרפען צו געבען פיער גילדען. און ווער עס איז געגאַנגען אין וואַסער האָט בעדאַרפען צו געבען אַכט גילדען. איז אַהין געקומען קיין סדום א פרעמדער מענש אין ער איז געגאַנגען אין וואַסער נישט אויף דער בריק האָט מען איהם געהייסען געבען פיהר גילדען

ווייל

(ווייל זיי האָבען גירעכענט אַז ער איז געגאַנגען אויף דער בריק). האָט דער מענטש געזאָגט איך בין נישט געגאַנגען אויף דער בריק נאָר אין וואַסער. האָבין זיי צו איהם געזאָגט אויב אַז די ביסט נישט געגאַנגען אויף דער בריק דאַרפסט צו געבען אַכט גילדען אין זיי האָבען איהם געשלאָגען אין צובייליט און זיי זענען מיט איהם געגאַנגען צום דיין. האָט דער דיין געזאָגט צו דעם פרעמדען מענטש איינמאָהל דאַרפסט די בעצאָהלען פאַר דעם בלוט וואָס מען האָט פון דיר געלאָזט אין אַכט גילדען דאַרפסט די בעצאָהלען פאַר דעם וואָס די ביסט געגאַנגען אין וואַסער נישט אויף דער בריק:

אֱלִיעֶזֶר עבד אברהם איז אַ מאָהל געקומען קיין סדום האָבען מענטשען איהם געשלאָגען און זיי האָבען איהם געלאָזט בלוט. איז ער געגאַנגען מיט די מענטשען צום דיין האָט דער דיין געזאָגט צו אליעזר באַצאָהל די מענשען וואָס זיי האָבען דיר געלאָזט דאָס בלוט האָט אליעזר געגעבען אַפּאַטש דעם דיין און ער האָט איהם געלאזט דאָס בלוט. האָט דער דיין גיפרעגט אליעזר'ן פאַר וואָס האָסט די מיר געלאָזט דאָס בלוט האָט איהם אליעזר גיענטפערט אַז מען שלאָגט יענעם אין מען לאָזט איהם דאָס בלוט קומט נאָך דעם שלאָגער צו בעצאָהלען איבער דעם האָב איך דיר אויך געלאזט דאס בלוט כדי די זאָלסט מיר אויך דאַרפען צו בעצאָהלען און דאס געלד וואס די דאַרפסט מיר געבען גיב עס דעם מענש וואָס ער האָט מיר געלאָסט מיין בלוט:

דִי מענטשען פון סדום האבען געהאַט אַ בעט פאַר אורחים וועגען צו שלאָפען און זיי האָבען זיך אַזוי געפיהרט אויב דער אורח איז געוועזען לענגער פון דעם בעט האָט מען איהם אָב געשניטען די פיס און אויב דער אורח איז געוועזען קערצער פון דעם בעט האָט מען דעם אורח אַזוי לאַנג געצויגען ביז מען האט איהם אַרויס געצויגען זיינע אבריט פון די גלידער. איינמאָהל איז אליעזר עבד אברהם געקומען קיין סדום האָבען זיי איהם געהייסען ליגען שלאפען. אליעזר האָט פערשטאַנען זייער כוונה האָט ער זיי געזאגט זינט מיין מוטער איז געשטאָרבען האָב איך אַ נדר געטוהן אַז איך זאָל קיינמאָהל נישט שלאפען אויף אַ בעט:

נָאךְ אַ שלעכטען מנהג האָבען געהאַט די מענטשען פון סדום אַז עס איז צו זיי געקומען אַ אָרימאַן האָט איהם יעדער איינער געגעבען אַ רענדיל און זיי האבען זיך אויף געשריבען זייערע נעמען כדי יעדער איינער זאָל זיך דער קענין זיין רענדיל ער זאל עס קענען אָבנעמען אין קיין ברויט האָט איהם קיינער נישט געטארט פערקויפען און ער האָט זיך אַזוי לאַנג אַרום געדרעהט און סדום און געהונגערט ביז ער איז געשטאָרבען, און יעדער איינער האָט זיך אָבגענימען זיין רענדיל. איין מיידיל איז דאָרט געוועזען וואָס זי פלעגט צו געבען די ארימע לייט ברויט זי פלעגט צו געהן נאָך וואַסער פלעגט זי אַריין ליגען און קריג אַריין ברויט אין כדי עס זאָל קיינער נישט בעמערקען האָט זי עס געגעבען די אָרימע לייט. ווי די מענטשען פון סדום האָבען זיך פון דעם דערוויסט האָבען זיי דאָס מיידיל אויסגעטוהן נאַקיט בעשמירט מיט האָניק און מען האָט זי אַרויף געלייגט אויף אַדאַך און די בינען האָבען זי געביסען אַזוי לאַנג ביז זי איז געשטאָרבען:

דִי מענטשען פון סדום האָבען געמאַכט צווישען זיך אַ תקנה אַז ווער עס וועט

וועט זיין א אורח אויף א חתונה. זאל מען פון דעם מענש אראב ציהען די מלבישים. איינמאהל איז אליעזר עבד אברהם געקומען קיין סדום און ער האט נישט געהאט וואס צו עסען. איז פונקט דארט געווען א חתונה. איז ער געגאנגען אויף דער חתונה און ער האט זיך געזעצט אין עק טיש. האט מען איהם געפרעגט ווער האט דיך גערופען אויף דער חתונה. האט ער געזאגט צו דעם מענש וואס איז געזעסען לעבען איהם. די האסט מיך גערופען אויף דער חתונה. האט דער מענש ביי זיך געטראכט. אויב מען וועט הערען אז איך האב איהם געבעטען אויף דער חתונה וועט מען פון מיר אראב ציהען מיינע מלבושים. האט ער זיך אויף געהויבען און איז ארויס געגאנגען. האט זיך אליעזר ווייטער גערוקט און ער האט צו דעם צווייטען אויך געזאגט דאס זעלבע. האט זיך דער צווייטער אויך אויף געהויבען און איז ארויס געגאנגען. און אליעזר האט זיך ווייטער גערוקט און ער האט ווייטער געזאגט דאס זעלבע ביז אלע מענשען זענען ארויס געגאנגען און אליעזר איז אליין געבליבען און ער האט אויף געגעסען די גאנצע סעודה:

רבי ספרא האט א מאהל געהאט א חפץ צו פערקויפען. זענען מענשען געקומען צו איהם קויפען דאס חפץ. האט ער געוואלט פאר דעם חפץ צעהן רענדליך. און זיי האבען איהם געוואלט געבען פונף רענדליך. האט ער עס נישט געוואלט פערקויפען. מארגען זענען די קונים געקומען נעמען דאס חפץ. און זיי האבען איהם שוין געוואלט געבען צעהן רענדליך. נאר רבי ספרא האט דאמאלסט געזאגט קריאת שמע האט ער מיט זיי נישט געקענט ריידען. און ער האט ביי זיך געטראכט אז זיי ווילען איהם נישט געבען מעהר ווי פונף רענדליך אזוי ווי נעכטען. און ער האט ביי זיך בעשטימט אז ער זאל זיי פערקויפען פאר פונף רענדליך. ווי ער האט אב געזאגט קריאת שמע זענען די קונים צו איהם צו געגאנגען און זיי האבען איהם געוואלט געבען צעהן רענדליך. האט ער צו זיי געזאגט איך וויל ביי אייך נישט נעמען מעהר ווי פונף רענדליך. ווייל איך האב אזוי בעשטימט ביי מיר אז איך זאל ביי אייך נישט נעמען מעהר פון פונף רענדליך איז מעהר וויל איך נישט נעמען:

רבי ספרא איז א מאהל ארויס געגאנגען חוץ לעיר מיט זיינע תלמידים שפאצירען אויף דעם וועג. האט ער בעגעגענט א חסיד וואס ער איז אהנגע-קומען פון וועג. האט דער חסיד גירעכענט אז רבי ספרא איז איהם א קעגען געגאנגען. האט דער חסיד געזאגט צו רבי ספרא פאר וואס האסט די דיך מטריח געווען מיר א קעגען צו געהן. האט איהם רבי ספרא געענטפערט. איך בין דיר נישט א קעגען געגאנגען נאר איך בין ארויס געגאנגען שפאצירען. איז דער חסיד מבויש געווארען. האבען די תלמידים איהם געפרעגט. רבי פאר וואס האט איהר איהם דאס געענטפערט. האט ער זיי געענטפערט. פאר וואס זאל איך זאגען ליגענד. האבען די תלמידים צו איהם געזאגט. איהר האט בעדארפען שווייגען גאר נישט צו זאגען. האט ער זיי געענטפערט איך זאל געוועזען שווייגען וואלט איך געוועזען מקיים געוועזען דעם פסוק „ודובר אמת בלבבו" ער רעדט אמת אין הארץ דאס מיינט מען אפילו מען זאגט נישט קיין שקר מיט דעם מויל נאר מען שווייגט. נאר אז יענער זאל מיינען אז עס איז אזוי טאהר מען אויך נישט. איבער דעם האב איך נישט געוואלט שווייגען:

רבן

רבן גמליאל און רבי אלעזר בן עזריה און רבי יהושע און רבי עקיבא זענען געגאנגען אין וועג. האבן זיי געהערט דעם רעש פון בבל הונדערט און צוואנציג מייל ווייט. האבן זיי אהנגעהויבען צו וויינען און רבי עקיבא האט געלאכט. האבן זיי געזאגט צו רבי עקיבא פאר וואס לאכסט די. האט ער זיי גיפרעגט פאר וואס וויינט איהר. האבן זיי איהם גיענטפערט פאר וואס זאלען מיר נישט וויינען. מיר זעהן אז די עכו"ם וואס זיי ביקען זיך צו די בילדער און זיי זענען מקטיר קטורת צו די נארישקייטען זיצען זיך אזוי בשלום ובשלוה און מיר יודען זענען פערטריבען אין גלות און דאס בית המקדש איז חרוב זאלען מיר נישט וויינען. האט זיי רבי עקיבא גיענטפערט פאר דעם לאך איך אז איך זעה אז די וואס זענען עובר אויף דעם רצון פון הקב"ה איז זיי אזוי גוט. מיר יודען אז מיר וועלען היטען דעם רצון פון הקב"ה וועט אונז זיכער גוט זיין. נאך א מאהל זענען זיי געגאנגען אין וועג קיין ירושלים. אז זיי זענען געקומען לעבען הר הצופים האבען זיי צוריסען זייערע קליידער. און אז זיי זענען געקומען צום הר הבית האבען זיי געזעהן א פוקס ארויס געהן פון דעם ארט פון קדשי קדשים האבען זיי אהנגעהויבען צו וויינען. און רבי עקיבא האט געלאכט. האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס לאכסט די. האט ער זיי גיפרעגט פאר וואס וויינט איהר. האבען זיי איהם גיענטפערט אויף דעם ארט וואס עס שטעהט אין דער תורה „והזר הקרב יומת" אז א מענש וואס ער איז נישט קיין כהן אז ער געהט דארט אריין קומט איהם מיתה. איז יעצט מקוים געווארען דער פסוק „על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו" אויף דעם בארג ציון וואס ער איז וויסט אין פוקסען טרעטען אויף איהם זאלען מיר נישט וויינען. האט ער זיי גיענטפערט דורך דעם לאך איך אז איך זעה אז די נבואה פון חרבן בין איך זיכער אז עס וועט מקוים ווערען די צווייטע נבואה פון דער גאולה. האבען זיי צו איהם געזאגט די האסט אונז געטרייסט:

צוויי און דרייסיג יאהר האבען די רומאים מלחמה געהאלטען מיט די יוונים און זיי האבען זיי נישט געקענט איינגעמען ביז די רומאים האבען שותפות געמאכט מיט די יודען און זיי האבען זיך אויסגענומען מיט די יודען אויב דער מלך וועט זיין פון אונז וועלען די גרויסע שרים זיין פון אייך. און אויב דער מלך וועט זיין פון אייך וועלען די שרים זיין פון אונז. האבען די רומאים געשיקט צו די יוונים ביז יעצט האבען מיר געהאלטען מלחמה. און יעצט זאלען מיר זיך מתווכח זיין. און מיר וועלען זעהן ווער איז גירעכט. האבען די רומאים גיפרעגט אז איינער האט א פעריל מיט א ברילאנט ווער איז חשובער מען זאל איהם איין פאסען אין צווייטען. האבען די יוונים גיענטפערט זיכער איז דער ברילאנט חשובער און מען דארף איהם אריין פאסען אין דעם פעריל. האבען זיי ווייטער גיפרעגט. אז מען האט א פראסטען ברילאנט און א ברילאנט וואס ער הייסט נופך. וועלכער איז מעהר חשוב. האבען זיי גיענטפערט זיכער איז דער ברילאנט נופך מעהר חשוב. האבען זיי גיפרעגט א ברילאנט נופך און א ספר תורה ווער איז מעהר חשוב ווער דארף זיין בכנע צום צווייטען האבען זיי גיענטפערט זיכער איז די ספר תורה מעהר חשוב און דער ברילאנט נופך דארף זיין בכנע צו דער ספר תורה. האבען די רומאים צו זיי געזאגט אויב אזוי אז איהר זאגט אז א ספר תורה איז מעהר חשוב ווי א ברילאנט זאלט איהר וויסען אז די יודען

יודען האָבען שותפות געמאַכט מיט אונז און זיי האָבען אַ ספר תורה דאַרפט איהר זיין נכנע אונטער אונז. און די יונים האָבען זיך אונטער געוואָרפען אונטער די רומאים. זעקס און צוואַנציג יאָהר האָבען די רומאים געלעבט גוט מיט די יודען נאָך דעם האָבען זיי מיט זיי אָהנגעהויבען צו ארבייטען :

**אַנטונינוס** דער מלך פון רום איז געוועזען שטארק בעפריינ-דעט מיט רבי האָט ער אַמאָהל געזאָגט צו רבי איך וויל אַז מיין זוהן אסיורוס זאָל זיין מלך אויף מיין אָרט אין די שטאָדט טבריה זאָל זיין פריי פון פאָדאטעק ווייל עס וואָהנען דאָרט רבנים (ווייל אַנטוני-נוס איז אָפט געוועזען ביי רבי האָט ער ליעב געהאַט די רבנים) און אויב איך וועל פערלאַנגען פון די שרים ביידע זאכען וועלען זיי נישט טוהן נאָר איין זאַך. אָבער ביידע זאכין וועלען זיי מיר נישט טוהן און איך וואָלט געוואָלט ביידע זאכען. האָט רבי גענימען אַ מענש אין ער האָט איהם אַרויף געזעצט אויף אַ צווייטען מענטש און ער האָט געגעבען צו דעם מענטש וואָס ער איז געזעסען אויף דעם צווייטען אַטויב אין דער האַנד אריין און ער האָט געזאָגט צו דעם אונטערשטען מענטש אַז ער זאָל זאָגען דעם אויבערשטען מענטש אַז ער זאל אָבלאָזען די טויב. האָט אַנטו-נינוס פערשטאַנען אַז רבי מיינט אַז ער זאָל מאַכען קעניגען זיין זוהן און ממילא וועט די שטאָדט טבריה זיין אינטער זיין רשות וועט ער קענען טוהן וואָס ער וועט וועלין וועט ער זי קענען בעפרייען פון פאָדאטעק. נאָך האָט אַנטונינוס געזאָגט צו רבי די חשובע לייט פון רום האָבען מיך מצער געוועזען. איז רבי מיט איהם געגאַנגען אין גארטען אַריין און יעדען טאָג האָט ער אויסגעריסען אַ רעטאַך האָט אנטונינוס פערשטאַנען אַז ער מיינט אַז יעדען טאָג זאָל ער הרגינען איינעם פון זיי אין ער זאָל זיי ניט הרגינען אַלע מיט איין מאָהל :

**אַנטונינוס** האָט געהאַט אַ טאכטער זי האָט געהייסען גירא אין זי האָט מזנה געוועזען האָט אַנטונינוס געשיקט צו רבי אַ מין גראָז וואָס עס הייסט גרגורא האט רבי זיך געווינדערט צו וואָס שיקט ער מיר דאָס גראָז איך דאַרף עס ניט. האָט ער פערשטאַנען אַז מיט דעם מיינט ער עפּיס אַ כוונה גר גירא איז צוויי ווערטער. גר איז טייטש זי ווערט נאָך גישלעפּט נאָך די מנואפים מיין טאָכטער וואס זי הייסט גירא. האָט איהם רבי צוריק געשיקט אַ מין גראז וואָס עס הייסט כוס ברתא דאָס איז אויך צוויי ווערטער כוס איז טייטש די זאלסט שעכטין ברתא די טאכטער. האָט איהם אַנטונינוס געשיקט אַ מין גראָז וואָס עס הייסט כרתא דאס האָט ער געמיינט אַז מיט דעם וואָס ער וועט הרגינען זיין טאכטער וועט דאָך איהם פערשניטען ווערען אַ קינד. האָט איהם רבי צוריק געשיקט אַ מין גראָז וואס עס הייסט חסא. חסא איז טייטש רחמנות ער זאָל אויף איהר רחמנות האבען אין ער זאָל זי ניט הרגינען. יעדען טאָג האָט אַנטונינוס געשיקט צו רבי אַ זאק מיט שטיקער גאָלד. אין עק האָט ער אריין געשיקט ווייץ כדי אַז מען וועט אויף עפּינען דעם זאַק זאָל מען זעהן אַז אין איהם ליגט ווייץ. האָט רבי געזאָגט צו אַנטונינוס איך דאַרף עס ניט איך האָב גענוג האט איהם אַנטונינוס געזאָגט עס וועט דיר צוניץ קומען פאַר דיינע קינדער וועגען זיי וועלין אַ מאהל דאַרפען געבען געלד צו די מלכי רומי וואָס זיי וועלין זיין נאָך מיר וועלין זיי האבען פון דעם גאָלד צו געבען :

אַנטונינוס

אנטונינוס האט געהאט א הייל פון זיך ביז צו רבי יעדען טאג פלעגט ער צו לערנען תורה. אין ער האט מיט זיך מיט גענומען צוויי קנעכט איינעם האט ער געהרג'ת באלד לעבין זיין טהיר. אין דעם צווייטען קנעכט האט ער געהרג'ת לעבען דער טהיר פון רבי. אין ער האט זיך אויס-גענומען מיט רבי אז אין דער צייט וואס ער וועט צו איהם קומען זאל קיינער ניט זיין אין שטיב. איינמאהל איז ער געקומען האט ער געטראפען זיצען רבי חנינא בן חמא האט ער געזאגט צו רבי איך האב דאך מיט דיר אויסגענומען אז ווען איך וועל צו דיר קומען זאל קיינער ניט זיין, האט איהם רבי גיענט-פערט ער איז ניט קיין מענטש נאר א מלאך האט ער געזאגט צו רבי זאג איהם אז ער זאל אריין רופען דעם קנעכט וואס ער שלאפט לעבען דיין טהיר. איז רבי חנינא ארויס געגאנגען האט ער געזעהן אז דער קנעכט איז טויט. האט רבי חנינא גיקלעהרט וואס ער זאל טוהן זאל ער צוריק געהן אין זאגען אז דער קנעכט לעבט ניט מען טאהר דאך ניט זאגען קיין שלעכטע בשורה זאל ער ניט צוריק געהן וועט ער דאך מבזה זיין דעם כבוד פון מלך האט ער מתפלל געוועזען אין דער קנעכט איז לעבעדיג געווארען אין ער האט איהם אריין געשיקט דעם קנעכט. האט אנטונינוס געזאגט איך וייס אז דער קלענצטער פון אייך קען מחיה מתים זיין דאך וויל איך אז אין דער צייט ווען איך וועל צו דיר קומען זאל קיינער ביי דיר ניט זיין יעדען טאג פלעגט אנטונינוס משמש זיין צו רבי ווען רבי האט זיך געוואלט לייגען שלא-פען, האט זיך אנטונינוס אנידער געלייגט אין ער האט געזאגט צו רבי אז ער זאל אויף איהם ארויף געהן אין פון איהם אויף דעם בעט האט איהם רבי גיענטפערט עס איז ניט קיין דרך ארץ מזלזל זיין בכבוד המלכות האט איהם אנטונינוס גיענטפערט הלואי זאל איך זיין איין אינטער בעטונג פאר דיר אויף יענער וועלט האט איהם אנטונינוס איהם געפרעגט צו וועל איך האבען עולם הבא האט איהם רבי מבטיח געוועזען אז ער וועט האבען עולם הבא:

אמאהל איז געוועזען א קיסר א שונא ישראל האט ער גיפרעגט זיינע יועצים א שאלה אז א מענש האט א מכה אויף זיין פיס וואס דורך דער מכה איז איהם פערפוילט געווארין דאס פלייש פון זיין פיס אין ער האט פון דעם גרויס צער וואס זאל ער טוהן צו זאל ער אב שניידען דעם פיס וועט ער שוין מעהר ניט ליידען קיין יסורים צו זאל ער ליידען שטענדיג צער אין ער זאל דעם פיס ניט אב שניידען. האבען איהם די יועצים גיענט-פערט עס איז גלייכער אז ער זאל אבשניידען זיין פיס איידער ער זאל שטענדיג ליידען צער דאס האט ער געמיינט די יודען ווייל כל זמן די יודען לעבען וועט ער האבען צער איז גיוועזין צווישען די שרים איינער א חשוב ביי דעם קיסר ער האט געהייסען קטיעא בר שלום האט ער געזאגט צו דעם מלך אין צו די יועצים איהר וועט די יודין גאהר ניט קענען טוהן ווייל זיי זענען פערשפרייט אויף פיעל ערטער אין אזוי ווי עס איז ניט מעגליך אז די וועלט זאל זיין אהן ווינטען אזוי איז ניט מעגליך די וועלט זאל זיין אהן יודען אין ווידער מען וועט דיך רופען איין אבגעהאקטע מלוכה ווייל די וועסט אויסהארגינען א גאנץ פאלק וועט דאך אין לאנד פעהלען איין פאלק האט דער קיסר צו איהם געזאגט די האסט גאנץ גיט געזאגט נאר דער וואס איז מנצח

מנצח דעם מלך איז דאָך מבייש דעם מלך קומט דעם מענש אריין צו ווארפען אין אַ לעהרע שטוב אריין און מען זאָל אין דער שטוב אריין ווארפען ערד כדי דער מענש זאָל געהרג'ית ווערען. ווען מען האָט איהם געפיהרט אריין צו ווארפען אין דער שטוב אריין. האָט אַ פרוי צו איהם געזאָגט. וועה איז צו דער וואָס זי פאָהרט אָהן אָבצאָהל און מען לאָזט זי נישט אריין אין דער מדינה אריין. זי האָט איהם מרמז געווען די ווערסט געטייט דורך די יודען און די אליין ביסט נישט געמלת ווערסט די דאָך נישט קענען נעמען קיין חלק אין זייער גוטס. האָט ער זיך אַ נידער געוואָרפען אויף דעם שפיץ פון זיין מילה און די ערלה האָט זיך אָבגעשניטען. האָט ער געזאָגט איך האָב געגעבען מיין אָבצאָהל און איך וועל שוין קענען קומען אין גן עדן אריין גלייך מיט יודען. ווען מען האָט איהם אריין געוואָרפען אין דער לעהרער שטוב אריין. האָט ער געזאָגט מיין גאַנץ פערמעגען שענק איך אוועק צו רבי עקיבא און זיינע חברים. און עס איז אַרויס אַ בת קול פון הימעל און האָט געזאָגט קטיעא בר שלום איז מזומן לחיי עולם הבא. האָט רבי געוויינט און ער האָט געזאָגט עס טרעפט זיך אַ מענש וואָס ער איז קונה עולם הבא אין איין שעה און עס איז פערהאַנדען מענשען וואָס זיי דארפען אַרבייטען זייערע אַלע יאָהרען ביז זיי זענען קונה עולם הבא:

**אונקלוס** בן קלוניקוס (דער וואָס האָט געמאַכט דעם תרגום אויף תורה) האָט זיך מגייר געווען. האָט דער קיסר געשיקט זעלנער זיי זאָלען איהם נעמען ווען זיי זענען צו איהם געקומען האָט ער זיי איבער-גערעדט און ער האָט זיי אויסגעוויזען ראיות פון פסוקים אַז עס איז נישט דאָ אויף דער וועלט נאָר איין גאָט וואָס די יודען דינען איהם האָבען זיי זיך אויך מגייר געוועזען. האָט דער קיסר געשיקט צווייטע זעלנער זיי זאָלען איהם נעמען און ברענגען צום קיסר און ער האָט זיי אָהן געזאָגט אַז זיי זאָלען צו איהם גאָר נישט ריידען. בשעת זיי האָבען איהם געפיהרט האָט אונקלוס געזאָגט צו זיי דער דרך העולם איז אַז אַ קליינער שר האַלט דאָס ליכט פאַר דעם גרויסען שר און דער גרעסערער שר האַלט דאָס ליכט און ער לייכט פאַר דעם קיסר. האָט ער זיי גיפרעגט צו דער מלך האַלט אַ מאָהל דאָס ליכט ער זאָל לייכטען פאַר אַ פראָסטען מענש האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז נישט. האָט ער צו זיי געזאָגט. אָבער הקב"ה איז נישט אַזוי ער איז אַ מלך אויף דער גאַנצער וועלט און ער האַלט דאָס ליכט און ער לייכט פאַר די יודען אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „וה' הולך לפניהם יומם בעמוד ענן ולילה בעמוד אש להאיר להם" הקב"ה טוהט פיהרען פאַר די יודען בייטאָג דעם עמוד ענן ער זאָל זיי ווייזען דעם וועג. און ביינאַכט טוהט ער פאַר זיי פיהרען דעם עמוד האש ער זאָל פאַר זיי לייכטען. ווי די זעלנער האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי זיך אויך מגייר געוועזען. האָט דער קיסר געשיקט נאָך אַמאָהל זעלנער זיי זאָלען איהם נעמען. און ער האָט זיי אָהנגעזאָגט איהר זאָלט מיט איהם גאָר נישט שמועסען אויף דעם וועג. ווי זיי זענען מיט איהם געגאַנגען האָט ער געזעהען אַ מזוזה אויף אַ טהיר. האָט ער אַרויף געלייגט זיין האַנד אויף דער מזוזה און ער האָט זיך געפרייט. האָבען זיי זיך נישט געקענט איינהאַלטען און זיי האָבען איהם גיפרעגט פאַר וואָס ער פרייט זיך אַזוי. האָט ער זיי גיענטפערט אַ מלך בשר ודם זיצט אין שטוב און זיינע קנעכט שטייען אין דרויסען און זיי

זיי היטען איהם. אָבּער הקב"ה איז ניט אַזוֹי גאָר זיינע קנעכט זיצען אין שטוּב און ער היט זיי אין דרויסען. אַזוֹי ווי עס שטייט אין פּסוּק „ה' ישמור צאתך ובואך" הקב"ה טוּהט הוּטען דיין אַרוֹיס-געהן און דיין אַריין געהן (ווארוּם די מזוזה ביי דער טהיר היט די יוּדען פון מזיקים). האָבּען זיך די זעלנער אויך מגייר געווען. ווי דער קיסר האָט געזעהן אַז וואָס ער שיקט נאָך איהם זעלנער זענען זיי זיך מגייר. האָט ער שוין מעהר נאָך איהם נישט געשיקט:

מען האָט אַמאָהל געצווינגען דעם תנא רבי אליעזר אַז ער זאָל דינען די עבודה זרה און מען האָט איהם אויף געבראַכט אויף דעם אָרט ווי מען איז דאָרט דן דיני נפשות. האָט דער עלטסטער פון די שרים צוּ איהם געזאָגט אַזאַ זקן ווי די ביסט זאָלסט די עוסק זיין בדברים בטלים די לערענסט תורה עס וואָלט גלייכער געוועזען די זאָלסט דינען אונזער גאָט וועט מען דיך נישט הרג'נען. האָט רבי אליעזר גיענטפערט דער דיין איז בעגלייבט אין ער איז גירעכט. האָט דער גירעכענט אַז דאָס וואָס רבי אליעזר זאָגט אַז דער דיין איז בעגלייבט אין גירעכט מיינט ער איהם. אבער באמת איז זיין כוונה געוועזען אויף הקב"ה אַז הקב"ה איז גירעכט וואָס מען האָט איהם דאָ אַ העער געבראַכט מען זאָל איהם דן זיין מיתה. ווייל מסתמא האָט ער געזינדיגט צוּ הקב"ה. האָט דער שר געזאָגט צוּ רבי אליעזר יעצט זעה איך אַז די גיסט מיר גירעכט אַז די זאַכען וואָס די ביסט אין זיי עוסק זענען דברים בטלים. איבער דעם שוועהר איך ביי דער עבודה זרה וואָס זי הייסט דימות אַז די ביסט פּטור פון מיתה. ווען רבי אליעזר איז אַ היים געקומען איז ער געוועזען זייער טרויעריג האָבען איהם די תלמידים געטרייסט און ער האָט נישט געוואָלט מקבל זיין קיין טרייסט און ער האָט געזיכט אין זיינע מעשים אפשר האָט ער עפּיס געטוהן איין עבירה וואָס דורך דער עבירה איז איהם געקומען אַזאַ עונש אַז מען זאָל איהם צווינגען צוּ דינען די עבודה זרה. האָט רבי עקיבא צוּ איהם געזאָגט רבי גיב מיר רשות איך זאָל פאַר דיר עפּיס זאָגען אפשר האָסט די גיהערט אַ דבר מינות און די האָסט פון דעם אַ הנאה געהאַט. האָט ער איהם געזאָגט די האָסט מיך דערמאָנט. איינמאהל בין איך געגאַנגען אין מארק פון דער שטאָדט ציפּורי איז צוּ מיר צי געקומען אַ מענש ער הייסט יעקב פון דאָרף סכניא און ער האָט מיך גיפרעגט עס שטייט אין דער תורה „לא תבוא אתנן זונה ומחיר כלב בית ה' אלהיך" אַ מתנה פון אַ זונה וואָס אַ נואף האָט איהר געגעבען פאַר אַ עבירה און אויב איינער האָט זיך געביטען מיט אַ הינד ער האָט פאַר איהם גענומען אַ בהמה טאָהר מען עס נישט מקריב זיין אויף דעם מזבח. צוּ מעג מען פון דעם געלד מאַכען אַ בית הכסא פאַר דעם כהן גדול וועגען. האָב איך איהם גאָר נישט גיענטפערט האָט ער צוּ מיר געזאָגט מיך האָט מען אַזוֹי געלערענט פון אַ מקום טינופת איז דאָס געלד געקומען צוּ אַ מקום טינופת מעג דאָס געלד געהן. איבער דעם מעג מען פון דעם געלד מאַכען אַ בית הכסא און איך האָב פון דעם געהאַט אַ הנאה איבער דעם האָב איך געהאַט דעם עונש אַז מען האָט מיך געוואָלט צווינגען צוּ דינען די עבודה זרה:

אַ אשה איז אַ מאָהל געקומען צוּ רב חסדא און זי האָט צוּ איהם געזאָגט איך האָב געטוהן אַ קליינע עבירה איך האָב געבּוירען מיין יונגערין זוהן פון מיין עלטערין זוהן און איך וועל טוהן תשובה. און זי האָט גיבעטען אַז רב חסדא זאָל איהר אַרויס געבען אַ תשובה

א תשובה האָט רב חסדא געזאָגט צו די מענטשען וואָס זענען דאָרט געשטאַנען ברייט איהר צו שפייז אויף איהר וועג דאָס האָט ער געמיינט תכריכים ווייל זי וועט שטאַרבין אין זי איז באַלד געשטאָרבען :

רבי אלעזר בן דורדיא איידער ער האָט געטוהן תשובה איז ער געוועזען אַ גרויסער נואף ער האָט ניט אָב געלאָזט קיין זונה פון דער וועלט ער זאָל מיט איהר ניט מזנה זיין. אַמאָהל האָט ער גיהערט אַז עס געפינט זיך אַ זונה אין די שטעהט וואָס ביי דעם ים וואָס זי נעמט אַ בייטעל רענדליך שכר פאַר אַ עבירה וואָס מען טוהט מיט איהר. האָט ער גענומען אַ בייטעל מיט רענדליך אין ער איז צו איהר געגאַנגען אין ער איז אַ דורך געגאַנגען זיבען טייכען ביז ער איז צו איהר געקומען בשעת תשמיש האָט זי געגעבען אַ נפוח האָט זי צו איהם געזאָגט אַזוי ווי דער נפוח וועט שוין ניט צוריקגעהן אויף זיין אָרט אַזוי וועט מען רבי אלעזר בן דורדיא ניט מקבל זיין בתשובה. זענען איהרע רייד איהם אַריין אין האַרץ. אַריין אין ער האָט מהרהר בתשובה געוועזען אין ער האָט זיך אַנידער געזעצט צווישען בערג אין ער האָט געזאָגט בערג בעט אויף מיר רחמים. האָבען זיי איהם גיענטפערט איידער מיר זאָלען בעטען פאַר דיר רחמים וועלען מיר בעטען רחמים פאַר אונץ אַליין האָט ער געזאָגט הימעל אין ערד בעט אויף מיר רחמים האָבען זיי איהם אויך דאָס זעלבע גיענטפערט איידער מיר זאָלען אויף דיר בעטען רחמים וועלען מיר בעטען רחמים פאַר אונץ האָט ער געזאָגט זין אין לבנה בעט אויף מיר רחמים האָבען זיי איהם אויך גיענטפערט איידער מיר זאָלען אויף דיר בעטען רחמים וועלין מיר בעטען רחמים פאַר אונץ אַליין האָט ער געזאָגט שטערין אין מזלות בעט אויף מיר רחמים האָבען זיי איהם אויך גיענטפערט איידער מיר זאָלין בעטען רחמים אויף דיר וועלין מיר בעטען רחמים פאַר אונץ. האָט ער געזאָגט אַז עס וויל קיינער ניט בעטען פאַר מיר מוז איך אַליין בעטען האָט ער געלייגט זיין קאָפּ צווישען די קניה אין ער האָט געשריגען מיט אַ געוויין ביז זיין נשמה איז פון איהם אַרויס. איז אַרויס אַ בת קול פון הימעל אין האָט געזאָגט רבי אלעזר בן דורדיא איז מזומן לחיי העולם הבא האָט רבי געוויינט אין ער האָט געזאָגט עס טרעפט זיך אַ מענטש וואָס איז קונה עולם הבא אין איין שעה אין עס טרעפט זיך אַ מענטש וואָס ער דאַרף זיינע אַלע יאָהרען אַרבייטען ביז ער איז זיך קונה עולם הבא :

בשעת מען האָט גענומען צום קיסר רבי אלעזר בן פרטא אין רבי חנינא בן תרדיון מען זאָל זיי דן זיין האָט רבי אלעזר בן פרטא געזאָגט צו רבי חנינא בן תרדיון וואָהל איז דיר וואָס מען האָט דיך איינגעזעצט צוליב איין זאַך אין מיך האָט מען איינגעזעצט צוליעב פינף זאַכען וואָס איך האָב געטוהן כנגד דעם קיסר האָט רבי חנינא בן תרדיון געזאגט צו רבי אלעזר בן פרטא וואָהל איז דיר וואָס חאָטשע מען האָט דיך איינגיזעצט צוליעב פינף זאַכען דאָך וועסט די פון זיי ניצול ווערען ווייל די האָסט עוסק געוועזען בתורה ובגמילות חסדים אין איך חאָטשע מען האָט מיך איינגיזעצט צוליב איין זאַך דאָך וועל איך ניט ניצול ווערען ווייל איך האָב נאָר עוסק געוועזען בתורה אַליין אין ניט אין קיין גמילות חסדים. האָט מען צום ערשטען גענומען משפט'ן רבי אלעזר בן פרטא אין מען האָט

האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די געלערינגט תורה אין די ביסט געוואָרען אַ גזלן האָט ער געענטפערט דער וואָס ער לערינט דער איז ניט קיין גזלן אין דער וואָס ער איז אַ גזלן דער לערינט ניט אין אַזוי ווי איין זאַך איז שקר אַזוי איז דאָס צווייטע אויך שקר. האָט מען ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס רופט מען דיך רבי האָט ער גיענטפערט איך בין איין עלטסטער פון וועבערס האָט מען איהם געבראַכט סחורה אין מען האָט איהם גיפרעגט וועלכעס איז די לענג אין וועלכעס איז די ברייט איז איהם געשעהן אנס אין עס איז געקומין אַ עגדיס אין ער האָט זיך געזעצט אויף דעם לאַנגען פאָדעם אין עס איז געקומין אַ עגדיס אַ נקבה אין זי האט זיך גיזעצט אויף דעם קורצען פאָדעם האָט ער פערשטאַנען וועלכעס עס איז דער לאַנגער פאָדעם אין וועלכעס עס איז דער קורצער פאָדעם. האָט מען איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס קומסט די ניט אין דעם הויז אַריין וואָס מען עסט דאָרט אין מען טרונקט לכבוד די עבודה זרה אין מען גוט אַכטונג וואָס די עבודה זרה דאַרף אין יעדער איינער איז מנדב פאַר דער עבודה זרה וועגען. האָט ער גיענטפערט איך בין איין אַלטער מענטש האָב איך מורא מען זאָל מיך ניט צו טרעטען. האָבען זיי איהם גיפרעגט עס איז דען שוין אַמאהל צו טרעטען געוואָרען אַ מענטש איז געשעהן אַ נס אין עס איז דעם טאָג צו טרעטען געוואָרען אַ מענטש. האָט מען איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די אַרויס געלאָזט דיין קנעכט פריי אין זיי האָבען גוזר גיוועזען אַז מען זאָל ניט אַרויס לאָזען קיין קנעכט פריי האט ער גיענפערט עס איז שקר איך האָב ניט אַרויס געלאָזט מיין קנעכט פריי. איז צו געגאַנגען איינער פון די שרים אין ער האָט געוואָלט עדות זאָגען אַז ער האָט אַרויס געלאָזט זיין קנעכט פריי האָט זיך אליהו פערשטעלט פאַר איינעם פון די חשובע שרים אין ער האָט געזאָגט צו דעם שר אַזוי ווי עס איז איהם געשעהן אַ נס ביי די פיער שאלות וועט איהם זיכער ביי דעם אויך געשעהן אַ נס פאַר וואָס זאָלסט די אַרויס ווייזען דיין רשעות ער וועט ניצול ווערען אין די וועסט בלייבען אַ רשע. האָט דער מענטש ניט געקוקט אויף די רייד אין ער האָט געוואָלט עדות זאָגען האָבען די שרים געהאַט אָבגעשריבען אַ כתב אין זיי האָבען דעם בריף געוואָלט שיקען צום קיסר האָבען זיי דעם בריף געשיקט מיט דעם מענטש וואָס ער האָט געוואָלט עדות זאָגען האָט אליהו דעם עדות פערוואָרפען אויף פיער הינדערט מייל ווייט כדי ער זאָל ניט קענען צוריק קומען אין רבי אלעזר בן פרטא איז ניצול געוואָרין. האָט מען געבראַכט רבי חנינא בן תרדיון צום משפט אין מען האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס האסט די גילערינט תורה האָט ער גיענטפערט איך האָב געטוהן אַזוי ווי הקב"ה האָט געבאָטען האָט מען איהם דן געוועזען אַז מען זאָל איהם פערברענען אין זיין ווייב זאָל מען הרגינען מיט אַ שווערד אין זיין טאָכטער זאָל זיצען אין אַ בית זונות דורך דעם איז נגזר געוואָרען אויף זיין טאָכטער אַז זי זאָל זיצען אין אַ בית זונות ווייל איינמאהל איז זי געגאַנגען לעבען די שרים פון רום האָבען די שרים פון רום געזאָגט ווי שעהן זענען די טריט פון דעם מיידיל ווי זי האָט דאָס דערהערט האָט זי מדקדק געוועזען דאָס זי זאָל שטעלען שעהנע טריט דרובער איז אויף איהר נגזר געוואָרען מן השמים אַז זי זאָל זיצען אין אַ בית זונות ווייל אַ יודישע טאָכטער דאַרף זיצען

אין שטיב ניט זיך דרעהן אין גאס:

ווען רבי יוסי בן קסמא איז שלאף געוואָרען איז רבי חנינא בן תרדיון געקומען איהם מבקר חולה זיין. האָט רבי יוסי בן קסמא געזאָגט צו רבי חנינא בן תרדיון חנינא די ווייסט דען ניט אז די אומה האָט מען געמאַכט קעניגען פון הימעל. א בעוויז אז זי האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש און זי האָט פערברענט דאָס היכל און זי האָט אויסגע'הרג'ת די חסידים און זי האָט נאָך א קוים איז דאָך א בעוויז אז מן השמים וויל מען אזוי. און איך האָב גיהערט אז די זיצט און לערנסט תורה און די זאַמאָלסט אין תלמידים און די האָלסט א ספר תורה אויף דיין שויס און זיי האָבען דאָך גוזר געוועזען אז מען זאָל ניט לערנען קיין תורה האָט רבי חנינא איהם גיענטפערט פון הימעל וועט מען זיך אויף מיר דער-באַרמען. האָט איהם רבי יוסי געזאָגט איך זאָג דיר א זאַך מיט א טעם און די זאָגסט מיר אז פון הימעל וועט מען זיך אויף דיר דערבאַרמען איך ווינדער זיך אויב מען וועט דיך ניט פערברענען מיט דער ספר תורה אויף דעם פייער. האָט איהם רבי חנינא גיפרעגט צו וועל איך האָבען עולם הבא. האָט רבי יוסי איהם גיפרעגט עס איז דיר ווען אינטער געקומען א מעשה און די ביסט געשטאַנען און א נסיון און די האָסט אויסגעהאַלטען דעם נסיון דערציייל מיר וועל איך שוין וויסען צו די וועסט האָבען עולם הבא. האָט ער איהם דערציילט ער האָט געהאַט ליגען צדקה געלד און זיין געלד צו קויפען עסען אויף דער סעודה פון פורים והאָט ער געוואָלט צוטהיילען דאָס צדקה געלד צו די אָרימע לייט האָט ער זיך טועה געוועזען ער האָט צוטהיילט זיין געלד האָט ער דאָך זיך בעדאַרפען אָבנעמען זיין געלד פון דעם צדקה געלד האָט ער ניט אזוי געטוהן נאָר ער האָט דאָס צדקה געלד אויך צו-טהיילט. האָט איהם רבי יוסי בן קסמא גיענטפערט אויב די האָסט אזוי געטוהן וויל איך האָבען אזא עולם הבא ווי די. און א קורצע צייט איז רב יוסי בן קסמא נפטר געוואָרען. זענען אלע גרויסע לייט פון רום געגאַנגען צו זיין לויה און זיי האָבען איהם מספד געוועזען. ווען זיי זענען צוריק געגאַנגען האָבען זיי געטראָפען רבי חנינא בן תרדיון זיצען און לערנען מיט תלמידים און ער האָט געהאַלטען א ספר תורה אויף דער שויס' האָבען זיי איהם גענומען און איינגעוויקעלט און דער ספר תורה און זיי האָבען ארום איהם געלייגט טריקענע צווייגעלעך און מען האָט זיי אָהנגעצינדען און זיי האָבין גענומען בינטלעך וואָהל און איינגעווייקט און וואַסער און מען האָט זיי ארויף געלייגט אויף זיין הארץ כדי די נשמה זאָל פון איהם 'אזוי שנעל נישט ארויס. האָט די טאָכטער צו איהם געזאָגט פאָטער און אזא שטאַנד זעה איך דיך דאָס איז דער שכר פון דער תורה. האָט ער איהר גיענטפערט ווען איך אליין זאָל פערברענד ווערען וואָלט איך מורא געהאַט. אָבער יעצט אז איך ווער פערברענד מיט דער ספר תורה ווער עס וועט זיך אָהנעמען פאַר דער תורה דער וועט זיך פאַר מיר אויך אָהנעמען. האָבען די תלמידים איהם גיפרעגט רבי וואָס זעהסט די. האָט ער זיי גיענטפערט איך זעה ווי די פאַרמעט ווערט פערברענד און די אותיות פליהען ארויף האָבען די תלמידים צו איהם געזאָגט רבי עפין אויף דיין מויל וועט דאָס פייער און דיר אריין וועסט די באַלד שטאַרבען וועסט די נישט ליידען קיין יסורים. האָט ער זיי גיענטפערט עס איז גלייכער עס זאָל צו נעמען די

בשם

נשמה דער וואס האט זי מיר געגעבען
און איך אליין זאל נישט צו איילען
מיין טויט. האט דער תליון צו איהם
געזאגט רבי אז איך וועל פון דיר אראב
נעמען די בינטלעך וואל ווערסט די מיך
ברענגען לעולם הבא. האט ער איהם צו
געזאגט אז ער וועט איהם ברענגען
לעולם הבא. האט דער תליון צו איהם
געזאגט שווער מיר צו האט ער איהם
צו געשוואהרען. האט דער תליון אראב
גענומען די בינטלעך וואל פון זיין הארץ
און זיין נשמה איז באלד פון איהם
ארויס. און דער תליון איז אויך אריין
געשפרינגען אין פייער אריין אין ער
איז פערברענד געווארען איז ארויס
א בת קול אין האט געזאגט רבי חנינא
בן תרדיון מיט זיין תליון זענען מזומן
לחיי עולם הבא:

**דאס** ווייב פון רבי מאיר האט גע-
הייסען ברוריא זי איז געוועזען
א טאכטער פון רבי חנינא בן תרדיון.
האט זי געזאגט צו איהר מאן רבי מאיר
עס איז מיר א בושה אז מיין שוועסטער
זאל זיצען אין א בית זונות און זי האט
איהם געבעטען אז ער זאל זי אויסלייזען.
האט רבי מאיר גענומען דריי טעפ
רענדליך און ער איז געגאנגען זי אויס-
לייזען און ער האט געזאגט אויב מען
האט נאך מיט איהר נישט מזנה געוועזען
וועט איהם זיכער געשעהן א נס און ער
וועט זי קענען ארויס נעמען פון בית
זונות. האט רבי מאיר זיך אהנגעטוהן
אזוי ווי איינער פון די רייטער פון
קיסר און ער איז צו איהר געקומען און
ער האט איהר געזאגט אז ער וויל מיט
איהר מזנה זיין. האט זי איהם גיענט-
פערט איך קען מיט דיר נישט מזנה זיין
ווייל איך בין נישט ריין. האט רבי מאיר
צו איהר געזאגט איך וועל ווארטען ביז
די ווערסט ריין ווערען. האט זי צו איהם
געזאגט פאר וואס דארפסט די ווארטען
אויף מיר עס געפינט זיך שענערע פון
מיר האט רבי מאיר ביי זיך געטראכט
פון דעם איז אבעוויזן אז זי האט נאך
נישט מיט קיינעם מזנה געוועזען נאר
ווער עס קומט צו איהר ענטפערט זי
דעם זעלבען תירוץ איז ער געגאנגען
צום שומר און ער האט צו איהם געזאגט
גיב מיר ארויס די אשה. האט איהם
דער שומר גיענטפערט איך האב מורא
פאר דעם קיסר. האט רבי מאיר צו
איהם געזאגט נעם דיר צו די כלי מיט
רענדליך העלפט ווערסט די האבען צו
געבען דעם מלך אין יעדער צייט ווען
מען וועט וועלען דיך שטראפען ווערסט
די דיך מיט דעם געלד אבקויפען אין
די צווייטע העלפט ווערסט די האבען פון
דיינעט וועגען אויף פרנסה. האט דער
שומר צו איהם געזאגט וואס וועל איך
טוהן אז דאס געלד וועט זיך אויסלאזען
ווי וועל איך נעמען אנדער געלד איך
זאל זיך קענען אב קויפען. האט איהם
רבי מאיר גיענטפערט ווערסט די זאגען
„אלהא דמאיר ענני" גאט פון מאיר
ענטפער מיר וועט דיר קיינער נישט
קענען טוהן קיין שלעכטץ. האט דער
שומר געזאגט פון וואנען וויים איך אז
עס איז אמת אז איך וועל זאגען אלהא
דמאיר ענני וועט מען מיר ניט קענען
קיין שלעכטץ טוהן. האט איהם רבי
מאיר גיענטפערט די ווערסט באלד זעהן.
אין דעם הויף איז געוועזען ווילדע הינד
וואס זיי האבען געגעסען מענשען. האט
רבי מאיר גענומען א שטיק ערד און ער
האט געווארפען צו די הינד זענען די
הינד צו איהם צי געלאפען און זיי
האבען איהם געוואלט אויף עסין. האט
ער געזאגט אלהא דמאיר ענני זענען די
הינד פון איהם אוועק. האט איהם
דער שומר ארויס געגעבען די אשה.
ווי דער קיסר האט דאס גיהערט
האט ער געהייסען דעם שומר
אויף הענגין ווי מען האט גענומען דעם
שום.

שומר אויף דער תלויה האָט ער געזאָגט „אלהא דמאיר ענני" האָט מען איהם אַראָב גענומען פון דער תלויה. האָט מען זיך געוואונדערט פאַר וואָס מען קען איהם ניט הענגען און זיי האָבען איהם גיפרעגט פאַר וואָס מען קען איהם ניט הענגען. האָט ער זיי דערציילט וואָס רבי מאיר האָט איהם געהייסען זאָגען ווען מען וועט איהם וועלען שלעכטץ טוהן אין דורך דעם קענען זיי איהם ניט הענגען האָט מען אויסגעקריצט די צורה פון רבי מאיר אויף דעם טויער פון רוים און מען האָט אַרוים געגעבען אַ בעפעהל אַז ווער עס וועט איהם זעהן זאל איהם נעמען. איינמאָהל האָט מען איהם געזעהן האָט מען איהם נאָך געיאָגט און ער איז אַנטלאָפען און ער איז אַריין געגאַנגען אין אַ בית זונות אַריין כדי זיי זאָלען זאגען אַז דער אין ניט רבי מאיר וואָרום רבי מאיר וואָלט נישט אריין געגאַנגען אין אַ בית זונות אַריין. אין אַ טהייל פון אונזערע רבנים זאָגען אַז רבי מאיר איז אַריין געלאָפען אין אַ שטיב אַריין פון אַ עכו"ם און מען האָט געקאָכט בשר טמא האָט רבי מאיר אַריין גישטעקט איין פינגער אין דעם עסין אַריין און ער האָט אָב גילעקט דעם צווייטען פינגער און די וואָס זענען געשטאַנען פון דער ווייטענס האָבען נישט אַזוי גוט געזעהן. האָט זיך זיי געדאַכט אַז ער לעקט אָב דעם זעלבען פינגער וואָס ער האָט אַריין גישטעקט האָבען זיי געזאָגט אַז דער איז נישט רבי מאיר וואָרום רבי מאיר וואָלט ניט גיגעסען קיין דבר טמא. אין אַ טהייל פון אונזערע רבנים זאָגען אַז אליהו האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ זונה און ער האָט איהם אַרום גענומען האָבען זיי געזאָגט דער איז נישט רבי און ער איז ניצול געוואָרען און ער איז אַנטלאָפען קיין בבל :

דער קיסר פון רום האָט גיפרעגט רבי יהושע בן חנניא ווי לאַנג דויערט דער עיבר פון אַ שלאַנג האָט ער איהם גיענטפערט זיבען יאָהר טראָגט דער שלאַנג זיין קינד. האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט די אַלטע לייט פון דער שטאָדט אתון האָבען דאָך צוזאַממען געפּאָהרט צוויי שלאַנגען אַ זכר מיט אַ נקבה און צו פיער יאָהר איז געבאָהרען געוואָרען פון זיי אַ שלאַנג האָט רבי בן חנניא גיענטפערט די שלאַנג איז שוין געוועזען מעוברת מיט דריי יאָהר פריהער האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא די זקנים פון אתון זענען דאָך גרויסע חכמים און זיי האָבען די זאַך גיט פּראַקטעקירט האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צום קיסר מיר יודען זענען קלוגער פון זיי. האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט אויב בּיסט קלוגער פון זיי געה קיין אתון אין זאָלסט זיי מנצח זיין און ברענג זיי אהער וועל איך וויסען אַז די ביסט קלוגער פון זיי. האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צום קיסר הייס מיר מאַכען אַ שיף פון זעכציג חדרים און יעדען חדר זאָל שטיין זעכציג שטוהלין האָט דער קיסר אַזוי געטוהן און רבי יהושע בן חנניא איז מיט דער שיף געפּאָהרען קיין אתון און ער איז צו געגאַנגען צו אַ קצב ווען ער האָט צו שניטען אַ בהמה האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צו דעם קצב די וועסט מיר פערקויפען דיין קאָפּ האָט איהם דער קצב גיענטפערט איך וועל דיר פערקויפען מיין קאָפּ. האָט ער איהם גיפרעגט ווי פיעל ווילסט די. האָט איהם דער קצב גיענטפערט אַ האַלבען גילדען. האָט רבי יהושע געגעבען דעם קצב אַ האַלבען גילדען און ער האָט צו איהם געזאָגט גיב מיר דיין קאָפּ האָט איהם דער קצב געגעבען אַ קאָפּ פון אַ בהמה. האָט רבי יהושע געזאָגט צום קצב איך האָב דאָך געקויפט דיין קאָפּ נישט דעם קאָפּ פון אַ בהמה די ווילסט

אַז

אז איך זאָל דיך אָבלאָזען געה פאַר מיר אין ווייז מיר ווי די זקנים וואָהנען האָט דער קצב צו איהם געזאָגט איך קען דיר נישט ווייזען זייער שטיב וויל דער וואָס ער ווייזט זייער שטיב הרגינין זיי איהם. האָט רבי יהושע צו איהם געזאָגט נעם אַ בינטעל האָלץ אויף דיין אַקסיל און ווען די ועסט קומען לעבען זייער שטיב זאָלסט די דאָס בינטעל האָלץ אַ נידער שטעלען אויף דער ערד גלייך ווי די ווילסט דיך אָברוהען וועל איך שוין וויסען ווי זייער שטיב איז. האָט דער קצב אַזוי געטוהן און רבי יהושע איז צו זיי אריין געקומען האָט ער געזעהן ווי עס שטעהן צווייערליי שומרים פון דרויסען און פון אונעווי-נוג זיי זאָלען נישט לאָזען קיינעם אריין געהן און נישט קיינם אַ רויס געהן און אז די זקנים דערזעהן אצייכען פון אַ טריט פון אַ מענש וואָס ער איז אריין געגאַנגען הרגינען זיי די שומרים וואָס שטעהן אין דרויסען פאַר וואָס זיי האָבען אריין געלאָזט אַ מענטש. און אויב זיי דערזעהן אַ טריט פון אַמענטש וואָס איז אַרויס געגאַנגען הרגינען זיי די שומרים פון אונווייניג פאַר וואָס זיי האָבען אַרויס געלאָזט אַ מענטש און די שומרים האָבען נישט דערהרג'ט דעם מענש וואָס ער איז אריין געגאַנגען צו אַרויס געגאַנגען ביז ער איז אין גאַנצען אריין געגאַנגען אָדער און גאַנצען אַרויס געגאַנגען האָט רבי יהושע איבער גע-דרייט איין פיס האָט מען אָהנגעזעהן אַ טריט ווי איינער איז אַרויס געגאַנגען און איינער איז אריין געגאַנגען און רבי יהושע איז נישט אריין געגאַנגען. נאָר די שומרים האָבען איהם אַרוס געשטיפט פון דער שוועל און הרגנען האָבען זיי איהם נישט געקענט וויל ער איז דאָך נישט אריין געגאַנגען און נישט אַרויס געגאַנגען. ווי די זקנים האָבען דערזעהן די טריט האָבען זיי גירעכענט אַז איין מענטש איז אריין געגאַנגען און איין מענש איז אַרויס געגאַנגען האָבען זייא געהרגי'ט ביידע שומרים. נאָכדעם איז רבי יהושע אריין געגאַנגען האָט ער גיזעהן ווי די יונגע לייט זיצען אויווען אין די זקנים זיצען הינטען אין זייער כוונה איז געוועזען זיי זאָלען קענין יעדער מענטש וואָס ער וועט צו זיי אַריין קומען הרגינען. וועט ער פריהער געבען שלום די יונגע לייט וועלען די זקנים איהם הרגינען זיי וועלען זאָגען מיר זענען עלטער האָסט די אונז פריהר בעדאַרפען געבען שלום וועט ער די זקנים פריהער געבען שלום וועלען די יונגע לייט איהם הרגינען זיי וועלען זאָגען מיר זענען גרעסער פון די זקנים האָסט די אונז בעדאַרפען פריהר געבען שלום האָט רבי יהושע גיקלעהרט וואָס ער זאָל טוהן האָט ער זיך מיישב געוועזען און ער האָט זיי אַלע מיט איינמאָהל געגעבען שלום. האָבען זיי איהם גיפרעגט וואָס ווילסט די האָט ער זיי גיענטפערט איך בין דער חכם פון די יודען און איך בין געקומען ביי אייך לערנען חכמה האָבען זיי צו איהם געזאָגט אויב די ביסט דער חכם פון די יודען וועלען מיר דיך פרעגען אַ דבר חכמה האָט רבי יהושע צו זיי געזאגט איר קענט מיך פרעגען נאָר בתנאי אויב איהר וועט מיך מנצח זיין מעגט איהר מיר טוהן וואָס איהר וועט וועלען. און אויב איך וועל אייך מנצח זיין פערלאַנג איך פון אייך אַז איהר זאָלט ביי מיר עסין אויף דער שיף:

**האָבען** זיי איהם געפרעגט וואָס איז דאָס אַמענש איז געגאַנגען נעמען אווייב אין מען האָט זי איהם נישט געוואָלט געבען וויל זי איז געוועזען מעהר מיוחסת פון איהם צום סוף איז ער געגאַנגען אויף אַ צווייט אָרט נעמען אַווייב נאָך אַ גרעסערע מיוחסת פון דער ערשטער ער האָט דאָך אויך

בעדאַרפען

בעדארפין וויסען אז די ערשטע וואס זי
איז ניט געווען קיין גרויסע מיוחסת
האט מען איהם ניט געוואלט געבען
וועט מען דאך איהם די צווייטע זיכער
ניט געבען האט רבי יהושע גענומען
איין נאגעל אין ער האט איהם
בצוואלט אריין שטעקען אין דער וואנד
היינטען ווי עס איז ניט געווען קיין
לאך האט דערנאגעל ניט געקאנט אריין.
נאך דעם האט ער איהם גענומען
העכער ווי עס איז געוועזן א לאך
איז דער נאגעל אריין אין ער האט
זיי געזאגט די ערשטע איז ניט ביוועזין
זיין בת מזל איבער דעם האט מען
איהם זי ניט געוואלט געבען אין די
צווייטע איז געוועזן זיין בת מזל מעג
זי זיין אגרעסערע מיוחסת וועט מען
איהם זי געבען. האבען זיי איהם ווייטער
גיפרעגט אז א מענטש האט געליגען
דעם צווייטען געלד אין עס איז איהם
שווער אהנגעקומען ביז ער האט דאס
געלד אב גענומען אין ער לייט דערנאך
געלד א צווייטען ער האט דאך בעדאר-
פען מורא האבין אפשר וועט איהם ביי
דעם צווייטען אויך שווער אהנקומען
ביז ער וועט אב בעמין האט ער זיי
גיענטפערט דאס איז גלייך צו א מענטש
וואס איז געגאנגען אין וואלד אריין
אין ער האט אהנגעקליבען א בינטעל
האלץ אין ער האט עס אליין ניט
גיקענט אויף הייבען האט ער דער
וויל אהנגעקלובען נאך האלץ וויל ער
דארף דאך אז א צווייטער זאל איהם
צו העלפען וועט ער איהם צו העלפען
צו דעם צווייטען בינטעל אויך. אזוי דא
אויך אז ער האט ביי דעם ערשטען
ניט בעטראפען לייט ער א צווייטען ביז
ער וועט טרעפען א זעלכען וואס ער
איז א ערליכער אין ער וועט ביי איהם
פערדינען. אז זיי האבען גיזעהן אז זיי
קענען איהם ניט מנצח זיין. האבען זיי
צו איהם געזאגט זאג איינץ א זאך
וואס זי איז שקר וכזב האט ער צו זיי
געזאגט מיר האבען געהאט א מויל
אייזיל וואס זי האט געבאהרען א קינד
אין אויף דעם האלדז פון וואלד האט
געהאנגען א קוויטעלע אין עס איז
געשטאנען אויף געשריבען אז ער האט
זיך געליגען ביי מיין פאטער טויזענד
גולדען האבען זיי איהם גיפרעגט איז
דען מעגליך אז א מויל אייזיל זאל
האבען קינדער. האט ער זיי גיענטפערט
דאס איז דאך טאקע די ליגענט וואס
איהר האט פון מיר פערלאנגט איך
זאל אייך זאגען. האבען זיי איהם
גיפרעגט זאלץ אז עס איז פערשטינקען
געווארען מיט וואס זאל מען עס
זאלצען עס זאל ווערען בעסער. אזוי
ווי פרוהער האט ער זיי גיענטפערט מען
זאלצט עס מיט א שליא פון א מויל
אייזעל האבען זיי צו איהם געזאגט
א מויל אייזעל האט דען א שליא האט
ער זיי גיענטפערט זאלץ קען דען
פערשטינקען ווערען האבען זיי צו איהם
געזאגט בוי אונז אויף א הויז אין דער
לופט האט רבי יהושע געזאגט א שם
אין ער איז געשטאנען אין דער לופט
צווישען הימעל אין ערד אין ער האט
צו זיי געזאגט דערלאנגט מיר א הער
ציגעל מיט ליים וועל איך בויען איין
שטיב. האבען זיי איהם גיפרעגט ווער
קען לייגען ציגעל מיט ליים אין דער
לופטען האט ער זיי גיענטפערט ווער
קען בויען איין שטיב אין דער לופט.
האבען זיי איהם גיפרעגט ווי איז די
מיטען וועלט האט ער זיי געוויזען מיט
דעם פינגער אויף א ארט אז דא איז
די מיטען וועלט האבען זיי איהם גיפרעגט
פון וואנען ווייסט די אז דא איז די
מיטען וועלט. האט ער צו זיי געזאגט
ברענגט מיר א שטריק וועלען מיר אב
מעסטען פון עק וועלט וועלין מיר זעהן.
האבען זיי צו איהם געזאגט מיר האבען
א בריגע אין דער מדבר ברענג זי אונז
אריין

אַרײַן אין שטאָדט אַרײַן. האָט ער צו זײַ געזאָגט מאַכט מיר אַ שטריק פון קלײַען וועל איך מיט דעם שטריק אַרײַן ברענגען די בּרינע אין שטאָדט אַרײַן. האָבען זײ איהם גיפרעגט קען מען דען מאַכען אַ שטריק פון קלײַען. האָט ער זײַ גיפרעגט קען מען דען אַריין שלעפען אַ ברינע אין שטאָדט אַריין. האָבען זײַ צו איהם ווײַטער געזאָגט מיר האָבען אַ צובּראָכענע מיהל ניי זי צו האָט ער צו זיי געזאָגט צוהט מיר אַרויס פעדים פון דעם מיהל (אַזוי די ווײַבער טוהן אַזױ ווילען פערדרעכטין אַ צוריסען מלבוש צוהען זײַ אַרויס פון דעם מלבוש פעדים און זײַ פערדרעכטען דאָס מלבוש) וועל איך איין צו נייען די מיהל. האָבען זײַ איהם גיפרעגט קען מען דען פון אַ מיהל אַרויס צוהען פעדים האָט ער זײַ גיענטפערט קען מען דען אַ צוּבּראָכינע מיהל צו נייען. האָבען זײַ צו איהם ווייטער געזאָגט אַ בּייט וואָס זי איז בּעוואַקסען פיהל מיט מעסערס מיט וואָס שנײַדט מען אָב די מעסערס. האָט ער זיי גיענטפערט מיט אַ האָרען פון אַ אייזעל האָבען זיי איהם גיפרעגט האָט דען אַ אייזעל אַ האָרען. האָט ער זיי גיפרעגט איז דען פערהאַנדען אַ בּייט מיט מעסערס. האָבען זיי איהם געוויזען צוויי אייער און זיי האָבען איהם גיפרעגט וועלכעס איי איז פון אַ שוואַרצע היין און וועלכעס איז פון אַ ווייסע הין. האָט ער זיי געוויזען צוויי קעזין און ער האָט זיי גיפּרעגט וועלכער קעז איז פון אַ שוואַרצע ציג און וועלכער איז פון אַ ווייסע ציג האָבען זיי איהם גיפרעגט אַז אַ עופעלע שטאַרבט ווען עס איז נאָך אין איי פון וואַנען געהט אַרויס דער אָטעם האָט ער זיי גיענטפערט פון דעם זעלבען אָרט וואָס דער אָטעם איז אַריין געגאַנגען פון דעם זעלבען אָרט געהט ער אַרויס. האָבען זיי צו איהם געזאָגט וויין אונז אויף וואָס עס איז ניט ווערד דעם היזק וואָס מען מאַכט דורך איהר האָט ער פאַר זיי געבּראַכט אַ גרויסע ראָגזע וואָס מען האָט זי ניט גיקענט אַריין נעמין אין שטיב אַריין ווייל זי איז געוועזען גרויס און ער האָט צו זיי געזאָגט בּרענגט מיר אַ לאָפּאַטע און מען האָט אַרום געגראָבּין די טהיר בּיז מען האָט גיקענט אַריין נעמען די ראָגזע און דער היזק וואָס מען האָט געמאַכט אין דער טהיר האָט מעהר בּעטראָפען ווי די ראָגזע:

ווי רבי יהושע האָט זיי מנצח געוועזען האָבען זיי געמוזט מקיים זיין דעם תנאי וואָס ער האָט זיך מיט זיי אויסגענומען און זיי זענען מיט איהם געגאַנגען עסען אויף דער שיף און ער האָט זיי יעדען איינציגען אַריין געפיהרט אין אַ בעזינדער חדר אַריין פון דער שיף און אַז זיי האָבען געזעהן זעכציג שטוהלען האָבין זיי גירעכינט אַז אין דעם חדר אַריין וועלען אַלע אַריין געהן ווי זיי זענען שוין אַלע געוועזען אין דער שיף האָט רבי יהושע געזאָגט צו דעם שיפער בּינד אָב די שיף און פאהר. און רבי יהושע האָט מיט גענומען אַ בּיסעל ערד פון אתון און אַז זיי זענען געקומין צו דעם וואַסער פון אוקיינוס וואָס דאָס וואַסער זאַפּט איין אַלע וואַסערין האָט רבי יהושע גענומען אַזאַ בּיסעל וואַסער און ער האָט די זיבּעציג זקנים פון אתון געבּראַכט פאַר דעם קיסר האָט דער קיסר געזעהן אַז זיי זענען בּיי זיך זייער שפל ווייל זיי זענען ניט געוועזען אין זייער לאַנד האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע אפשר זענען זיי ניט די מענטשען וואָס איך האָב דיך געהייסען בּרענגען פון וואַנען וועל איך וויסען אַז די זאָגסט אמת אַז דאָס זענען זיי. האָט רבי יהושע

גענומען

גענימען די ערד פון אתון און ער האָט פּאַר זיי געוואָרפען ווי זיי האָבען דער שפירט דעם ריח פון דער ערד האָבען זיי געדרעכענט אז זיי זענען נאָהענט צו זייער לאַנד זענען זיי געוואָרען אַזוי ווי בייע מענטשען און זיי האָבען זיך אַקיי-גען געשטעלט קייגען דעם קיסר האָט דער קיסר געזאָגט צו רב יהושע די מעגסט זיי טוהן וואָס די ווילסט האָט רבי יהושע גענומען דאָס וואַסער פון אוקינוס און ער האָט עס אַריין געגאָ-סען און אַ פאַס אַריין און ער האָט צו זיי געזאָגט גיסט אַהן פיהל דאָס פאַס מיט וואַסער וועט איהר אהיים פאָהרען האָבען זיי אָהנגעהויבען צו גיסען וואַסער אין פאַס אַריין און וואָס זיי האָבען אַריין געגאָסען וואַסער האָט דאָס וואַסער פון אוקינות עס איינגעזאפּט זיי האָבען אַזוי לאַנג געטראָגען וואַסער ביז די ביינער פון זייערע אַקסלין זענען אַרויס פון די גלידער און זיי זענען אַלע באַלד געשטאָרבען:

די פילאָזאָפען האָבען גיפרעגט די זקנים פון די יודען אין רום אַז איער גאָט האָט פיינד די עבודה זרה פאַר וואָס פערשטערט ער זי נישט פון דער וועלט האָבען די זקנים גיענטפערט ווען די עכו"ם זאָלען דינען בלויז צו אומליכע זאַכען וואָס די וועלט דאַרף זיי נישט האָבען וואָלט ער זיי פער-שטערט פון דער וועלט אַז זיי דינען אָבער צו דער זון און לבנה און די שטערען זאָל הקב"ה מאַכען פערלירען די וועלט דורך די שוטים דאָס דאַרף נישט זיין דאָס איז גלייך ווען איינער האָט געגזל'ט ביי אַ צווייטען אַ קורץ ווייץ. און ער האָט איהם געזייעט וואָלט דער ווייץ נישט בעדאַרפען וואַקסען ווייל עס איז דאָך געגזל'ט נאָר די וועלט פיהרט זיך אַזוי ווי דער שטייגער איז און די שוטים וואָס זיי האָבען געזינדיגט וועט זיי הקב"ה שטראָפען דאָס זעלבע וואָלט בעדאַרפען זיין ווען איינער איז מזנה מיט אַ אשת איש וואָלט זי נישט בעדאַרפען מעוברת ווערען נאָר די וועלט פיהרט זיך אַזוי ווי דער שטייגער איז און די שוטים וואָס זינדיגען וועט הקב"ה זיי שטראָפען:

**אַ פּילִיזָאָף** האָט געפרעגט ביים רבי'ן גמליאל'ן עס שטייט אין דער תורה „כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא" הקב"ה איז אַזוי ווי ברענענדיג פייער ער איז זיך מקנא און די וואָס דינען די עבודה זרה פאַר וואָס איז ער זיך מקנא אין די מענטשען וואָס זיי דינען די עבודה זרה און ער איז זיך נישט מקנא און דער עבודה זרה אַליין האָט רבן גמליאל איהם גיענטפערט איך וועל דיר עס געבען צו פערשטיין מיט אַ משל אַ בשר ודם האָט געהאַט אַ זוהן און דער זוהן האָט געהאָדיוועט אַ הינט און ער האָט דעם הונט גערופען דעם זעלבען נאָמען פון זיין פאָטער אַז ער האָט געשוואָהרען האָט ער געזאָגט איך שווער ביי דעם לעבען פון מיין פאָטער דעם הונד אַז דער מלך הערט דאָס אויף וועמען דאַרף ער זיין אי כעס צו אויף דעם הונט צו אויף דעם זוהן. מסתמא איז ער אין כעס אויף דעם זוהן נישט אויף דעם הונט אַזוי דאָ אויך דער מלך מלכי המלכים הקב"ה איז נישט אין כעס אויף דער עבודה זרה. נאָר אויף די וואָס זיי דינען די עבודה זרה. האָט דער פילאָזאָף געזאָגט צו רבן גמליאל די רופסט די עבודה זרה הונט מיר זעהן דאָך אַז עס איז אין איהר דאָ אַ ממש. האָט איהם רבן גמליאל גיפרעגט וואָס פאַר אַ ממש האָסט די געזעהן און דער עבודה זרה האָט ער איהם גיענטפערט עס האָט גיברענט אין שטאָדט. איז די גאַנצע שטאָדט פערברענט געוואָרען און די עבודה זרה איז

אין נישט פערברענט געוואָרען האָט
איהם רבן גמליאל גיענטפערט איך וועל
דיר געבען צו פערשטיין מיט אַ משל
אַ מדינה האָט זיך פערזינדיגט פאַר דעם קסר
און דער קיסר געהט מיט איהר מלחמה
האַלטען האַלט ער נאָר מלחמה מיט די
לעבעדיגע אָבער נישט מיט די מתים
אַזוי דא אויך הקב״ה שטראָפט נאָר די
לעבעדיגע מענשין אָבער נישט די עבודה
זרה וואָס זי איז אַזוי ווי אַ מת האָט
דער פיליזאָף געזאָגט צו רבן גמליאל
די רופסט די עבודה זרה כלב אין מת
פאַר וואָס מאַכט הקב״ה זי נישט פערלי-
רען פון דער וועלט האָט איהם רבן
גמליאל גיענטפערט ווען מען זאָל נאָר
דינען צו אַזעלכע זאַכען וואָס די וועלט
דאַרף זיי נישט וואָלט ער זיי געמאַכט
פערלירען פון דער וועלט מען דינט
דאָך אָבער צו די זון און צו די לבנה
אין די שטערען וואָס די וועלט דאַרף
זיי האָבען קען ער זיי נישט מאַכען
פערלירען פון דער וועלט דורך די
שוטים :

**אישר** ער האָט געהייסען אַ גריפס האָט
גיפרעגט רבי'ן גמליאל עס שטייט
אין אייער תורה „כי ה׳ אלהיך אש
אוכלה הוא אל קנא" הקב״ה איז אַזוי
ווי אַברענענדיג פייער ער איז אַגאָט
וואָס ער רעכענט זיך מיט די וואָס
דינען די עבודה זרה איז זיך דען מקנא
איינער און צווייטען. נאָר אַ חכם און
אַ צווייטען חכם אַ גבור אין אַ צווייטען
גבור. אַ עושר אין אַ צווייטען עושר
פאַר וואָס איז זיך הקב״ה מקנא און
דער עבודה זרה וואָס איהר זאָגט אַז זי
איז גאָר נישט. האָט ער איהם גיענט-
פערט איך וועל דיר געבען צו פער-
שטיין מיט אַ משל. אַ מענטש האָט
גענומען אַ ווייב אויף דעם ערשטען
ווייב אויב דאָס צווייטע ווייב איז חשו-
בער פון דער ערשטער איז דאָס ערשטע
ווייב נישט אַזוי פיהל אין כעס אויף
דעם מאַן פאַר דעם. אָבער אַז דאָס
צווייטע ווייב איז ערגער פון דעם ערש-
טען ווייב איז דאָס ערשטע ווייב אין
כעס אויף דעם מאַן אַזוי דאָ אויך
וויל מענטשען דינען די עבודה זרה
וואָס זי איז אַ גאָרנישט איבער דעם
איז הקב״ה אין כעס אויף די מענשען
וואָס זיי דינען די עבודה זרה :

**אַ יוּדֵי** ער האָט געהייסען זונין האָט
געזאָגט צו רבי עקיבא מיר
ביידע ווייסען אַז אין דער עבודה זרה
איז נישט דא קיין ממש נאָר וואָס איז
דאָס וואָס מיר זעהן אַז מענטשען וואָס
זיי ליידען יסורים און אַז זיי געהן צו
דער עבודה זרה און זיי ווערען געהיילט
האָט איהם רבי עקיבא גיענטפערט איך
וועל דיר געבען צו פערשטיין מיט
אַ משל עס איז געוועזען אַ אדם נאמן
אין אַ שטאָדט וואָס יעדער איינער האָט
איהם גענעבען צו בעהאַלטען געלד אָהן
עדות אין איין מענטש האָט איהם גע-
געבען צו בעהאַלטען געלד פאַר עדות.
איינמאָהל האָט דער מענטש פערגעסען
אין ער האָט איהם גענעבען צו בעהאַל-
טען געלד אָהן עדות האָט דעם ווייב
פון דעם אדם נאמען געזאָגט צו איהר
מאַן לאָמיר איהם פערלייקינען דאָס
געלד האָט דער מאַן איהר גיענטפערט
ווייל דער מענטש איז געוועזען אַ שוטה
און ער האָט געטוהן נישט אַזוי ווי
עס דאַרף צו זיין ער האָט אונז ביז
יעצט חושד געוועזען זאָלען מיר פער-
לירען אינזער אמונה. אַזוי די יסורים
בשעת מען שיקט זיי אויף דעם מענטש
בעשווערט מען זיי אַז זיי זאָלען נישט
אַרויס געהן נאָר אין דעם טאָג און אין
דער שעה דורך דעם מענטש און דורך
דעם סם אַז עס קומט די צייט זיי
זאָלען אַוועק געהן פון דעם מענטש און
דער מענטש געהט צו דער עבודה זרה
זאָגען

זאגען די יסורים מיר וואלטען נישט בעדארפען אוועק געהן פון דעם מענטש נאר ווייל דער שוטה האט געטוהן נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין ואלען מיר עובר זיין אויף אונזער שבועה:

רבא האט אמאהל געבראכט א מתנה צו בר שישך (ער איז געוועזען א שר א עכו"ם) האט ער איהם געטראפען זיצען אין אוואנע און זונות זענען ארום איהם געשטאנען נאקעט. האט בר שישך געזאגט צו רבא איהר וועט האבען אזא פערגעניגען בעולם הבא האט איהם רבא געענטפערט אונזער פערגעניגען וועט זיין גרעסער פון אייער פערגעניגען האט בר שישך צו איהם געזאגט עס איז נאך פערהאנדען א גרעסער פערגעניגען פון דעם פערגעניגען וואס איך האב יעצט. האט איהם רבא געזאגט איהר האט אימת המלכות. אבער מיר וועלען נישט האבען קיין אימת המלכות האט בר שישך געזאגט צו רבא וואס פאר א אימת המלכות האב איך יעצט. אזוי ווי רבא איז דארט געשטאנען איז אהנגעקומען א שליח פון קיסר צו בר שישך און האט צו איהם געזאגט קום דער קיסר רופט דיך. ווען בר שישך איז געגאנגען צום קיסר האט ער גע-געזאגט דאס אויג וואס עס וויל אייער שלעכטץ זאל געלעכערט ווערען ווייל הקב"ה איז ממלא אלע אייצרע תאוות. אפילו אייערע רייד ווערען אויסגעפיהרט האט רבא גיענטפערט אמן. און עס איז באלד צו שפאלטען געווארען איין אויג פון בר שישך:

רבן גמליאל און רבי יהושע זענען אמאהל געפאהרען אויף א שיף רבן גמליאל האט מיט זיך געהאט ברויט און רבי יהושע האט געהאט זעמיל מעהל. האט זיך ביי רבן גמליאל'ן אויס-געלאזט דאס ברויט האט ער געמוזט עסין פון דעם זעמיל מעהל פון רבי יהושע האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע פון וואנען האסט די געוויסט אז מיר וועלען זיך לאנג פערזוימען אויף דער שיף וואס די האסט דיר מיט גענימען זעמעל מעהל האט איהם רבי יהושע גיענטפערט עס איז פערהאנדען א שטערין וואס געהט אויף איינמאהל אין זיבעציג יאהר און ער מאכט בלאנ-דזען די שיפערס האב איך גערעכענט אפשר יעצט ווען מיר וועלען יעצט פאהרען וועט דער שטערען אויף געהן און ער וועט מאכען בלאנדזען איבער שיף. ווארים דער שטייגער פון די שיפערס איז בשעת זיי פאהרען ארויס אויף דעם ים איז דער עלצטער פון די שיפערס פערקוקט זיך אויף איין שטערין אין כל זמן ער זעהט דעם שטערען אין דער זעלבער זייט ווייסט ער אז די שיף געהן גלייך. אז ער זעהט דעם שטערען און א צווייטע זייט ווייסט ער אז די שיף געהט נישט אין גלייכען וועג אין דער שטערין וואס ער געהט אויף איין מאהל אין זיבעציג יאהר איינמאהל געהט ער אין דרום זייט. אין איינמאהל געהט ער אין צפון זייט איבער דעם אז דער שיפער זעהט דעם שטערין און א צווייטע זייט מיינט ער אז די שיף געהט נישט אין גלייכען וועג דרעהט ער זי אב אויף א צווייטע זייט ער מיינט אז אזוי וועט די שיף געהן גלייך און באמת דרעהט ער הערשט אב די שיף אויף א קרימען וועג און דורך דעם בלאנדזשעט די שיף. האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע אז די ביסט אזא גרויסער חכם. דארפסט די פאהרען אויף דעם ים זיכען פרנסה האט רבי יהושע צו איהם געזאגט איידער די זאלסט דיך ווינדערין אויף מיר. ווינדער דיך בעסער אויף די צוויי תלמידי חכמים וואס זיי זענען אויף דער יבשה. רבי יוחנן בן גודגדא. און רבי אליעזר

אליעזר בן חסמא וואס זיי קענען אָפּ־שאַצען די טראָפּענס פון ים און זיי האָבען נישט צו עסין און נישט קיין מלבוש. האָט רבן גמליאל געטראַכט אַז ווען ער וועט אַ היים קומען זאָל ער זיי איבער געבען אַ שררה כדי זיי זאָלען האָבען פּרנסה. ווען ער איז אַהיים געקו־מען האָט ער נאָך זיי געשיקט. זענען זיי נישט געקומען האָט ער נאָך זיי נאָך איינמאָהל געשיקט זענען זיי הערשט געקימען האָט רבן גמליאל צו זיי גע־זאָגט וואָס האָט איהר גירעכענט אַז איך וועל אייך איבער געבען אַ שררה ניין איך גיב אייך נישט קיין שררה נאָר איין עבדות. ווייל דאָס שררות איז איין עבדות פאַר דעם מענטש ווייל עס ליגט אויף איהם אַ עול פון פיעל מענטשען:

רבן שמעון בן גמליאל איז געוועזען אַ נשיא ווען ער איז אַריין געקומען אין בית המדרש אַריין האָבען זיך אַלע מענטשען פון בית המדרש פאַר איהם אויף גישטעלט און ווען רבי מאיר און רבי נתן זענען אַריין געקומען אין בית המדרש אַריין האָבען זיך אויף אַלע מענטשען פאַר זיי אויף געשטעלט ווייל רבי מאיר איז געוועזען דער גרעסטער פון די חכמים און רבי נתן איז געוועזען דער עלצטער פון די דיינים. האָט רבן שמעון בן גמליאל געזאָגט איך וויל אַז עס זאָל זיין אַ חילוק צווישען מיר אין צווישען רבי מאיר און רבי נתן כדי אַז יעדערער זאָל דער־קענען אַז איך בין גרעסער פון זיי אָבער אַז מען שטעלט זיך אויף פאַר זיי גלייך ווי פאַר מיר דערקענט מען דאָך נישט אַז איך בין אַ נשיא. האָט רבן שמעון בן גמליאל מתקן געוועזען אַז ווען ער וועט אַריין קומען און בית המדרש אַריין זאָלען זיך אַלע מענטשען אויף שטעלען אין זיי זאָלען נישט אַני־דער זעצען ביז ער וועט זיי הייסען זיצען. און אַז דער עלצטער פון די דיינים. וועט אַריין קומען אין דעם בית המדרש אַריין זאָלען זיך פאַר איהם אויף שטעלען צוויי שירות מענטשען און ווען ער וועט זיך אַנידער זעצען זאָלען זיי זיך אויך אַנידער זעצען און ווען רבי מאיר וועט אַריין קומען זאָל זיך נאָר פאַר איהם אויף שטעלען איין שורה און די צווייטע שורה מעג זיצען:

דעם טאָג וואָס מען האָט געמאַכט די תקנה איז רבי מאיר און רבי נתן נישט געוועזען אין בית המדרש האָבען זיי נישט געוויסט פון דער תקנה. אין צווייטען טאָג ווען זיי זענען אַריין געקומען אין בית המדרש אַריין האָבען זיי געזעהן אַז מען שטעלט זיך פאַר זיי נישט אויף אַזוי ווי יעדען טאָג האָבען זיי גיפרעגט וואָס פאַר אַ נייעס איז עפּיס פאָרגעקומען אין בית המדרש וואָס מען שטעלט זיך נישט פאַר זיי אויף גלייך ווי פאַר רבן שמעון בן גמליאל האָט מען זיי גיענטפערט אַז רבן שמעון בן גמליאל האָט אַזוי מתקן געוועזען אַז פאַר איהם זאָלען זיך אויף שטעלען אַלע מענטשען ווייל ער איז אַ נשיא. אין פאַר זיי זאָלען זיך נישט אויף שטעלען אַלע מענטשען כדי מען זאָל וויסען אַ חילוק צווישען איהם אין צווישען זיי האָט רבי מאיר געזאָגט צו רבי נתן איך בין אַ חכם און די ביסט דער עלצטער פון די דיינים און ער האָט גרינג געמאַכט אונזער כבוד דאַר־פען מיר זעהן אַ עצה געגען דעם. מיר זאָלען צו איהם זאָגען אַז ער זאָל מיט אונז לערנען די מסכת עוקצין און איך וויים אַז די מסכת קען ער נישט וועט ער מבויש ווערען און יעדער איינער וועט זעהן אַז ער קען נישט די מסכת וועלען מיר צו איהם זאָגען עס שטייט אין פסוק „מי ימלל גבורות ה׳ ישמיע כל תהלתו״ ווער קען ריידען דאָס שטאַרקייט

שטאַרקייט פון הקב״ה ער זאָל זיין אַ נשיא און דרשנן פאַר אַ קהל מענשען דער וואָס קען מאַכען הערצן זיין גאַנצע לויב ער קען לערנען ווי מען וועט איהם פרעגען און די ווייל די קענסט נישט די מסכת עוקצין דאַרפסט די נישט זיין קיין נשיא און מיר וועלען איהם מאַכען אויס נשיא. און מיר וועלען אָהנהייבען צו דרשנ׳ן און דער מסכת עוקצין און די וועסט ווערען נשיא און איך וועל זיין דער עלצטער פון די דיינים, האָט רבי יעקב בן קורשאי גיהערט וואָס רבי מאיר און רבי נתן ריידען האָט ער געזאָגט יעצט וועט רבן שמעון בן גמליאל מבויש ווערען איז ער ביינאַכט געגאַנגען און ער האָט זיך גיזעצט אונטער דער שטיב ווי רבן שמעון בן גמליאל האָט געוואָהנט און ער האָט געלערענט אַ גאַנצע נאַכט די מסכת עוקצין כדי רבן שמעון בן גמליאל זאָל הערען וואָס ער לערענט. אז מאָרגען זיי וועלען איהם פרעגען און דער מסכת עוקצין זאָל ער וויסען זיי צו ענטפערען. און ער וועט נישט מבויש ווערען ווי רבן שמעון בן גמליאל האָט גיהערט אַז רבי יעקב לערענט די מסכת עוקצין האָט ער ביי זיך געטראַכט פאַ: וואָס לערענט ער די נאַכט פונקט די מסכת אפשר איז דאָ אין בית המדרש מענטשען וואָס זיי טראַכטען אויף מיר שלעכטע מחשבות און זיי ווילען מיך אַראָבזעצען פון נשיאות מיט דעם וואָס זיי וויסען אַז איך קען נישט די מסכת און צוליעב דעם לערענט ער די מסכת כדי איך זאָל גיט צו הערען וואָס ער לערענט און איך זאָל נישט מבויש ווערען. האָט רבן שמעון בן גמליאל גוט צו גיהערט צו זיין לערנען און ער האָט גיט געקענט די מסכת עוקצין. און דער פריה האָט רבי מאיר און רבי נתן געזאָגט צו רבן שמעון בן גמליאל אז אז ער זאָל מיט זיי לערנען די מסכת עוקצין האָט ער מיט זיי געלערענט. נאָך דעם ווי ער האָט מיט זיי אָבגילערענט האָט ער זיך אויף געשטעלט און ער האָט צו זיי געזאָגט ווען איך זאָל נישט געווען לערנען די מסכת וואָלט איהר מיך געוועזען פערשעהמט מיט דעם וואָס איך וואָלט אייך נישט געוויסט צו ענטפערען, אָבער יעצט אַז איך האָב געלערענט די מסכת קענט איהר מיך נישט מבייש זיין נאָר ווייל אייער כוונה איז דאָך געוועזען אַז איהר זאָלט מיך מבייש זיין האָט ער זיי געהייסען אַרויסגעהן פון בית המדרש. וואָס האָבען זיי געטוהן זיי האָבען אָבגעשריבען קשיות און זיי האָבען זיי אַריין געוואָרפען אין בית המדרש אַריין און וואָס רבנ׳ן שמעון בן גמליאל האָט נישט געוויסט צו פערענטפערען האָבען זיי אָבגעשריבען דעם תירוץ און אַריין געוואָרפען אין בית המדרש אַריין כדי זיי זאָלען ווייזען אַז זיי קענען בעסער פון רבן שמעון בן גמליאל מען זאָל איהם אַראָב זעצען פון זיין נשיאות. האָט רבי יוסי געזאָגט די תורה איז אין דרויסען און מיר זיצען און בית המדרש דאָס האָט ער געמיינט רבי מאיר און רבי נתן אָדער זיי זאָלען אַריין געהן אין בית המדרש אַריין אָבער איך זאָל צו זיי אַרויס געהן האָט רבן שמעון בן גמליאל זיי געגעבען רשות אַז זיי זאָלען אַריין געהן אין בית המדרש אַריין נאָר מען זאָל זיי קנס׳נ׳ן און דאָס איז געוועזען זייער קנס. אז מען האָט נישט געזאָגט קיין הלכה אויף זייער נאָמען אַז רבי מאיר האָט געזאָגט אַ הלכה האָט מען נישט געזאָגט אַז רבי מאיר זאָגט. נאָר מען האָט געזאָגט אנדערע זאָגען. און אַז מען האָט געזאָגט אַ הלכה פון רבי נתן וועגען האָט מען געזאָגט אַ טהייל זאָגען מען האָט געצויזען רבי מאיר און רבי נתן אין חלום אַז זיי זאָלען איבער בעטען רבן שמעון בן גמליאל. רבי נתן איז איהם געגאַנגען איבער

איבער בעטען און רבי מאיר האט נישט
געוואלט געהן איבער בעטען ער האט
געזאגט פון א חלום איז נישט קיין שום
בעווייז. ווי רבי נתן איז אריין געקומען
צו רבי שמעון בן גמליאל האט רבי
שמעון בן גמליאל צו איהם געזאגט
אויב דער גאלדינער גארטיל פון דיין
פאטער האט דיר געהאלפען אז די
זאלסט זיין דער גרעסטער פון די
דיינים אזוי ווי דיין פאטער איז געווע-
זען אבער צו זיין א נשיא וועט דיר
נישט העלפען:

פלימו האט געפרעגט ביי רבי א שאלה
אז א מענש האט צוויי קעפּ
אויף וועלכען קאפּ זאל ער לייגען די
תפילין. האט רבי געזאגט צו פלימו
אבער נעם אויף דיר צו ליידען גלות.
אבער נעם אויף דיר די זאלסט זיין
בחרם ווייל די שפעטסט פון מיר ווייל
עס געפינט זיך נישט א מענש מיט צוויי
קעפּ. איז פונקט אריין געקומען א מענש
און ער האט געפרעגט א שאלה עס איז
ביי איהם געבארען געווארען א זוהן
א בכור מיט צוויי קעפּ צו ווערט עס
גירעכענט פאר איין קינד. דארף ער נאר
געבען דעם כהן פינף סלעים צו ווערט
עס גירעכענט פאר צוויי קינדער דארף
ער געבען דעם כהן צעהן סלעים. איז
אריין געקומען א זקן און ער האט געזאגט
אז זיי ווערען גירעכענט פאר צוויי
קינדער און ער דארף געבען דעם כהן
צעהן סלעים:

עס איז געווען א מענש וואס ער איז
געווען שטארק נזהר אין מצות
ציצית. האט ער געהערט אז עס געפינט
זיך א זונה אין די שטעדט פון ים וואס
זי נעמט פיער הונדערט רענדליך שכר
פאר א עבירה. האט ער איהר געשיקט
פיער הונדערט רענדליך. און זי האט
איהם בעשטימט א צייט ווען ער זאל
צו איהר קומען. ווען עס איז געקומען
די צייט איז ער צו איהר געפאהרען
און ער האט זיך א נידער גיזעצט ביי
דער טהיר פון איהר שטוב. איז איהר
דיענסט צו איהר אריין געגאנגען און
האט צו איהר געזאגט דער מענש וואס
האט דיר געשיקט די פיער הונדערט רענדליך
איז געקומען און ער זיצט ביי דער
טהיר. האט זי איהם געהייסען אריין
שיקען איז ער אריין געקומען. האט זי
אויס גיבעט זיבען בעטליך איינס אויף
דעם צווייטען. זעקס בעטליך זענען
געוועזען זילבערינע און דאס זיבעטע
איז געוועזען פון גאלד. און פון איין
בעטעל ביז צום צווייטען איז געוועזען
א זילבערין לייטעריל ארויף צו געהן און
ביי דעם אויבערשטען בעטיל איז געוועזען
א גילדערין לייטערעל. און זי האט זיך
אויסגעטוהן נאקעט און זי איז ארויף
געגאנגען אויף דעם אויבערשטען בעטעל
און ער האט זיך אויך אויס געטוהן
נאקעט ארויף געהן צו איהר. זענען
געקומען די פיער ציצית און זיי האבען
איהם געקלאפט אין זיין פנים אריין.
איז ער אראב געגאנגען און ער האט
זיך גיזעצט אויף דער ערד. און זי איז
אויך אראב געגאנגען און זי האט זיך
גיזעצט אויף דער ערד און זי האט צו
איהם געזאגט. איך בעשווער דיך ביי
דעם גאט פון רום אז די זאלסט מיר
זאגען וואס פאר א פעהלער די האסט
ביי מיר געזעהן. האט ער איהר גיענט-
פערט איך שווער דיר אז איך האב קיין
אזא שעהנע אשה נישט געזעהן אזוי ווי
די ביסט. נאר דאס וואס איך בין אראב
געגאנגען איז דורך דעם. ווייל איין
מצוה האט אונז אונזער גאט געבאטען
דאס איז די מצות ציצית. און עס שטייט
ביי דער מצוה צוויי מאהל „אני ה'
אלהיכם" איך בין אייער גאט וואס וויל
אייך שטראפען און איך בין אייער גאט
וואס וויל אייך געבען שכר. האבען זיך

די פּיעֶר ציצית פאַר מיר פאַרגישטעֶלט אַזוֹי ווי פיעֶר עדות. און זיי האָבען מיך נישט געלאָזט טוהן די עבירה. האָט זי צו איהם געזאָגט איך וועל דיך נישט אָבלאָזען ביז די וועסט מיר זאָגען דיין נאָמען און דעם נאָמען פון דיין שטאָדט און דעֶם נאָמען פון דיין רב׳ן און דעֶם נאָמעֶן פֿון דעם בית המדרש וואָס די לעֶרענסט. האָט ער אויף געשריבען און ער האָט איהר געגעבען און עֶר איז אַ היים געפאָהרען. און זי האָט גענומען איהר פעֶרמעגען און זי האָט עס איינגע-טהיילט. אַ דריטעל האָט זי אַוועק געגעֶבען דעם קיסר ער זאָל זי לאָזען מגייר זיין און איין דריטעל האָט זי צו טהיילט אָרימע לייט און איין דריטעל האָט זי מיט זיך מיט גענומען אויסער די זיבען בעֶטליך וואָס זי האָט נישט אַוועק געגעבעֶן באָהר זי האָט זי מיט זיך מיט גענימען און זי איז געֶקומען אין בית המדרש אַריין פֿון רבי חייא און זי האָט צו איהם געזאָגט רבי איך וויל זיך מגייר זיין האָט רבי חייא זי גיפרעגט אפֿשר איז דיר געפעלען איינער פֿון מיינע תלמידים איבער דעם ווילסט די דיך מגייר זיין. אָבעֶר נישט ווייל דיר געֶפלט די יודישע אמונה. האָט זי אַרויס גענימען דאָס פאַפּיער וואָס דעֶר מעֶנטש האָט איהר אויף געֶשריבען און זי האָט איהם דערציילט וואָס עס איז פאָרגעֶקו-מען און זי וויל זיך מגייר זיין לשם שמים. האָט ער זי מגייר געוועזען אין ער האָט צו איהר געֶזאָגט זיי זוכה אין דיין מקח דאָס הייסט האָב חתונה מיט דעם מעֶנטש די בעֶטלעֶך וואָס די האָסט איהם אויס גיבעֶט באיסור בעט איהם אויס בהיתר דאָס איז דעֶר שכר פון אַ מצוה בעוֹלם הזה און ווי גרויס ועֶט נאָך זיין דעֶר שכר פון דעֶר גרויסער מצוה בעוֹלם הבא:

די מענטשען פון דער שטאָדט לודקיא האָבען בעדאָרפען האָבען בוימאייל האָבען זיי געשיקט אַ מענטש קויפען בוימאייל און זיי האָבען איהם געגעבען צעהן מאָהל הינדערט טויזענד גילדען ער זאָל פאַר דעֶם געלד ברעֶנגעֶן בוימאייל. איז ער געגאַנגען קיין ירושליב זיכעֶן בוימאייל האָט מען איהם געהייסען געֶהן צו דעם אָרט וואָס עס הייסט צור. איז ער געגאַנגעֶן קיין צור האָט מען איהם געֶהייסעֶן געֶהן אין דער שטאָדט וואָס זי הייסט גושחלב ער איז געֶקומען קיין גושחלב האָט מען איהם געֶזאָגט געֶה צו דעֶם מעֶנטש אין פעלד אַריין איז ער צו איהם געֶגאַנגעֶן אין פעֶלד אַריין. האָט ער איהם געֶטראָפען אַז ער האָט אַרום געֶגראָבען די ביימער איז ער צו איהם צו געֶגאַנגען און ער האָט איהם גיפרעגט צו ער האָט פאַר צעהן מאָהל הינדעֶרט טויזענד גילדען בוימאייל האָט ער איהם גיענטפערט וואַרט אויס ביז איך וועֶל ענדיגען מיין אַרבייט. ווען ער האָט גיענדיגט זיין אַרבייט האָט ער פערשאַרצט זיינע קליידער אַזוֹי ווי אַ ארימאַן און ער האָט אַרוֹיס געוואָרפען די שטיינער פֿון פֿעלד און ער איז מיט איהם אַ היים געגאַנגעֶן. אויף דעֶם וועֶג האָט דעֶר מעֶנטש ביי זיך געֶטראַכט איז דעֶן מעֶגליך אַז אַזאַ מעֶנטש זאָל האָבען פאַר צעהן מאָהל הינדעֶרט טויזעֶנד גילדעֶן בוימאייל. עס זעֶהט אויס אַז די מענשען וואָס זיי האָבען מיר אָהנגעֶוויזעֶן צו דעם מענטש האָבען זייא פון מיר גישעֶפּט. אַז זיי זענען אַהיים געֶקומען האָט איהם די דיענסט צו געֶבראַכט אַ קעסיל מיט וואַרעם וואַסער און עֶר האָט זיך אָבגעוואַשען נאָך דעם האָט צו איהם געֶבראַכט אַ גאָלדינעם בעקעֶן מיט בוימאייל און ער האָט זיך אָבגעֶ-שמירט די העֶנד מיט די פיס און זיי האָבען זיך געֶזעצט עסין. נאָך דעֶם ווי זיי האָבען אָב געגעֶסען האָט ער איהם אָבגעֶמאָסטעֶן פאַר צעהן מאָהל הינדערט טויזעֶנד גילדעֶן בוימאייל אי

ער

ער האט צו איהם געזאגט אפשר דארפסט
די נאך בוימבייל קען איך דיר פערקוי-
פען. האט איהם דער מענטש פון לודקיא
גיענטפערט איך דארף מעהר בוימאייל
נאהר איך האב נישט קיין געלד האט
ער צו איהם געזאגט אויב די ווילסט
קענסט די נעמען נאך בוימאייל אין איך
וועל מיט דיר מיט געהן צו דיר אהיים
וועסט די מיר דארט בעצאהלען. האט
ער איהם אבגעמאסטען נאך זיבעצען
מאהל אזוי פיהל בוימאייל. ווי פיעל
פערד און אייזלען אין קעמלען עס איז
געוועזען אין ארץ ישראל האט דער
מענטש געדינגען אהיים צו פיהרען
דעם בוימאייל. ווי ער איז אהיים גע-
קומען זענען די מענטשען פון שטאדט
איהם אקייגען געגאנגען און זיי האבען
איהם געלויבט דאס ער האט אזוי פיעל
בוימאייל געבראכט. האט ער צו זיי
געזאגט לויבט נישט מיך נאר לויבט
דעם מענטש וואס ער געהט מיט מיר.
דער מענטש איז געוועזען פון שבט אשר
וואס עס שטייט אין פסוק „וטובל בשמן
רגלו” ער וועט האבען אזוי פיעל
בוימאייל אז ער וועט איינטינקען זיינע
פיס אין בוימאייל:

דער תנא רבי פנחס בן יאיר איז
אמאהל געגאנגען אויסלייזען
געפאנגענע איז ער צו געקומען צו דעם
טייך וואס ער הייסט גינאי האט ער
געזאגט צו דעם טייך צו טהייל דאס
וואסער איך זאל קענען אדורך געהן.
האט איהם דער טייך גיענטפערט די
געהסט טוהן דעם רצון פון הקב״ה און
איך טוה דעם רצון פון הקב״ה. ביי דיר
איז א ספק צו די וועסט טוהן דעם
רצון פון הקב״ה ווייל עס איז נישט
אבהעניג און דיר נאר אין די פאנגער
אפשר וועלען זיי דיר נישט וועלען
ארויס געבען די געפאנגענע אבער איך
טוה זיכער דעם רצון פון הקב״ה ווייל
ער הייסט מיך פליסען און איך פליס
איבער דעם קען איך נישט צו טהיילען
מיין וואסער פאר דיר. האט רבי פנחס
בן יאיר געזאגט צום טייך אויב די וועסט
נישט צו טהיילען דיין וואסער וועל איך
גוזר זיין אז די זאלסט אויס געטריקענט
ווערען און עס זאל שוין קיינמאהל דא
נישט זיין קיין וואסער. האט זיך דאס
וואסער צו טהיילט איז מיט איהם מיט
געגאנגען א יוד וואס ער האט געטרא-
גען ווייץ צו מאהלען אויף פסח האט רבי
פנחס בן יאיר געזאגט צום טייך צו
טהייל דיין וואסער פאר דעם מענש
וועגען אויך ווייל ער געהט אויך טוהן
א מצוה און עס איז מיט איהם מיט גע-
גאנגען איין ערבי האט רבי פנחס בן
בן יאיר געזאגט צום טייך צו טהייל
דיין וואסער פאר דעם ערבי וועגען
אויך. כדי ער זאל נישט זאגען אז אויף
דעם גאנצען וועג זענען מיר געגאנגען
גלייך און יעצט האט ער מיך געלאזט
שטיין האט זיך דאס וואסער צו טהיילט
פאר דעם ערבי וועגען אויך איז ער
געקימען אין א אכסניה אריין האט מען
געגעבען זיין אייזיל גערשטען צו עסען
האט דאס אייזיל נישט געוואלט עסין
דעם גערשטען האט מען דעם גערשטען
גיט אויסגערייניקט אין דאס אייזיל האט
וויי‍טער נישט געוואלט עסין. האט רבי
פנחס בן יאיר געזאגט צו די מענטשען
פון דער אכסניה אפשר האט איהר דעם
גערשטען נישט גע׳מעשר׳ט איבער דעם
וויל דאס אייזיל נישט עסין דעם גערשטין.
האבען זיי גע׳מעשר׳ט דעם גערשטען האט
דאס אייזיל הערשט געגעסען דעם גער-
שטען. האט רבי פנחס בן יאיר צו זיי
געזאגט דאס אייזיל געהט צו א דבר
מצוה און איהר ווילט איהר געבען צו
עסין טבל:

ווי רבי האט גיהערט אז רבי פנחס בן
יאיר קומט אין שטאדט אריין איז
ער איהם אקייגען געגאנגען און ער
האט

האָט איהם געבעטען אז ער זאָל ביי איהם עסין. האָט רבי פנחס בן יאיר צו איהם געזאָגט אז ער וועט ביי איהם עסין האָט ער זיך געפרייט ווייל רבי פנחס בן יאיר האָט קיינמאָהל נישט געוואָלט עסין ביי קיין שום מענטש און ביי איהם וועט ער עסין. האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט צו רבי די מיינסט אז איך האָב אַ נדר געטוהן אז איך זאָל נישט עסין ביי קיין יוד די יודען זענען הייליג און זיי זענען ראוי אז מען זאָל ביי זיי עסין נאָר עס איז פערהאַנדען אַזעלכע יודען וואָס זיי ווילען מהנה זיין נאָר זיי קענען נישט זיי זענען אָרום ביי אַזעלכען קען איך נישט עסין ווייל עס איז פאַר איהם שוועהר. און עס איז פערהאַנדין אַזעלכע מענשען וואָס זיי זענען רייך נאָר ער וויל ניט מהנה זיין אפילו ער בעט עמיצען צו זיך עסין טוהט ער עס נאָר פאַר בושה אָבער נישט מיט זיין גוטען ווילען. ביי אַזעלכען קען איך זיכער נישט עסין. אָבער די קענסט געבען צו עסין ווייל די ביסט רייך און די ווילסט אז איך זאָל ביי דיר עסין וועל איך ביי דיר עסין. נאָר יעצט האָב איך נישט קיין צייט ווייל איך דאַרף טוהן אַ מצוה נאָר ווען איך וועל צוריק געהן וועל איך צו דיר קומען און וועל ביי דיר עסין:

ווען רבי פנחס בן יאיר איז צוריק געגאַנגען איז ער אַריין געגאַנגען צו רבי פונקט דורך דער טהיר וואָס דאָרט זענען געשטאַנען מויל אייזלין. האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט דער מלאך המות איז דאָ ביי איהם אין הויז און איך זאָל ביי איהם עסין. ווייל אז אַ מויל אייזיל גיט אַ מענש אַ ביס קען זיך דער ביס נישט פערהיילען. האָט רבי דערהערט איז ער צו איהם אַרויס געגאַנגען און ער האָט צו איהם געזאָגט איך וועל זיי פערקויפען. האָט רבי פנחס בן יאיר צו איהם געזאָגט די טאָהרסט זיי נישט פערקויפען. ווייל אַזוי ווי זיי זענען אסור פאַר דיר זענען זיי אסור פאַר אַ צווייטען. האָט רבי צו איהם געזאָגט איך וועל זיי אַוועק שיקען אויף הפקר אין וואַלד אַריין. האָט ער איהם געזאָגט וועסט די נאָך מעהרען שאָדען ווייל עס וועט זיי קיינער נישט היטען. האָט רבי געזאָגט איך וועל אַראָב נעמען זייערע שיכלעך זיי זאָלען נישט קענען קאַפּען. האָט איהם רבי פנחס בן יאיר געזאָגט וועלען זיי דאָך האָבען צער טאָהר מען אויך נישט. האָט רבי געזאָגט איך וועל זיי הרג'ינען. האָט ער איהם געזאָגט אז הרג'ינען טאָהר מען אויך נישט ווייל ער מאַכט דאָך זיך אַ היזק. האָט רבי שטאַרק געבעטען רבי פנחס בן יאיר אז ער זאָל ביי איהם עסין און ער האָט נישט געוואָלט און עס איז געוואָרען צווישען זיי אַ הויכער באַרג און ער האָט זיי צו שיידט. האָט רבי געוויינט וואָס רבי פנחס בן יאיר וויל ביי איהם נישט עסין. און ער האָט געזאָגט אז די צדיקים זענען ביי זייער לעבען אַזוי גרויס ווי גרויס זענען זיך נאָך זייער פטורה בעולם הבא:

דער תנא רבי שמעון בן חלפתא פלעגט צו פראַקטיקירען יעדער זאַך ער זאָל זעהן צו די זאַך איז אמת. ער האָט געזאָגט עס שטייט אין פסוק „לך אל נמל עצל ראה דרכיה וחכם אשר אין לה קצין ושוטר ומושל תכין בקמץ לחמה" געה צו אַ מילב וואָס זי איז פויעל זעה איהרע וועגען וועסט די ווערען קליגע זי האָט נישט קיין שר אין אַ שוטר אין אַ מושל זי טוהט אָהנגרייטען אין זומער איהר ברויט אויף ווינטער. האָט ער געזאָגט איך וועל געהן און זעהן צו עס איז אמת אז די מילבען האָבען נישט קיין מושל איז ער געגאַנגען אין זומער

אין

אין חודש תמוז ווען די זון איז געוועזען גרויס און ער האט פערשפרייט זיין מלבוש אויף א נעסט פון מילבען און די טבע פון די מילבען איז אז זיי קענען נישט ליידען די זון און זיי האבען ליעב שאטען. איז איין מילב ארויס געגאנגען פון דער נעסט און זי האט געזעהן דעם שאטען איז זי אריין געגאנגען אין דער נעסט אריין און זי האט דערציילט די מילבען אז אין דרויסען ליעבען דער נעסט איז דא א שאטען זענען אלע מילבען ארויס געגאנגען. דערווייל האט רבי שמעון בן חלפתא אראב גענומען זיין מלבוש ווי זיי האבען בעזעהן אז עס איז נישט דא קיין שאטען האבען זיי די מילב דערהרגעט ווייל זי האט געזאגט ליגענט. האט רבי שמעון בן חלפתא געזאגט פון דעם וואס זיי האבען די מילב תיכף גיהרגית איז א בעווייז אז זיי האבען נישט קיין מושל ווארום ווען זיי זאלען האבען א מושל וואלטען זיי די מילב נישט תיכף גיהרגית זיי וואלטען פריהער גענומען רשות פון מושל:

א קיסר האט געזאגט צו רבי יהושע בן חנניא אייער גאט איז געגליכען צו א לייב עס שטייט אין פסוק „אריה שאג מי לא יירא ה' אלהים דבר מי לא ינבא" א לייב טוהט שרייען ווער האט נישט קיין מורא. אזוי אז הקב"ה טוהט ריידען ווער קען נישט זאגען קיין נביאות. איז דאך אייער גאט געגליכען צו א לייב וואס איז דאס גרויסקייט מיר זעהן דאך אז א שטארקער מענטש הרגי'ת א לייב. האט איהם רבי יהושע גיענטפערט מען מיינט נישט אזעלכע לייבען וואס מיר זעהן נאר מען מיינט גרעסערע און שטארקערע לייבען. האט איהם דער קיסר געזאגט איך וויל זעהן דעם לייב. האט איהם רבי יהושע בן חנניא געזאגט די וועסט איהם נישט קענען זעהן. האט דער קיסר צו איהם געזאגט איך וויל איהם דאך זעהן און די מוזט איהם מיר ווייזען. האט רבי יהושע בן חנניא געבעטען רחמים איז דער לייב ארויס געגאנגען פון זיין ארט צו געהן קיין רום. ווען דער לייב איז געוועזען ווייט פון רום פיער הונדערט מייל האט דער לייב געגעבן א געשריי האבען די ווייבער פון רום מפיל געווזען אין די מעוברין פון רום זענען איינגעפאלען און אז דער לייב איז געווען ווייט פון רום דריי הונדערט מייל האט ער געגעבען א געשריי זענען די ציין פון די מענטשען ארויסגעפאלען און דער קיסר אליין איז אראפ געפאלען פון זיין שטיהל האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע בן חנניא איך בעט דיך זיי מתפלל אז דער לייב זאל צוריק געהן אויף זיין ארט האט רבי יהושע בן חנניה מתפלל געווען איז דער לייב צוריק געגאנגען אויף זיין ארט:

איינמאהל האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע בן חנניה איך וויל זעהן אייער גאט האט איהם רבי יהושע געזאגט די וועסט איהם נישט קענען זעהן האט דער קיסר צו איהם געזאגט איך וויל איהם פארט זעהן און די מוזט איהם ווייזען. האט ער דעם קיסר ארויס געפיהרט אויף דער גאס אין חודש תמוז ווען די זון האט געשיינט און ער האט איהם געהייסען קוקען אין דער זון אריין. האט דער קיסר געזאגט איך קען נישט קוקען אין דער זון אריין. האט רבי יהושע בן חנניא געזאגט צום קיסר אז די קענסט נישט קוקען אין דער זון אריין וואס זי איז איינע פון זיינע משמשים וואס זיי שטעהן אין בעדינען פאר הקב"ה אין הקב"ה אליין וועסט די זיכער נישט קענען קוקען:

נאך איינמאהל האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע בן חנניא איך וועל צוגרייטען

צו גרייטען א סעודה פאר הקב"ה האט רבי יהושע בן חנניא צו איהם געזאגט די וועסט נישט קענען צו גרייטען קיין סעודה פאר זיינעט וועגען האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס. האט ער איהם אזוי גיענטפערט ווייל ער האט פיהל חיילות. האט דער קיסר צו איהם געזאגט איך וויל דאך צוגרייטען א סעודה פאר אייער גאט וועגען. האט רבי יהושע בן חנניא צו איהם געזאגט געה און גרייט צו א סעודה ביי דעם ברעג טייך וואס ער הייסט רביתא דארט איז א גרויס ארט דארט וועלען זיך קענען איינזאמלען זיינע חיילות. האט דער קיסר אזוי געטוהן און ער האט זעקס חדשים צו בעגרייט די סעודה איז געקומען א ווינט און ער האט די גאנצע סעודה אריין געווארפען אין וואסר אריין. האט דער קיסר וויטער צו געגרייט זעקס חדשים א סעודה האט זיך געמאכט א שטארקער רעגען און ער האט פערפלייצט אין וואסער אריין די גאנצע סעודה. האט רבי יהושע בן חנניא געזאגט צום קיסר דאס זענען די בעדינער פון הקב"ה און זיי האבען אויף גיגעסען די סעודה. האט דער קיסר צו איהם געזאגט אויב אז ער האט אזוי פיעל חיילות וועל איך טאקי נישט קענען אהן גרייטען פאר זיינעט וועגען א סעודה :

**א צידוקי** האט געזאגט צו רבי דער גאט וואס ער האט בעשא-פען די בערג האט נישט בעשאפען דעם ווינט נאר א צווייטער. ווייל עס שטייט אין פסוק "יוצר הרים ובורא רוח" ער בעשאפען די בערג און ער האט האט בעשאפען דעם ווינט. ווען אז איינער זאל עס האבען בעשאפען וואלט בעדארפען שטיין יוצר הרים ורוח ער האט בעשאפען די בערג אין דעם ווינט. ווען עס שטייט בעזונדער ער האט בעשאפען די בערג און ער האט בעשאפען דעם ווינט איז אבעוויין אז איינער האט בעשאפען די בערג און א צווייטער האט בעשאפען דעם ווינט. האט רבי צו איהם געזאגט שוטה קוק אין סוף פון פסוק "ה' צבאות שמו" דער וואס האט בעשאפען די בערג מיט דעם ווינט הייסט ה' צבאות. איז דאך אבעוויין אז איינער האט זיי ביידע בעשאפען האט דער צידוקי געזאגט צו רבי גיב מיר צייט דריי טעג וועל איך דיר געבען א ענטפער אויף דעם. האט רבי געפאסט דריי טעג אז דער צידוקי זאל נישט געפינען קיין תשובה ווען רבי האט זיך גיזעצט עסין האט מען איהם געזאגט אז דעם צידוקי שטייט אין דרויסען האט רבי געזאגט דעם פסוק "ויתנו בבותי ראש" ווען איך וועל עסין פערביטערט מען מיר דאס עסין שפעטער האט מען געזעהן אז דאס איז נישט דער זעלבער צידוקי נאר א צוויי-טער און ער האט געזאגט צו רבי איך בין געקומען ,דיר מבשר זיין א בשורה טובה אז דיר צידוקי האט נישט געפינען קיין תשובה און ער איז ארויף געגאנ-גען אויף דעם דאך און ער האט זיך אראב געווארפען פון דאך און ער איז געשטארבען. האט רבי געזאגט צו דעם צידוקי צו ווילסט די דעם כוס של ברכה צו ווילסט די פערציג גילדען ווייל א כוס של ברכה איז ווערט פערציג גולדען. האט דער צידוקי געזאגט איך וויל בעסער דעם כוס של ברכה איז אראב א בת קול און עס האט געזאגט אז א כוס של ברכה איז ווערט פערציג גולדען :

**דעם** שר וואס ער איז ממונה אויף עניות האט געלאקערט אויף א מענש ער האט איהם געוואלט מאכען פאר א ארימאן און ער האט איהם נישט גיקענט בייקומען ווייל דער מענטש איז געוועזען נזהר אז ווען ער האט אבגיגעסען זאל

זאָל ער באַלד אויסקערין די שטוב כדי מען זאָל נישט טרעטען אויף די שטיקלעך ברויט וואָס זיי פאַלען אראָב פון טיש (דאָס איז אַ סגולה מען זאָל נישט אָרום ווערען). איינמאָהל האָט דער מענטש גיגעסין אויף דעם גראָז. האָט דער שר ביי זיך געטראַכט יעצט וועל איך איהם בעקומען ווייל פון גראָז וועט ער נישט קענען אויסקערין וועלען דאָך מענשען טרעטען אויף די קליינע שטיקלעך ברויט וועל איך איהם שוין קענען מאַכען פאַר אַ אָרימאַן. ווי דער מענטש האָט אָב גיגעסען האָט ער גענומען אַ לאָפּאַטע און ער האָט אויס געריסען דאָס גראָז מיט די קליינע שטיקלעך ברויט און ער האָט זיי אַריין געוואָרפען אין טייך אַריין האָט דער מענטש גיהערט ווי דער שר האָט געזאָגט וועה איז צו מיר דער מענטש האָט מיך אַרויס געצוויגען פון מיין מקום מנוחה און איך קען איהם גאָר נישט טוהן:

**אלכסנדר** מוקדון האָט געזאָגט צו די חכמים איך וויל געהן קיין אפריקי האָבען זיי איהם גיענטפערט די ווערסט ניט קענען געהן דאָרט. ווייל אין מיטען וועג זענען דאָ די הרי חושך עס איז אַזאַ אָרט וואָס עס איז שטענדיג פינסטער ביי טאָג און ביי נאַכט אין קיין שום מענטש קען ניט אַדורך געהן דורך די בערג האָט ער צו זיי געזאָגט איך האָב ביי מיר בעשטימט איך זאָל אַ הין געהן אין איך מוז אַהין געהן אין איך פרעג ביי אייך צו איך זאָל געהן צו ניט איך פרעג נאָר ביי אייך ווי אַזוי איך זאָל אַהין געהן. האָבין זיי איהם געזאָגט נעם ווייסי אייזלען פון מצרים וואָס זיי קענען געהן אין דער פינסטער אין די זאָלסט בעמען שטריק אין די זאָלסט איין עק שטריק אָהנבינדען אויף דעם אָרט ווי עס הייבט זיך אָהן דאָס פינסטער-ניש אין די רעשט שטריק זאָלסט די האַלטען ביי דיר אין דער האַנד כדי אַז די ווערסט וועלען צוריק געהן ווערסט די דורך דעם שטריק קענען צוריק געהן האָם ער אַזוי געטוהן אין ער איז אַדורך געגאַנגען די הרי חושך אין ער איז געקומען אין אַ שטאָדט אַריין וואָס איז געוועזען בלויז ווייבער ניט קיין מאַנספערזאָן אין ער האָט מיט זיי געוואָלט מלחמה האַלטען. האָבען די ווייבער צו צו איהם געזאָגט אויב די ווערסט אונז בייקומען ווער עס וועט דאָס הערען וועט ער זאָגען וואָס איז דאָס אַוואונדער. אַז ער האָט ביי געקומען דיא ווייבער וואָס זיי זענען ניט שטאַרק אין ניט געלערינט צו אַ מלחמה. אין אויב מיר וועלען דיך בייקומען וועט דאָך זיין אַ בושה פאַר דיר מען וועט זאָגען אַז די ביסט אַזוי שוואַך אַז ווייבער האָבען דיך בייגעקומען איבער דעם איז גלייכער אַז די זאָלסט מיט אינק ניט מאַכען קיין מלחמה. האָט ער צו זיי געזאָגט איך וועל אייך פאָלגען אין וועל מיט אייך ניט מאַכען קיין מלחמה אין ער האָט זיך געהייסען געבען עסין. האָבען זיי איהם געבראַכט אַ גאָלדינעם טיש מיט גאָלדין ברויט האָט ער זיי גיפרעגט איז דען ביי אייך אַ מנהג צו עסין גאָלדען ברויט האָבען זיי איהם גיענט-פערט עס איז ביי אינק ניט קיין מנהג צו עסין קיין גאָלדען ברויט נאָר צו-ליעב דעם האָבען מיר פאַר דיר געבראַכט גאָלדען ברויט ווייל עס איז ביי אינק אַ ווינדער ביסט די דען צו אינק געקומען עסען ברויט עס פעהלט דען דיר ברויט ביי דיר אין לאַנד נאָר זיכער ביסט די אַ הער געקומען צוליעב גאָלד. איבער דעם האָבען מיר דיר געבראַכט גאָלדען ברויט. ווען ער איז אַרויס געגאַנגען פון דער שטאָדט האָט ער אויף געשריבען אויף דעם טויער פון דער שטאָדט איך אלכסנדר מוקדון

בין

בין געווען א שוטה ביז איך בין געקומען אין דער שטאָדט אריין פון די ווייבער אין זיי האָבען מיך גילערינט חכמה אין ער האָט זיך אנידער גיזעצט עסען לעבען א קוואל אין ער האָט געהאַט הערינג אין ער האָט דעם הערינג אָב געוואשען אין דעם קוואל זענען די הערונג לעבעדיג געווארין. האָט ער געזאָגט דער קוואל מוז זיכער זיך צוהען פון גן עדן אין ער איז נאך געגאַנגען פון וואנען ער האָט זיך געצויגען ביז ער איז צו געקומען צו דעם גן עדן. האָט ער געזאָגט עפּעס מיר אויף דעם טויער האָט מען איהם גיענטפערט דאָס איז דער טויער פאר צדיקים וועגען זיי זאָלען דאָרך דעם טויער אריין געהן. האָט ער געזאָגט איך בין א מלך גיט מיר אזאך פון גן עדן אז איהר ווילט מיך ניט אריין לאָזען האָט מען איהם געגעבען איין אויג פון אמענש (מען האָט איהם מרמז געוועזען אזוי ווי דאָס אויג פון אמענש קען זיך ניט אהנזעטען אויף דער וועלט אזוי קען ער זיך ניט אהנזעטען מיט זיין פערמעגען וואס ער האָט) איז ער אהיים געקומען האָט ער ארויף געלייגט דאָס אויג אויף איין וואָגשאָהל אין זיין גאנץ גאָלד אין זילבער אויף אצווייטע וואָגשאָאהל אין דאָס אויג האט אללעס איבער געוואהגען האָט ער גיפרעגט די חכמים וואס דאָס בעדייט האבען זיי איהם געזאָגט אז דאָס בעדייט אז דאס אויג פון אמענש קען זיך ניט אהנזעטען ביז מען דעקט עס צו מיט ערד. האָט ער זיי גיפרעגט פון וואנען ווייסט איהר אז דאָס אויג פון מענטש זעט זיך ניט אָהן ביז מען דעקט עס צו מיט דער ערד האָבען זיי צו איהם געזאָגט דעק צו דאָס אויג מיט ערד וועסט די זעהן אז די וועסט עס קענען אָב וועגען האָט ער אזוי געטוהן איז דאָס אויג גרינג געווארען:

דער קיסר פון רום האָט גוזר געוועזען אויף די יודען דריי גזירות אז זיי זאָלען ניט היטען שבת אין זיי זאָלען ניט מל זיין זייערע קינדער אין זייערע ווייבער זאָלען ניט היטען זייערע ריינקייט האָט רבי ראובן בן איסטרובלי זיך אָהנגעטוהן מלבישים פון א עכו״ם כדי מען זאָל איהם ניט דערקענען אז ער איז א יודי אין ער איז געגאנגען צום קיסר אויף דעם פערזאמלונג. ווען מען האָט געוואָלט ארויסגעבען די גזירות אין ער האָט זיי גיפרעגט דער וואס ער האָט א שונא וואָס דאַרף ער וועלען צו ער זאָל רייך ווערען צו ער זאָל אָרים ווערען האבען זיי איהם גיענטפערט זיכער וויל ער אז זיין שונא זאָל אָרים ווערען. האָט ער צו זיי געזאָגט דארפט איהר דאָך זעהן אז זאָלען ניט ארבייטען שבת וועלען זיי ווינציגער פערדינען אין אז זיי טוהן ניט קיין מלאכה אין שבת עסין זיי אין טרינקען גיטע מאכלים אין משקאות אין זייא גיבען אויס אויף שבת דאָס וואָס זיי פערדינען אגאנצע וואך. איבער דעם איז גלייכער אז מען זאָל מבטל זיין די גזירה פון שבת איז זיי גיפעלען זיין עצה אין זיי האָבען די גזירה פון שבת מבטל געוועזען. האָט ער צו זיי ווייטער געזאגט דער וואס ער האָט א שונא צו וויל ער אז ער זאָל זיין שטארק צו ער זאָל זיין שוואך האָבען זיי איהם גיענטפערט ער וויל זיכער אז ער זאָל זיין שוואך האָט ער צו זיי געזאָגט איז דאך גלייכער אז זיי זאָלען מל זיין זייערע קינדער צו אכט טעג אין דאָס בלוט רינט פון זיי ארויס ווען זיי זענען קליין אין דאָס שוואכט אָב זייער כח האָט מען די גזירה אויך מבטל געוועזען. האט ער זיך ווייטער גיפרעגט דער וואס ער האט א שונה וויל ער אז ער זאָל זיך מעהרען צו ער זאָל ווינציגער ווערען האבען זיי איהם גיענטפערט זיכער וויל ער אז ער זאָל ווינציגער ווערען האָט ער צו זיי געזאָגט איז דאך גלייכער אז מען זאָל לאָזען היטען

היטען זייערע וויבער זייער ריינקייט כדי זיי זאָלען זיך ניט מעהרען האָט מען די גזירה אויך מבטל געוועזען שפּעטער האבען זיי זיך דער וויסט אז דער בעל יועץ איז געוועזען אַ יוד האָבען זיי צוריק געמאַכט די דריי גזירות האָבען די חכמים גיקלעהרט וועמען צו שיקען צום קיסר בעטען אז מען זאָל מבטל זיין די גזירות איז ביי זיי געבליבען אז רבי שמעון בן יוחאי זאָל געהן צום קיסר וויל ער איז געוואָהנט מיט ניסים הקב״ה טוהט איהם שטענדיג ניסים וועט ער איהם יעצט אויך טוהן אַ נס. אין רבי אלעזר בן רבי יוסי זאָל מיט געהן אויף דעם וועג איז זיי אַקייגען געקומען אשד וואָס ער האָט געהייסען בן תלמיון אין ער האָט צו זיי געזאָגט אויב איהר ווילט וועל איך מיט אייך געהן האָט רבי שמעון בן יוחאי געוויינט אין ער האָט געזאָגט הגר די דיענסט פון אברהם אבינו האָט זיך צו איהר בעוויזען אַ מלאך אויף דעם וועג דריי מאָהל אין צו מיר ניט קיין איין מאָהל. דערנאָך האָט ער געזאָגט זאָל שוין קומען דאָס נס דורך דעם שד אין די יודען זאָלען שוין געהאָלפען ווערען אז מען זאָל מבטל זיין די גזירות. האָט דער שד צו זיי געזאָגט איך וועל געהן פריהער אין וועל אריין געהן אין דעם קיסר׳ס טאָכטער אריין אין זי וועט משוגע ווערען אין זי וועט ניט האָבען קיין רפואה ביז איהר וועט קומען אין איהר וועט מיך הייסען ארויסגעהן דאַמאָלסט וועל איך ארויסגעהן אין דער שד האָט אזוי געטוהן אין ער איז אריין אין קיסר׳ס טאָכטער אריין אין זי איז משוגע געוואָרען אין זי האָט געשריגען ברענגט מיר אַ העֶר רבי שמעון בן יוחאי ווי רבי שמעון בן יוחאי איז געקומען צום קיסר האָט ער געזאָגט בן תלמיון גיעה ארויס איז ער ארויס געגאַנגען אין זי איז געזונד געוואָרען האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי שמעון בן יוחאי אין צו רבי אלעזר בן יוסי זאָגט וואָס איהר ווילט וועל איך אייך געבען אין מען האָט זיי אריין געפיהרט אין קיסר׳ס אוצר אריין זיי זאָלען זיך אויסקלויבען וואָס זיי וועלען האָבען זיי געפינען דאָס פּאַפּיער וואָס עס איז געוועזען אויף געשריבען די דריי גזירות אין זיי האָבען עס צוריסען אין די גזירות זענען בטל געוואָרען:

ספר

# מעשה הגדולים

מיר האבען איבער געזעצט אויף עברי טייטש אלע
ווינדערליכע זאכען וואס געפינט זיך אין גאנץ ש"ס
בבלי און ירושלמי, וואס עס האט זיך געטראפען ביי
אונזערע הייליגע תנאים ואמוראים, ווי קליין און גרויס וועט
זיך קענען ארויסנעמען א מוסר השכל ווי הייליג עס איז
געווען זייערע רייד, און זיך ארויסנעמען א מוסר. און
דער זכות פון די תנאים ואמוראים זאל אונז ביישטיין
מיר זאלען זוכה זיין לביאת הגואל במהרה בימינו
אמן:

פערלאג פון ר' אברהם כהנא סקלאד ספרים איןווארשא
נאלעווקי 39

ווארשא

שנת תר"צ לפ"ק

## מעשה בחסיד אחד:

איין חסיד האט געגעבען ערב ראש השנה איין ארימאן איין רענדעל האט זיך זיין ווייב מיט איהם שטארק געקריעגט איז דער חסיד ארויס געגאנגען פון שטיב און ער האט גינעכטיגט אין בית הקברות האט ער גיהערט ווי צוויי נשמות פון צווי געשטארבינע מיידליך ריידען איינער צו דער צווייטער, מיין חברתי לאזען מיר געהן און ארום שוועבען אויף דער וועלט אין מיר וועלען הערען וואס פאר א גזרה מען האט גוזר געוועזען אויף דער וועלט. האט איהר די צווייטע גיענטפערט איך קען ניט געהן ווייל איך ליג בעגראבען אין איין ראגזע געה די אליין און וואס די וועסט הערען זאלט די מיר דערציילען. איז די נשמה אליין געגאנגען אין זי איז צוריק געקומען און האט דערציילט דער. צווייטער אז זי האט גיהערט אויף דעם הימעל אז ווער ער וועט זייען אין דעם ערשטען סעזאן וועט איין האגעל אויסקלאפען זי תבואה. איז געגאנגען דער חסיד אין האט געזייעט אין צווייטען סעזאן איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט אויס געקלאפט געווארען אין זיין תבואה איז נישט אויסגעקלאפט געווארען. אין צווייטען יאהר איז דער חסיד ווייטער געגאנגען נעכטיגען אין בית הקברות האט ער ווייטער גיהערט ווי איין נשמה האט געזאגט צו דער צווייטער קום וועלען מיר ארום שוועבען אויף דער וועלט אין מיר וועלען הערען וואס פאר א גזרה מען האט גוזר געוועזען אויף דער וועלט. האט די צווייטע איהר גיענטפערט איך קען נישט געהן ווייל איך ליג בעגרובען אין תכריכים פון ראגזע נאר געה די אליין אין וואס די וועסט הערען וועסט די מיר דער-ציילען. איז זי אליין געגאנגען אין זי איז צוריק געקומען אין האט איהר דערציילט אז זי האט גיהערט אז ווער ער וועט זייען אין צווייטען סעזאן וועט איין ווינד אויסקלאפען האט דער חסיד געזייעט אין דעם ערשטען סעזאן. איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט אויס-געקלאפט געווארען פון ווינד אין זיינע ניט. האט איהם זיין ווייב גיפרעגט פאר וואס אין ערשטען יאהר איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט אויסגעקלאפט געווארען פון האגעל אין דיין תבואה איז ניט אויסגעקלאפט געווארען אין דאס יאהר האט איין ווינט אויסגע-קלאפט די תבואה פון דער גאנצער וועלט אין דיין תבואה ניט. האט ער איהר דערציילט וואס ער האט גיהערט ווען ער האט גינעכטיגט אין בית הקברות. אין איין צייט ארום האט זיך דעם חסיד'ס ווייב זיך געקריעגט מיט דער מוטטער פון דעם מיידעל וואס זי איז געלעגען אין תכריכים פון ראגזע האט זי צו איהר געזאגט קום וועל איך דיר ווייזען ווי דיין טאכטער ליגט אין איין ראגזע, אין צווייטען יאהר איז דער חסיד ווייטער געגאנגען נעכטיגען אין בית הקברות האט ער ווייטער גיהערט ווי איין נשמה זאגט צו דער צווייטער קום וועלען מיר הערען וואס פאר איין גזרה עס איז נגזר געווארען אויף דער וועלט האט זי איהר גיענטפערט לאז מיך אפ ווארום די רייד וואס מיר האבען גירעדט צווישען זיך זענען שוין בעוויסט צווישען די לעבעדיגע:

איין תנא וואס ער האט גיהייסען

זעירי האָט געגעבען צו בעהאַלטען געלד צו איין אשה וואָס ער האָט ביי איהר געהאַט סטאַנציע און ער איז אוועק געפאָהרען צו זיין רבין לערנען דערוויל איז די אשה געשטאָרבען. ווען ער איז צוריק געקומען איז ער געגאַנגען אויף איהר קבר און ער האָט געזאָגט ווי איז מיין געלד וואָס איך האָב דיר געגעבען צו בעהאַלטען, האָט זי איהם גיענטפערט דאָס געלד ליגט אין לאָך פון דער שוועל און זי האָט איהם בעהייסען זאָגען איהר מוטער אַז זי זאָל איהר שיקען דאָס קעמעלע און דאָס רערעל מיט דער פאַרב וואָס זי פלעגט זיך צו פאַרבען די אויגען און זי זאָל עס איהר שיקען מיט דער אין דער אשה ווייל זי וועט מאָרגען צו מיר קומען ווייל זי וועט מאָרגען שטאַרבען:

ביי דעם פאָטער פון שמואל'ן איז געלעגען בעהאַלטען געלד פון יתומים ווען ער איז געשטאָרבען איז זיין זוהן שמואל ניט געוועזען אין דער היים און צוליעב דעם האָט ער ניט געוואוסט פון דעם געלד האָבען מענשען גירעדט אויף שמואל'ן אַז ער עסט אויף דאָס געלט פון די יתומים. איז שמואל געגאַנגען אויף דעם בית הקברות אין ער האָט געזאָגט צו די מתים איך זיך דעם מענש וואָס ער הייסט אבא (ווייל די מתים האָבען זיך פאַר איהם בעוויזען גלייך ווי זיי וואָלטען גיזעסען בעזאַממען אויף דער ערד) האָבען איהם די מתים גיענטפערט עס געפינען זיך דאָ פיעל מענטשען וואָס זיי הייסען אבא האָט ער זיי גיענטפערט איך זיך דעם מענש וואָס ער הייסט אבא בן אבא (ווייל דעם פאָטערס פאָטער האָט אויך געהייסען אבא) האָבען איהם די מתים גיענטפערט עס געפינען זיך דאָס נאָך אַזעלכע [illegible] וואָס זיי הייסען אבא בן אבא. האָט זיי שמואל געזאָגט איך זיך דער מענטש וואָס ער הייסט אבא בן אבא דער פאָטער פון שמואל. האָבען איהם די מתים געענטפערט ער איז אַרויף געגאַנגען אין הימעל אַריין לערנען תורה. דערוויל האָט ער דערזעהן ווי איין תנא וואָס ער הייסט לוי זיצט אויסער פון אַלע מתים האָט איהם שמואל גיפרעגט פאַר וואָס ער זיצט אָבגעזונדערט פון אַלע מתים און פאַר וואָס ער געהט נישט אַרויף אין הימעל אַריין האָט ער איהם גיענטפערט דאָס האָט מען איהם געגעבען איין עונש פאַר די אַלע יאָהרען וואָס ער איז ניט אַריין געגאַנגען אין דער ישיבה אַריין פון דעם תנא ר' אפס און פון דעם האָט דער תנא ר' אפס געהאַט צער איבער דעם קען ער ניט אַרויף געהן אין הימעל אַריין. דער ווייל איז אָהן געקומען שמואל'ס פאָטער און ער האָט געוויינט און געלאַכט האָט שמואל גיפרעגט זיין פאָטער פאַר וואָס ער וויינט האָט ער איהם גיענטפערט ווייל אין איין קורצע צייט וועסט די אויך דאָ זיין. האָט ער איהם גיפרעגט פאַר וואָס ער האָט געלאַכט האָט ער איהם גיענטפערט ווייל ער איז שטאַרק חשוב אויף יענער וועלט האָט שמואל געזאָגט צו זיין פאָטער אויב איך בין חשוב אויף יענער וועלט פערלאַנג איך אַז מען זאָל דאָס מיר צוליעב טוהן און מען זאָל לוי'ן אַריין לאָזען אין הימעל אַריין האָט מען תיכף אַרויף געלאָזט לוי'ן אין הימעל אַריין האָט שמואל גיפרעגט זיין פאָטער ווי איז דאָס געלד פון די יתומים. האָט ער איהם געזאָגט דאָס געלד ליגט אין דעם בנין וואָס דאָס מילעכעל שטייט אויף איהם. דאָס געלד וואָס ליגט הינטען אין דאָס געלד וואָס עס ליגט אויווין איז אונזער און דאָס געלד וואָס עס ליגט אין דער מיטען איז

פון

פון די יתומים האט שמואל גיפרעגט זיין פאטער פאר וואס האסט די געלייגט דאס געלד פון די יתומים אין דער-מיטען, האט ער איהם גיענטפערט איך האב גירעכענט אויב גנבים וועלען צו גנבנען דאס געלד זאלען זיי צו נעמען אונזער געלד וויל עס ליגט אויווען, אין אויב עס ווערט פערפוילט ווערען זאל אונזער געלד פערפוילט ווערען וויל אונזער געלד ליגט דאך לעבען דער ערד אבער די יתומים'ס געלד האב איך געלייגט אין דער מיטען כדי עס זאל עס ניט טרעפען קיין שום היזק :

איין חסיד האט געדאווענט און אין מיטען דאווינען איז צו איהם צו געקומען איין שר אין ער האט איהם געגעבען שלום אין דער חסיד האט איהם נישט גיענטפערט. האט דער שר געווארעט ביז ער האט אבגעראווינט אין ער האט איהם גיפרעגט עס שטעהט דאך אין אייער תורה אז איין מענש דארף היטען זיין לעבען פאר וואס ווען איך האב דיר געגעבען שלום האסט די מיר ניט גיענטפערט ווען איך זאל דיר אב האקען דיין קאפ ווער וואלט מיר עפיס פאר דעם געטוהן. האט איהם דער חסיד גיפרעגט ווען די זאלסט שטיין פאר איין מלך בשר ודם אין עס זאל צו דיר וועלכער מענש צוקומען אין דיר געבען שלום וואלסט די איהם גיענטפערט. האט איהם דער שר גיענט-פערט ניין. האט איהם דער חסיד ווייטער גיפרעגט אין ווען די זאלסט איהם ענטפערן וואס וואלט מען דיר געטוהן האט איהם דער שר גיענטפערט מען וואלט מיר אבגעשניטען מיין קאפ. האט איהם דער חסיד געזאגט ווען פאר איין מלך בשר ודם אז מען שטעהט אין מען ענטפערט איין מענש שלום קומט אב צו שניידען דעם קאפ אז איך בין געשטאנען פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה וואס ער לעבט אייביג וואלט דאך מיר זיכער געקומען איין עונש ווען איך זאל דיר ענטפערין שלום. ווי דער שר האט דאס גיהערט איז ער מרוצה געווארען צו דעם חסיד אין ער האט דעם חסיד גאר ניט געטוהן :

איין איין שטאדט איז געוועזען איין שלאנג וואס ער האט מזיק געוועזען פיעל מענשען האט מען דאס דערציילט דעם הייליגען תנא רבי חנינא בן דוסא האט ער זיך געהייסען ווייזען דאס ארט ווי דער שלאנג געפינט זיך אין ער האט ארויף גישטעלט זיין פיס אויף דעם לאך ווי דער שלאנג האט זיך געפינען אין דער שלאנג האט איהם געביסען אין פיס אריין אין דער שלאנג איז באלד געפגרט האט רבי חנינא בן דוסא גענומען דעם שלאנג אויף זיין אקסעל אין ער האט איהם געטראגען אין בית המדרש אריין אין ער האט געזאגט צו די תלמודים זעהט אז ניט דער שלאנג הרג'ט נאר דער חטא הרג'ט אין ער האט געזאגט וועה איז דעם מענש וואס דער שלאנג האט איהם געטראפען אין וועה איז דעם שלאנג וואס רבי חנינא בן דוסא האט איהם געטראפען אין דער שטייגער פון דעם שלאנג איז אזוי דער שלאנג גוט ווטמען איין ב"ס אין אז דער מענש געהט פריהער צום וואסער שטארבט דער שלאנג. אין אויב דער שלאנג געהט פריהר צום וואסער מוז דער מענש שטארבען איז געשעהן איין נס אזוי ווי דער שלאנג האט רבי חנינא בן דוסא געגעבען איין ביס און פיס אריין האט אויף דעם ארט ארויס געשפראצט איין קוואל וואסער איבער דעם איז דער שלאנג געשטארבען :

ביי דעם תנא ר' גמליאל איז שלאף געווארען

גיוואָרען איין קינד האָט ער געשיקט
צוויי תלמידי חכמים צו דעם הייליגען
תנא רבי חנינא בן דוסא אז ער זאָל
מתפלל זיין אויף דעם קינד עס זאָל
געזונד ווערען. אזוי ווי רבי חנינא בן
דוסא האָט זיי דערזעהן איז ער אַרויף
געגאַנגען אויף דעם בוידעם און ער האָט
מתפלל געוועזען. ווען ער איז אַראָפּ
געגאַנגען האָט ער געזאָגט צו די צוויי
תלמידי חכמים געהט אַ היים דאָס קינד
איז שוין געזונד די היץ איז שוין פון איהם
אָב גיטרעטען. האָבען זיי איהם גיפרעגט
ווי אַזוי ער ווייסט צו איז ער איין
נביא. האָט ער זיי געענטפערט איך בין
ניט קיין נביא און ניט קיין בן נביא נאָר
איך האָב אַזוי איין קבלה פון מיינע
עלטערען אַז מיין תפלה געהט גלייך און
איך בין זיך ניט טועה איז איין סימן
אַז מיין תפלה איז צו גיהערט און אויב
איך בין זיך טועה איז איין סימן אַז
מיין תפלה איז ניט צו גיהערט. האָבען
די צוויי תלמידי חכמים אויף געשריבען
די שעה ווען רבי חנינא בן דוסא האָט
זיי געזאָגט אַז דאָס קינד איז שוין
געזונד און ווען זיי זענען אַ היים געקו-
מען צו ר' גמליאל און זיי האָבען איהם
דערציילט וואָס רבי חנינא בן דוסא האָט
זיי געזאָגט און וועלכער שעה. האָט זיי
ר' גמליאל דערציילט אַז און דער
אייגענער צייט ווען ר' חנינא בן דוסא
האָט זיי דאָס געזאָגט איז פון דעם
קינד אָבגיטרעטען די היץ און ער האָט
זיך גיהייסען געבין אַ ביסעל וואַסער צו
טרינקען :

רבי חנינא בן דוסא איז געגאַנגען
לערנען תורה צו ר' יוחנן בן
זכאי איז ר' יוחנן בן זכאיס איין זוהן
שלאַף געוואָרען האָט ר' יוחנן בן זכאי
געזאָגט צו ר' חנינא בן דוסא אַז ער
זאָל מתפלל זיין אויף זיין זוהן אַז ער
זאָל געזונד ווערען האָט ר' חנינא בן
דוסא געלייגט זיין קאָפּ צווישען די
פיס און ער האָט מתפלל געוועזען איז
דער זוהן פון ר' יוחנן בן זכאי געזונד
געוואָרען. האָט ר' יוחנן בן זכאי געזאָגט
ווען איך זאָל מתפלל זיין איין גאַנצען
טאָג וואָלט מען אויף מיר ניט גיקוקט.
האָט איהם זיין ווייב גיפרעגט צו איז
דען ר' חנינא בן דוסא גרעסער פון
דיר וואָס די זאָגסט אַז דיין תפלה
וואָלט ניט געוואָרען צו געהערט און
זיין תפילה איז צו גיהערט געוואָרען.
האָט ער איהם געענטפערט ר' חנינא
בן דוסא איז גלייך ווי איין בעדינער
פון מלך וואָס ווען ער וויל קען ער
אריין געהן צום מלך אָהן רשות און
איך בין גלייך ווי איין שר וואָס ער
קען ניט אַריין געהן אָהן רשות און ער
קען ניט אַריין געהן ווען ער וויל :

דער תנא ר' עקיבא איז געגאַנגען
אין וועג און ער האָט מיט זיך
מיט געפיהרט איין אייזעל און איין
האָן און איין ליכט און ער איז אַריין
געקומען אין שטאָדט אַריין און ער
האָט געבעטען איין אכסניא צו נעכטיגען
האָט איהם קיינער ניט געוואָלט געבען
האָט ר' עקיבא געזאָגט אַללעס וואָס
מען טוהט מיר מן השמים איז עס צו
גוטען און ער האָט געמוזט נעכטיגען
אין פעלד איז געקומען איין לייב און
ער האָט אויף גיגעסען זיין אייזעל דער
נאָך איז געקומען איין קאַץ און האָט
אויף גיגעסען דעם האָן און איין ווינט
האָט אויס געלאָשען דאָס ליכט, האָט
ער ווייטער געזאָגט וואָס מען טוהט מיר
מן השמים איז אַללעס צום גוטען. ביי
נאַכט זענען גזלנים בעפאַלען די שטאָדט
און זיי האָבען בעראַביערט די שטאָדט
האָט ר' עקיבא געזאָגט צו די מענשען
פון שטאָדט איהר זעהט דאָס אַללעס
וואָס

וואָס מיך האָט געטראָפֿען איז אַללעס געוועזען צום גוטען וואָרום ווען דאָס ליכט זאָל זיך געוועזען ברענען אין דאָס אייזיל אין דער האָן זאָללען געוועזען שרייען וואָלטען די גזלנים געוועזען געקומען צו מיר אין זיי וואָלטען מיך געוועזען בעראַביערט אָבער אַז דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשען אין דאָס אייזעל אין דער האָן זענען ניט געוועזען האָבען די גזלנים פֿין מיר ניט געוויסט אין דורך דעם בין איך ניצל געוואָרען:

דאָס מלכות פֿון רום האָט גוזר געוועזען אויף די יודען אַז זיי זאָלען ניט לערנען קיין תורה וואָס האָט ר' עקיבא געטוהן ער האָט איין געזאַמעלט גרויסע פֿערזאַמלונגען מענשען אין ער האָט מיט זיי געלערנט תורה האָט איהם געטראָפֿען איין מענשען וואָס ער האָט געהייסען פפוס בן יהודה האָט ער איהם גיפרעגט די האָסט ניט קיין מורא פֿאַר די אומה האָט איהם ר' עקיבא גיענטפֿערט אויף דיר זאָגט מען אַז די ביסט איין חכם אָבער די ביסט ניט קיין חכם נאר איין טפש איך וועל דיר געבען איין משל איין פֿוקס איז געגאַנגען לעבען טייך האָט ער גיזעהן ווי די פיש לויפען הין אין צוריק האָט דער פוקס גיפרעגט די פיש פֿאַר וואָס לויפט איהר הין אין צוריק אין איהר רוהט ניט אויף איין אָרט. האבען די פיש איהם גיענטפֿערט ווייל מיר האָבען מורא פֿאַר די נעצען וואס מענשען פערשפרייטען זיי זאָלען אינץ פֿאַנגען. האט דער פוקס צו זיי געזאָגט אויב איהר ווילט קומט אַרויס אויף דער יבשה אין מיר וועלען וואָהנען בעזאַממען גלייך ווי אונזערע עלטערען האָבען געוואָהנט. האבען איהם די פיש גיענטפערט אויף דיר זאָגט מען אַז די ביזט דער קלייגסטער פֿון אַללע חיות אין די ביזט גאָהר איין טפש אין וואָסער איז אונזער לעבען האָבען מיר מורא. אַז מיר וועלען אַרויסגעהן אויף דער יבשה וואָס דאָרט קענען מיר ניט לעבען דאַרפֿען מיר נאָך מעהר מורא האָבען. דאָס זעלבע איז ביי מיר אין דער צייט ווען מיר לערנען תורה וואָס די תורה איז אונזער לעבען האָבען מיר מורא פאַר די אומות. ווען מיר זאָללען ניט לערנען קיין תורה דאַרפֿען מיר נאָך מעהר מורא האבען:

און איין קורצער צייט אַרום האָט מען דעם תנא ר' עקיבא געטראָפֿען לערנען תורה און מען האָט איהם איין גיזעצט אין דער תפיסה אַריין און מען האָט פפוס בן יהודה אויך איין גיזעצט לעבען דעם תנא ר' עקיבא. האָט ר' עקיבא גיפרעגט צו פפוס בן יהודא פֿאַר וואס האט מען דיך איין גיזעצט האט איהם פפוס גיענטפערט וואָהל איז דיר ר' עקיבא וואס מען האָט דיך איין גיזעצט צוליעב תורה און וועה איז צו מיר וואָס מען האט מיך איין גיזעצט צוליעב דברים בטלים. ווען מען האָט אַרויס געפיהרט דעם תנא ר' עקיבא מען זאָל איהם הרגענן האָט ר' עקיבא פונקט געזאָגט קריאת שמע אין מען האָט געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קעמלען אין ער האָט ניט געקוקט אויף די יסורים נאָר ער האָט מקבל געוועזען עול מלכות שמים באהבה אין מיט כונה. האבען איהם די תלמידים גיפרעגט רבי ביי אַזעלכע גרויסע יסורים האָסט די נאָך אין זינען מקבל צו זיין עול מלכות שמים האָט ער זיי גיענטפֿערט מיינע אַללע יאָהרען האָב איך זיך מצער געוועזען אויף דעם פסוק. ביי קריאת שמע שטעהט בכל נפשך די זאָלסט אויף דיר מקבל זיין עול מלכות שמים מיט דיין גאַנצען נפש אַפילו ווען מען נעמט דיר

צו

צו דיין נפש זאָלסט די אויף מקבל זיין עול מלכות שמים איך האָב געטראַכט ווען וועט שוין קומען די צייט איך זאָל דעם פסוק קענען מקיים זיין אין יעצט אַז עס איז געקוממען די צייט איך זאָל דעם פסוק קענען מקיים זיין. זאָל איך איהם ניט מקיים זיין אין ער האָט אַזוי לאַנג געשריגען „אחד" ביז זיין נשמה איז פון איהם אַרויס אין עס איז אַרויס איין בת קול פון הימעל און עס האָט געזאָגט וואָהל איז דיר ר' עקיבא וואָס דיין נשמה איז פון דיר אַרויס ביי דעם וואָרט „אחד" און די וועסט האָבען עולם הבא:

דער תנא ר' שילא האָט איין מאָהל געשלאָגען מלקות איין מענטש וואָס ער האָט מזנה געוועזען מיט איין ערלות האָט איהם דער מענטש פערמסרט פאַר דעם קיסר פון רום האָט דער קיסר פון רום געשיקט נאָך ר' שילא און ער האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די דעם מענש געשלאָגען מלקות האָט ר' שילא גיענטפערט ווייל ער האָט מזנה געוועזען מיט איין אייזיל. האָט איהם דער קיסר גיפרעגט די האָסט עדות אויף דעם האָט ער גיענטפערט אַז ער האָט עדות. איז אליהו הנביא געקומען אין געשטאַלט פון איין מענטש און ער האָט עדות געזאָגט אַז ער האָט גיזעהן ווי דער מענטש האָט מזנה געוועזען מיט איין אייזיל האָט דער קיסר געזאָגט צו ר' שילא אויב אַזוי קומט דאך איהם מיתה. האָט ר' שילא גיענטפערט זינט מיר זענען פערטריבען געוואָרען און אונזער לאַנד האָבען מיר ניט קיין רשות צו פסקנען קיין דיני נפשות. אַזוי ווי דער קיסר האָט גיקלעהרט וואָס ער זאָל טוהן צו ר' שילא האָט ר' שילא געזאָגט דעם פסוק לך ד' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ. האָט איהם דער קיסר גיפרעגט וואָס ער זאָגט האָט ער איהם גיענטפערט איך לויב השי"ת וואָס ער האָט אויך גיגעבען איין גיוועלטיגקייט און רחמים ודינים צו דעם קיסר אויף דער ערד גלייך ווי דאָס מלכות פון הימעל. האָט איהם דער קיסר געזאָגט ווייל עס איז ביי דיר אַזוי חשוב דעם כבוד פון מיין מלכות גיב איך דיר רשות צו פסקנען און ער האָט איהם געגעבען איין אייזערנעם שטעקען ער זאָל שלאָגען די שולדיגע מענטשען און ער האָט איהם געהייסען זיצען ביי דעם טויער פון רום און פסקנען די דינים וואָס זיי וועלען צו איהם קוממען. ווען ר' שילא איז אַרויס געגאַנגען פון קיסר האָט דער מענטש וואָס ר' שילא האָט איהם געשלאָגען מלקות גיפרעגט טוהט דען הקב"ה איין נס אויף שקר ווייל ער האָט דאָך געזאָגט איין שקר אַז ער האָט מזנה געוועזען מיט איין אייזיל. האָט איהם ר' שילא גיענטפערט די רשעים הייסען זיי דען ניט קיין אייזלין עס שטעהט דאָך אין פסוק אשר בשר חמורים בשרם זייער לייב איז גלייך ווי איין לייב פון איין אייזיל. האָט ר' שילא געזעהן ווי דער מענש געהט דערציילען דעם קיסר אַז ר' שילא רופט זיי אייזלין האָט ר' שילא געזאָגט דער מענטש ווייל דאָך מיך הרגינען און די תורה זאָגט דער וואָס וויל דיך הרגנען מעגסט די איהם פריהער הרגנען אין ער האָט איהם געגעבען איין קלאַפּ מיט דעם שטעקין און ער האָט איהם געהרגעט האָט ר' שילא געזאָגט ווייל דורך דעם פסוק פון לך ד' הגדולה, וכו' איז מיר געשעהן איין נס וועל איך אויף דעם דרשנען און ער איז אַריין געגאַנגען אין בית המדרש אַריין און געדרשענט איין דרשה אויף דעם פסוק:

מונבז המלך האָט צוטיילט זיין גאַנץ פארמעגען

פארמעגען צו פיהל ארימע לייט האבען איהם זיינע קרובים גיפרעגט דיינע עלטערען האבען אלץ פערגרעסערט זייער פערמעגען און די צוטיילסט דיין פערמעגען און דיינע עלטערינס פערמעגין האט ער זיי גיענטפערט מיינע עלטערין האבען בעהאלטען זייער פערמעגען און דער ערד און איך בעהאלט אויף דעם הימעל. מיינע עלטערען האבען בעהאלטען אוצרות וואס זיי ברענגען ניט קיין פערדינסט. אין איך בעהאלט אזעלכע אוצרות וואס איך וועל פון זיי האבען פערדינסט. מיינע עלטערען האבען בע-האלטען אויף אזוי א ארט וואס מען קען זיי צו נעמען. אבער איך בעהאלט אויף אזוי א ארט וואס מען קען זיי ניט צו נעמען. מיינע עלטערען האבען בעהאל-טען פאר אנדערע וועגען אין איך האב בעהאלטען פאר מיינע וועגען. מיינע עלטערען האבען בעהאלטען אויף דער וועלט און איך האב בעהאלטען אויף יענער וועלט. איבער דעם דארפט איהר אויף מיר ניט האבען קיין תרעומות ווייל איך טוה בעסער פון מיינע עלטערין:

איין שר פון די עכו"ם ער האט געהייסען דמה בן נתינה ער איז געוועזען איין עלטסטער פון די חיילות האט איהם זיין מוטער געגעבין איין קלאפ מיט דעם שיעך אויף זיין פנים און דאס חייל איז ביי דעם געשטאנען אין דער שיעך איז איהר ארויס געפאלען פון איהר האנד. האט ער אויף געהויבען דעם שיעך און ער האט איהם איהר גיגעבען זי זאל זיך ניט דארפען איינבויגען. און אויף דעם שטיין וואס זיין פאטער איז גיזעסען איז ער קיינמאהל ניט געזיסען און ווען זיין פאטער איז געשטארבען האט ער דעם שטיין געמאכט פאר איין עבודה זרה. איינמאהל איז פערלארען געווארען איין דימענט פון חושן דער דימענט הייסט ישפה האט מען געזוכט אזוי א דימענט און מען האט איהם ניט געפינען נאר ביי דמה בן נתינה איז מען צו איהם געגאנגען קויפען דעם דימענט און מען האט איהם צו געזאגט פאר דעם דימענט הונדערט רענדליך האט ער זיי געוואלט געבען דעם דימענט איז אבער זיין פאטער געשלאפען אויף דעם קאסטען וואס דער דימענט איז דארט גילעגען האט ער זיי גיענטפערט איך קען אייך יעצט דעם דימענט ניט געבען. האבען זיי גירעכענט ווייל ער וויל מעהר געלד איבער דעם זאגט ער אז ער קען זיי דעם דימענט ניט געבען. האבען זיי איהם צו געזאגט צוויי הינ-דערט רענדליך אין ער האט זיי וויטער דאס זעלבע גיענטפערט. האבען זיי איהם אללע מאהל מער צו געזאגט ביז טויזינד רענדליך און ער האט זיי דעם דימענט ניט געגעבען. זענען די שליחים פון די ישראל פון איהם אוועק געגאנ-גען. ווען זיין פאטער איז אויף געשטאנען האט ער גענומען דעם דימענט און האט איהם געבראכט האט מען איהם געוואלט געבען טויזענד רענדליך אזוי ווי זיי האבען איהם דאס לעצטע מאהל געוואלט געבען האט ער ניט געוואלט נעמען מעהר פון הונדערט רענדליך און ער האט זיי געזאגט איהר רעכענט אז איך וועל פערקויפען די מצוה פון כבוד אב פאר געלד דאס וועל איך ניט טוהן. האט איהם הקב"ה פאר דעם גיגעבין שכר דאס ביי איהם איז געבוירען געווארען איין פרה אדומה און מען האט איהם גיגעבען אזוי פיעל געלד ווי די פרה אדומה האט געוואגען:

איין מענש פלעגט צו געבען זיין פאטער צו עסען געשטאפטע הינער איינמאהל האט איהם דער פאטער גיפרעגט ווי נעמסט די אזעלכע הינער האט איהם דער זוהן גיענטפערט אלטער

עס

עס. אין שוויַיג. די כלבים טוהן אויך אזוי זיי עסען אין שווייגען אין פרעגען ניט (פון דאנען לערנען מיר חאַטשע ער האָט געגעבען דעם פאָטער צו עסען נאָר ווייל ער גיט איהם ניט בדרך כבוד ירשנט ער דאָך גיהנם). אין עס איז פערהאַנדען אמאָהל ווען איין זוהן שיקט זיין פאָטער ארבייטען אין ער האָט פאַר דעם דאָס גן עדן. איין מענש האָט בעהאַט איין מיהל אין ער האָט ביי זיך געהאַלטען דעם פאָטער איינמאָהל האָט איינער פון דער מיהל בעדאַרפען געהן צום קיסר מאָהלען. האָט דער זוהן געזאָגט צו זיין פאָטער אז ער זאָל מאָהלען אין דערהיים אין דער זוהן וועט געהן צום קיסר ווייל די מענשען וואָס זיי מאָהלען ביי דעם קיסר איז מען זיי מבזה אין מען שלאָגט זיי איז גלייכער אז ער זאָל ליידען די בזיונות אין די קלעפ איידער דער פאָטער. (פון דאַנען לערנען מיר חאָטשע ער האט געהייסען זיין פאטער אַרבייטען נאר ווייל ער האָט געמיינט דעם פאָטערס כבוד ירשינט ער דאס גן עדן):

צוויי ברודער האבען געוואָהנט אין דער שטאָט אשקלון אין זיי האָבען גיהאַט שכנים עכו"ם האָבען די שכנים געזאגט ווען די יודען וועלען אויף געהן יו"ט קיין ירושלים וועלען מיר זיי צו נעמען זייער פערמעגען. עס איז געקומען יום טוב אין די צוויי ברידער זענען געגאַנגען קיין ירושלים אין זיי האבען איבער געלאָזט זייער פערמעגען אין דערהיים. האט הקב"ה אראב געשיקט מלאכים זיי האבען אויס געזעהן אזוי ווי די צוויי ברודער אין זיי זענען געוועזען אין שטיב. ווען די ברידער זענען אהיים בעקומען אין זיי האָבען געזעהן אז עס פעהלט זיי גאָר ניט האָבען זיי געשיקט די שכנים מתנות. האָבען די שכנים גיפרעגט די ברידער ווי זענט איהר געוועזען ביז יעצט האָבען זיי גיענטפערט אין ירושלים. האָבען די שכנים זיי גיפרעגט ווער האָט איהר איבער געלאָזט צו היטען דאָס הויז האָבען זיי גיענטפערט מיר האָבען קיינעם נישט איבער געלאָזט. האָבען די שכנים פערשטאַנען אז די מענשען וואָס זענען דאָ געוועזען יום טוב זענען געוועזען מלאכים. האָבען די שכנים געזאָגט געלויבט איז אייער גאָט וואָס ער האָט נישט פערלאָזט זיין חסד פון אייך אין אזוי זאָל ער ניט פערלאָזען זיין חסד פון יעצט אָהן אין ווייטער:

דעם הייליגער תנא ר' פנחס בן יאיר איז אמאָהל געקומען אין איין שטאָדט אריין האָבען זיך די מענשען פון דער שטאָדט פאר איהם פערקלאָגט אז די עכברים עסין זיי אויף די תבואה האָט ר' פנחס בן יאיר גוזר געוועזען אויף די עכברים פון דער שטאָדט אז זיי זאָלען זיך אַללע צו זאַממען קומען. זענען זיך אַללע עכברים צו זאַממען געקומען אין זיי האָבען געשריגען. האָט ר' פנחס בן יאיר געזאָגט צו די מענשען פון דער שטאָדט איהר פערשטעהט וואָס די עכברים זאָגען. זיי זאָגען אז איהר גיט ניט קיין מעשר. אזוי ווי עס דאַרף צו זיין איבער דעם עסין זיי אויף די תבואה. האָבען די מענשען געזאָגט אז זיי נעמען אויף זיך פון הייבט אָהן צו געבען מעשר אזוי ווי עס דאַרף צו זיין האָבען די עכברים שוין מעהר ניט געגעסען די תבואה. צוויי אָרימע לייט האָבען געגעבען צו בעהאַלטען צו ר' פנחס בן יאיר צוויי סאָה גערשטען אין געגאַנגען ר' פנחס בן יאיר אין האָט פערזייעט די צוויי סאָה גערשטען אויף זיינע פעלדער אין ער האָט דעם גערשטען אָב געשניטען. אין איין צייט ארום זענען די צוויי אָרימע לייט געקומען אָב

נעמען

אָב נעמען די צווי סאה גערשטען האָט ער צו זיי געזאָגט ברענגט אייך קעמלין מיט אייזלין וועט איהר אייך אַ היים נעמען אייער גערשטען:

דער מלך פון די ישמעאלים האָט אראָפּ געלאָזט איין פּעריל אין איין עכבר האָט איהם איינגעשלינגען איז דער מלך געקומען צו ר' פּנחס בן יאיר אַז ער זאָל זעהן אַז ער זאָל האָבּין צוריק דעם פּעריל האָט ר' פּנחס בן יאיר געזאָגט צום מלך צו בין איך איין מכשף וואָס די ביסט צו מיר געקומען. האָט איהם דער מלך גיענטפערט ביט ווייל די ביסט איין מכשף בין איך געקומען צו דיר נאָר צוליעב דיין גוטען שם וואָס ער הערט זיך אויף דער גאַנצער וועלט אַז די ביסט איין גרויסער צדיק אין די ביסט גוזר אין הקב"ה איז מקיים דיין גזרה. זאָלסט גוזר זיין אויף די עכברים אַז זיי זאָלין מיר אָב געבּען דעם פּעריל. האָט ר' פּנחס בן יאיר גוזר געוועזען אויף די עכברים פון דער שטאָדט אַז זיי זאָלין זיך צו זאַמען קומען זענגען זיך אַלע עכברים צו זאַמען געקומען האָט ער געזעהן ווי איין עכבר האָט אויף דעם ריקען אַזוי ווי איין בלאָטער האָט ער געזאָגט דער עכבר האָט דער פּעריל ווייל דאָס איז ניט קיין בלאָטער נאָר דאָ ליגט דער פּעריל איבער דעם איז אויף דעם אָרט העכער. האָט ער גוזר געוועזען אויף דעם עכבר אין ער האָט אויס געשפּיגען דעם פּעריל:

רבּי פּנחס בן יאיר איז אַ מאָהל גע-גאַנגען אין בית המדרש אריין אויף דעם וועג איז געוועזען איין טייך אין דאָס וואַסער האָט זיך געשטאַרקט אין עס איז ניט מעגליך געוועזען אדורך צו געהן דאָס וואַסער האָט ר' פּנחס בן יאיר געזאָגט צום טייך די ווילסט מיך ניט לאָזען געהן אין בית המדרש אריין. האָט זיך דאָס וואַסער געשפּאָלטען אין ר' פּנחס בן יאיר איז אַדורך געגאַנגען האָבּען די תלמידים איהם גיפרעגט אפשר קענען מיר אויך אַדורך געהן האָט ער זיי גיענטפערט דער וואָס ער ווייסט ביי זיך אַז ער האָט נאָך ניט מבייש געוועזען קיין מענש דער קען אַדורך געהן אין ער וועט ניט האָבּען קיין שאָדין עס וועט איהם גאָר ניט זיין:

דער תנא ר' אבא בר זימנא איז גע-וועזען איין שניידער איינמאָהל האָט ער געאַרבייט ביי איין עכו"ם אין שטיב האָט דער עכו"ם געגעבען ר' אבא צו עסען בשר נבלה האָט ער ניט געוואָלט עסין ער האָט איהם געזאָגט אויב די ווערסט ניט עסען וועל איך דיך הרגענ'ן האָט איהם ר' אבא גיענטפערט אויב די ווילסט מיך הרגענ'ן קענסט די מיך הרגענ'ן אין איך וועל דאָס ניט עסין ווייל דאָס איז בשר נבלה אין דאָס טאָהר איך ניט עסען ווייל איך בין איין יהודי. האָט איהם דער עכו"ם געזאָגט יעצט וועל איך דיר מגלה זיין דעם גאַנצען אמת מיין כוונה איז געווע-זען דיך אויס צו פּריווען צו די ביסט איין ערליכער ווען די זאָלסט געוועזען עסין וואָלט איך דיך געוועזען געהרגט ווייל יעדער מענש דאַרף האַלטען אין זיין גלויבען אין זיין דת איין יהודי דאַרף האַלטען דעם יודישען דת איז ער איין עכו"ם דאַרף ער היטען דעם דת פון די עכו"ם:

דער הייליגער תנא ר' שמעון בן יוחאי איז געלעגען בעהאַלטען אין איין הייל דרייצען יאָהר ווייל דער קיסר האָט איהם געוואָלט הרגענ'ן אין עס האָט קיינער

קיינער פון דעם ניט געוויסט אין ער האט ניט געהאט וואס צו עסען אין עס איז געשעהן איין נס אין עס איז ארויס געוואקסען איין בוים מיט באקסער אין דאס האט ער געהאט צו עסען די גאנצע דרייצען יאהר. איינמאהל איז ער גיזעסען ביי דער טהיר פון דער הייל האט ער געזעהן ווי איין מענש שטעהט אין פאנגט עופות האט ער גיהערט איין בת קול פון הימעל ווי עס זאגט רחמים. איז דער פויגעל וואס איז שוין געוועזען אין דער נעץ ניצול געווארען. ווי ער האט דאס געזעהן האט ער געזאגט אז איין פויגעל ווערט ניט געפאנגען ביז מען איז אויף אים גוזר אין הימעל ווערט מען דאך אים א וודאי גאר ניט קענען טוהן אין ער איז ארויס געגאנגען פון דער הייל ווי ער האט געזעהן אז מען טהוט איהם גאר ניט האט ער געזאגט איך וועל געהן מתקן זיין די שטאדט טבריה ווייל איך האב פון איר געהאט איין הנאה איבער דעם וועל איך מטהר זיין די שטאדט טברי׳ כדי די כהנים זאלען וויסען ווי זיי מעגען געהן אין ווי זיי טאהרען ניט געהן, האט ער גענומען אכבערס פון תרומה אין ער האט זיי געווארפען אין מארק ווי עס איז גיוועזען איין מת בעגראבען אין דער ערד איז ער ארויף געקומען אין ער האט דאס ארט פערצוימט כדי די כהנים זאלען דארט ניט געהן האט איין גוי דאס געזעהן האט ער געזאגט איך וועל שפעטען פון דעם אלטען יוד איך וועל איהם ווייזען אז ער האט ניט מטהר געוועזען איז דער גוי געגאנגען אין גענומען איין מת אין ער האט איהם בעגראבען אויף דעם ארט ווי ר׳ שמעון בן יוחאי האט מטהר געוועזען אין ער האט געזאגט צו ר׳ שמעון בן יוחאי די האסט דאס ארט מטהר געוועזען קום וועל איך דיר ווייזען אז אויף דעם ארט איז בעגראבען איין מת. האט ר׳ שמעון בן יוחאי געזעהן מיט רוח הקודש אז דער גוי האט דא בעהאלטען דאס מת. האט ר׳ שמעון בן יוחאי געזאגט איך בין גוזר אויף דעם וואס פון אויף דער ערד דאס האט ער געמיינט דעם גוי אז ער זאל אראב געהן אין דער ערד אריין ער זאל שטארבען אין דער מת וואס ליגט אין דער ערד זאל ארויס געהן פון דער ערד אין ער זאל לעבין. אין עס איז אזוי געוועזען. אין ווען ר׳ שמעון בן יוחאי איז אדורך געגאנגען לעבען איין טורם האט ער גיהערט ווי איין הכם האט געזאגט דאס איז דער בר יוחאי וואס ער האט מטהר געוועזען די שטאדט טברי׳. האט ר׳ שמעון בן יוחאי צו איהם געזאגט עס זאל אויף מיר קומין א זעלכעס אין א זעלכעס אויב איך האב ניט גיהערט פון הימעל אז טברי׳ דארף ריין ווערען אין די האסט מיר ניט געוואלט גלייבען. אין די האסט פון מיר גישפעט האט ר׳ שמעון בן יוחאי איהם אהן געקוקט איז פון איהם געווארען איין בערגיל ביינער:

און איין שטאדט איז געוועזען איין קצב איין מאכיל טריפות. איינמאהל אין ערב שבת האט ער געטרינקען פיהל וויין אין ער איז געווארען שיכור אין ער איז ארויף געגאנגען אויף דעם דאך אין ער איז אראב געפאלען אין ער איז געשטארבען אין עס איז שוין געוועזען שבת אין ער איז געבליבען ליגען אויף דעם דאך האבען די הינט גענאקט זיין בלוט האט מען גיפרעגט דעם תנא ר׳ חנינא איין שאלה יצו מען מעג איהם אריין נעמען אין שטיב אריין כדי די הינט זאלען איהם ניט עסען האט ר׳ חנינא גיענטפערט לאזען די הינט עסען זיין פלייש ווייל זיי עסען זייערס ווייל ער האט ביי זיי צו געגזילט דאס טריפה

טריפה פלייש וואס דאס געהערט צו די הינט אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה אז טריפה פלייש זאל מען ווארפען פאר די הינט און ער האט עס ניט געוואלט געבען די הינט נאר ער האט עס פערקויפט די יודען יעצט נעמען זיי זיך אב זייערס :

אין דער שטאדט ווי דער ריש גלותא האט געוואהנט איז געוועזען איין פאסטוך וואס ער האט געפיטערט חזירים און די קינדער פון ריש גלותא פלעגען איהם שלאגען. און איין צייט ארום איז דער פאסטוך געווארען מלך האט דער מלך מורא געהאט אז די יודען זאלען איהם מבזה זיין איז דער מלך געגאנגען אין דער שטאדט פמייס וואס די שטאדט איז געוועזען ווייט פון די יודען און ער האט געשיקט איין בריף צו די יודען אז זיי זאלען צו איהם קומען מוצאי שבת און ער האט אהן געזאגט דעם שליח אז ער זאל די יודען ניט אב געבען דעם בריף נאר הערשט ערב שבת פארנאכט כדי זיי זאלען ניט קענען קומען אויף מוצאי שבת קיין פמייס ווייל אין שבת וועלען זיי זיכער ניט געהן דער שליח האט אזוי געטוהן און ער האט דעם בריף איבער געגעבען פרייטאג פאר נאכט און ר' יהודא הנשיא און ר' שמואל בר נחמן זענען געגאנגען אין מרחץ אריין זיך אבוואשען לכבוד שבת האט זיך פאר זיי בעוויזען איין שד וואס ער הייסט אנטיגרוס האט ר' יהודה הנשיא געוואלט אהן שרייען אויף דעם שד אז ער זאל ארויסגעהן פון מרחץ האט איהם ר' שמואל בר נחמן געזאגט לאז איהם אב דאס וואס ער האט זיך פאר אונז בעוויזען ווייל דורך איהם דארף אונז געטהון ווערען איין נס האט דער שד זיי גיפרעגט וואס דאס איין נס זיי דארפען. האבען זיי איהם דערציילט אז זיי האבען הערשט דערהאלטען איין בריף פון מלך אז זיי זאלען מוצאי שבת קומען קיין פמייס. האט זיי דער שד געזאגט וואשט אייך אב און זאריגט גאהר ניט הקב"ה וועט אייך טוהן איין נס. מוצאי שבת איז דער שד צו זיי געקומען און ער האט זיי גענומען אויף זיינע אקסלען און ער האט זיי אנידער גישטעלט פאר דעם הויף ווי דער מלך איז געוועזען. זענען די משרתים פון מלך אריין געגאנגען צום מלך און זיי האבען איהם געזאגט אז די רבנים פון די יודען שטייען פאר דעם הויף. האט דער מלך בעפוילען אז זיי זאלען צו איהם ניט אריין קומען ביז זיי זאלען זיך פריהער אב וואשען אין מרחץ און דאס מרחץ איז געוועזען אויסגעהייצט זיבען טעג און זיבען נעכט און די כונה פון מלך איז געוועזען אז זיי זאלען דארט פערברענט ווערען. איז דער שד פריהער אריין געגאנגען אין מרחץ אריין און ער האט אויס געקוהלט דאס מרחץ און זיי זענען אריין געגאנגען אין מרחץ אריין און זיי האבען זיך אב געוואשען און זיי זענען אריין געקומען צום מלך האט צו זיי דער מלך געזאגט ווייל אייער גאט טוהט אייך ניסים זענט איהר מבזה דעם מלך. האבען זיי דעם מלך גיענטפערט מיר האבען דיך נאר מבזה געוועזען ווען, די ביסט געוועזען איין פאסטוך אבער ניט ווען די ביסט איין מלך. האט זיי דער מלך גיענטפערט דעם קלענסטען גוי דארפט איהר ניט מבזה זיין ווייל איהר ווייסט ניט וואס ער קען שפעטער זיין :

צוויי תנאים ר' יוחנן און אילפא האבען גילערענט תורה און זיי זענען געוועזען זייער ארים האט אייגער געזאגט צום צווייטען קום וועלען מיר האנדלען

כדי

כדי מיר זאָלען האָבין וואָס צו עסין. זענען זיי געגאַנגען און וועג און זיי האָבען זיך אנידער געזעצט אינטער איין וואַנט עסין האָבען זיי גיהערט ווי איין מ'אַך האָט געזאָגט צום צווייטען מיר וועלען אויף זיי אַרויף וואַרפען די וואַנט און מיר וועלען זיי הרגינען ווייל זיי האָבען פערלאָזט די תורה און זיי האָבען זיך גענימען צום האַנדיל. האָט דער צווייטער מלאך געזאָגט לאָז זיי אָב ווייל איינער פון זיי דאַרף זיין גרויס ער דאַרף זיין איין רב אין איין ראש ישיבה. און עס איז ניט זיין צייט צו שטאַרבען. האָט ר' יוחנן גיפרעגט אילפא צו ער האָט עפּיס גיהערט. האָט איהם אילפא גיענטפערט אַז ער האָט גאַר ניט גיהערט. האָט ר' יוחנן גיזאָגט אַז איך אליין האָב דאָס גיהערט אין אילפא ניט. איז איין סימן אַז איך וועל גרויס ווערען איבער דעם וויל איך צוריק אַהיים געהן און וועל ווייטער לערנען תורה און ער האָט אַזוי געטוהן אין ער איז אַהיים געגאַנגען אין ער האָט זיך גיזעצט לערנען און אילפא איז ווייטער געגאַנגען האַנדלען. אין דער צייט ווען אילפא איז גיוועזען אין וועג האָט מען געקרוינט ר' יוחנן פאַר איין רב אין איין ראש ישיבה ווען אילפא איז אַהיים געקומען האָבין איהם די מענשין געזאָגט ווען די זאָלסט אויך געוועזען לערנען אַזוי ווי יוחנן וואָלטען מיר דיך גיוועזען געמאַכט פאַר איין רב אין איין ראש ישיבה. האָט זיך אילפא אנידער גיזעצט אויף איין ברעט פון איין שיף. אין ער האָט געזאָגט חאַטשע איך האָב ניט גילערענט קיין תורה דאָך קען איך בעסער לערנען פון ר' יוחנן ווער עס וועט מיך קוממען פרעגען איין זאַך און לערנען אין איך וועל איהם ניט ענטפערען זאָל מען מיך אַריין וואַרפען און וואַסער אַריין פון דעסטוועגען איז דאָך ר' יוחנן געבליבען איין ראש ישיבה:

דער הייליגער תנא נחום איש גם זו איז געוועזען בלינד אויף ביידע אויגען אין ביידע הענד און ביידע פיס זענען איהם גיוועזען אָבגישניטען אין זיין גוף איז געוועזען פיל מיט שחין אין ער איז געלעגען אין איין איינגעפאַלינע שטיב האָבען די תלמידים מורא געהאַט אַז די שטיב זאָל ניט איינפאַלען און ער זאָל ניט געהרגיט ווערען האָבען זיי געוואָלט פרוהער איהם אַרויס נעמין דער נאָך די כלים האָט ער צו זיי געזאָגט נעמט פריהער אַרויס די כלים און דערנאָך וועט איהר מיך אַרויס נעמין וואָרים כל זמן איך בין אין שטיב וועט די שטיב נישט איינפאַלען. האָבען די תלמידים אַזוי געטוהן און אַזוי ווי זיי האָבין איהם אַרויס גענומען פון שטיב איז די שטיב איינגעפאַלען. האָבען די תלמידים איהם גיפרעגט רבי אַז די ביסט איין צדיק פאַר וואָס איז דיר געקומען אַזא עונש. האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב עס מיר אַליין גורם געוועזען. איינמאָהל בין איך געגאַנגען צו מיין שוועהר און איך האָב מיט זיך געפיהרט דריי אייזלין מיט משאי. אויף איין אייזיל איז געלעגין עסענוואַרג און אויף דעם צווייטען איז געלעגען פערשידענע געטראַנקען. אין אויף דעם דריטען איז גילעגען זיסוואַרג. איז צו מיר צו געקומען איין אָרימאַן אין ער האָט מיר געזאָגט רבי שפייזט מיך. האָב איך צו איהם געזאָגט וואַרט ביז איך וועל אַראָבנעמין פון אייזיל און איך האָב ניט געדאָנזיט אַראָב צו נעמען פון אייזיל עפּיס צו עסען ביז דער אָרימאַן איז געשטאָרבען האָב איך זיך אַרויף געלעגט אויף דעם אָרימאַן אין איך האָב געזאָגט מיינע אויגען וואָס זיי האָבען ניט רחמנות געהאַט

אויף

אויף דיינע אויגען זאָלען בלינד ווערען. מיינע הענד וואָס זיי האָבען ניט רחמנות געהאַט אויף דיינע הענד זאָלען אָב געשניטען ווערען. מיינע פיס וואָס זיי האָבען ניט רחמנות געהאַט אויף דיינע פיס. זאָלען אָב געהאַקט ווערען און עס איז נאָך ניט פאַר מיר גענוג געוועזען ביז איך האָב נאָך געזאָגט אַז מיין גוף זאָל געשלאָגען ווערען פיהל מיט שחין ווייל איך האָב זיך ניט צו געהיילט איהם צו געבען באַלד עסין. האָבין די תלמידים צו איהם געזאָגט וועה איז צו אונז וואָס מיר זעהן דיך אין אַזאַ מצב. האָט ער זיי גיענטפערט וועה וואָלט געוועזען צו מיר ווען איהר זאָלט מיך ניט אַזוי זעהן. און פאַר דעם האָט מען איהם גערופען איש גם זו ווייל וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטראָפען האָט ער געזאָגט גם זו לטובה:

איינמאָהל האָבין די יודען געוואָלט שיקען איין מתנה צום קיסר האָט מען גיקלעהרט ווער עס זאָל געהן מיט דער מתנה צום קיסר איז געבליבען אַז נחום איש גם זו זאָל געהן ווייל ער איז געוואָהנט אַז הקב"ה זאָל איהם טוהן ניסים. האָט מען געשיקט מיט איהם איין קעסטעלע ברילאַנטען מיט פעריל אַזוי ווי עס פאַסט פאַר איין קיסר. אויף דעם וועג האָט ער גינעכטיגט אין איין גאַסטהויז האָבען גנבים אַרויס גענימען פון קעסטעלע די בריליאַנטען מיט די פעריל און זיי האָבען אַריין געלייגט אין קעסטעלע אַריין ערד. און דער פרי ווען ער האָט זיך אויף געהויבען און ער האָט געזעהן די ערד האָט ער געזאָגט גם זו לטובה. ווען ער איז געקומען מיט דעם קעסטעלע ערד צום קיסר. האָט דער קיסר גיעפענט דאָס קעסטעלע אין ער האָט דערזעהן אַז עס איז פיהל מיט ערד איז ער שטאַרק געוואָרען אין כעס אויף די יודען און ער האָט געוואָלט אַלע יודען אויס האַרגינען האָט נחום איש גם זו געזאָגט גם זו לטובה מן הסתם איז עס לטובה איז אליהו הנביא געקומען צום קיסר פערשטעלט פאַר איין שר און ער האָט געזאָגט צום קיסר אפשר איז די ערד פון זייער פאָטער אברהם וואָס בשעת ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט די מלכים אין ער האָט אויף זיי געוואָרפען די ערד זענען זיי געפאַלען גלייך ווי פון פיילין און זיי זענען אַלע געהרגיט געוואָרען. האָט דער קיסר געהאַט איין מדינה וואָס ער האָט מיט איהר מלחמה געהאַלטען איין לאַנגע צייט און ער האָט זי ניט גיקענט איין נעמין אין מען האָט געפּרוביערט מיט דער ערד און ער האָט די מדינה איינגענומען. אַז דער קיסר האָט דאָס גיזעהן האָט מען אַריין גענומען ר' נחום איש גם זו און קיסרס אוצר אַריין און מען האָט אָהנגעפיהלט דאָס קעסטעלע מיט ברילאַנטען און מיט פיהל דימענטין און מען האָט איהם אַהיים געשיקט בכבוד גדול. ווען ער איז צוריק געגאַנגען האָט ער ווייטער גינעכטיגט האָבין איהם די מענטשען געפרעגט וואָס האָסט די גיבראַכט דעם קיסר איין חשובע מתנה. וואָס פאַר דער מתנה האָט מען דיר אָב געגעבען אַזאַ גרויסען כבוד האָט ער זיי גיענטפערט דאָס וואָס איך האָב ביי אייך גענומען די ערד דאָס האָב איך געבראַכט דעם קיסר איין מתנה. ווי זיי האָבען דאָס גיהערט האָבען זיי גענומען קעסטליך ערד און זיי האָבען עס געבראַכט צו דעם קיסר און זיי האָבען איהם געזאָגט מיר האָבען דיר אויך געבראַכט די זעלבע ערד וואָס דער יוד האָט דיר געבראַכט וואָרים די ערד וואָס דער יוד האָט געבראַכט איז אויף אונזער. מען האָט געפּרובירט די ערד און מען האָט

געזעהן

געזעהן אז די ערד איז פּראָסטע ערד. האָט מען זיי אויסגעהרגעט:

עס איז געווען איין צדיק וואָס ער האָט געהייסען אבא אומנא וואָס יעדען טאָג איז צו איהם געקומען איין בת קול פון הימעל און מען האָט איהם בעזאָגט שלום עליך. און צו אביי איז געקומען אזא בת קול יעדען פרייטאָג. און צו רבא יעדען ערב יום הכפורים. האָט אביי געהאַט חלישות הדעת פאַר וואָס צו אבא אומנא קומט דאָס בת קול יעדען טאָג און צו איהם נאָר יעדען פרייטאג האָט מען איהם פון הימעל געזאָגט עס זאָל דיר ניט זיין קיין ווינדער אויף דעם ווייל די וועסט ניט קענען טוהן אזעלכע מעשים טובים ווי אבא אומנא:

עס איז געווען איין רופא ער פלעגט צו האַקען אָדער ער האָט געהאַט איין בעזונדערע שטיב פאַר מענער וועגען און איין בעזונדערע שטיב פאַר פרויען וועגען. און ער האָט געהאַט אזא מלבוש וואָס ער האָט עס אָהנגעטוהן די פרויען ווען ער האָט זיי געהאַקט אָדער און דאָס מלבוש איז געווען אין גאַנצען פערמאַכט און עס איז געווען איין לאָך אין דעם מלבוש. און דורך דעם לאָך פון מלבוש האָט ער איהר געהאַקט אָדער כדי ער זאָל ניט זעהן איהר לייב און ער האָט געהאַט איין אָרט אין דרויסען וואָס אויף דעם אָרט איז געשטאַנען די כלי וואָס מען האָט אין איהר אריין געלייגט דאָס געלד פאַר זיין שכר טרחה כדי ער זאָל ניט זעהן ווער עס לייגט אריין געלד און ווער ניט וואָרים אפשר איז דאָ וועלכער מענטש וואָס ער האָט ניט קיין געלד זאָל ער ניט פערשעהמט ווערען און אז ער האָט געזעהן אז עמיצער האָט ניט קיין געלד האט ער איהם נאָך צו געגעבען זיין געלד כדי ער זאָל האָבען זיך עפּיס צו קויפען צו עסין און אז עס איז צו איהם געקומען איין תלמיד חכם האָט ער ניט געוואָלט ביי איהם נעמען קיין געלד:

אמאָהל האָט אביי צו איהם געשיקט צוויי תלמידי חכמים זיי זאָלען איהם פּרובירען. זיי זענען צו איהם אריין געקומען אין שטיב אריין און ער האָט זיי געגעבען צו עסין און צו טרינקען. ביי נאַכט האָט ער זיי אויסגיבעט איין געלעגער צו שלאָפען. און ער האָט זיי אינטער געלייגט וואָלינע מלבושים. און דער פריה ווען זיי זענען אויף געשטאַנען האָבען זיי צו גענומען די מלבושים און זיי זענען מיט זיי אַרויס געגאַנגען און מאַרק אריין צו פערקויפען. זענען זיי צו געגאַנגען צו אבא אומנא און זיי האָבען איהם גיפרעגט ווי פיעל די מלבושים זענען ווערט און זיי האָבען איהם געבעטען אז ער זאָל זיי קויפען. האָט ער זיי געזאָגט וויפיעל זיי זענען ווערט און אזוי פיעל קען ער געבען. האָבען זיי איהם גיפרעגט אפשר זענען זיי מעהר ווערט האָט ער זיי גיענט-פערט פאַר דעם געלד וואָס איך וויל אייך געבען האָב איך זיי געקויפט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט נעם דיר אָב די מלבושים זיי זענען דיין מיר האָבען זיי ביי דיר צו גענומען. נאָך דעם האָבען זיי איהם גיפרעגט בשעת מיר האָבען דיר צו גענומען די מלבושים פאַר וואָס האָסט די אונז חושד געווען. האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב זיך געטראַכט אפשר דאַרפט איהר געלד אויף פדיון שבויים און איהר שעהמט אייך מיר צו ריידען געלד איבער דעם האָט איהר גענומען די מלבושים. האָבען זיי איהם גיענטפּערט מיר האָבען נאָר גענומען די מלבושים כדי מיר זאָלען דיך פּרוּוען. האָט ער זיי גיענטפערט די מלבושים

וועל

וועל איך ניט צוריק נעמען ווייל איך האב זיי שוין גישענקט אויף צדקה איבער דעם וויל איך זיי ניט צוריק נעמען. אין צוליעב אזעלכע מעשים האט מען איהם יעדען טאג געגעבען שלום פון הימעל:

דער תנא רב ברוקא פון דער שטאדט חוזאה פלעגט שטענדיג צו זיין אויף דעם מארק טאג אין דער שטאדט לפט אין אליהו פלעגט צו איהם קומען אויף דעם מארק. איינמאהל האט רב ברוקא גיפרעגט אליהו צו אויף דעם מארק געפינט זיך איין מענש וואס ער איז איין בן עולם הבא. האט איהם אליהו גיענטפערט ניין. דעוויל איז אנגעקומען איין מענש וואס ער איז געוועזען אהנגעטוהן אין שווארצע שיעך ניט אזוי ווי די יודען געהן אהנגעטוהן אין ער האט ניט געטראגען קיין ציצית האט אליהו געזאגט צו רב ברוקא דער מענש איז איין בן עולם הבא איז רב ברוקא צו געגאנגען צו דעם מענש אין ער האט איהם גיפרעגט וואס זיין בעשעפטיגונג איז. האט ער איהם גיענטפערט געה היינט פון מיר אוועק אין די וועסט קומען מארגען וועל איך דיר זאגען. מארגען איז רב ברוקא ווייטער צו איהם צו געגאנגען האט ער איהם גיענטפערט איך בין איין שומר פון דער תפיסה אין איך זעץ בעזונדער מענער אין בעזונדער פרויען כדי זיי זאלען ניט זיין אין איין שטיב אין אז איך זעה אין תפיסה איין יודישע טאכטער אין די עכו״ם ווילען מיט איהר מזנה זיין בין איך זיך מוסר נפש אין לאז ניט מען זאל מיט איהר מזנה זיין. האט רב ברוקא איהם גיפרעגט פאר וואס טראגסט די ניט קיין ציצית אין די געהסט אין שווארצע שיעך ניט אזוי ווי א יהודי. האט ער איהם גיענטפערט איך בין איין יוצא ונכנס צווישען די עכו״ם איבער דעם געה איך און שווארצע שיעך אין טראג ניט קיין ציצית כדי זיי זאלען ניט דערקענען אז איך בין איין יהודי אין אז איך הער דאס מלכות איז גוזר איין שלעכטע גזירה אויף די יהודים בין איך עס מודיע די רבנים פון די יהודים כדי זיי זאלען מתפלל זיין אז די גזירה זאל בטל ווערען. האט איהם רב ברוקא ווייטער גיפרעגט פאר וואס איך האב דיך נעכטין גיפרעגט וואס דיין בעשעפטיגונג איז. האסט די מיך געהייסען אוועק געהן אין קומען מארגען. האט ער איהם גיענטפערט ווייל נעכטין האט דאס מלכות גוזר געוועזען איין גזירה אויף די יודען האב איך ניט געהאט קיין צייט מיט דיר צו ריידען איך האב געוואלט געהן מודיעה זיין די גזירה צו די רבנים פון די יהודים כדי זיי זאלען מתפלל זיין אז די גזירה זאל בטל ווערען. דערוויל זענען אהנגעקומען אויף דעם מארק צוויי ברידער האט אליהו געזאגט צו רב ברוקא די צוויי ברידער וועלען אויך האבען עולם הבא איז רב ברוקא צו זיי צוגעגאנגען אין ער האט זיי גיפרעגט וואס זייער טוהן איז האבען זיי איהם גיענטפערט מיר זענען פרייהליכע מענשען אין, מיר מאכען פריילין אנדערע מענשען אויך אז מיר זעהן אז זיי זענען טרויעריג. אבער אז מיר זעהן אז צוויי מענשען קריגען זיך זאגען מיר פאר זיי פרייליכע ווערטליך ביז זיי ווערען פריילין אין זיי מאכען שלום צווישען זיך:

איין ווינדערליכע מעשה פון דעם בעוויסטען הייליגען תנא חוני המעגל. איינמאהל האט זיך געטראפען עס איז שוין געוועזען סוף אדר אין עס איז ניט בעגאנגען קיין רעגען האבען די יודען געשיקט צו חוני המעגל אז ער זאל מתפלל זיין עס זאל געהן רעגען

האט

האָט ער מתפלל געווען אין עס איז ניט געקומען קיין רעגען. האָט ער אויסגעגראָבען איין גריבעל אין ער האָט זיך אַריין גישטעלט אין דעם גריבעל אַריין אין ער האָט געזאָגט רבש״ע דיינע קינדער האָבען זיך פערלאָזט אויף מיר ווייל איך בין ביי דיר אַזוי ווי איין בן בית איך שוועהר ביי דיין גרויסען הייליגען נאָמען אַז איך וועל זיך ניט אַוועק ריקען פון דעם גריבעל ביז די וועסט דיך דערבאַרימען אויף דיינע קינדער. האָט אָהנגעהויבען צו געהן איין ידראָבנע רעגען. האָבען זיינע תלמידים צו איהם געזאָגט רבי עס זעהט אויס אַז דער רעגען. געהט נאָר צוליעב דער וועלט עס זאָל ניט זיין קיין הינגער. האָט חוני המעגל געזאָגט ניט אַזאַ רעגען האָב איך געבעטען נאָר איין רעגען אַז ער זאָל אָהנפילען די גריבער מיט וואַסער. האָט אָהנגעהויבען צו געהן איין שטאָרים-דיגער רעגען אַז יעדען טראָפען האָט געהאַלטען איין קוואָרט האָבען די תלמידים צו איהם געזאָגט רבי זייט מתפלל אַז מיר זאָלען ניט שטאַרבען ווייל דער רעגען געהט נאָר צו פערפלייצען די וועלט. האָט חוני המעגל געזאגט ניט אַזאַ רעגען האָב איך געבעטען נאָר רעגען. פון רצון אין ברכה אין נדבה איז דער רעגען געגאַנגען אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין אין עס איז געוועזען אַזוי פיעל וואַסער. די מענטשען האָבין געמוזט אַרויף אויף דעם הר הבית. האבען די תלמידים צו איהם געזאָגט רבי אַזוי ווי איהר האָט געבעטין אַז עס זאָל געהן רעגען זייט יעצט מתפלל אַז דער רעגען זאָל אויף הערען האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב איין קבלה אַז מען זאָל ניט מתפלל זיין אויף פיעל טובה (אין דער רעגען איז דאָך איין טובה פאַר דער וועלט). דאָך ברענגט מיר איין אָקס אין איך וועל מתוודה זיין אויף איהם וועט שוין דער רעגען אויף הערען. האבען זיי איהם גיבראַכט איין אָקס אין ער האָט סומך געווען אויף איהם זיינע הענד אין ער האָט געזאָגט רבש״ע דיין פאָלק ישראל וואָס די האָסט אויסגעצויגען פון מצרים קענען ניט אויסהאַלטען. ניט קיין פיעל גוטעס אין ניט פיעל שלעכטץ. האָסט די אויף זיי גיצערענט האָבען זיי ניט גיקענט אויס-האַלטען. האָסט די זיי משפיע געווען פיעל גוטעס קענען זיי אויך ניט אויס-האַלטען עס זאָל זיין דער ווילען פון דיר אַז דער רעגען זאָל אויף הערען אין עס זאָל זיין איין ריוח איף דער וועלט. האָט באַלד אָהנגעהויבען צו בלאָזען איין ווינט אין די וואָלקענס זענען אַוועק אין די זין האָט אויף געשיינט אין די מענשען זענען אַרויס געגאַנגען אין פעלד אַריין אין זיי האָבען זיך אַהיים געבראַכט שוואָמען וואָס דאָס וואַקסט פון פרישקייט נאָך רעגען:

נאָך אַווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא חוני המעגל. דער תנא חוני המעגל האָט שטענדיג זיך געווינדערט אין ניט פערשטאַנען דעם פשט פון דעם פסוק. עס שטייט אין פסוק שיר המעלות בשוב ד׳ את שיבת ציון היינו כחולמים ווי הקב״ה וועט צוריק קעהרען די יודען קיין ציון פון גלות בבל וואָס דאָרט זענען די יודען געוועזען זיבציג יאָהר וועט עס אויסזעהן אַזוי ווי איין חלום. האָט ער גיפרעגט ווי איז עס מעגליך אַז אַמענש זאָל שלאָפען זיבציג יאָהר. איינמאָהל איז ער געגאַנגען אין וועג אין ער האָט גיזעצט זיך עסין האָט ער גיזעהן ווי אַ מענש פלאַנצט איין באָקסענבוים האָט ער גיפרעגט דעם מענש ווען וועט אויף דעם בוים

וואַקסען

וואקסען פירות האט איהם דער מענטש גיענטפערט אין זיבציג יאהר ארום האט ער איהם גיפרעגט ווייסט די דען אויף זיכער אז די וועסט לעבען זיבציג יאהר האט איהם דער מענש תיכף גיענטפערט איך האב דען געטראפען די וועלט ליי־דיג אזוי ווי מיינע עלטערען האבען פאר מיינט וועגען געפלאנצט אזוי וועל איך פלאנצען פאר מיינע קינדער וועגען. אזוי ווי חוני המעגל האט אב גיגעסען איז ער שלעפעריק געווארען און ער האט זיך געלייגט שלאפען און עס איז ארום איהם ארויס געוואקסען איין שטיין און דער שטיין האט איהם בעדעקט און מען האט חוני המעגל ניט ארויס גזעהן און ער איז אזוי געשלאפען זיבעציג יאהר. ווי ער האט זיך אויף געכאפט האט ער גיזעהן וויא אמענש רייסט אב דעם באקסער פון בוים האט ער איהם גיפרעגט די ביסט דער מענש וואס די האסט געפלאנצט דעם בוים האט איהם דער מענש גיענטפערט ניין איך בין דעם מענטשס וואס ער האט דעם בוים געפלאנצט איין אייניקעל. האט חוני המעגל געזאגט איז דאך איין סימן אז איך בין געשלאפען זיבציג יאהר. האט חוני המעגל געזעהן ווי זיין אייזיל האט איהם געבארען איין גאנצע סטאדע אייזלין און ער איז אהיים געגאנגען אין ער האט גיפרעגט ווי איז דער זוהן פון חוני המעגל האט מען איהם גיענט־פערט זיין זוהן לעבט שוין ניט נאר זיין אייניקעל לעבט. האט ער געזאגט איך בין חוני המעגל. האט מען איהם ניט געוואלט גלייבען איז ער געגאנגען אין בית המדרש אריין האט ער גיהערט ווי די חכמים פון בית המדרש זאגען די הלכה איז אונז ליכטיג אזוי ווי אין די יאהרען פון חוני המעגל ווארים ווען חוני המעגל פלעגט צו קומען אין בית המדרש אריין וואס פאר איין קשיא די חכמים האבען געהאט האט ער זיי פערענטפערט. האט ער געזאגט איך בין דער חוני המעגל. האט מען איהם ניט געוואלט גלייבען. און זיי האבען אין איהם ניט נוהג כבוד גיוועזען אזוי ווי עס קומט אזא מענטש האט ער געהאט חלישת הדעת האט ער מתפלל געוועזען צו הקב״ה און ער איז נפטר געווארען:

## איין ווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא אבא חלקיה איין

אייניקעל פון דעם הייליגען תנא חוני המעגל. דער תנא אבא חלקיה איז געווע־זען זייער אגרויסער צדיק אז די וועלט האט בעדארפען רעגען האט מען געשיקט צו איהם ער זאל מתפלל זיין אז עס זאל געהן רעגין. איינמאהל האט די וועלט בעדארפען רעגין. האבין די רבנים געשיקט צו איהם צוויי תלמידי חכמים אז ער זאל מתפלל זיין אויף רעגין. ווי די צוויי תלמידי חכמים זענען צו איהם געקומען א היים האבען זיי איהם ניט געטראפען און דער היים זענען זיי געגאנגען און פעלד ארייען האבען זיי איהם געטראפען ווי ער איז געשטאנען און געגראבען. האבען זיי איהם גיגע־בען שלום און ער האט זיי ניט גיענט־פערט. פארנאכט ווען ער איז אהיים געגאנגען האט ער צוזאמען געקליבען איין בינטעל האלץ און ער האט געט־ראגען דאס האלץ און די לאפאטע אויף איין אקסיל. און אויף דעם צווייטען אקסיל האט ער געטראגען דאס קלייד און אויף דעם גאנצען וועג איז ער ניט געגאנגען אנגעטוהן די שיך און ווען ער האט בעדארפען אדורך געהן דורך איין טייך האט ער אנגעטיהן די שיך און אז ער איז אדורך געגאנגען דורך איין ארט ווי עס וואקסען דערנער האט ער אויף געהויבען זיינע קליידער כדי זיי זאלען זיך ניט צו רייסען און אז

ער

ער איז געקומען אין שטאָדט אריין איז איהם זיין ווייב אקייגען געגאַנגען אויסגעצירט. און אז ער איז צו געקומען צו דער שטיב איז זיין ווייב פריהער אריין געגאַנגען און דערנאָך ער אין דערנאָך די צוויי תלמידי חכמים און ער האָט זיך געזעצט עסין אין ער האָט צו די צוויי תלמידי חכמים גיט געבעטען עסין און ער האָט צו טהיילט דאָס ברויט דעם עלטערין זוהן האָט ער גיגעבען צוויי שטיקליך. ווי ער האָט אָבגיגעסין האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב איך ווייס אז די תלמידי חכמים זענען געקומען וועגען רעגען לאָמיר אַרויף גערן אויף דעם בוידעם און מיר וועלען בעטען צו הקב״ה אפשר וועט געהן רעגען. זיי זענען אַרויף געגאַנגען אויף דעם בוידעם און ער האָט זיך גישטעלט און איין ווינקעל אין דאָס ווייב אין צווייטען ווינקעל און זיי האָבען מתפלל געוועזען זענען אויף געגאַנגען די וואָלקענס און דעם ווינקעל ווי דאָס ווייב איז געשטאַנען ווייל איהר תפלה איז פריהער אָהנגענומען געוואָרען. ווען ער איז אַראָב געגאַנגען פון בוידים האָט ער גיפרעגט די תלמידי חכמים צוליעב וואָס זיי זענען געקומען האָבען זיי איהם גיענטפערט די רבנים האָבען אונז צו דיר געשיקט אז די זאָלסט מתפלל זיין אויף רעגען. האָט ער זיי גיענטפערט געלויבט איז הקב״ה וואָס איהר דאַרפט שוין נישט מיין תפלה ווייל עס געהט שוין רעגען. האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר ווייסען אז דער רעגען איז געקומען דורך דיין תפלה נאָר מיר בעטען דיך אַז די זאָלסט אונז פערענטפערען די ווינדערליכע זאַכען וואָס מיר האָבען ביי דיר גיזעהן פאַר וואָס ווען מיר האָבען דיר געגעבען שלום האָסט די דיך ניט געוואָלט צו אונז אומקוקען. האָט ער זיי גיענטפערט איך האָב געאַרבייט ביי יענעם אויף

דעם טאָג איבער דעם האָב איך זיך ניט געוואָלט אויס דרייען צו אייך כדי איך זאָל ניט שטערין די ארבייט. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די געטראָגען דאָס האָלץ מיט דער לאָפּאַטע אויף איין אַקסעל אין דאָס קלייד אויף דעם צווייטען אַקסעל עס וואָלט דאָך בעסער געוועזען די זאָלסט געוועזען אונטער לייגען דאָס קלייד אונטערין האָלץ מיט דער לאָפּאַטע כדי עס זאָל דיר ניט דריקען דעם אַקסיל. האָט ער זיי גיענטפערט דאָס קלייד איז ניט מיין איך האָב עס נאָר געליגען אָהנצוטוהן אָבער ניט אונטער צו לייגען אונטער איין משא ווייל עס קען זיך צו רייסען. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אין גאַנצען וועג ביסט די נישט געגאַנגען אָנגעטוהן און די שיעך און אז די ביסט געקומען צום וואַסער האָסט די אָהנגעטוהן די שיעך. האָט ער זיי גיענטפערט דעם גאַנצען וועג זעה איך ווי עס ליגט איין דאָרין איך זאָל אויף איהם ניט אַרויף טרעטען אָבער אין וואַסער זעה איך ניט קען איך אַרויף טרעטען אויף איין דאָרין אָדער איין פיש צו איין שלאַנג קען מיך בייסען. איבער דעם האָב איך אָהנגעטוהן די שיעך האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אַז די ביסט אַדורך געגאַנגען לעבין דערנער האָסט די אויף געהויבען דיינע מלבושים עס וואָלט דאָך גלייכער גיוועזען די דערנער זאָלען די מלבושים צו רייסען איידער דאָס לייב. האָט ער זיי גיענטפערט אז די דערנער וועלען צו שטערען דאָס לייב וועט זיך דאָס לייב אויס היילען אָבער אז זיי וועלען צו שטערען די מלבושים און זיי וועלען זיי צו רייסען וועט דאָס מלבוש ניט ווערען צוריק גאַנץ. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אַז די ביסט אריין געקומען אין שטאָדט אַריין איז

דיר

דיר דיין ווייב אָקעגען געגאַנגען אויסגעֶציהרט. האָט ער זיי גיענטפערט כדי איך זאָל ניט קוקען אויף איין פרעמדע אשה. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס איז דיין ווייב אַריין געֶגאַנגען פריהעֶר אין דערנאָך ביסט די אריין געגאַנגען אין דעֶרנאָך זענעֶן מיר אַריין געגאַנגען האָט ער זיי גיענטפערט דורך דעם האָב איך ניט געלאָזט געהן מיין ווייב לעבען אייך ווייל איך קעֶן אייך ניט צו איהר זענט ערליכע צו ניט איבער דעם האָב איך ניט געוואָלט אַז איהר, זאָלט געהן לעבען מיין ווייב האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס ווען די האָסט דיך גיזעצט עסין האָסט די אונז ניט מיט גערופען עסין. האָט ער זיי גיעֶנטפערט ווייל איך האָב בעהאַט ווינציג ברויט האָב איך פער-שטאַנעֶן אַז איהר וועט ניט וועלען צו געהן עסען איבער דעם האָב איך אייך ניט געוואָלט צו רופען עסען האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די געגעבען דיין עלטערען זוהן איין שטיקעל ברויט אין דיין יונגערין זוהן האָסט די געגעבען צוויי שטיקלעך ברויט האָט ער זיי גיענטפערט דער יונגערער זוהן זיצט איין גאַנצע טאָג אין חדר איז ער הונגעֶריג אָבער דעֶר עלטערער זוהן איז דאָ איין גאַנצעֶ טאָג אין דעֶרהיים אַז ער ווערט הונגעריג נעמט ער זיך צו עסעֶן איבער דעם האָט עֶר יעֶצט געֶנוג איין שטיקעל ברויט. האָבען זיי איהם ווייטעֶר גיפרעגט פאַר וואָס איז דער וואָלקען פריהער אויף געֶגאַנגעֶן אין דער זייט ווי דיין ווייב איז גע-שטאַנען אין מתפלל געוועזען ביט אין דער זייט ווי די ביסט געֶשטאַנעֶן. האָט ער זיי גיעֶנטפערט ווייל מיין ווייב זיצט שטענדיג אין שטיב אין אַז עס קומט אַריין איין אָרימאַן גיט זי איהם עפיס צו עסען. האָט דער אָרימאַן תיכף איין הנאה קיין קיין שום טרחה ער האָט שוין צו עסען אָבער מיך טרעפט דער אָרימאַן אין גאַס אין אַז ער בעט ביי מיר עפיס גיב איך איהם געלד דאַרף עֶר זיך הערשט מטריח זיין אין קויפען עסעֶן איבער דעם איז דער וואָלקען אויף געגאַנגעֶן אין דער זייט ווי מיין ווייב איז געשטאַנען אין צוליעֶב נאָך אַטעם איז דעֶר וואָלקען אויף געֶגאַנגען אין איהר זייט ווייל לעבין אונז האָבען געֶוואָהנט ניט קיין עֶרליכעֶ מענשעֶן האָב איך געבעטעֶן אַז זיי זאָלעֶן שטאַרבען אין מיין ווייב האָט געֶבעֶטעֶן אַז זיי זאָלען תשובה טוהן אין עֶס איז אַזוי געֶוועזעֶן זיי האָבעֶן תשובה געטוהן איבעֶר דעֶם איז איהר זכות גרעֶסעֶר :

**איין** וווּנדערליכע מעשה פון דעם הייליגען תנא חנן הנחבא איין אייניקעֶל פון דעם הייליגען תנא חוני המעגל :

**אַז** מען האָט בעֶדאַרפט רעגען האָבען די רבנים צו איהם געשיקט די קינדער פון חדר כדי עֶס זאָל איהם איבער נעֶמען דאָס רחמנות פון די קינדער אין ער זאָל בעֶטעֶן צו השי״ת אז עֶר זאָל געבען רעגעֶן אין דעֶם זכות פון די קינדער. די קינדער פלעגען איהם צו רייסען ביי די פאָלעס אין זיי האָבען צו איהם געֶזאָגט פאָטער גיב אונז רעֶגעֶן האָט אַבא חנן גיזאָגט רבש״ע טהו צוליעֶב די קינדער וואָס זיי ווייסעֶן ניט קיין חילוק צווישען דעם פאָטער וואָס עֶר גיט רעֶגען אין צווישען דעֶם פאָטער וואָס עֶר גיט ניט קיין רעגען ווייל זיי רעֶכינעֶן אַז איך וועל זיי געבען רעגען אין עס איז באַלד געגאַנגען רעגען. פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען חנן הנחבא ווייל ער האָט זיך בעהאַלטען בשעת ער האָט מתפלל געוועזעֶן אויף רעֶגען ווייל ער איז געוועֶזען איין גרויסער עניו :

איין

**אײן** װינדערליכע מעשה פון דעם הײליגען תנא ר׳ יונה דער פאָטער פון ר׳ מני. אז מען האָט בעדאַרפט האָבען רעגען איז ער אַרײַן געגאַנגען צו זיך אין שטיב אַרײַן און ער האָט געזאָגט גיט מיר אײן זאַך. װעל איך געהן קױפען פאַר אײן גילדען תבואה. און עס איז געװעזען אײן גרױסער הונגער און ער איז געגאַנגען אױף אײן בעהאַלטען אָרט און ער האָט זיך אַנידער געשטעלט אױף אײן טיעף אָרט און ער האָט זיך בעדעקט מיט אײן זאַך און ער האָט מתפלל געװעזען אױף רעגען און עס איז באַלד געגאַנגען רעגען. און אז ער איז אַהײם געקומען האָט מען איהם גיפרעגט פאַר װאָס האָסט די ניט געבראַכט קײן תבואה האָט ער זײ גיענטפערט װײל עס געהט שױן רעגען װעט דאָך שױן זײן אײן זול איבער דעם האָב איך יעצט ניט געװאָלט קױפען װײל יעצט איז דאָך נאָך טײער:

**דער** תנא ר׳ יוסי בר אָבין האָט גילערענט בײ ר׳ יוסי פון דער שטאָדט יוקרת האָט ער איהם פערלאָזט און ער איז געקומען לערנען צו רב אשי. האָט איהם רב אשי גיפרעגט פאַר װאָס האָסט די פערלאָזט ר׳ יוסי און ביסט געקומען צו מיר. האָט ער איהם גיענטפערט אַז ער האט אױף זײן זוהן און טאָכטער ניט קײן רחמנות. װי אַזױ זאָל ער אױף מיר רחמנות האָבען. אײנמאָהל האָט ער געדינגען אַרבײטער זײ זאָלען בײ איהם אַרבײטען אין פעלד און ער האָט פערשפעטיגט זײ צו ברענגען עסען. האָבען די אַרבײטער געזאָגט צו זײן זוהן מיר זענען הונגעריג און זײ זענען גיזעסען אונטער אײן טײטעלבױם. האָט דער זוהן געזאָגט בױם בױם גיב אַרױס דײנע פירות כדי מײן פאָטערס אַרבײטער זאָלען האָבען צו עסען איז באַלד אַרױס געװאַקסען אױף דעם בױם טײטלען און די אַרבײטער האָבען גיגעסען די טײטלען. װי ר׳ יוסי איז געקומען אין פעלד אַרײן האָט ער געזאָגט צו די אַרבײטער איהר װײסט פאַר װאָס איך האָב אײך ביז יעצט ניט געבראַכט קײן עסען װײל איך בין געװעזען טרוד אין אײן דבר מצוה. האָבען די אַרבײטער איהם גיענטפערט הקב״ה זאָל דיך אַזױ אָהן זעטען אַזױ װי דײן זוהן האָט אונז אָהן געזעט. האָט ער זײ גיפרעגט װי האָט מײן זוהן גענומען פון אײערט־װעגען עסען. האָבען זײ איהם דערצײלט װאָס דער זוהן האָט געטוהן האָט ער צו דעם זון געזאָגט די האָסט מטריח געװעזען דײן בעשעפער אז דער בױם זאָל אַרױס געבען זײנע פירות פאַר דער צײט איבער דעם זאָלסט די שטאַרבען פאַר דער צײט. און ער האָט געהאַט אײן טאָכטער אײן װינדערליכע יפת תואר אײנמאָהל האָט ר׳ יוסי געזעהן װי אײן מענטש האָט צובראָכען אײן פלאָט און ער האָט אַרײן געקוקט צו ר׳ יוסי אין הױף אַרײן. האָט איהם ר׳ יוסי גיפרעגט פאַר װאָס קוקסטו צו מיר אַרײן חאָט ער איהם גיענטפערט רבי אז איך האָב ניט קײן זכי׳ איך זאָל האָבען דײן טאָכטער פאַר אװײב זאָל איך האָטשע האָבען אײן זכיה זי צו זעהן האָט ער געזאָגט צו זײן טאָכטער מײן טאָכטער די ביסט מצער מענשען געה צוריק אין דער ערד אַרײן אין מענטשען זאָלען דורך דיר ניט נכשל װערען װײל די ביסט אײן יפת תואר איז װער עס זעהט דיך שטאַרקט זיך אױף איהם זײן יצר הרע:

**עס** איז געװעזען אײן צדיק אײן גרױסער בעל צדקה ער האָט געהײסען אליעזר איש ברתותא װען די גבאי צדקה האָבען איהם גיזעהן האָבען זײ זיך פאַר איהם בעהאַלטען װײל װען ער האָט

גיזעהן די גבאי צדקה האָט ער זיי אוועק געגעבען ווי פיהל ער האָט נאָר געהאַט. איינמאָהל איז ער געגאַנגען אין מאַרק אַריין קויפען פאַר זיין טאָכטער וועגען צרכי חתונה האָבען איהם דערזעהן די גבאי צדקה האָבען זיי זיך פאַר איהם בעהאַלטען ווי ער האָט זיי דערזעהן איז ער זיי נאָך געלאָפען און ער האָט צו זיי געזאָגט איך בעשוועהר אייך אַז איהר זאָלט מיר זאָגען אויף וואָס איהר נעמט יעצט צוזאַמען געלד האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר דאַרפען חתונה מאַכען איין יתומה. האָט ער געזאָגט איך שווער אַז זי איז פריהער פון מיין טאָכטער. האָט ער אוועק גיגעבען דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט געהאַט און ער האָט ביי זיך איבער געלאָזט איין גילדען האָט ער געקויפט פאַר דעם גילדען ווייץ און ער האָט דעם ווייץ אַריין געלייגט און שפייכלער פון ווייץ. ווען זיין ווייב איז אַריין געקומען אין שטוב אַריין האָט זי גיפרעגט איהר טאָכטער וואָס האָט דער פאָטער געבראַכט האָט די טאָכטער איהר גיענטפערט אַלעס וואָס ער האָט געקויפט האָט ער אַריין געלייגט אין שפייכלער פון ווייץ. איז זי געגאַנגען עפינען די טוהר פון שפייכלער זי זאָל זעהן וואָס דאָרט ליגט האָט זי גיזעהן אַז דער שפייכלער איז פיהל מיט ווייץ אַז מען האָט ניט גיקענט עפינען די טהיר איז די טאָכטער צו איהם באַלד צו געגאַנגען און בית המדרש אַריין און זי האָט צו איהם געזאָגט קום א היים וועסט די זעהן וואָס הקב״ה האָט דיר געטוהן. האָט ער איהר גיענטפערט איך שווער אַז זיי זענען הקדש פאַר דיר און די האָסט ניט פון דעם ווייץ נאָר גלייך ווי יעדער אָרימאַן פון די יודען:

איינמאָהל האָט איין יוד מזנה גיוועזען מיט איין גויה האָט איהם דער פאַר רבא געשלאָגען מלקות און ער איז צוליב די מלקות געשטאָרבען האָט מען דאָס דערציילט דעם קיסר איז דער קיסר בייז געוואָרען און האָט געוואָלט רבא שטראָפען האָט די מוטער פון קיסר געזאָגט צום קיסר מיין זוהן די זאָלסט ניט טשעפען מיט די יהודים ווייל וואָס זיי בעטען ביי הקב״ה טוהט ער זייער בקשה. האָט דער קיסר זי גיפרעגט וואָס טהוט זיי הקב״ה האָט זי איהם גיענטפערט יעדער צייט ווען זיי בעטען ביי הקב״ה אַז עס זאָל געהן רעגען געהט רעגען. האָט איהר דער קיסר געזאָגט וויסט די פאַר וואָס עס געהט רעגען. ניט פאַר זייער בעטין נאָר ווייל עס איז דאַמאָלסט די צייט פון רעגען אַפילו ווען זיי זאָלען ניט בעטען וואָלט אויך געגאַנגען רעגען זאָלען זיי יעצט בעטין אויף רעגען. עס איז יעצט תמוז און עס איז ניט קיין צייט פון רעגען וועלען מיר זעהן צו עס וועט זיין רעגען. וועל איך וויסען צו הקב״ה איז מיט זיי. און ווייל דעם קיסרס מוטער האָט ליעב געהאַט רבא האָט זי צו איהם געשיקט אַז ער זאָל מתפלל זיין אַז עס זאָל געהן רעגען. האט רבא מתפלל געוועזען און עס איז ניט געגאַנגען קיין רעגען. האָט רבא געזאָגט רבש״ע אונזערע עלטערען האָבען אינץ דערציילט אַז די האָסט געטוהן וויגדערליכע זאַכען פאַרצייטענס אָבער מיר זעהן גאָהר ניט איך בעט דיך רבש״ע וויז אונז יעצט דיינע וויגדערליכע זאַכען האָט אָהנגעהויבען צו געהן איין שטאַרקער רעגען און עס האָט אָנגעהויבען רינען וואַסער פון די רינעס ביז דאָס וואַסער האָט פערפלייצט די גאַסען. ביינאַכט איז זיין פאָטער געקומען צו איהם בחלום און ער האָט צו איהם געזאָגט ווי געפינט זיך היינט אַמענש אַז ער זאָל אזוי מטריח זיין דעם

בעֶשעפער אַזוֹי ווי די האָסט געטוהן און איך וואָרען דיך אַז די זאָלסט היינט ביינאַכט ניט שלאָפען אין דיין בעט. האָט רבא אַזוֹי געטוהן און דער פריה האָט רבא געזעהן ווי זיין בעט איז געוועזען איינגעשניטען מיט מעסערס וואָרים די שדים האָבען איהם געוואָלט הרגינען ווייל ער האָט גיבעטען רעגען נישט ווען מען דאַרף איהם האָבען:

דער הייליגער רבי ר' חנינא בן דוסא איז אַמאָהל געגאַנגען אין וועג האָט אָהנגעהויבען צו רעגינען האָט רבי חנינא בן דוסא געזאָגט רבש"ע די גאַנצע וועלט זיצט בנחת און איך בין בצער האָט דער רעגען אויף געהערט. ווען ער איז אהיים געקומען האָט ער געזאָגט רבש"ע די גאַנצע וועלט איז בצער ווייל זיי דאַרפען רעגען צו די פעלדער און איך בין בנחת ווייל איך זיץ אין שטיב אין דאַרף ניט קיין רעגען ווייל איך האָב ניט קיין פעלדער האָט אָהנגעהויבען צו רעגענען. ווייל און זיין זכות איז די גאַנצע וועלט געשפייזט געוואָרען. און דער צייט וואָס רבי חנינא בן דוסא האָט געלעבט איז יעדען טאָג אַרויס געגאַנגען איין בת קול פון הימעל די גאַנצע וועלט ווערט געשפייזט אין דעם זכות פון מיין זוהן חנינא און מיין זוהן חנינא לאָזט זיך בעגינגען מיט אַטאָפּ באָקסער פון איין ערב שבת ביז דעם צווייטען ערב שבת:

דאָס ווייב פון הייליגען תנא רבי חנינא בן דוסא פלעגט יעדען ערב שבת הייצען דעם אויוון כדי די שכנים זאָלען מיינען אַז זי באַקט לכבוד שבת ווייל זי האָט זיך גישעהמט אַז מען זאָל וויסען אַז זי האָט ניט וואָס צו באַקען אויף שבת. איז געוועזען אַ שכנה וואָס זי האָט געוויסט אַז זי האָט ניט וואָס צו באַקען האָט זי געזאָגט איך וועל אַריין געהן זעהן וואָס דער רויך איז. ווי די שכנה האָט אָהנגעקלאַפּט און דער טהיר האָט זיך דאָס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא פערשעהמט פאַר דער שכנה איז זי אַריין געגאַנגען און דער צווייטער שטיב אַריין איז געשעהן איין נס אַז דער אויוון איז געוואָרען פיהל מיט ברויט און אין איין מילטער איז געוואָרען פיהל מיט טייג. האָט די שכנה צו איהר געזאָגט ברענג אַריין די לאָפּאַטע און נעם אַרויס דאָס ברויט פון אויוון עס זאָל ניט פערברענט. ווערען האָט דאָס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא איהר גיענטפערט דורך דעם בין איך אַריין געגאַנגען אין צווייטען חדר אַריין כדי איך זאָל אַריין נעמען די לאָפּאַטע איך זאָל אַרויסנעמען דאָס ברויט פון אויוון. נאָך דעם האָט דאָס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא געזאָגט צו רבי חנינא ווי לאַנג וועלען מיר ליידען דחקות האָט ער צו איהר געזאָגט וואָס זאָל איך טוהן. האָט זי איהם געזאָגט בעט רחמים אַז ער זאָל אינץ געבען פון דער גוטס וואָס עס איז אָהנגעברייט פאַר די צדיקים לעתיד לבוא. האָט ער גיבעטען רחמים איז אַראָב געקומען איין האַנד פון הימעל און זי האָט איהם גיגעבען איין גאָלדינעם פיס פון איין טיש. האָט דאָס ווייב געזעהן בחלום אַז אַלע צדיקים וועלען זיצען לעתיד ביי גאָלדינע טישליך פון דריי פיס און זיי וועלען זיצען ביי איין טישעל פון צוויי פיס האָט זי איהם דאָס דערציילט האָט ער צו איהר געזאָגט איז דען דיר ניחא אַז אַלע צדיקים זאָלען זיצען ביי טישלעך פון דריי פיס און מיר פון צוויי פיס האָט זי צו איהם געזאָגט בעט רחמים אַז מען זאָל דיר צוריק נעמען האָט ער גיבעטין רחמים און מען האָט דעם פיס צוריק גענומען און דאָס צו נעמין צוריק

דעם

דעם פיס איז אגרעסער נס ווי דאס געבען דעם פיס ווייל דאס איז א ידיעה אז פון הימעל גיט מען. אבער צוריק נעמט מען ניט. נאר ווייל ער האט מתפלל געווען האט מען ביי איהם צוריק גענומען:

דער הייליגער תנא רבי חנינא בן דוסא האט געזעהן ערב שבת פארנאכט ווי זיין טאכטער איז טרויעריג האט ער זי גיפרעגט וואס זי איז טרויעריג האט זי איהם גיענטפערט אז זי האט געוואלט אריין גיסען אין לאמפ אריין בוימאייל האט זי פערביטען אין אריין געגאסען עסיג וועט זיך דאס לעמפעל ניט ברענען. האט ער איהר געזאגט זיי ניט טרויעריג דער וואס ער האט געזאגט אז בוימאייל זאל זיך ברענען. דער וועט זאגען אז עסיג זאל זיך ברענען אין דאס לעמפעל האט זיך גיברענט איין גאנצען שבת אין מען האט פון דעם אהנגעצינדען מוצאי שבת דאס ליכט פון די הבדלה:

דער הייליגער תנא רבי חנינא בן דוסא האט געהאט ציגען זענען מענשען צו איהם געקומען אין זיי האבען איהם געזאגט אז זיינע ציגען עסען די תבואות פון פרעמדע פעלדער. האט רבי חנינא בן דוסא געזאגט אויב מיינע ציגען עסען די תבואה פון פרעמדע פעלדער זאלען די בערען מיט די וועלף פון די פעלדער זיי אויף עסען אין אויב זיי עסען ניט קיין תבואה פון פרעמדע פעלדער זאל יעדער ציג ברענגען פאר- נאכט ווען זיי וועלען אהיים קומען איין בער אויף איהרע הערנער. פארנאכט ווען זיי זענען אהיים געקומען האט יעדער ציג געהאט אויף איהרע הערנער איין בער. די ציגען זענען ניט געוועזען זיין ער איז געוועזען אגרויסער ארימאן נאר איינמאהל איז אמענטש דורך געגאנגען דורך דעם הויז ווי רבי חנינא בן דוסא האט געוואהנט אין ער האט דארט געלאזט ליגען הינער. אין ער האט זיי פערגעסען צו נעמען. האט דאס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא זיי אריין גענומען אין שטיב אריין אין די דאזיקע הינער האבען געלייגט אייער. אין פון די אייער איז אזוי וויטער געבארען געווארען הינער ביז עס איז געוועזען אזוי פיהל אז עס ניט מעגליך געוועזען זיי צו האלטען. האט ער זיי פערקויפט אין ער האט געקויפט פאר דעם געלד ציגען. איינמאהל איז דער מענטש וואס ער האט דא פערגעסען די הינער אדורך געגאנגען דורך דעם הויז ווי רבי חנינא בן דוסא האט געוואהנט האט ער געזאגט צו זיין חבר אויף דעם ארט האב איך איבער געלאזט הינער. האט רבי חנינא בן דוסא דאס געהערט האט ער איהם גיפרעגט האסט איין סימן אין די הינער האט ער איהם געזאגט די סימנים. האט רבי חנינא בן דוסא איהם אבגעגעבען די ציגען אין דאס זענען געוועזען די ציגען וואס זיי האבען געבראכט אויף זיירע הערנער:

דער הייליגער תנא רבי אליעזר בן פדת איז געוועזען איין גרויסער ארימאן. איינמאהל האט ער זיך געהאקט אדער. אין נאך דעם דארף מען עסען גיטע מאכלים אין ווייל ער איז געוועזען איין גרויסער ארימאן. האט ער ניט געהאט פאר וואס זיך צו קויפען עפיס צו עסען האט ער גיגעסען איין בלעטעל פון קנאבעל אין ער איז פערחלשט געווארען. זענען די רבנים צו איהם געקומען מבקר חולה זיינען האבען זיי גע- זעהן ווי ער האט געוויינט אין געלאכט אין פון זיין נאז איז ארויס געגאנגען איין

פינק

פינק פײער ווען ער האָט זיך אויף געוועקט האָבען זײ איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָט ער געווײנט און געלאַכט. האָט ער זײ גיענטפערט אַז הקב״ה איז בײ מיר גיזעסען האָב איך איהם גיפרעגט רבש״ע ווי לאַנג וועל איך אַזוי זײן בצער אויף דער וועלט. האָט מיר הקב״ה גיענטפערט מײן קינד די ווילסט אַז איך זאָל חרוב מאַכען די וועלט אין איך זאָל זי צוריק בעשאַפען אפשר וועסט די געבוירען ווערען אינטער איין מזל פון פרנסה. האָב איך געזאָגט דאָס אַלעס ווילסט די טוהן פאַר מיינעט וועגען אין נאָך דעם אַלעמען בין איך הערשט אין איין ספק צו איך וועל געבאָרען ווערען אין איין מזל פון פרנסה. האָב איך ווײטער געפרעגט הקב״ה רבש״ע וויפיהל יאָהרען וועל איך נאָך לעבען צו די יאָהרען וואָס איך וועל לעבען ווערען זײן מעהר צו די יאָהרען וואָס איך האָב שוין אָב געלעבט זענען מעהר האָט מיר הקב״ה גענטפערט די יאָהרען וואָס איך דאַרף לעבען זענען ווײניג אין צוליעב דעם האָב איך געווײנט. האָב איך געזאָגט צו הקב״ה אַז איך האָב שוין ניט אַזוי פיהל צו לעבען ווי פיהל איך האָב געלעבט וויל איך ניט אַז די זאָלסט חרוב מאַכען די וועלט אין זאָלסט זי צוריק בעשאַפען. האָט מיר הקב״ה געזאָגט פאַר דעם וואָס די האָסט געזאָגט אַז די ווילסט ניט אַז איך זאָל צוליעב דיר חרוב מאַכען די וועלט וועל איך דיר געבען בעולם הבא דרײצען טייכען מיט בוימאײל וואָס ער הייסט אַפרסמון די זאָלסט דיך אין דעם בוימאײל וואַשען אין צוליעב דעם האָב איך געלאַכט. האָב איך געזאָגט צו הקב״ה מעהר וועסט די מיר ניט געבען האָט מיר הקב״ה גיענטפערט דיינע חברים וואָס וועל איך געבען. האָב איך גיענטפערט ווען איך זאָל בעטען בײ איין מענש וואָס ער האָט ניט מעהר צו געבען וואָלט רעכט געוועזען איך בעט דאָך פון הקב״ה וואָס די קענסט מיר געבען פיהל גוטעס אין מיינע חברים אויך. האָט הקב״ה מיר געגעבען איין קלאַפּ מיט דעם פינגער אויף מײן שטערען פאַרליעבשאַפט אין ער האָט מיר געזאָגט מײן זוהן אלעזר איך האָב דיר געשלאָגען מיט מײן פינגער דאָס איז געוועזען די פינק פײער וואָס אַרויס געגאַנגען פון מײן נאָז :

**אין** דער צײט ווען טורנוסרופס הרשע האָט חרוב געמאַכט דאָס היכל איז גוזר געוואָרען אַגזרה אויף רבן גמליאל אַז מען זאָל איהם הרגענען איז געקומען איין שר אין בית המדרש אַרײן אין ער האָט געזאָגט איך ברויך דעם גדול הדור. ווי רבן גמליאל האָט דאָס גיהערט האָט ער זיך בעהאַלטען איז דער שר געגאַנגען בצנעה צו רבן גמליאל אין ער האָט צו איהם געזאָגט אויב איך וועל דיך מציל זײן פון טוידט וועסט די מיך ברענגען לחיי העולם הבא האָט איהם רבן. גמליאל גיענטפערט יאָ האָט צו איהם דער שר געזאָגט שווער מיר צו. האָט רבן גמליאל צו געשוואָרען איז דער שר אַרויף געגאַנגען אויף דעם בוידעם אין ער האָט זיך אַראָבגעוואָרפען אין ער איז געשטאָרבען אין די גזירה איז בטל געוואָרען. ווײל אַז איינער פון די שרים וואָס זײ זענען געוועזען בײ דער גזירה איז געשטאָרבען האָבען זײ גירעכענט אַז צוליעב דער שלעכטער גזירה איז ער געשטאָרבען איבער דעם האָבען זײ די גזירה מבטל געיועזען אין דער שר איז געוועזען איינער פון די שרים וואָס זײ זענען געוועזען ביי דער גזירה. איז אַרויס געגאַנגען איין בת קול פון הימעל. אין זי האָט געזאָגט דער שר איז מזומן לחיי העולם הבא :

**דער** הײליגער תנא רבא איז שלאָף געוועזען איז ביי איהם

געזעסען זיין ברודער רב שעורים און רבא האט געהאלטען ביי גסיסה האט רבא געזאגט צו זיין ברודער רב שעורים אז ער זאל זאגען דעם מלאך המות אז ער זאל איהם ניט שטארק מצער זיין. האט איהם רב שעורים גיענפערט דער מלאך המות איז דאך שטענדיג געוואהנט צו קומען צו אונז און די קענסט דאך איהם קענסט די דאך איהם אליין זאגען האט איהם רבא גיענטפערט וויל מיין מזל איז שוין קאליע געווארען ווייל איך בין איין גוסס וועט דער מלאך המות מיך ניט פאלגען אזוי איך וועל איהם זאגען. האט רב שעורים געזאגט צו רבא איך וועל איהם בעטען אז ער זאל דיך ניט מצער זיין נאר איך וועל דיך בעטין אז נאך דיין פטירה זאלסט די מיר קומען זאגען וואס דער מלאך המות האט דיר געטוהן. ווען רבא איז נפטר געווארען האט ער זיך בעוויזען צו רב שעורים האט איהם רב שעורים גיפרעגט צו ער האט געהאט צער פון מלאך המות האט איהם רבא גיענטפערט איך האב געהאט צער אזוי ווי איינער האקט זיך אדער אין ער ליידט אביסעל יסורים:

**רבא** איז געזעסין ביי רב נחמן ווען ער האט געהאלטען ביי גסיסה האט רב נחמן געזאגט צו רבא אז ער זאל זאגען דעם מלאך המות אז ער זאל איהם ניט מצער זיין האט איהם רבא גיפרעגט די ביסט דען ניט איין גרעסערער מאן פון מיר קענסט די דאך איהם אליין זאגען האט איהם רב נחמן גיענטפערט ווער הייסט דען ביי איהם איין אדם חשוב פאר ועמען האט דען דער מלאך המות מורא האט רבא געזאגט צו רב נחמן איך וועל איהם זאגען אז ער זאל דיך ניט מצער זיין נאר איך בעט דיך אז די זאלסט מודיעה זיין נאך דיין פטירה ווי אזוי ער איז זיך מיט דיר בעגאנגען. נאך דער פטירה האט זיך רב נחמן צו איהם בעוויזען האט איהם רבא גיפרעגט צו ער האט עפיס געהאט צער פון מלאך המות האט ער איהם גיענטפערט איך האב? אזוי געשפיערט אזוי ווי מען נעמט ארויס איין האר פון דער מילעך איך האב גאר ניט געהאט קיין צער און ווען מען זאל מיך הייסען נאך אמאהל אראב געהן אויף דער וועלט וואלט איך ניט געוואלט ווייל איך האב מורא פאר דעם מלאך המות האטשע איך האב פריהער ניט געהאט קיין צער:

**אחר** (אלישע) וואס ער איז געוועזען דעם תנא ר' מאיר'ס איין רבי נאר ער איז ארויס געגאנגען לתרבות רעה איז אמאהל גערישען אויף א פערד אין שבת און רבי מאיר איז נאך איהם נאך געגאנגען און ער האט ביי איהם גילערענט תורה האט צו איהם אחר געזאגט מאיר געה צוריק ווייל איך האב משער געוועזען אין די טריט פון מיין פערד אז ביז אהער איז איין תחום שבת. האט רבי מאיר צו איהם געזאגט קום די אויך צוריק. האט ער איהם גיענטפערט איך האב דאך שוין דיר געזאגט אז איך האב גיהערט איין קול מהוט תשובה איהר ווילדע קינדער. אחוץ אחר איהם וועט ניט העלפען קיין תשובה. האט רבי מאיר אנגענומען צו אחר און ער האט איהם אריין געפיהרט אין בית המדרש אריין און ער האט געזאגט צו איין יונגעל. זאג מיר דיין פסוק וואס די האסט היינט גילערענט האט איהם דאס יונגעל גיענטפערט אין שלום אמר ד' לרשעים צו די רשעים וועט ניט זיין איין שלום. האט ער איהם אריין געפיהרט אין דרייצען בתי מדרשים אריין און ער האט גיפרעגט די קינדער די פסוקים וואס זיי האבען גילערינט און זיי האבין איהם אלע באלד גיענטפערט

ניט קיין גוטע פסוקים. דאָס לעצטע יונגעל האָט איהם געזאָגט דעם פסוק ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי און צו דעם רשע זאָגט הקב"ה צו וואָס זאָלסט די שמיסען מיינע חוקים. דאָס יונגעל האָט ניט גיקענט שארף רעדען בשעת ער האָט געזאָגט דאָס על רשע האָט זיך געדאכט אַז ער זאָגט ולאלישע איז ער געוואָרען און כעס און ער האָט אַרויס גענומען איין מעסער און ער האָט איהם צו שניטען אויף דרייצען שטיקער און ער האָט דיא שטיקער צו שיקט און די דרייצען בתי מדרשים אַריין. זינט אחר האָט גיהערט דאָס קול פון הימעל אַז יעדען איינציגען וועט העלפין תשובה נאָר איהם ניט האָט ער געזאָגט ווייל איך האָב שוין ניט קיין האָפפיניג אַז איך זאָל האָבין עולם הבא ווייל איך האָטש איין הנאה האָבין פון דער וועלט און ער איז אַרויס געגאַנגען לתרבות רעה. האָט ער געטראָפען אַ זונה אין שבת האָט ער געוואָלט מיט איהר מזנה זיין. האָט זי איהם גיפרעגט ביסט די דען ניט אלישע בן אבויה צום סוף ווילסט די טוהן איין עבירה. האָט ער אויסגעריסען אין שבת איין רעטאך פון פעלד און ער האָט איהר גיגעבען. האָט זי געזאָגט אַז ער רייסט אוים איין רעטאך אין שבת איז אַ סימן אַז ער איז ניט אלישע נאָר איין צווייטער און דאָרך דעם האָט מען איהם גערופען אחר. אחר איז טייטש איין צווייטער. ווען ער איז געשטאָרבען האָט מען אין הימעל געזאָגט שטראָפען קען מען איהם ניט ווייל ער האָט גילערענט תורה אין עולם הבא קען מען איהם אויף נישט געבען ווייל ער האָט געזינדיגט האָט רבי מאיר געזאָגט עס וואָלט גלייכער געוועזען אַז מען זאָל איהם שטראָפען כדי ער זאָל האָבען עולם הבא און ער האָט געזאָגט ווען איך וועל שטאַרבין. וועל איך אויף ברענגען איין רויך פון זיין קבר דאָס וועט זיין אַ סימן אַז מען שטראָפט איהם. ווען רבי מאיר איז נפטר געוואָרען איז אויף געגאַנגען איין רויך פון קבר פון אחר האָט רבי יוחנן געזאָגט דאָס איז איין גרויסקייט צו פערברענען זיין רבין. איין מענש איז געוועזען צווישען אונז און מיר זאָלען איהם קענען ברענגען לעולם הבא ווען איך זאָל איהם האַלטין ביי דער האַנד און איך זאָל איהם פיה-רען לעולם הבא ווער וועט איהם ביי מיר אַרויס נעמען און ער האָט געזאָגט ווען איך וועל שטאַרבין וועל איך פערלעשין דעם רויך פון זיין קבר ווען רבי יוחנן איז נפטר געוואָרען האָט דער רויך אויף גיהערט :

די טאָכטער פון אחר איז געקומען צו רבי בעטען אַז ער זאָל איהר געבען עסין ווייל זי איז געוועזען אָרים האָט זי רבי גיפרעגט ווער זי איז האָט זי איהם גיענטפערט איך בין די טאָכטער פון אחר. האָט רבי זיך געווינדערט און ער האָט געזאָגט עס געפינט זיך נאָך פון זיינע קינדער אויף דער וועלט. האָט זי צו איהם געזאָגט רבי גידענק אין זיין תורה און זאָלסט ניט גיט גידענקען אין זיינע מעשים. איז אַראָב געקומען איין פייער פון הימעל און עס האָט אָבגיברענט די שטיהל פון רבי. האָט רבי געזאָגט אַז די וואָס זעבען פערמיעסט געוואָרען ביי דער תורה איז די תורה אויף זיי אַזוי מגין ווי אַזוי וועט נאָך די תורה מגין זיין אויף די וואָס זענען בעשיינט מיט דער תורה :

ווען אחר איז געבאָרען געוואָרען אין דעם טאג פון ברית האָט זיין פאָטער געמאכט אַ סעודה ער איז געוועזען פון די גרויסע לייט פון ירושלים אין ער האָט גערופען צו אלע גרויסע לייט פון ירושלים

ירושלים אין ער האט זיי גיזעצט אין איין שטוב אין ר׳ אליעזר אין ר׳ יהושע זענען גיזעסען אין איין צווייטע שטיב נאך דעם ווי זיי האבען אב געגעסען אין אב געטרינקען האבען זיי אהנגע-הויבען צו טאנצען. האבען ר׳ אלעזר אין ר׳ יהושע געזאגט אין דער צייט ווען זיי זענען עוסק אין זייערס זאלען מיר עוסק זיין אין אונזערס. אין זיי האבען עוסק געוועזען אין דברי תורה. איז אראב געקומען איין פייער פון הימעל אין עס האט זיי ארום גערינגעלט האט אבויה צו זיי געזאגט איהר זענט געקומען פערברענען מיין הויז. האבען זיי איהם גיענטפערט חס ושלום מיר ווילען דיר גאר ניט טוהן נאר מיר האבען גילערענט תורה מיט אזא התלהבות גלייך ווי זיי זענען געגעבען געווארען אויף דעם בארג סיני וואס אויף דעם בארג סיני איז די תורה געגעבען געווארען מיט פייער איבער דעם איז דא אויף אראב געקומען איין פייער. האט אבויה געזאגט וייל דער כח פון דער תורה איז אזוי גרויס אויב מיין קינד וועט לעבען וועל איך איהם פורש זיין צו דער תורה. אין וייל זיין כוונה איז ניט געוועזען לשם שמים ער האט ניט געמיינט די תורה נאר דאס גרויסקייט וואס עס קומט דורך דער תורה איבער דעם איז אחר ניט געוועזען קיין צדיק:

**אלישע** (אחר) איז א מאהל געגאנגען אין וועג האט ער געזעהן ווי א מענש האט געטראפען אויף דעם וועג איין נעסט פון פייגעל האט ער אוועק געשיקט די מוטער פון די פייגעל אין די יונגע פייגעל האט ער צו גענומען אזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה. אין אזוי ווי דער מענש איז אהיים געקומען איז ער געשטארבען. האט אחר געזאגט עס שטייט אין דער תורה אויב די וועסט אוועק שיקען די מוטער אין די קינדער וועסט די דיר נעמען וועט דיר זיין גוט אין די וועסט לאנג לעבען. האט אחר געזאגט דאס איז דאס גוט-קייט אין דאס לאנגע לעבען וואס דעם מענטש קומט צום סוף איז ער באלד געשטארבען. אין ער האט ניט געוואלט גלייבען וואס אונזערע חכמים דרשנען עס וועט דיר זיין גוט אויף דער וועלט וואס זי איז בלויז גוט. אין די וועסט לאנג לעבען אויף דער וועלט וואס זי איז לאנג אויף אייוויג. דאס מיינט מען עולם הבא. אין צוליעב דעם איז ער ארויס געגאנגען לתרבות רעה:

**דער** תנא ר׳ עקיבא איז געוועזען איין פאסטאך בייא כלבא שבוע האט די טאכטער פון כלבא שבוע געזעהן אז ר׳ עקיבא איז אפרומער אין איין גוט הערציגער. האט זי געזאגט צו ר׳ עקיבא אויב איך וועל צו דיר חתונה האבען וועסט די געהן אין א ישיבה אריין לערנען האט ער איהר גיענטפערט יא. האט זי מיט איהם חתונה געהאט אין זי האט איהם אוועק געשיקט אין א ישיבה אריין לערנען תורה. ווי כלבא שבוע האט דאס דערהערט האט ער זי ארויס געטריבען פון שטיב אין ער האט זי מדיר הנאה געוועזען אז זי זאל פון איהם גאר ניט קיין הנאה האבען. אין ר׳ עקיבא איז געזעסען צוועלף יאהר אין דער ישיבה אין האט געלערענט תורה. נאך צוועלף יאהר איז ער אהיים געקומען אין ער האט מיט זיך מיט-געבראכט צוועלף טויזענד תלמידים האט ר׳ עקיבא גיהערט ווי איין אלטער מאן האט געזאגט צו זיין ווייב ווי לאנג וועסט די זיין אזוי ווי א לעבדיגע אלמנה. האט זי איהם גיענטפערט ווען מיין מאן זאל מיך וועלען פאלגען וואלט ער נאך

גיזעסען

גיזעסען אין דער ישיבה. האָט ר׳ עקיבא געזאָגט אַז זי גיט מיר רשות וועל איך צוריק געהן אין וועל זיצען אין דער ישיבה נאָך צוועלף יאָהר. אין ער איז ניט אריין געגאַנגען אין שטיב אַריין נאָר ער איז גלייך צוריק געגאַנגען אין דער ישיבה אַריין אין ער איז דאָרט געזעסען נאָך צוועלף יאָהר אין ער איז אַהיים געקומען מיט פיהר אין צוואָנציג טויזענד תלמידים. ווי די דאָס ווייב האָט דערהערט אַז ער קומט איז זי איהם אַקעגען געגאַנגען האָבען איהר די שכנות געזאָגט אַז זי זאל זיך לייען שעהנע מלבושים אין אָהנטוהן. האָט זי גיענטפערט אַז ער ווייסט אַז איך האָב ניט קיין שעהנע מלבושים איבער דעם דארף איך מיר ניט לייען קיין שעהנע מלבושים. ווען זי איז צו איהם צו געגאַנגען איז זי אויף איהם אַרויף געפאַלען אין זי האָט איהם געקושט די פיס האָבען די תלמידים זי געוואָלט אַוועק שטויסען האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו די תלמידים לאָזט זי אָב מיין תורה אין אייער תורה איז אַלעס דאָך איהר ווייל זי האָט מיך געראַטען איך זאָל געהן אין דער ישיבה אריין:

ווי כלבא שבוע האָט גיהערט אַז עס איז געקומען איין גרויסער מאַן אין שטאָדט אַריין ער האָט ניט געוויסט אַז דאָס איז זיין איידים ר׳ עקיבא האָט ער געזאָגט איך וועל צו איהם געהן אפשר וועט ער מיר מתיר נדר זיין אַז מיין טאָכטער זאָל מעגען פון מיר אַהנאה האָבען. אין ער איז צו איהם געגאַנגען האָט צו איהם ר׳ עקיבא געזאָגט ווען די זאָלסט געוועזען וויסען אַז די וועסט האָבען איין איידים אַתלמוד חכם וואָלסט די דיין טאָכטער געוועזען מדיר הנאה געוועזען האָט איהם כלבא שבוע גיענטפערט אז איך זאָל געוועזען וויסען אַז מיין איידי וועט זיין אַ תלמוד חכם וואָלט אי אויף געוויס די טאָכטער ניט מדיר הנאה געוועזען. האָט איהם ר׳ עקיבא געזאָגט איך בין דיין איידים. איז ער איהם געפאַלען אויף זיין פנים אין ער האָט איהם געקושט זיינע פיס אין ער האָט איהם אַוועק געגעבען איין האַלב פערמעגען:

דער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי איז אַמאָהל געריטען אויף אַאייזיל און ער איז אַרויס געריטען פון דער שטאָדט ירושלים און די תלמידים זענען נאָך איהם נאָך געגאַנגען האָט ער געזעהן ווי אַ אשה האָט געקליבען גערשטין צווישען די פיס פון די פערד. ווי די אשה האָט איהם דערזעהן איז זי צו איהם צו געגאַנגען אין זי האָט צו איהם געזאָגט רבי שפייז מיך. האָט ער זי גיפרעגט ווער ביסט די. האָט זי איהם גיענטפערט איך בין די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון. האָט ער זי גיפרעגט ווי איז אַהין געקומען דאָס געלד פון דיין פאָטער האָט האָט זי איהם גיענפערט מען זאָגט דען ניט אַ משל אין ירושלים דער וואָס ער וויל אַז זיין געלד זאָל האָבין אַ קיום זאָל ער טוהן מיט דעם געלד צדקה אין זכות פון דער צדקה וועט זיין געלד האָבין אַ קיום. אָבער מיין פאָטער האָט ניט געגעבין קיין צדקה אַזוי ווי ער האָט בעדאָרפען. האָט ער זי גיפרעגט ווי איז אַהין געקומען דיין שווערס געלד. האָט זי איהם גיענטפערט מיין פאָטערס געלד האָט פערלענד דעם שווערס געלד האָט זי איהם גיפרעגט רבי איהר גידענקט ווען איהר האָט אייך געחתמט אויף מיין כתובה האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו זיינע תלמידים איך גידענק ווען איך האָב זיך געחתמט אויף איהר כתובה און איך האָב געליינט די כתובה איז געשטאַנען אי־

דער כתובה א מיליאן רענדליך וואס דער פאטער האט איהר געגעבען אויסער וואס דער שווער האט איהר צו געגעבין. האט ר' יוחנן בן זכאי געוויינט און ער האט געזאגט וואהל איז אייך יודען ווען איהר טוהט נים דעם רצון פון הקב"ה איז ער זיי מוסר צו איין אומה שפלה ניט נאר אין דער האנד פון דער אומה שפלה נאר אונטער די בהמות פון איין אומה שפלה:

איינמאהל איז געקומען א ארימאן צו רבא האט איהם רבא גיפרעגט וואס ער איז געוואהנט צו עסען האט ער איהם גיענטפערט אז ער איז געוואהנט צו עסען איין געשטאפטע הין און צו טרינקען אלטען וויין. האט איהם רבא גיפרעגט איז ביי דיר ניט טייער מענשענס געלד. האט איהם דער ארימאן גיענטפערט איך עס דען זייערס איך עס וואס הקב"ה גיט מיר אזוי ווי עס שטייט אין פסוק „ואתה נותן להם את אכלם בעתו" די גיסט זיי זייער עסען אין דער צייט פון דעם פסוק לערענט מען אז הקב"ה גיט יעדער מענש זיין פרנסה אין דער צייט. גיט דאך הקב"ה דעם ציבור פון מייניט וועגין. אזוי ווי רבא האט מיט איהם גירעדט איז צו איהם געקומען זיינע א שוועסטער וואס ער האט זיך שוין מיט איהר ניט געזעהן דרייצין יאהר. און זי האט איהם געבראכט איין געשטאפטע הין און אלטען וויין. האט רבא געזאגט אז די שוועסטער האט מיר דאס געבראכט איז א סימן אז דער ארימאן איז גירעכט. האט רבא געזאגט צום ארימאן איך האב אקעגען דיר גירעדט נים קיין ריכטיגע רייד. איך בעט דיך אז די זאלסט מיר מוחל זיין. און ער האט איהם געבעטין אז ער זאל עסין די געשטאפטע הין און טרינקען דעם אלטען וויין וואס די שוועסטער האט איהם געבראכט:

דער תנא ר' עוקבא האט געהאט א שכן א ארימאן יעדען טאג פלעגט ער איהם אריין לייגען אין דעם לאך פון דער שוועל פיער גילדען. און דער ארימאן האט ניט געוויסט ווער. איינמאהל האט דער ארימאן געזאגט איך וועל זעהן ווער עס לייגט אריין דאס געלד. און פונקט דעם טאג וואס דער ארימאן האט אכטונג געגעבען ווער עס וועט איהם אריין לייגען דאס געלד. האט זיך מר עוקבא פערזוימט אין בית המדרש איז זיין ווייב נאך איהם געגאנגען אין זיי זענען ביידע א היים געגאנגען ווי זיי זענען געקומען לעבען דער שטוב פון ארימאן. האט זיך מר עוקבא מיט זיין ווייב צו געבויגען צו דער טהיר און זיי האבען אריין געלייגט די פיער גולדען. ווי דער ארימאן האט געזעהן אז זיי האבען זיך איין געבויגען אין אריין געלייגט דאס געלד אין דעם לאך פון דער טהיר. איז דער ארימאן נאך זיי נאך געגאנגען כדי ער זאל זעהן ווער זיי זענען. זענען זיי אנטלאפען אין זיי האבען זיך בעהאלטען אין איין אויווען וואס איז געווען אויסגעשארט מען זאל אין איהם אריין זעצין ברויט. האט מר עוקבא זיך אבעגעברוהט די פוס. האט זיין ווייב צו איהם געזאגט לייג ארויף דיינע פוס אויף מיינע פוס וועט דיר ניט זיין הייס. האט מר עוקבא געהאט חולשת הדעת וויל ער האט געזעהן אז זיין ווייב איז מעהר צדיקת פון איהם. האט זי צו איהם געזאגט דורך דעם איז מיין זכות גרעסער וויל איך בין שטענדיג אין שטוב און אז עס קומט אריין א ארימאן גיב איך איהם באלד צו עסין און ער האט תיכף א הנאה. ער דארף זיך נים מטריח זיין צו געהן קויפען. אבער די אז די ווילסט

עפּיס געבּען אַ אָרימאַן גיסט די איהם געלד דאַרף ער זיך הערשט מטריח זיין און הערשט קויפען פאר דעם געלד עסין האָט ער ניט תיכף קיין הנאה. איבער דעם איז מיין זכות גרעסער. און דאָס וואָס זיי האָבען זיך בעהאַלטען פאַר דעם אָרימאַן ווייל זיי האָבען איהם ניט געוואָלט מבייש זיין. ווייל עס איז גלייכער אז מען זאָל זיך אריין וואַרפען אין איין קאַלטען אויווען אריין איידער מען זאָל יעמעם מבייש זיין אזוי ווי מיר געפונען ביי תמר זי איז געוועזען גרייט אז מען זאָל זי פער-ברענען איידער זי זאָל יהודה מבייש זיין. און זי האָט ניט געוואָלט אויס-זאָגען פון וועמען זי איז מעוברת:

מר עוקבא האָט געהאַט איין שכן אַ אָרימאַן וואס ער האט איהם געשיקט יעדען ערב יום הכפורים פיער הונדערט גולדען. איינמאָהל האט ער איהם געשיקט די פיער הונדערט גולדען מיט זיין זוהן איז זיין זוהן צוריק געקומען און ער האט געזאָגט אז דער אָרימאַן דאַרף שוין ניט קיין געלד. האט ער איהם גיפרעגט וואס האָסט די ביי דעם אָרימאַן געזעהן האט ער איהם גיענטפּערט איך האב געזעהן אז מען האט אויף געשפּריצט די שטוב מיט אלטען וויין. האט מר עוקבא צו איהם געזאָגט דאס איז אַ בעוויין אז ער איז איין מפונק איבער דעם דאַרף מען איהם שיקען טאָפּעל און פון דאַמאָלסט אָהן האט ער איהם געשיקט יעדען ערב יום הכפורים אכט הונדערט גולדען. ווען מר עוקבא האָט געהאַלטען ביי שטאַרבען האָט ער זיך געהייסען געבּען דעם בוך וואס עס איז געוועזען פער-שריבען די אַלע צדקות וואס ער האט בעגעבען. האט מען איהם געגעבען דעם בוך האט ער בערעכענט אז ער האט צו טהיילט זיבען טויזענד רענדלעך. האט ער געזאגט איך האָב זיך ווינציג שפּייז אָהנגעגרייט און וועג אַריין אין דער וועג איז זייער ווייט. האט ער צו טיילט אַ העלפט פון זיין פערמעגען צו אָרימע לייט

דער תנא ר׳ יהושע בן לוי ווען עס איז געקומען זיין צייט אז ער זאָל אוועק געהן פון דער וועלט האָט מען אויף דעם הימעל געזאָגט צום מלאך המות געה צו ר׳ יהושע בן לוי נאָר איידער די וועסט איהם צו נעמען די נשמה זאָלסט דו איהם צוליעב טוהן וואָס ער וועט פערלאַנגען. האָט זיך דער מלאך המות צו איהם בעוויזען האָט צו איהם ר׳ יהושע געזאָגט איך וויל אז די זאָלסט מיר ווייזען מיין אָרט אין גן עדן. האָט איהם דער מלאך המות געזאָגט איך וועל דיר ווייזען. האָט ר׳ יהושע צו איהם געזאָגט גיב מיר דיין מעסער די זאָלסט מיך אויף דעם וועג ניט דערשרעקען. האָט ער איהם געגעבען דאָס מעסער. ווען ער איז צו געקומען צום גן עדן האָט איהם דער מלאך המות אויף געהויבען און ער האָט איהם געוויזען זיין אָרט איז ר׳ יהושע אריין געשפּרינגען אַלעבעדיגער אין גן עדן אריין. האָט איהם דער מלאך המות אָהנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע און ער האָט איהם געוואָלט צוריק אַרויס נעמען. האָט ר׳ יהושע בן לוי געשוואָרען אז ער וועט שוין פון דאָרט ניט אַרויס געהן איז דער מלאך המות געגאַנגען צו הקב״ה און ער האָט איהם דאָס דערציילט האָט הקב״ה געזאָגט אויב ער האָט אמאָהל געשוואָרען און ער האָט זיך די שבועה מתיר גיוועזען וועלען מיר איהם די שבועה אויך מתיר זיין און אויב ער האָט זיך נאָך קיינמאָהל ניט מתיר געוועזען קיין שבועה וועלען מיר איהם די שבועה

שבועה אויך ניט מתיר זיין. האט מען אכטונג געגעבין און מען האט געזעהן אז ער האט זיך נאך קיינמאהל ניט מתיר געוועזען קיין שבועה און ער איז פערבליבען אין גן עדן. האט דער מלאך המות זיך געהייסען אב געבען דאס מעסער. האט ער עס איהם ניט געוואלט אבגעבען איז ארויס איין בת קול פון הימעל און עס האט געזאגט צו ר׳ יהושע בן לוי גיב איהם אב דאס מעסער ווייל ער דארף עס האבען פאר אנדערע מענשען וועגען. האט ער עס איהם אב געגעבען. האט אליהו אויסגערופען ריינינגט אויס איין ארט פאר בן לוי. און ער געגאנגען אין גן עדן און ער האט געטראפען ווי ר׳ שמעון בן יוחאי איז געזעסען אויף דרייצען שטוהלען פון גין גאלד. האט איהם ר׳ שמעון בן יוחאי גיפרעגט די ביסט בן לוי. האט ער איהם גיענטפערט יא. האט ער איהם גיפרעגט עס האט זיך בעוויזען אין דיינע צייטען איין רעגען בויגען. האט ער איהם גיענטפערט אז יא. האט ער איהם גיענטפערט אויב אז עס איז אין דיינע צייטען געוועזען איין רעגען בויגען ביסט די ניט בן לוי און די ביסט ניט ראוי צו דעם כרוז וואס איך האב גיהערט און באמת יאיז אין די צייטען פון ר׳ יהושע בן לוי ניט געוועזען קיין רעגען בויגען נאר ער האט געזאגט אז עס איז געוועזען אין זיינע צייטען איין רעגען בויגען ווייל ער האט זיך ניט געוואלט האלטען פאר א צדיק ווייל דער רעגען בויגען ווייזט אז די וועלט איז זינדיג און מען דארף ברענגען איין מבול אויף דער וועלט נאר ווייל הקב״ה האט געשווארען אז ער זאל ניט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט און אז עס איז דא א צדיק איז ער מגין אויף דעם דור איבער דעם האט ער ניט געוואלט זאגען אז אין זיינע צייטען איז ניט געוועזען קיין רעגען בויגען:

דער תנא ר׳ עקיבא ווען ער איז אהיים געקומען פון דער ישיבה איז ער געוועזען אגרויסער ארימאן און ער איז רייך געווארען פון זעקס זאכען איינס איז געוועזען וואס זיין שווער האט איהם אוועק געגעבען אהאלב פערמעגען דאס צווייטע איז געוועזען פון איין שיף אויף די שיף איז געוועזען געמאכט פון האלץ איין געשטאלט פון אשעפס פאר איין סימן אז די שיף זאל געהן גרינג אזוי ווי אשעפס און מען פלעגט דעם שעפס אהנפילען מיט גאלדינע רענדליך איינמאהל איז אבגעפאהרען פון פארט א שיף און מען האט פערגעסין אויף דעם פארט דעם שעפס האט איהם ר׳ עקיבא געפינען און איז פון דעם רייך געווארען. דאס דריטע איז געוועזען פון א קעסטיל פון דער שיף וואס מען פלעגט דארט אריין לייגען דאס געלד פון דער שיף. איינמאהל האט ר׳ עקיבא געגעבען די שווימערס פון ים פיער גילדען זיי זאלען איהם עפיס ארויס ברענגען פון ים האבען זיי גאר נישט געפינען נאר דאס קעסטיל. און זיי זיי האבען עס איהם גיגעבען האט ער גיעפענט דאס קעסטיל האט ער געפינען און דעם קעסטיל פיעל רענדליך ווייל איינמאהל איז דערטרינקען געווארען איין שיף האבען די מענשין פון דער שיף אריין געלייגט אין דעם קעסטיל אריין זייער גאנץ פערמעגען. דאס פערדע איז געוועזין פון איין מטרנותא איינמאהל האט ר׳ עקיבא בעדארפען געלד איז ער געגאנגען צו דער מטרנותא זיך לייען געלד האט זי איהם געזאגט איך וועל דיר לייען נאר הקב״ה מיט דעם ים זאלען זיין ערבים ווען עס איז געקומען די צייט וואס ער האט איהם אויס גיזעצט

געזעצט צו בעצאָלען איז ר׳ עקיבא שלאַף געוואָרען איז די מטרנותא געגאַנגען צום ים און זי האָט געזאָגט רבש״ע די ווייסט דאָך אַז ר׳ עקיבא איז שלאַף און ער האָט מיר ניט צו בעצאָהלען מיין חוב און איך האָב דאָך דיך גענומען פאַר איין ערב איבער דעם דאַרפסט די מיר אָב געבען. אין דעם איז דעם קיסרס טאָכטער משוגע געוואָרען און זי האט גענומען איין קעסטעלע פיהל מיט בריליאַנטען און רענדליך אין זי האָט עס אַריין געוואָרפען און ים אַריין און דאָס קעסטעלע איז גלייך צו געשווימען צו דער מטרנותא אין זי האָט גענומען דאָס קעסטעלע אין זי האט עס גיעפינט אין זי האָט זיך אָב גענימען איהר חוב אין דאָס איבריגע האט זי איבער געלאָזט פאר ר׳ עקיבא וועגען. ווען ר׳ עקיבא איז געזינד געוואָרען האָט ער גענומען געלד און איז געגאַנגען צו דער מטרנותא און ער האָט איהר געוואָלט בעצאָהלען דעם הוב האָט זי איהם געזאָגט איך בין געגאַנגען צום ערב אין דער ערב האָט מיר בעצאָהלט מיין חוב און ער האט מיר נאָך געגעבען מעהר ווי פיעל עס איז מיר געקומען אין זי האט איהם געגעבין דעם מותר אין פון דעם מותר איז ער רייך געוואָרען דאס פונפטע איז געווען פון דעם ווייב פון טורנוסרופוס הרשע. ר׳ עקיבא פלעגט שטענדיג צו האָבען וכוחים מיט טורנוסרופוס פאַר דעם קיסר איינמאָהל איז טורנוסרופוס אַהיים געקומען פון קיסר זייער טרויעריג האט איהם דאָס ווייב גיפרעגט פאַר וואָס ער איז אַזוי טרויעריג האט ער איהר גיענטפערט ווייל ר׳ עקיבא איז איהם יעדען טאָג מבייש פאַר דעם קיסר. האָט זי צו איהם געזאגט דער גאט פון די יודען האט פיינט זנות גיב מיר רשות וועל איך איהם איבערריידען אין איך וועל איהם מכשיל זיין מיט איין עבירה ווייל זי איז געווען זייער איין יפת תואר האט ער געגעבין איהר רשות אין זי האט זיך אויסגעציהרט און זי איז געגאַנגען צו ר׳ עקיבא און זי האט פאַר איהם אויף גידעקט איהרע פיס. ווי נאָהר ר׳ עקיבא האט זי דערזעהן האָט ער אויסגעשפיגען און ער האָט געלאַכט און געוויינט האָט זי איהם גיפרעגט אויף וואָס בעדייטען די דריי זאַכען וואָס ער האָט געטוהן האָט ער איהר גיענטפערט צוויי זאַכען וועל איך דיר זאָגען און די דריטע וועל איך דיר ניט זאָגען דאָס וואָס איך האָב געשפיגען ווייל די קומט אַרויס פון אַ טיפה סרוחה אין דאָס וואָס איך האב געוויינט אויף אַזאַ שעהנהייט וואָס עס וועט פוילען אין דער ערד. אין דאָס וואָס איך האָב געלאַכט איז ווייל ער האָט געזעהן ברוח הקודש אַז זי וועט זיך מגייר זיין און ער וועט זי נעמען פאַר אַ ווייב און דאָס האָט ער איהר ניט געוואָלט אויסזאָגען האָט זי איהם גיפרעגט צו עס וועט איהר העלפען תשובה האָט ער איהר גיענטפערט אַז עס וועט איהר העלפען. האָט זי זיך מגייר געווען אין די איז געווארען זיין ווייב און זי האָט איהם געגעבען אַ גרויס פערמעגען. דאָס זעקסטע איז געווען פון קטיעה בר שלום וואס ער האט אוועק געגעבען זיין גאַנץ פאַרמעגען צו ר׳ עקיבא:

צדקיהו דער מלך פון די ישראל ווען נבוכדנצר האט פערטריבען די ישראל און גלות אַריין איז אַמאָהל אַריין געקומען צו נבוכדנצר האָט ער איהם געטראָפען עסין איין רויען נישט קיין געקאָכטען האָז. האָט נבוכדנצר געזאָגט צו צדקיהו שווער אַז די זאָלסט נישט אויסזאָגען. האט צדקיהו געשווארען שפעטער האט צדקיהו געהאָט צער אויף דעם וואס ער האט געשווארען ווייל ער האָט די זאך געוואָלט אויס זאָגען כדי

די

די וועלט זאָלען איהם מבזה זיין אין איהם ניט וועלצן פאַר אַ קיסר האָט ער זיך מתיר געוועזען די שבועה און ער האָט די זאַך אויסגעזאָגט. האָט נבוכדנצר זיך דערוויסט אַז די גרויסע לייט שעצען איהם גרינג האָט ער פערשטאַנען אַז צדקיהו האָט זיכער אויסגעזאָגט אז ער האָט גיגעסען איין רויהען האָז. האָט נבוכדנצר געשיקט רופען די סנהדרין מיט צדקיהו און ער האָט געזאָגט צו די סנהדרין איהר זעהט וואָס צדקיהו האָט געטוהן און ער האָט געזאָגט צו צדקיהו די האָסט דאָך געשווארען אַז די וועסט ניט אויסזאָגען און צום סוף האָסט די אויסגעזאָגט. האָט איהם צדקיהו גיענט-פערט איך האָב זיך גיפרעגט אויף מיין שבועה און מען האט זי מיר מתיר געוועזען. האָט נבוכדנצר גיפרעגט די סנהדרין צו מען קען מתיר זיין אשבועה האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז מען קען מתיר זיין איין שבועה. האָט זיי נבוכדנצר ווייטער גיפרעגט צו דאַרף דער מענטש וואָס ער האָט איהם בעשוואָרען זיין ביי דעם מתיר זיין האָבען זיי איהם גיענטפערט אַז דער מענש וואָס ער האָט איהם בעשוואָרען דאַרף זיין ביי דעם מתיר זיין האָט נבוכדנצר געזאָגט צו די סנהדרין. פאַר וואָס האָט איהר מתיר געוועזען צדקיהו די שבועה אונטער מיינער אויגען פאַר וואָס האָט איהר איהם ניט געזאָגט אז איהר קענט איהם ניט מתיר זיין די שבועה אָהן מיר. האָבען זיי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען האָט מען פון זיי אַפצר גענומען די שטוהלען און זיי זענען געבליבען זיצען אויף דער ערד אין מען האָט זיי אָהנגעבינדען און די עקען פון די פערד אין מען האָט זיי אַרום געשלעפט אין די גאַסען:

אין דער שטאָט ירושלים האָבען גע-וואָהנט צוויי יודען איינער האָט געהייסען קמצא און דער צווייטער האָט געהייסען בר קמצא אין דורך זיי איז חרוב געוואָרען ירושלים. אַ מענש האָט געמאַכט אַ סעודה אין קמצא איז גע-וועזען זיינס אַ פריינד אין בר קמצא איז געוועזען זיינס אַ שונא האָט ער געשיקט בעטען קמצא. האָט דער שליח זיך טועה געוועזען אין ער האָט געבעטען בר קמצא. אין בר קמצא איז געקומען אויף דער סעודה. ווי דער בעל שמחה האָט גיזעהן אַז בר קמצא זיצט ביי דער סעודה האָט ער צו איהם געזאָגט די ביסט דאָך מיין שונא ווי קומסט די צו מיר אויף מיין שמחה. האָט איהם בר קמצא גיענטפערט וויל איך בין שוין געקומען לאָז מיך זיצען אין איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר מיין עסין אין טרינקען. האָט איהם דער מענטש גיענטפערט איך וויל ניט. האָט ער צו איהם ווייטער געזאָגט איך וועל דיר בעצאָהלען ווי פיעל איין האַלבע סעודה בעטרעפט אין לאז מיך זיצען. האָט ער אויך ניט געוואלט. האט ער איהם געזאָגט איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר דער גאַנצער סעודה אין לאָז מיך זיצען האָט ער אויך נישט געוואָלט. און ער האָט איהם אָנגענימען אין אַרויס געוואָרפען. אין ביי דער סעודה זענען גיזעסען די חכמים פון ירושלים האָט בר קמצא געזאגט וייל די חכמים זענען גיזעסען ביי דער סעודה אין זיי האָבען דאָס אַלעס געזעהן אין זיי האָבען געשוויגען אין גאָר ניט געזאָגט זיי האָבען בע-דאָרפען זאגען דעם מענש אַז ער זאָל מיך ניט מבייש זיין איז דאָך אַסימן אַז עס איז זיי ניחא אַז מען זאל מיך מבייש זיין וועל איך פערמסרן אַלע יודען פאַר דעם קיסר פון רום (דאַמאָלסט זע-נען די יודען געוועזען אינטער טעניג אינטער די רומים) אין ער איז געגאַנ-גען צום קיסר אין ער האָט איהם געזאָגט

די יודען האָבען אין דיר מורד געווען. האָט איהם דער קיסר געפרעגט ווי אַזוי קען איך וויסען אַז עס איז אמת אַזוי ווי דו זאָגסט. האָט בר קמצא געזאָגט צום קיסר. אַ בעווייז וועסט די האָבען אַז עס איז אמת אַז די יודען האָבען אין דיר מורד געווען שיק זיי אַ קרבן זיי זאָלען עס מקריב זיין וועסט די זעהן צו זיי וועלען עס מקריב זיין צו ניט. האָט דער קיסר מיט איהם געשיקט איין קאַלב פאַר אַ קרבן. בשעת ער איז מיט דעם קרבן געגאַנגען האָט ער געמאַכט אין דעם קרבן אַ מום אויף אַזאַ אָרט וואָס ביי די יודען איז עס אַ מום און ביי די עכו״ם איז עס ניט קיין מום. האָבען די רבנן געוואָלט היסען דאָס קרבן מקריב זיין כדי דער קיסר זאָל ניט זיין אין כעס. האָט ר׳ זכרי׳ בן אבקילוס געזאָגט צו די רבנן אויב מען וועט דאָס קרבן מקריב זיין וועלען מענשען וואָס זיי וועלען ניט וויסען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען זאָגען אַז אַ קרבן מיט אַ מום מעג מען מקריב זיין אויף דעם מזבח. האָבען די רבנן געוואָלט בר קמצא הרגנן כדי ער זאָל ניט צוריק געהן צום קיסר און איהם דערציילען אַז מען האָט דאָס קרבן ניט געוואָלט מקריב זיין. האָט ר׳ זכרי׳ צו זיי געזאָגט מענשען וועלען זאָגען אַז זיי וועלען זעהן אַז מען וועט בר קמצא הרגנן אַז דער וואָס ער מאַכט אַ מום אין אַ קרבן קומט איהם מיתה. האָט מען דאָס קרבן ניט מקריב געווען אין בר קמצא האָט מען ניט גע׳הרג׳ט איז בר קמצא צוריק געגאַנגען צום קיסר און ער האָט איהם דערציילט אַז די יודען ווילען דאָס קרבן ניט מקריב זיין איז דער קיסר געוואָרען אין כעס אויף די יודען. און ער האָט אויף זיי געשיקט איין שר וואָס ער האָט געהייסען נירון קיסר. ווי ער איז געקומען לעבען ירושלים האָט ער געוואָלט וויסען צו ער וועט קענען איינעמען די שטאָדט ירושלים ער האָט געוואָרפען אַ פייל אויף מזרח זייט איז די פייל אריין געפאַלען קיין ירושלים. האָט ער געוואָרפען פיילען אין אַלע פיער זייטען זענען אַלע די פיילען אריין געפאַלען קיין ירושלים האָט ער שוין געזעהן אַז ער וועט די שטאָדט איינעמען. האָט ער געזעהן איין יונגעל האָט ער צו דעם יונגעל געזאָגט זאָג מיר דיין פסוק וואָס די האָסט היינט געלערענט. האָט איהם דאָס יונגעל געזאָגט דעם פסוק „ונתתי את נקמתי באדום ביד עמי ישראל״ איך וועל זיך נוקם זיין אין אדום פאַר מיין פאָלק ישראל. האָט נירון קיסר געזאָגט הקב״ה וויל חרוב מאַכען זיין הויז און ער וויל זיך אָבווישען זיינע הענד אין מיר איז ער אַנטלאָפען און ער האָט זיך מגייר געווען. און עס איז פון איהם אַרויס געקומען דער תנא ר׳ מאיר:

האָט דער קיסר געשיקט אויף די יודען אַ שר וואָס ער האָט געהייסען אספייַנות קיסר האָט ער בעלאַגערט אַרום דער שטאָדט דריי יאָהר ער האָט ניט אריין געלאָזט קיין עסען אין שטאָדט אריין. איז אין ירושלים געווען דריי עשירים. איינער האָט געהייסען נקדימון בן גוריון. און דער צווייטער האָט געהייסען בן כלבא שבוע. און דער דריטער האָט געהייסען בן ציצית הכסת. האָבען זיי זיך אונטער-גענומען צו שפייזען די יודען איינער מיט תבואה און דער צווייטער מיט וויין און בוימאייל אין זאַלץ. און דער דריטער מיט האָלץ. און עס איז געווען צו שפייזען די יודען איינע צוואַנציג יאָהר. איז אין ירושלים געווען ניט קיין אָרעמע לייטע און ניט קיין בעדערבטע מענשען

מענשען זיי ווערען אָהנגערופען בריוני
וועלכעס זיי האָבען נאָר געוואָלט
אַרויס געהן צו די רומים אויף אַ מלחמה
און ווען די רבנים האָבען צו זיי געזאָגט
אַז מען זאָל זיך אונטער געבען אונטער
די רומים האָבען זיי געזאָגט אַז מען
זאָל בעסער אַרויס געהן אויף אַ מלחמה.
די רבנים האָבען אָבער געוויסט אַז מען
וועט זיי ניט קענען בייקומען. האָבען
זיי בעסער געוואָלט מאַכען שלום מיט
די רומים האָבען די בריונים געזאָגט אַז
כּל זמן די יודען האָבען צו עסין וועלען
זיי ניט אַרויסגעהן אויף אַ מלחמה האָבען
זיי זיך מיישב געוועזען. און זיי האָבען
פערברענד אַלע אוצרות פון תבואה איז
געוואָרען אין ירושלים אַ הינגער. אין
ירושלים האָט געוואָהנט אַ אשה איין
עשירה זי האָט געהייסען מרתא בת
בייתוס האָט זי געשיקט איהר קנעכט
אַז ער זאָל איהר קויפען זעמעל מעהל.
איידער דער שליח איז געקומען איז
דערווייל פערקויפט געוואָרען דאָס
זעמעל מעהל. איז דער קנעכט צוריק-
בעגאַנגען און ער האָט איהר געזאָגט
אַז קיין זעמעל מעהל איז שוין ניט דאָ
נאָר פּראָסט מעהל איז דאָ. האָט זי
איהם געהייסען קויפען פּראָסט מעהל.
איידער דער קנעכט איז געקומען איז
שוין קיין פּראָסט מעהל אויך ניט
געוועזען נאָר גראָב מעהל. איז ער
צוריק געגאַנגען און ער האָט איהר
געזאָגט אַז קיין פּראָסט מעהל איז
אויך ניט דאָ נאָר גראָב מעהל איז דאָ.
האָט זי איהם געהייסען קויפען גראָב
מעהל. איידער ער איז געגאַנגען איז
שוין דאָס גראָבע מעהל אויך פערקויפט
געוואָרען איז זי געזעסען אין שטוב
באַרוועס. האָט זי געזאָגט איך וועל
אַליין געהן אין מאַרק אַריין אפשר וועל
איך געפינען וואָס צו עסען האָט זי
אַרויף געטרעטען אויף מיסט פון אַ בהמה

און ווייל זי איז געוועזען איין איידעלע
האָט זי ניט געקענט דערליידען דאָס
מיסט אויף דעם פוס און זי איז
געשטאָרבען. האָט זי אַרויס גענומען
איהר גאַנץ גאָלד און זילבער און זי
האָט עס אַרויס געוואָרפען אויף דער
גאַס. און זי האָט געזאָגט צו וואָס דאַרף
איך עס האָבען. דער עלטסטער פון די
בריונים האָט געהייסען אבא סיקרא ר'
יוחנן בן זכאי איז געוועזען זיין מוטערס
אַ ברודער האָט ר' יוחנן בן זכאי צו
איהם בעפוילען אַז ער זאָל צו איהם
קומען עס זאָל קיינער ניט וויסען. ווייל
ער דאַרף מיט איהם רעדען אַ סוד. איז
ער צו איהם געקומען האָט ר' יוחנן
בן זכאי צו איהם געזאָגט ווי לאַנג
נאָך וועט איהר ניט לאָזען אַרויס געהן
מאַכען שלום מיט די רומים איהר ווילט
אויס הרגנען די גאַנצע שטאָדט פאַר
הונגער. האָט איהם אבא סיקרא געענט-
פערט אויב איך וועל זיי עפּיס זאָגען
וועלען זיי מיך הרגנען. האָט ר' יוחנן בן
זכאי צו איהם געזאָגט גיב מיר איין
עצה איך זאָל קענען אַרויס געהן צו
די רומים אפשר וועל איך קענען עפּיס
אָבּראַטעווען. האָט איהם אבא סיקרא
געזאָגט מאַך דיך שלאָף און די גאַנצע
שטאָדט וועט דיך קומען מבקר חולה
זיין און די זאָלסט אַריין לייגען אין
בעט אַריין איין פערשטינקען שטיק
פלייש. אַז מען וועט צו דיר אַריין
קומען וועלען זיי זאָגען אַז די ביסט
געשטאָרבען. און מען זאָל ניט צו
לאָזען צו דער מטה קיין פרעמדע
מענשען נאָר דיינע תּלמידים ווייל
אַ פרעמדער מענש וועט דיך טראָגען
און ער וועט זעהן אַז די ביסט גרינגער
ווייל אַ לעבעדיגער איז גרינגער ווי
אַ מת וועלען זיי זעהן אַז די לעבסט
וועט מען דיך ניט אַרויס לאָזען. אָבער
דיינע תּלמידים וועלען ניט אויסזאָגען
האָט

האָט ער אַזוי געטוהן און עס איז אַרויס געגאַנגען אַ קול אַז ער איז געשטאָרבען האָט ר׳ אליעזר גענומען די מטה אין איין זייט און ר׳ יהושע אין דער צווייטער זייט ווי זיי זענען צו געקומען צו דעם טויער האָבען די בריוני איהם געוואָלט שטעכין מיט שפיזען האט אבא סיקרא צו זיי געזאָגט די רומיים וועלען זעהן אַז איהר שטעכט איהם וועלען זיי זאגען אַז אפילו זייער רבין שטעכין זיי. האָבען זיי איהם געוואלט שטיפען זיי זאָלען זעהן אפשר לעבט ער נאָר ער מאַכט אַזוי טוידט האט אבא סיקרא צו זיי געזאגט אַז די רומיים וועלען זעהן וועלען זיי זאגען אַז זיי דריקען זייער רבין. האבען זיי גיצפענט דער טויער אין זיי האָבען זיי אַרויס געלאסט. ווי אַ ער איז געקומען נאָהנט לעבין די רומים איז ער אַראָב געגאַנגען פון דער מטה און ער איז צו געגאַנגען צו אספינוס אין האָט צו איהם געזאָגט פריד אויף דיר קיסר. פריד אויף דיר קיסר. האָט אַספינוס צו איהם געזאָגט די ביסט מחויב צוויי מאָהל מיתה איינמאָהל איך בין ניט קיין קיסר אין די רופסט מיך קיסר ביסט די דאָך אַ מורד במלכות. צווייטענס אויב איך בין אַ קיסר פאַר וואָס ביסט די צו מיר ניט געקומען ביז יעצט. האָט איהם ר׳ יוחנן בן זכאי גיענטפערט עס איז אמת אַז די ביסט אַ קיסר ווען די זאָלסט נישט זיין קיין קיסר וואָלט ירושלים נישט געפאַלען אין דיינע הענד אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „והלבנון באַדיר יפול״ דאָס בית המקדש וועט פאַלען אין דער האַנד פון איין אדיר איין „אדיר״ מיינט מען אַ קיסר. אין דאָס וואָס די פרעגסט פאַר וואָס איך בין צו דיר ניט געקומען ביז יעצט וויל די בריוני האָבען מיך ניט אַרויס געלאָזט. האָט איהם אספינוס געפרעגט אַז איינער האָט איין פאַס האָניג אין אַרום דעם פאַס איז אַרום גערינגעלט איין שלאַנג וואָס טהוט מען אַז מען וויל אַרויס נעמען דעם האָניג צוברעכט מען דען נישט דאָס פאַס כדי דער שלאַנג זאָל אַוועק געהן. אַזוי האָט איהר בעדאָרפען צו ברעכען די מויער כדי איהר זאָלט קענען צו מיר אַרויס געהן. האָט ר׳ יוחנן בן זכאי נישט גיוויסט וואָס צו ענטפערין ווייל ער איז דערשראָקען געוואָרען איז פון איהם דער דעת אַוועק. אַזוי ווי ער איז געשטאַנען מיט אספינוס איז אָהנגעקומען אַ שליח פון רום אין ער האט געזאגט צו אספינוס אַז דער קיסר פון רום איז געשטארבען אין די גרויסע לייט פון רום ווילען איהם קריינען פאַר אַ קיסר איז ער געווען אָהנגעטוהן איין שיך האָט ער געוואָלט אָהנטוהן דעם צווייטען שיך האָט ער איהם ניט גיקענט אָהנטוהן. האָט ער געוואָלט דעם ערשטען שיך אויסטוהן, האָט ער אויך ניט גיקענט האָט זיך אַספינוס געווינדערט אין געזאָגט וואָס איז דאָס. האָט איהם ר׳ יוחנן בן זכאי גיענטפערט די זאָלסט דיך ניט ווינדערין ווייל די האָסט גיהערט איין בשורה טובה. איבער דעם איז דיר דיין ביין גרעבער געוואָרען. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „ושמועה טובה תדשן עצם״ איין שמועה טובה מאַכט פעט דעם ביין לאָז פאַר דיר אַדורך געהן אַזאַ מענטש וואָס ער איז דיינס אַ שונא וועט דיר דיין ביין צוריק מאָגער ווערען. וועסט די קענען דעם צווייטען שיך אויך אָהנטוהן. האָט אַספינוס געזאָגט צו ר׳ יוחנן בן זכאי אַז די ביסט אַזוי קליג פאַר וואָס ביסט די צו מיר ניט געקומען ביז יעצט האט איהם ר׳ יוחנן בן זכאי גיענטפערט איך האָב דאָך שוין דיר איינמאָהל גיענטפערט. האָט אַספינוס צו איהם געזאָגט איך האָב דאָך שוין דיר אויך גיענטפערט. האָט אַספינוס צו

איהם

איהם געזאגט איך געה פון דאנען אוועק אין איך וועל שיקען אצווייטען מענטש אויף מיין ארט בעט עפיס פון מיר וועל איך דיר צוליעב טוהן האט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאגט איך בעט פון דיר גיב מיר די שטאדט יבנה מיט איהרע חכמים אין די משפחה פון רבי גמליאל הנשיא אין זאלסט מיר געבען איין רופא ער זאל היילין ר׳ צדוק וואס ער האט געפאסט פערציג יאהר אז ירושלים זאל ניט חרוב ווערען. האט ער איהם די אלע זאכען צוליעב געטוהן אין ער איז געגאנגען קיין רוים אין איבער גענומען די מלוכה. האט אספינוס געשיקט טיטוס הרשע אזוי ווי ער האט איינגענומען די שטאדט ירושלים איז ער אריין געגאנ-גען אין קדשי הקדשים אריין. אין ער האט אריין גענומען א זונה אין ער האט אויף געשפרייט א ספר תורה. אין ער האט מזנה געוועזען אין ער האט ארויס גענומען די שווערד אין ער האט געשטאכען דאס פרוכת איז געשעהן איין נס אין עס האט פון פרוכת ארויס געשפריצט בלוט האט ער גירעכענט אז ער האט געהרגעט דעם וואס ער האט געוואלט... אין ער האט פון פרוכת געמאכט איין זאק. אין ער האט צוזאמען גענומען אלע כלים פון בית המקדש. אין ער האט זיי אריין געלייגט אין דעם פרוכת אריין אין ער האט זיך אויף גיזעצט אויף א שיף ער זאל פאהרען קיין רוים ער זאל זיך בערימען אין רוים וואס ער האט געטוהן. איז אויף איהם אויף געשטאנען איין שטורים ווינד אין עס האט איהם געוואלט דערטרינקען. האט טיטוס געזאגט מיר דאכט זיך אז דער יודישער גאט איז נאר שטארק אויף דעם וואסער. פרעה האט ער דערטרינקען אין וואסער. סיסרא האט ער דערטרינקען אין וואסער. מיך וויל ער אויך דערטרינקען אין וואסער אויב ער איז שטארק זאל ער מיט מיר מאכען אמלחמה אויף דער יבשה וועלען מיר זעהן ווער עס איז שטארקער. איז ארויס געגאנגען א בת קול אין עס האט געזאגט די רשע בן רשע דאס אייניקעל פון עשו הרשע איך האב אקליין בעשעפיניש אפליג געה ארויף אויף דער יבשה אין מאך מיט איהר אמלחמה. אזוי ווי ער איז ארויס געגאנגען פון דער שיף איז די פליג אריין אין זיין נאז אריין. אין פון דער נאז איז זי אריין אין דעם מוח אריין אין זי האט איהם גילעכערט זיין מוח זיבען יאהר:

איינמאהל איז ער אדורך געגאנגען דורך איין קאוואל האט דאס פליגעל דערהערט דאס קול פון האממער. איז עס שטיל געווארען האט ער געזאגט עס איז דא א עצה שטיל צו מאכען דאס פליגעל. האט ער יעדען טאג גערופען א קאוואל ער זאל פאר איהם קלאפען מיט דעם האממער אז ער האט גערופען איין גוי האט ער איהם בעצאהלט פיהר גולדען א טאג. אין אז עס איז צו איהם געקומען איין יוד האט ער איהם ניט געוואלט בעצאהלען ער האט איהם געזאגט עס איז גענוג אז די זעהסט א נקמה אין דיין שונא עס האט איהם געהאלפען דאס קלאפען א חודש. שפעטער איז דאס פליגעל געוואוינט געווארען מיט דעם קלאפען. אין עס האט שוין ניט געהאלפען דאס קלאפען פון האממער און עס האט ווייטער גילעכערט אין זיין מוח ביז ער איז געשטארבען. אין ווען ער איז געשטאר-בען האט מען צו שפאלטען זיין קאפ אין מען האט ארויס גענומען דאס פליגעל איז עס געוועזען גרויס אזוי ווי אטויב פון א יאהר עס האט געוויגען צוויי פינט. דאס מויל פון דער פליג איז געוועזען פון קופער אין די נעגעל

זענען

זענען געווען פון אייזען איידער ער איז געשטאָרבען האט ער איבער געלאזט אַצוואה אַז מען זאל זיין גוף פערברענען און מען זאל דאס אַש פערשפרייטען אויף אַלע זיבען ימים כדי דער יודישער גאָט זאל איהם ניט געפינען און ער זאָל איהם משפטן :

**אונקלוס** בן קלוניקוס איז געווען טיטוס איין שוועסטערס א זוהן ער האט זיך געוואָלט מגייר זיין האָט ער אויף גיבראַכט טיטוסען מיט כישוף און ער האָט איהם גיפרעגט ווער איז חשוב אויף דעם עולם העליון האָט ער איהם גיענטפערט די ישראל. האָט ער איהם גיפרעגט צו זאָל ער זיך מגייר זיין. האָט ער איהם גיענטפערט די יודען האָבען זייער פיהל מצות די ווערסט ניט קענען מקיים זיין אַלע מצות נאָר רייץ דיך מיט זיי ווערסט די ווערען גרויס ווייל ווער עס טהוט זיי שלעכטס ווערד ברויס. האָט איהם אונקלוס גיפרעגט וואָס זיין שטראָף איז האָט ער איהם גיענטפערט דאָס זעלבע וואָס איך האָב זיך אַליין נעפסקינט יעדען טאָג נעמט מען צוזאַמען מיין אַש און מען בעשאָפט מיך און מען משפט מיך און מען פערברענט מיך צוריק און מען צושפרייט דאָס אַש אויף זיבען ימים. האָט ער אויף געבראַכט בלעם הרשע און ער האָט איהם גיפרעגט ווער איז חשוב אויף דעם עולם העליון האָט ער איהם גיענטפערט די ישראל. האָט ער איהם גיפרעגט צו ער זאָל זיך מגייר זיין האָט ער איהם גיענטפערט די זאָלסט ניט פאָרשטען זייער גוטס ביז אייוויג האָט ער אויף גיבראַכט א יודישען רשע און ער האָט איהם גיפרעגט ווער איז חשוב אויף עולם העליון האָט ער איהם גיענטפערט די ישראל האָט ער איהם גיפרעגט צו ער זאָל זיך מגייר זיין האָט ער איהם גיענטפערט זייער גוטס זאָלסט די פאָרשטען און זייער שלעכטס זאָלסט די ניט פאָרשטען דער וואָס רוהערט די ישראל איז גלייך ווי ער רוהערט זיין אַפּעל פון אויג און ער האָט זיך מגייר געווען. דער גאַנצער גורם פון דעם חרבן איז געווען וואָס מען האָט מבייש גיווען בר קמצא האָט הקב"ה צו געהאָלפען בר קמצא אַז דאָס בית המקדש זאָל חרוב ווערען פון דאַנען זעהן מיר ווי גרויס דער חטא איז אַז מען איז מבייש אַמענטש :

**דורך** איין האָן מיט אַ הין איז חרוב געוואָרען די שטאָט טור מלכא עס איז אין דער שטאָדט געווען אַ מנהג אַז ווען מען האָט חתן וכלה געפיהרט צו דער חופה האָט מען פאר זיי געטראגען אַ האָן מיט אַ הין אויף אַ סימן אַז זיי זאָלען זיך מעהרען אַזוי ווי די עופות. איינמאָהל איז צו געקומען צו דיא חופה רומיים און זיי האָבען געוואָלט צו נעמען דעם האָן מיט דער הין זענען די יודען זיי בעפאַלען און זיי האָבען זיי געשלאָגען. זענען די רומיים געגאַנגען צום קיסר און זיי האָבען איהם דערציילט אַז די יודען האָבען זיי געשלאגען. איז דער קיסר געגאַנגען מיט זיי מלחמה האַלטען. צווישען די יודען איז געווען איין יוד ער האָט געהייסען בר דרומא ער איז געווען אַ שטאַרקער מענטש ער האָט געגעבען אַ שפרינג ווייט אויף צוויי טויזענד איילען און ווער עס איז געשטאַנען און די צוויי טויזענד איילען האָט ער געהרגט. האָט דער קיסר פון רום אַראָב גענומען די קרוין פון זיין קאָפּ און ער האט געזאגט רבש"ע איך בעט דיך אַז די זאָלסט מיך און מיינע זעלנער ניט איבער ענטפערען און. דער האַנד

פון

פון איין מענש. האט בר דרומא זיך געשטרויכעלט מיט זיין מויל און ער האט געזאגט די גאט האסט אונז פער-לאזט און די געהסט ניט ארויס אין אינזערע מלחמות. דאס מיינט מען אז מיר דארפען ניט אז די זאלסט אונז העלפען. אין ער איז אריין געגאנגען אין בית הכסא אריין איז געקומען א שלאנג אין ער האט איהם ארויס גישלעפט זיינע קישקעס אין איז געשטארבען. האט דער קיסר געזאגט ווייל הקב"ה האט מיר געטוהן א נס וועל איך זיי יעצט אפלא-זען אין וועל זיי גאר נישט טוהן. אז די יודען האבען גיזעהן אז דער קיסר איז פון זיי אוועק געגאנגען האבען זיי זיך אהנגעהויבען צו פרייען אין צו עסען אין טרינקען אין אהנגעצינדען ליכט אז עס איז געוועזען אזוי לעכטיג אין שטאדט אז צוויי טויזענט איילען ווייט פון דער שטאדט האט מען אהנגעזעהן דאס אויס-קריצעכץ פון א פינגערל האט דער קיסר געזאגט די יודען שפעטין פון מיר. איז ער געווארען אין כעס אויף די יודען אין ער איז צוריק געגאנגען אויף א מלחמה אין עס זענען אריין געגאנגען אין שטאדט אריין דריי הינדערט טויזענד זעלנער מיט שווערדען אין די הענד אין מען האט געהרגט די יודען. דריי טעג אין דריי נעכט. די שטאדט טור מלכא איז געוועזען אזוי גרויס אז אין איין זייט האט מען געהרגט אין דער צווייטער זייט האט מען געטאנצט אין איין עק שטאדט האט מען ניט געוויסט וואס עס טהוט זיך אין דעם צווייטען עק שטאדט:

**דורך** איין אקס פון א וואגען איז חרוב געווארען די שטאדט ביתר. אין דער שטאדט ביתר איז געוועזען א מנהג אז עס איז געבארען געווארען א זכר האט מען געפלאנצט א בוים וואס ער הייסט ארז אין אז עס איז געבארען געווארען א נקבה האט מען געפלאנצט א בוים וואס הייסט תדהר אין אז זיי האבען חתונה געהאט האט מען אינטער געהאקט די צוויי ביימער אין מען האט פון זיי געמאכט חופה שטאנגען. איינמאל איז די טאכטער פון רומישען קיסר אדורך געפארען דורך דער שטאדט ביתר האט זיך צובראכען איין אקס פון איהר וואגען האבען איהרע קנעכט אונ-טער געהאקט איין בוים וואס ער הייסט ארז אין זיי האבען געמאכט איין אקס צו דעם וואגען וואס די קיסרס טאכ-טער איז מיט איהם געפאהרען. זענען די יודען בעפאלען די קנעכט אין זיי האבען זיי געשלאגען. איז די טאכטער אהיים געקומען אין זי האט דערציילט דעם קיסר אז די יודען האבען איהרע קנעכט געשלאגען איז דער קיסר גע-גאנגען אויף דער שטאדט ביתר מלחמה האלטען אין עס זענען אריין געגאנגען אין שטאדט אריין אכציג טויזענד עלטס-טע פון די זעלנער אין זיי האבען געהרגט אנשים ונשים וטף אין דאס יודישע בלוט איז געריגען אריין אין ים הגדול אין פון דער שטאדט ביתר ביז צום ים הגדול איז געוועזען ווייט צוויי טויזענד איילען. זיבען יאהר האבען די גוים געמוסטיגט זייערע אלע פעלדער פון יודישען בלוט:

**אויף** איין פלאץ לעבען דער שטאדט ירושלים האט נבוזראדן אויסגע-הרגט פיער אין נייצינג מאהל צעהן טויזענד יודען אויף איין שטיין ביז זייער בלוט איז צו געריגען צו דעם בלוט פון זכריהו הכהן ווארים ער האט געזעהן ווי דאס בלוט פון זכריהו הכהן קאכט זיך האט ער גיפרעגט ווער איז דאס בלוט. האבען די יודען איהם גיענט-פערט אז דאס איז בלוט פון קרבנות וואס עס איז פערגאסען געווארען. האט ער

ער געהייסען ברענגען בלוט פון קרבנות זעהן צו דאס בלוט איז גלייך צו דעם בלוט. האט ער גיזעהן אז עס איז נישט גלייך. האט ער געזאגט צו די יודען וועט איהר מיר אויסזאגען ווער דאס בלוט איז איז גוט. אין אויב ניט וועל איך קעמען אייער לייב מיט אייזערנע קאמען. האבען זיי איהם דערציילט עס איז צווישען אינז געוועזען א נביא וואס ער האט אונז געזאגט מוסר האבען מיר איהם געהרגט אין עס איז שוין עטליכע יאהר זינט מיר האבען איהם געהרגט אין זיין בלוט רוהט נישט. האט נבוזראדען געזאגט איך וועל איהם איבער בעטין האט ער געבראכט די סנהדרין גדולה אין די סנהדרין קטנה. אין ער האט זיי געשאחטין אויף דעם בלוט פון זכריהו אין דאס בלוט האט נישט גערוהט האט ער געבראכט בחורים אין בתולות אין ער האט זיי געשחטין אויף דעם בלוט אין דאס בלוט האט נאך ניט גערוהט האט ער געבראכט די קינדער פון חדר אין ער האט זיי געשחטין אויף דעם בליט אין דאס בלוט האט נאך אלעס נישט גערוהט. האט ער געזאגט זכריהו זכריהו! די בעסטע פון די יודען האב איך שוין אויסגעהרגט אין דיין בלוט רוהט נאך נישט ווילסט די אז איך זאל אויסהרגנען אלע יודען. ווי ער האט דאס געזאגט האט דאס בלוט גערוהט. האט נבוזראדן ביי זיך געטראכט אז די יודען האבען געהרגט איין נפש האבען זיי געהאט אזא עונש איך האב אזוי פיעל נפשות אויס געהרגט. וואס פאר א עונש וועט מיר קומען. האט ער אהיים געשיקט איין בריעף ווי אזוי די קינדער זאלען זיך טהיילען מיט זיין פערמעגען אין ער האט זיך מגייר געוועזען:

מען האט געבראכט צום קיסר פון רוים איין אשה מיט איהרע זיבען זוהן האט דער קיסר געזאגט צו דעם ערשטען זוהן אז ער זאל דינען די עבודה זרה האט איהם דער זוהן גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה „אנכי ד׳ אלקיך" הקב"ה זאגט צו די יודען איך בין דיין גאט אבער נישט קיין צווייטער איבער דעם טאהר איך נישט דינען די עבודה זרה. האט מען איהם גיהרגעט. האט מען געבראכט דעם צווייטען זוהן האט דער קיסר צו איהם געזאגט דין די עבודה זרה. האט ער גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה „לא יהיה לך אלקים אחרים על פני" די זאלסט ניט האבען קיין אנדערע אב געטער האט מען איהם געהרגעט. האט מען געבראכט דעם דריטען זוהן אין מען האט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה. האט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „לא תשתחוה לאל אחר" די זאלסט דיך ניט ביקען צו קיין אנדערין אב גאט האט מען איהם אויך געהרגעט. האט מען געבראכט דעם פערטען זוהן אין מען האט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה האט ער גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה „זובח לאלהים יחרם" דער וואס ער שעחט צו דער עבודה זרה זאל ווערען פערוויסט האט מען איהם אויך געהרגעט. אין מען האט געבראכט דעם פינפטען זוהן אין מען האט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה. האט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד" האט מען איהם אויך געהרגעט. האט מען געבראכט דעם זעקסטען זוהן אין מען האט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה האט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „והשבות אל לבבך כי ד׳ הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד" די זאלסט וויסען ביי דיר אין הארץ אז הקב"ה איז איין גאט אויף דעם הימעל און אויף דער ערד אין עס איז נישט

נישט דא קיין צווייטער בעשעפער אַ חוץ איהם האָט מען איהם אויך געהרגט אין מען האָט געבראַכט דעם זיבעטין זוהן און מען האָט איהם געהייסען דינען די עבודה זרה האט ער גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה „את ד' האמרת היום וד' האמירך היום" די האסט געאיינציגט הקב"ה פאַר איין גאָט אין הקב"ה האָט דיך געאיינציגט פאַר איין פאָלק מיר האָבען געשווארען צו הקב"ה אַז מיר זאָלען איהם נישט פערבייטען פאַר קיין אַנדערען גאָט אין הקב"ה האט אינץ צו געשוואָרען אַז ער זאָל אינץ נישט פערבייטען פאַר איין אַנדער פאלק. האט דער קיסר געזאָגט צו דעם יונגעל איך וועל אַראָב ווארפען מיין פינגעריל אין די וועסט דיך אַראב בייגען אויף דער ערד אויף צו הייבען דאס פינגעריל כדי די מענשען זאלען רעכינען אַז די ביקסט דיך צו דער עבודה זרה און די האָסט געטוהן מיין בעפעל. האָט דאָס יונגעל געזאָגט צום קיסר וועה צו דיר קיסר צוליעב דיין כבוד טוהסט די אַזוי עס איז דיר אַבושה איך זאל נישט טוהן דיין בעפעהל. פאַר דעם כבוד פון הקב"ה דאַרף איך זיך זיכער מוסר נפש זיין. האט מען איהם אויך געהייסען הרגינען. איידער מען האט איהם געהרג'ט האט די מוטער געזאָגט גיט מיר דאָס קינד איך זאָל איהם אַביסעל אָהנקישען און זי האָט געזאָגט צו דעם קינד מיינע קינדער געהט און זאָגט צו אייער פאטער אברהם די האסט מקריב געווען איין זוהן און איך האָב מקריב געווען זיבען זוהן און זי איז אַרויף געגאַנגען אויף איין דאַך און זי האָט זיך אַראָב געוואָרפען פון דאַך און זי איז געשטאָרבען. און עס איז אַראָב איין בת קול און עס האָט געזאָגט „אם הבנים שמחה" די מוטער פון די קינדער איז פריילין זי איז אין גן עדן:

ווען שלמה המלך האט גישטעלט דאָס בית המקדש האט ער בעדאָרפען פיעל שטיינער אין דער דין איז אַז מען טאָר נישט האַקען די שטיינער מיט קיין האַמער האָט שלמה המלך גיפרעגט די רבנים איין עצה וואָס ער זאָל טוהן מיט די שטיינער האָבען די רבנים איהם גיענטפערט עס געפינט זיך איין בעשעפיניש וואָס עס הייסט שמיר וואָס קיין שום האַרטע זאַך קען נישט בייטשטיין קעגען דעם שמיר. ווען משה רבינו האָט בעדאָרפען צו שניצען די שטיינער צום אפוד האָט ער גענימען דעם שמיר אין ער האָט איהם אַרויף געלייגט אויף דעם שטיין איז דער שטיין צו שפאַלטען געוואָרען האָט שלמה זיי גיפרעגט ווי נעמט מען דעם שמיר האָבען זיי איהם גיענטפערט די זאָלסט נעמין איין שד אַ זכר אין אַ שד אַ נקבה אין די זאָלסט זיי צווינגען וועלען זיי דיר מיזען זאָגען ווי דער שמיר געפינט זיך האָט שלמה אַזוי געטוהן האָבען איהם די שדים גיענטפערט מיר וויסען נישט ווי דער שמיר געפינט זיך נאָר אפשר ווייסט אונזער מלך אַשמדאי. האָט זיי שלמה גיפרעגט ווי געפינט זיך אייער מלך איך זאָל איהם קענען נעמען צו מיר. האָבען זיי איהם גיענטפערט ער געפינט זיך אויף איין באַרג אין ער האט זיך דאָרט געגראָבען איין ברין אין ער האָט זי צו גידעקט מיט אַ שטיין אין פערחתמט מיט זיין חתימה. אין יעדען טאָג געהט ער אַרויף אויף דעם הימעל אין דער ישיבה של מעלה אין ער לערינט דאָרט תורה אין דערנאָך קומט ער אַראָב אויף דער ערד אין ער לערינט מיט אונץ די תורה וואָס ער האָט גילערענט אויף דעם הימעל. אין דערנאָך געהט ער טרינקען דאָס וואַסער פון דער ברין אין ער בעקוקט זיין חתימה צו זי איז גאַנץ אין אַז זי איז גאַנץ. עפענט ער

אויף

אויף די ברין אין טרינקט דאָס וואַסער
פון דער ברין אין ער פאַרמאַכט צוריק
די ברין. האט שלמה המלך געשיקט
בניהו בן יהוידע אין ער האט איהם
מיט געגעבען איין קייט וואס עס איז
געוועזען אויסגעקריצט איין שם. אין
איין פינגערל וואס עס איז געוועזען
אויסגעקריצט דער שם אין בינטלעך
וואָל אין לאָגלען וויין. בניהו בן יהוידע
איז געגאַנגען צום דעם באַרג וואס
אשמדאי האט דארט געהאט די ברין אין
ער האָט אויסגעגראָבען איין גריב
אונטער דער ברין פון אשמדאי אין עס
איז אַרויסגערינען דאס וואַסער פון דער
ברין אין ער האָט פערשטאָפּט דאס
לאָך פון דער ברין מיט דער וואָל
דערנאָך האט ער געגראבען איין גריב
העכער פון דער ברין פון אשמדאי אין
ער האָט געמאַכט איין לאָך פון דעם
גריב אין דער ברין אַריין אין ער האט
אַריין געגאסען וויין אין דעם גריב
אַריין אין דער וויין איז אַריין גערינען
אין דער ברין אַריין. דערנאָך האט ער
די צוויי גריבער פערשיט כדי אשמדאי
זאָל ניט דערקענען אז עמיצער
האָט דאָ עפּיס געטוהן אין ער
האָט זיך אַרויף געזעצט אויף אַ בוים
אין ווען אשמדאי איז צו געקומען
צו דער ברין אין ער האָט געזעהן אז
די חתימה איז גאַנץ האָט ער געעפענט
די ברין האָט ער געזעהן אז אין דער
ברין איז דאָ וויין. האָט ער ניט געוואָלט
טרינקען ער איז אָבער געוואָרען דאַרש-
טיק אין ער האָט זיך ניט געקאָנט
איינהאַלטען אין ער האט געטרינקען
דעם וויין איז ער שיכור געוואָרען
אין ער איז אַנשלאָפען געוואָרען איז
בניהו אַראָב געגאַנגען פון בוים אין ער
האט איהם געבינדען מיט דער קייט
ווען ער האט זיך אויף געכאַפּט פון
שלאָף אין ער האט געזעהן די קייט
האט ער געוואָלט צו רייסען די קייט.
האט בניהו צו איהם געזאגט דעם שם
פון הקב"ה איז אויף דיר. ווי אשמדאי
האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבען
רוהיג האָט איהם בניהו אָהנגענומען אין
ער האָט איהם געפיהרט אויף דעם וועג
האָט ער זיך געגעבען איין קראַץ אין
איין בוים האָט ער דעם בוים אום
געוואָרפען איז ער צו געקומען צו איין
שטיב פון איין אלמנה. איז די אלמנה
צו איהם אַרויס געגאַנגען. אין זי האָט
איהם געבעטען אז ער זאָל איהר ניט
איינוואַרפען דאָס הויז האָט ער זיך
אוועק געבויגען פון דער שטיב. האָט ער
צו בראָכען איין ביין אויף דעם וועג.
האָט ער געזעהן איין סגי נהור ווי ער
בלאָנדשועט אין וועג. האָט ער איהם
אָהנגענומען אין צוריק געשטעלט אויף
דעם וועג. דערנאָך האָט ער געזעהן איין
שיכור בלאָנדשועט אין וועג. האָט ער
איהם אויך צוריק גישטעלט אויף דעם
וועג. נאָך דעם האָט ער געזעהן איין
חתונה. אין מען האָט זיך שטאַרק געפרייט.
האָט ער געוויינט. נאָך דעם האָט ער
גיהערט ווי אַמענטש האָט געזאָגט צו
אַ שוסטער. אַז ער זאָל איהם מאַכען
איין פּאָר שיך אויף זיבען יאָהר. האָט ער
געלאַכט. נאָך דעם האָט ער געזעהן ווי
אַמכשף זיצט אין מאַכט כישוף. האָט ער
אויך געלאַכט. ווען ער איז געקומען צו
שלמה המלך. האָט מען איהם דריי טעג
ניט אַריין געלאָזט. דעם ערשטען טאָג
האט ער גיפרעגט פאַר וואָס לאָזט מען
מיך ניט אַריין צום מלך. האָט מען איהם
גיענטפערט אַז ער האָט פיהל וויין
געטרינקען. האָט ער גענומען איין ציגעל
אין געלייגט אויף איין צווייטען האָט
מען דאס דערציילט שלמה. האָט ער
געזאָגט דאָס וואָס ער האָט געלייגט איין
ציגעל אויף דעם צווייטען דאָס בעדייט
אַז ער הייסט מיר געבען נאָך צו
טרינקען

טרינקען דעם צווייטען טאָג. האָט אַשמדאי גיפרעגט פאַר וואס לאזט מען מיך ניט אַריין צו שלמה. האָט מען איהם גיענטפערט אַז ער האָט פיהל וויין געטרינקען. האָט ער גענומען דעם ציגעל אראב פון צווייטען. האט מען דאָס דערציילט שלמה. האָט שלמה געזאָגט אַז דאָס וואָס ער האט אראב גענומען איין ציגעל פון צווייטען דאס בעדייט אַז מען זאָל מיר געבען ווינציג צו עסען. נאָך דריי טעג האט איהם שלמה אַריין גערופען צו זיך. האָט אשמדאי גענומען איין שטעקעלע פון פיהר איילען אין ער האָט עס געווארפען פאַר שלמה. אין ער האָט צו איהם געזאָגט ווען די ווענסט שטאַרבען ווענסט די מעהר ניט האָבען ווי פיהר איילען ערד. און די האָסט איינגענומען די גאַנצע וועלט. אין די האָסט דיך ניט אָהנגעזעט ביז די האסט מיך אויך אַיינגענומען. האָט איהם שלמה גיענטפערט איך וויל פון דיר גאָר ניט. נאָר איך וועל שטעלען דאָס בית המקדש אין איך דאַרף האָבען דעם שמיר זאָג מיר ווי ער געפינט זיך. האָט איהם אַשמדאי גיענטפערט דער שמיר געפינט זיך ביי דעם שר של ים אין ער גיט איהם ניט נאר דעם ווילדען האָן אַז ער שווערט איהם צו אַז ער וועט איהם אָבגעבען. האָט איהם שלמה גיפרעגט צו וואָס דאַרף דער האָן האָבען דעם שמיר. האָט איהם אַשמדאי גיענטפערט ער נעמט דעם שמיר צו די ליידיגע בערג וואָס עס וואַקסט אויף זיי ניט קיין ביימער אין קיין זרעים אין אַזוי ווי ער האַלט דעם שמיר איבער די בערג ווערט אין די בערג איין שפאַלט נאָך דעם ברענגט ער זרעים פון ביימער אין ער וואַרפט אַריין אין די שפאַלטען די זרעים אין עס וואַקסט אַרויס ביימער אין פון דעם האָט ער צו עסען. האָט מען געזיכט איין נעסט פון דעם ווילדען האָן. אין עס איז געוועזען אין דער נעסט יונגע עופות אין מען האָט פערמאַכט די נעסט מיט גלאָז כדי ווען דער האָן וועט אָהנקומען זאָל ער זעהן די קינדער אין ער זאָל ניט קענען צו זיי צו קומען וועט ער דאַרפען בענוצען דעם שמיר איבער צו שניידען דאָס גלאָז ווי דער האָן איז אָהנגעקומען אין ער האָט געזעהן ווי די נעסט איז פערמאַכט מיט גלאָז אין ער האָט געוואָלט אַריין נעהן צו די קינדער. אין ער האָט ניט גיקענט אַריין געהן איז ער געגאַנגען צום שר של ים אין ער האָט ביי איהם גענומען דעם שמיר אין ער האָט איהם צו גע־לייגט צו דעם גלאָז אַזוי ווי די שלוחים פון שלמה המלך האָבען דערזעהן האָבען זיי געגעבען אגעשריי אויף דעם האָן. האָט זיך דער האָן דערשראָקען אין ער האָט דעם שמיר אַרויס געלאָזט פון מויל אין זיי האָבען דעם שמיר צו גענומען אינדער האן האָט זיך דערוואַרגען ווייל ער האָט עובר געוועזען אויף דער שבועה וואָס ער האָט צו געשוואָרען צום שר של ים אַז ער זאָל איהם אָב געבען דעם שמיר. האָט, בניהו גיפרעגט אַשמדאי פאַר וואָס אַז די האָסט געזעהן ווי דער סגי נהור בלאָנדזשעט אין וועג האָסט די איהם צוריק גישטעלט אויף דעם וועג. האָט אַשמדאי גיענטפערט איך האָב גיהערט ווי מען האָט אויסגע־רופען אויף דעם הימעל אַז ער איז אַ צדיק גמור אין ווער עס וועט איהם טוהן אַ נחת רוח וועט זוכה זיין לעולם הבא איבער דעם האָב איך איהם צוריק גישטעלט אויף דעם וועג כדי איך זאָל זוכה זיין לעולם הבא. האָט ער איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס אַז די האָסט געזעהן דעם שיכור בלאָנדזשען האָסט די איהם צוריק געשטעלט אויף דעם וועג האָט ער איהם גיענטפערט
ווייל

ווייל מען האָט אויף איהם אויסגערופען
אין הימעל אַז ער איז אַ רשע גמור
האָב איך איהם געוואָלט טוהן אַ נחת
רוח כדי ער זאָל אָב נעמען זיין שכר
אויף דער וועלט אַז אויף יענער וועלט
זאָל ער קיין שכר נישט האָבען האָט ער
איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס ווען
די האָסט געזעהן אַז מען האָט זיך
געפרייט אויף דער חתונה האָסט די
געוויינט. האט ער איהם גיענטפערט ווייל
איך האב געזעהן אַז דער חתן וועט
שטאַרבען אין די דרייסעג טעג פון דער
חופה אין די כלה וועט דאַרפען וואַרטען
דרייצען יאָהר אויף איין שוואָגער אַז
ער זאל איהר געבען חליצה. האָט ער
איהם ווייטער גיפרעגט. פאַר וואָס ווען
די האסט גיהערט אַז דער מענטש האט
געזאָגט צום שיסטער אַז ער זאָל איהם
מאַכען שיך אויף זיבען יאָהר האָסט
די געלאַכט. האָט ער איהם גיענטפערט
דער מענטש וועט קיין זיבען טעג נישט
לעבען וויל ער שיך אויף זיבען יאָהר.
האָט ער איהם ווייטער גיפרעגט פאַר
וואָס אַז די האָסט געזעהן ווי דער מכשף
זיצט אין טוהט כישוף האָסט די געלאַכט.
האָט ער איהם גיענטפערט ווייל אונטער
דעם אָרט ווי דער מכשף איז געזעסען
ליגט איין אוצר מיט גאָלד און זילבער
אין ער מאַכט כישוף אין ווייסט נישט
וואָס עס ליגט אונטער איהם. האט שלמה
איהם אויף געהאַלטען ביי זיך ביז ער האָט
פערענדיגט דאָס בית המקדש. איינמאָהל
איז שלמה געשטאַנען אליין מיט אשמדאי
האָט שלמה גיפרעגט אשמדאי עס
שטייט אין דער תורה אַז איהר שדים
זענט גרויסע העלדען מיט וועלכען זענט
איהר שטאַרקער פון אונז. האָט אשמדאי
איהם גיענטפערט נעם אראָב פון מיר
די קייט און גיב מיר דיין פינגעריל
וועל איך דיר ווייזען מיין שטאַרקייט
האָט שלמה פון איהם אראָב גענימען
די קייט אין ער האָט איהם געגעבען
זיין פינגעריל. האָט איהם אשמדאי
איינגעשלינגען און מיט איין פליגעל
האָט ער זיך אָהנגעשפאַרט אין דער
ערד אין דעם צווייטען פליגעל אין
דעם הימעל. אין ער האָט איהם אויס
געשפיגען אויף פיער הינדערט מייל ווייט.
אין שלמה המלך איז אַרום געגאַנגען אין
די הייזער אין ער האָט געשריגען איך
בין שלמה המלך. האָט איהם קיינער ניט
געוואָלט גלויבען. מען האָט איהם גע-
האַלטען פאַר אַ משוגענער אין ער איז
געקומען צו די סנהדרין און ער האָט
אויך דאָס זעלבע געזאָגט. האָבען די
סנהדרין געזאָגט אַז אַ משוגינער האַלט
זיך נישט שטענדיג בלויז ביי איין זאַך
און קיין צווייטע משוגינע רייד זאָגט
ער נישט. דאַרף מען בודק זיין גוט אין
דער זאַך. האָבען די סנהדרין געשיקט
רופען בניהו אין זיי האָבען איהם גיפרעגט
צו דער מלך האָט איהם אין דער צייט
גערופען האָט ער גיענטפערט אַז נישט.
האָבען זיי גיפרעגט די ווייבער צו דער
מלך קומט צו זיי האָבען זיי גיענטפערט
יא. האָט מען זיי געהייסען בודק זיין
אין זיינע פיס ווייל שדים האָבען פיס אַזוי
ווי העגער. האָבען זיי גיענטפערט אַז ער
קומט צו זיי אין די זאָקען אין ער איז
זיי תובע ווען זיי זענען נדות אין ער
איז תובע בת שבע זיין מוטער האָבען
די סנהדרין פערשטאַנען אַז דאָס איז
אשמדאי. האָט מען געגעבען שלמה המלך
זיין פינגעריל וואָס עס איז געוועזען
אויס געקריצט דעם שם אין די קייט
וואָס עס איז געוועזען אויס געקריצט
דעם שם אין שלמה איז אריין געגאַנגען
זיך אין שטיב אריין ווי אשמדאי האָט
איהם דער זעהן איז ער אַוועק
געפלויגען :

רב כהנא איז אויף געגאַנגען פון בבל
קיין ארץ ישראל האָט איהם רב
געזאָגט

געזאָגט אַז זיבען יאָהר צייט זאָל ער נישט פרעגען ר׳ יוחנן קיין שום קשיא. האָט ר׳ שמעון בן לקיש געזאָגט צו ר׳ יוחנן אַ גרויסער מאַן איז אַהער געקומען פון בבל מאָרגען ווען ער וועט קומען אין דער ישיבה אַריין זאָלסט די אויף איהם אַכטונג געבען. ווען רב כהנא איז געקומען צומאָרגענס צו ר׳ יוחנן אין דער ישיבה אַריין האָט איהם ר׳ יוחנן גיזעצט אין דער ערשטער שורה עס איז גיזעסען אויסגיזעצט זיבען שורות תלמידים האָט ר׳ יוחנן געזאָגט אַ הלכה און רב כהנא האָט איהם גאָר נישט גיפרעגט האָט מען איהם אַראָב גיזעצט נידריגער איין באַנק. האָט ר׳ יוחנן ווייטער געזאָגט אַ הלכה און רב כהנא האָט איהם אויך גאָר נישט איבער גיפרעגט האָט מען איהם אַראָב גיזעצט נידריגער נאָך איין באַנק ביז מען האָט איהם גיזעצט אויף דער לעצטער באַנק. האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו ר׳ שמעון בן לקיש דער לייב וואָס איז געקומען פון בבל איז געוואָרען איין פוקס. האָט רב כהנא געזאָגט עס זאָל זיין דער ווילען פון הקב״ה אַז די זיבען שורות בענק וואָס מען האָט מיך אַראָב גיזעצט זאָלען זיין פאַר די זיבען יאָהר וואָס איך האָב צו געזאָגט צו רב און ער האָט געזאָגט צו ר׳ יוחנן אַז ער זאָל איבער זאָגען די הלכות וואָס ער האָט פריהער געזאָגט. האָט ר׳ יוחנן געזאָגט אַ הלכה און רב כהנא האָט איהם גיפרעגט אַ קשיא האָט ער ווייטער געזאָגט אַ הלכה האָט איהם רב כהנא ווייטער גיפרעגט אַ קשיא ביי יעדער קשיא וואָס רב כהנא האָט גיפרעגט האָט מען איבער גיזעצט העכער ביז ער איז גיזעסען אויף דער ערשטער באַנק. ר׳ יוחנן איז געוועזען איין אַלטער מאַן און ער האָט געהאַט לאַנגע ברעמען האָט ער געזאָגט הייבט מיר אויף מיינע ברעמין כדי איך זאָל אָהנקוקען רב כהנא.

און רב כהנא האָט געהאַט איין שפאַלט אין דער אויבערשטער ליפ האָט זיך איהם געדאַכט אַז ער לאַכט פון איהם. האָט ר׳ יוחנן געהאַט חלשות הדעת איבער דעם און רב כהנא נפטר געוואָרען. צו מאָרגען האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו די תלמידים איהר זעהט וואָס דער מענש פון בבל האָט געטוהן ער האָט גילאַכט פון מיר האָבען איהם די תלמידים גיענטפערט ער האָט איין געשפאַלטינע ליפ דאַכט זיך אַז ער לאַכט. איז ר׳ יוחנן באַלד אַריין געגאַנגען אין דער מערה ווי רב כהנא איז גילעגען האָט ער גיזעהן ווי אַ גרויסער שלאַנג רינגעלט אַרום די מערה כדי עס זאָל קיינער נישט קענען אַריין געהן אין דער מערה אַריין האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צום שלאַנג. שלאַנג עפין אויף דיין מויל עס זאָל אַריין געהן דער רבי צום תלמיד האָט דער שלאַנג נישט גיעפענט זיין מויל. האָט ער ווייטער געזאָגט עפין דיין מויל עס זאָל אַריין געהן איין חבר צום צווייטען. האָט ער ווייטער נישט גיעפינט. ווי ער האָט איהם געזאָגט עפין דיין מויל עס זאָל אַריין געהן דער תלמוד צום רבין האָט ער גיעפינט זיין מויל איז ר׳ יוחנן אַריין געגאַנגען אין דער מערה אַריין און ער האָט מתפלל געוועזען און רב כהנא איז לעבעדיג געוואָרען האָט ר׳ יוחנן געזאָגט צו רב כהנא איך זאָל געוועזען וויסען אַז די האָסט איין צו שפאַלטענע ליפ וואָלט איך נישט געוועזען געהאַט קיין חילשות הדעת. יעצט בעט איך דיך אַז די זאָלסט מיט מיר מיט געהן. האָט איהם רב כהנא גיענטפערט אויב די קענסט בעטין אַז איך זאָל נישט קיינמאָהל שטאַרבען וועל איך צוריק געהן און אויב נישט וועל איך מיט דיר נישט געהן נאר איך וועל צוריק געהן קיין בבל. האָט איהם ר׳ יוחנן גיפרעגט אַלע

ספקות ודיפיהל ער האט געהאט און ער
האט איהם אלע פערענטפערט :

די יודען זענען איינמאהל אויף גע-
גאנגען קיין ירושלים אויף יום
טוב אויף דעם וועג האבען זיי נישט
געהאט קיין וואסער צו טרינקען איז
נקדימון בן גורין אריין געגאנגען צו
א שר. און ער האט צו איהם געזאגט
לייא מיר צוועלף גריבער וואסער און
איך וועל דיר אב געבען אנדערע צוועלף
גריבער וואסער אויב עס וועט געהן רעגען
וועלען די צוועלף גריבער ווערען צוריק
פיהל און אויב עס וועט ניט רעגענען
וועל איך דערפילען די צוועלף גריבער
מיט זילבער. און מען האט בעשטימט
א צייט אז ביז דעם טאג אז די גריבער
וועלען ניט ווערען פיהל מיט וואסער
דארף נקדימון זיי אהנפילען מיט
זילבער. ווי עס איז געקומען דער
בעשטימטער טאג און דער פריה האט
דער שר געשיקט צו נקדימון בן גורין
אז ער זאל איהם געבען וואסער אבער
געלד. האט איהם נקדימון גיענטפערט
עס איז הערשט און דער פריה. בייטאג
האט דער שר צו איהם ווייטע געשיקט. האט
ער איהם' אויך גיענטפערט עס איז נאך
דא צייט. פארנאכט האט דער שר צו איהם
ווייטער געשיקט האט ער איהם אויף
גיענטפערט עס איז נאך דא צייט. האט
דער שר אויס גישפעט פון איהם און
ער האט געזאגט אגאנץ יאהר איז ניט
בעגאנגען קיין רעגען. און יעצט און
דער קורצער צייט וועט געהן רעגען.
און דער שר איז אריין געגאנגען און
מרחץ אריין פריליך דאס ער וועט באלד
האבען געלד. און נקדימון בן גורין
איז אריין געגאנגען און בית המקדש
טרויעריג און ער האט מתפלל געווען
פאר הקב"ה און ער האט געזאגט רבש"ע
עס איז גלוי וידוע פאר דיר

האב ניט געליגען דאס וואסער פאר
מיין כבוד וועגען נאר כדי די יודען
זאלען האבען וואסער. איז באלד געווארען
דער הימעל פערוואלקענד און עס איז
געגאנגען רעגען און עס איז אהנגעקומען
און די גריבער נאך מעהר וואסער ווי
עס איז געוועזען בשעת ער האט געליגען.
נקדימון בן גורין איז ארויס געגאנגען
פון בית המקדש און דער שר איז ארויס
געגאנגען פון מרחץ און זיי האבען זיך
ביידע בעגעגענט. האט נקדימון געזאגט
צום שר גיב מיר געלד פאר דעם וואסער
וואס עס איז דא מעהר. האט איהם דער
שר גיענטפערט איך ווייס אז אייער גאט
האט ניט מרעיש געווען די וועלט
נאר פאר דיינעט וועגען' דאך האב איך
צו דיר א טענה ווייל די זון האט זיך
שוין גיזעצט איז דאס וואסער געגאנגען
אין מיין רשות. איז נקדימון ווייטער
אריין געגאנגען און בית המקדש אריין
און ער האט מתפלל געווען און ער
האט געזאגט רבש"ע מאך וויסען אז
די האסט בעגלייבטו מענטשען אויף דער
וועלט אזוי ווי די האסט מיר פרוהער
געטוהן א נס טהו מיר יעצט אויך א נס
האט אהנגעהויבען צו בלאזען א ווינד
און די וואלקענס זענען צו שפרייט
געווארען און די זון האט אויף
געשיינט האט מען געזעהן אז עס
איז טאג :

דער תנא ר' אליעזר מיט די חכמים
האבען זיך געקריגט וועגען איין
אויווען צו ער איז טמא צו ער איז
טהור. האט ר' אליעזר געזאגט אז דער
אויווען איז טהור און די חכמים האבען
געזאגט אז ער איז טמא און ר' אליעזר
האט פיהל טעמים געגעבען צו זיינע
רייד און די חכמים האבען זיינע טעמים
ניט געוואלט מקבל זיין. האט ר' אליעזר
געזאגט צו די חכמים אויב די הלכה

איז

איז אזוי ווי איך זאג זאל דער בוים וואס שטעהט לעבען אונז אויסווייזען איז דער בוים תיכף אויסגעריסען געווארען פון זיין ארט הונדערט איילען ווייט. האבען די חכמים געזאגט מיר קוקען ניט אויף דעם בוים. האט ר' אליעזר ווייטער געזאגט אויב די הלכה איז אזוי ווי איך זאל דאס וואסער אויסווייזען האט דאס וואסער אהנגעהויבען צו געהן צוריק האבען די חכמים געזאגט מיר קוקען ניט אויף דעם וואסער. האט ר' אליעזר ווייטער געזאגט זאלען די ווענט פון בית המדרש זיך איינבויגען אין זיי האבען געהאלטען ביי איינפאלען האט ר' יהושע אהנגעשריגען אויף די ווענט. דא ווי תלמידי חכמים קריגען זיך וועגען א דבר הלכה זאלט איהר אייך ניט אינטערעסירען אין דעם זענען די ווענט ניט איינגעפאלען צוליב דעם כבוד פון ר' יהושע אין זיי האבען זיך ניט אויף געשטעלט צוליעב דעם כבוד פון ר' אליעזר אין זיי זענען געשטאנען איינגעבויגען האט ר' אליעזר ווייטער געזאגט זאל מען פון הימעל אויסווייזען אזוי ווי ווער די הלכה איז. איז אראב געקומען איין בת קול פון הימעל אין האט געזאגט וואס ווילט איהר פון ר' אליעזר די הלכה איז אזוי ווי ער. האט זיך ר' יהושע אויף געשטעלט אין ער האט געזאגט די תורה איז ניט אין הימעל מיר קוקען ניט אויף קיין בת קול די האסט געשריבען אין דער תורה „אחרי רבים להטות" אז מען געהט נאך דעם רוב אין מיר זענען דער רוב. האט ר' נתן בעטראפען אליהו הנביא אין ער האט איהם געפרעגט וואס טוהט יעצט הקב"ה. האט ער איהם געענטפערט ער פריידט זיך אין ער זאגט מיינע קינדער האבען מיך מנצח געווען. אין דעם טאג האט מען געבראכט אלע טהרות וואס ר' אליעזר האט מטהר געוועזען אין מען האט זיי פערברענט און מען האט ר' אליעזר געלייגט אין חרם ארויין האבען די חכמים געזאגט ווער וועט איהם געהן מודיע זיין האט ר' עקיבא געזאגט איך וועל איהם געהן מודיע זיין ווארים אויב עס וועט געהן איין אדם שאינו הגון אין ער וועט ניט וויסען ווי אזוי איהם מודיע צו זיין קען ער חרוב מאכען די גאנצע וועלט. האט זיך ר' עקיבא אהנגעטוהן שווארצע מלבושים אזוי ווי איין אבל אין ער איז געגאנגען צו ר' אליעזר אין ער האט זיך גיזעצט ווייט פון ר' אליעזר פיהר איילען האט איהם ר' אליעזר גיפרעגט וואס איז היינט אנדערש ווי שטענדיג. האט ער איהם גיענטפערט עס דאכט זיך מיר אז דיינע חברים זענען פון דיר אב געשייד. האט ר' אליעזר צוריסען זיינע מלבושים אין ער האט זיך גיזעצט אויף דער ערד אין עס איז גערינען פון זיינע אויגען טרערין און די וועלט איז געשלאגען געווארען אדריטעל מיט איילבירטען אין איין דריטעל מיט ווייץ אין איין דריטעל מיט גערשטען. אין אפילו דאס טייג וואס איז געוועזען ביי דער אשה אין די הענד איז קאליע געווארען. אין ווי ר' אליעזר האט געקוקט מיט זיינע אויגען איז עס פערברענט געווארען. אין דער נשיא רבן גמליאל איז געפארען אויף איין שיף איז אויף איהם אויף געשטאנען איין פאליע אין זי האט איהם געוואלט דערטרינקען האט רבן גמליאל געזאגט עס זעהט מיר אויס אז דאס איז צוליעב ר' אליעזר האט ער זיך אויף געשטעלט אין ער האט געזאגט רבש"ע עס איז גלוי וידוע פאר דיר אז דאס האב איך ניט געטוהן צוליעב מיין כבוד אין צוליעב מיינע עלטערענס כבוד נאר כדי עס זאל זיך ניט מעהרען קיין מחלוקת ביי די יודען האט זיך די פאליע אב געשטעלט.

דאס

דאָס ווייב פון ר׳ אליעזר האָט געהייי-
סען אימא שלום זי איז געווען איין
שוועסטער פון רבן גמליאל זינט מען
האָט ר׳ אליעזר געלייגט אין חרם אריין
האָט זי איהם נישט געלאָזט פאַלען אויף׳ן
פנים ביי תחנון כדי ער זאָל נישט מעניש
זיין רבן גמליאל׳ן ווייל רבן גמליאל איז
געווען נשיא אין דורך איהם איז דער
חרם געמאַכט געוואָרען. איינמאָהל האָט
זי זיך טועה געווען זי האָט גירעכינט
אַז אין דעם טאָג איז ראש חודש ווען
ער דאָך נישט זאָגען קיין תחנון האָט זי
איהם נישט געהיטען. האָט ר׳ אליעזר
געזאָגט תחנון און ער איז געפאַלען אויף
דעם פנים ווי זי האָט דאָס דערזעהן
האָט זי צו איהם געזאָגט שטעה אויף
די האָסט שוין דערהרגט מיין ברודער.
אַזוי ווי זי האָט דאָס אַרויס געזאָגט
האָט מען אין שטאָדט געבלאָזען שופר
פאַר אַ סימן אַז דער נשיא איז געש-
טאָרבען. האָט ר׳ אליעזר זי געפרעגט
פון וואַנען האָסט די געוויסט אַז ווען
איך וועל פאַלען אויף מיין פנים וועט
דיין ברודער שטאַרבען. האָט זי איהם
גיענטפערט אַזוי האָב איך בקבלה פון
מיין פאָטער אַז אַלע טויערען פון הימעל
זענען פערשלאָסען אויסער דעם טויער
פון אונאה דאס הייסט ווען מען דריקט
אַמענטש אומשולדיג :

**דער** תנא ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון
האָט אַמאָהל געטראָפען דעם שר
פון מלך אַרום געהן אין זיכען גנבים
ער זאָל זיי איינזעצין אין תפיסה האָט
איהם ר׳ אליעזר גיפרעגט ווי אַזוי קענסט
די זיי געפונען זיי זענען דאָך גלייך צו
די חיות פון פעלד וואָס בייטאָג טוהן
זיי זיך באַהאַלטען און באַהעלטינישען
וויא מענטשען גייען קיינמאָהל נישט
כדי מען זאָל זיי נישט זעהן קען דאָך
זיין אַז די נעמסט צדיקים אין די רשעים
ווערען ניצול. האָט איהם דער שר
גיענטפערט וואָס זאָל איך טוהן איך
האָב אַזאַ בעפעהל פון מלך איבער דעם
אַז איך טרעף אַ מענש וואָס איך האָב
נאָר אויף איהם אַ חשד פון גנבה האָב
איך מורא איהם אָב צו לאָזען. האָט
איהם ר׳ אליעזר געזאָגט קום אַ הער
וועל איך דיר זאָגען ווי אַזוי די זאָלסט
טוהן די זאָלסט זיי זיכען אין די שענ-
קען אין די זאָלסט אריין געהן אין אַ שענק
אַריין אין דער פיערטער שעה אויף דעם
טאָג וואָס דאַמאָלסט איז די צייט פון
עסין וואָס יעדער געהט דאַמאָלסט אריין
און די שענקען עסין אין אַז די וועסט
זעהן אַ מענש זיצט אין טרינקט וויין
און ער האַלט דעם כוס און דער האַנד
אין ער דרימצלט זאָלסט די אויף איהם
פרעגען וואָס זיין טוהן איז אויב ער
איז אַ תלמוד חכם קאָן זיין אַז ער האָט
זיך אויף געהויבען פאַרטאָג לערנען
איז ער יעצט שלעפעריג אין אויב מען
וועט דיר זאָגען אַז ער איז איין אַר-
בייטער קען זיין אַז ער איז אויף געש-
טאַנען פריה צו דער אַרבייט איבער
דעם איז ער יעצט שלעפעריק אין אויב
מען וועט דיר זאָגען אַז ער איז נישט
קיין תלמוד חכם און נישט קיין אַרביי-
טער איז אַ סימן אַז ער איז אַ גנב אין
ער איז אַגאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען
ווייל ער האָט געגנב׳ט און איהם זאָלסט
די נעמען און תפיסה אַריין. ווי מען
האָט גיהערט די עצה ביי דעם מלך
האָט מען געזאָגט די וועלט זאָגט איין
וואָרט דער וואָס ער קען לייענען דעם
בריף דער זאָל זיין דער שליח פון דעם
בריף אַזוי יעצטן ווייל ער פערשטעהט
ווי אַזוי צו געפינען די גנבים זאָל ער
אַליין זיין דער ממונה פון דעם אין ער
זאָל אויף זיכען די גנבים האָט מען
איהם גערופען צום מלך און מען האָט
איהם געמאַכט פאַר דעם עלצטין ער זאָל
אויף

אויף זיכען די גנבים און מען האָט איהם מיט געגעבען זעלנער און ער איז גע־גאנגען זיכען גנבים אין וועמען ער האָט געטראָפען דרימלען אין שענק אין ער איז נישט געוועזען קיין תלמוד חכם און נישט קיין ארבייטער האָט ער איהם איינגעזעצט אין תפיסה אריין. איינמאָהל האָט איהם ר׳ יהושע בן קרחה בעגעגענט ווי ער האָט געפירט גנבים איינציוזעצען האָט ער צו איהם געזאָגט די עסיג פון ווין. דאס מיינט מען די ביסט א רשע בן צדיק ווי לאנג נאָך וועסט די איבער ענטפערין דאָס פאָלק פון הקב״ה מען זאָל זיי הרגינען. האט ער איהם גיענט־פערט איך פערלענד נאָהר די דערנער פון וויינגאָרטען דאָס מיינט מען איך גיב נאָר איבער די רשעים צו הרגנען. האָט איהם ר׳ יהושע בן קרחה גיענט־פערט זאָל קומען דער בעל הבית פון וויינגאָרטען דאָס מיינט מען הקב״ה אין ער זאָל פערלענדען זיינע דערנער. איינ־מאָהל האָט איין וועשער בעגעגענט ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון אין ער האָט איהם גערופען עסיג פון ווין האָט ר׳ אליעזר בעזאָגט אז ער איז אזא מחוצף ער זאָל מיך רופען עסיג פון וויין איז א סימן אז ער איז א רשע, אין ער האָט איהם געהייסען איינזעצען ווי ר׳ אליעזר האָט זיך בערוהיגט האָט ער חרטה געהאָט וואָס ער האָט געהייסען דעם וועשער איינזעצען און ער איז געגאנגען און תפיסה אריין ער זאָל איהם אויסלייזען און ער האָט נישט געקאָנט איהם אויס־לייזען אין מען האָט דעם וועשער גע־האָנגען איז ר׳ אליעזר געשטאַנען אונטער דער תליה און ער האָט געוויינט ווייל ער האָט מורא געהאָט אפשר איז דער וועשער נישט קיין רשע און מען האָט איהם בחנם אויף געהאנגען. האָבען מענטשען צו איהם געזאָגט רבי די דארפסט נישט וויינען וואָס מען האָט דעם וועשער געהאָנגען ווייל ער איז א רשע ווייל ער מיט זיין ווהן האָבען מזנה געוועזען און יום הכיפור מיט אנערה מאורסה איבער דעם איז איהם געקומען מיתה. האָט ר׳ אליעזר ארויף געלייגט זיינע הענד אויף זיין בויך אין ער האָט געזאָגט פריידט אייך מיינע גידערים אז דאָ ווי עס איז מיר געווע־זען א ספק אויף דעם וועשער צו ער איז א רשע צו נישט האָט זיך ארויס געוויזען אז ער איז א רשע. דאָ ווי מיר איז זיכער אז דער מענטש איז א רשע בין איך זיכער אז איך טוה גוט וואָס איך הייס איהם הרגינען איך בין פער־זיכערט אז קיין ווערים וועלין צו אייך קיין שליטא נישט האָבען. און ער האָט זיך נישט געקאָנט בערוהיגען ביז ער האָט זיך געהייסען איינגעבין שלאָף געט־ראנק און מען האָט איהם אויף געשניטען דעם בויך אין מען האָט ארויס גענימען פון בויך פעטץ. אין מען האָט דאס פעטץ געלאָזט ליגען אין תמוז אויף דער זון ער זאָל זעהן צו דאָס פעטץ וועט פער־שטינקען ווערען צו נישט און עס איז געליגען דער חודש תמוז אין דעם חודש אב אין דאָס פעטץ איז נישט פערשטינ־קען געוואָרען האָט ר׳ אליעזר געזאגט אויף זיך דעם פסוק „אף בשרי ישכון לבטח״ אפילו מיין לייב וועט רוהען אויף זיכער עס וועט אין מיין לייב נישט שולט זיין קיין רימה ותולעה:

נאָך דעם ווי ר׳ אלעזר בר ר׳ שמעון האָט געמאַכט די אַלע פרובעס און עס האט זיך ארויס געוויזען אז ער האט גוט געטוהן האט ער זיך דאך נישט געקאנט בערוהיגען ער האט פארט מורא געהאט אפשר האָט ער וועלכען צדיק אויך געהרגט האָט ער זיך נישט גע־קענט בערוהיגען און ער האט אויף זיך מקבל געוועזען יסורים כדי ער זאל מיט

זיי

זיי אָבקומען אויף דער וועלט אַז ער
זאָל קומען ריין אויף יענער וועלט אין
זיין גוף איז געוואָרען פיהל מיט צרעת
אַז ביינאַכט האָט מען איהם אונטער
געלייגט זעכציג לייליכער אין דער
פריה האָט מען זיי אַ פּער גענומען
זענען זיי געוועזען פיהל מיט בלוט
וואָס עס האָט געריגען פון צרעת.
אין יעדען טאָג האט איהם זיין ווייב
געמאַכט זעכציג מינים געקעכטץ פון
פייגען אין ער איז געזינד גיוואָרען אין
זי האט איהם ניט געלאָזט גיהן אין בית
המדרש אריין כּדי די רבנים זאָלען
איהם ניט דעקוטשען ווייל ער איז
געוועזען שטאַרק אָבגעשוואַכט פון די
יסורים. ביינאַכט האט ער געזאָגט צו די
יסורים מיינע ברידער אין מיינע חברים
קומט אין דער פריה. אין דער פריה האָט ער
צו זיי געזאָגט געהט פון מיר אוועק כּדי
איך זאָל קענען לערנען. איינמאָהל האָט דאָס
ווייב גיהערט ווי ער זאָגט צו די יסורים
קומט צו מיר האט דאָס ווייב צו איהם
געזאָגט איך זעה דאָך אַז די ברענגסט
אויף דיר אַליין די יסורים ווילסט די
פערלענדען מיין פאָטערס געלד מיט
דעם וואָס איך מוז דיר יעדען טאָג
מאַכען רפואות אין די פערפאָלסט מיט
דעם בלוט אַלע מלבושים איז זי פון
איהם אוועק געגאַנגען צו איהר פאָטער
אין זי האָט מיט גענומען די טאָכטער.
איינמאָהל זענען מענשען געפאָרען אויף
דעם ים. האָט זיך געמאַכט איין שטורם
ווינד אין די שיף האָט געהאַלטען ביי
אונטער געהן. האָבען זיי מתפלל געוועזען
צו הקב"ה אין זיי האָבען געזאָגט רבש"ע
העלף אונז אין דעם זכות פון ר' אליעזר
ווי זיי האָבען דאָס געזאָגט האָט דער
ים אויף גיהערט צו שטורמען ווי זיי
זענען ארויסגעגאַנגען אויף דער יבשה
האָבען זיי געשיקט צו ר' אליעזר זעכציג
קנעכט זיי האָבען געהאַלטען אין
זייערע הענד זעכציג בייטלען מיט געלד
אין זיי האָבען איהם געמאַכט זעכציג
מיני מאַכלים. איינמאָהל האָט דאָס ווייב
געזאָגט צו דער טאָכטער געה גיב
אַ קוק וואָס דיין פאָטער מאַכט ווי זי
איז געקומען צום פאָטער האָט צו איהר
דער פאָטער געזאָגט געה אין זאָג דיין
מוטער אַז דאָס רייכקייט וואָס איך האָב
איז גרעסער פון אייער רייכקייט אין ער
האָט גיגעסען אין געטרינקען אין ער
איז געזינד געוואָרען אין ער איז
געגאַנגען און בית המדרש אריין. האָט
מען פאַר איהם געבראַכט זעכציג
שאלות פון דם נשים אין ער האָט אַלע
בלוטען מטהר געוועזען האָבען די
רבנים געזאָגט ווי געשיקט זיך עס זאָל
ניט זיין צווישען די אַלע זעכציג בלוטען
קיין איין בלוט אַז עס זאָל זיין טמא
האָט ר' אליעזר געזאָגט צו די חכמים
אויב אַז עס איז אַזוי ווי איך זאָלען די
אַלע ווייבער די היינטיגע נאַכט מעוברת
ווערען אין די קינדער זאָלען זיין אַלע
זכרים. אין אויב ניט זאָל איין קינד פון
זיי זיין אַנקבה אין דער סוף איז
געוועזען אַז אַלע זענען געוועזען זכרים
אין מען האָט אַלע קינדער אַנאָמען געגעבין
אליעזר. ווען ער האָט געהאַלטען ביי
שטאַרבען האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב
איך וויים דאָך אַז די רבנים זענען אויף
מיר אין כּעס אין זיי וועלען זיך ניט
מיט מיר מתעסק זיין אַזוי ווי עס דאַרף
צו זיין על כן זאָלסט די מיך לייגען
אויף דעם בוידעם אין די זאָלסט גאַר
ניט קיין מורא האָבען. אין זיין ווייב
האָט דערציילט אַז ער איז געלעגען אויף
דעם בוידעם אערך פון צוואַנציג יאָהר
אין אַז זי פלעגט ארויף געהן אויף
דעם בוידעם אַכטונג צו טוהן וואָס ער
מאַכט. אין אַז זי האט איהם אויסגע-
ריסען אַ האָר פון זיין באָרד איז
געריגען פון דעם אָרט בלוט גלייך ווי-

ער וואלט געלעבט. איינמאהל האט זי געזעהן ווי עס איז ארויס געקראכען פון זיין אויער א ווארים. האט זי מורא געהאט אז זיין לייב ווערט שוין קאליע איז ער צו איהר געקומען בחלום און ער האט איהר געזאגט שרעק דיך ניט דאס איז ניט ווייל מיין גוף ווערט קאליע נאר דאס איז פאר איין עונש איך האב איינמאהל גיהערט ווי מען האט מבזה געווען א תלמיד חכם און איך האב אויף דעם מענש ניט אהנגע-שריגען אזוי ווי עס דארף צו זיין איבער דעם האט מען מיר געגעבען דעם עונש און אז עס זענען געקומען צוויי מענטשען זיך לאדען זענען זיי געשטאנען ביי דער טהיר פון בוידעם און זיי האבען בעטענהט איז ארויס געגאנגען א קול פון בוידעם דער איז גערעכט און דער שולדיג. איינמאהל האט זיך זיין ווייב בעקריגט מיט א שכנה האט די שכנה צו איהר געזאגט די זאלסט זיין אזוי ווי דיין מאן וואס מען האט איהם ניט קובר געוועזען. האבען די רבנים געזאגט אז מען ווייסט שוין אז ער לעבט ניט און מען האט איהם ניט קובר געוועזען איז ניט קיין כבוד פאר איהם נאר מען דארף איהם קובר זיין האבען די רבנים איהם געוואלט קובר זיין האבען די מענשען פון דעם ארט וואס עס האט ביהייסען עכבור וואס איז געוועזען לעבען דער שטאדט ווי ר' אליעזר איז געוועזען ניט געלאזט איהם קובר זיין ווייל די צייט וואס ער איז געלעגען אויף דעם בוידעם איז קיין חיה רעה ניט אויף געגאנגען אויף זיי ווייל זיין זכות האט אויף זיי מגין געוועזען. ערב יום כיפור ווען אלע מענטשען זענען געוועזען טרוד צוליב יום כיפור זענען די רבנים בעגאנגען און זיי האבען איהם אראב גענומען פון בוידעם און זיי האבען איהם ...יהרט צו דעם ארט וואס עס הייסט בי בירי אין מען האט איהם געבראכט צו דער מערה פון זיין פאטער. אין ארום דער מערה איז געליגען א שלאנג אין ער האט געהאלטען דעם עק אין מויל האבען די רבנים געזאגט צום שלאנג עפין אויף דיין מויל מען זאל אריין ברענגען דעם זוהן צו זיין פאטער האט דער שלאנג ארויס גענימען זיין עק פון מויל אין ער האט' זיך אוועק גערוקט אין מען האט איהם קובר געוועזען אין דער מערה פון זיין פאטער:

ווען ר' אליעזר בר ר' שמעון איז נפטר געווארען האט רבי געשיקט צו זיין ווייב אז ער וויל זי נעמען פאר א ווייב האט זי גיענטפערט די כלי וואס מען האט מיט איהר געניצט היילעגע זאכען קען מען איהר ניט ניצען קיין אום הייליגע זאכען. האט רבי צו איהר געשיקט הגם מיט תורה איז ער געוועזען גרעסער פון מיר אבער מיט מעשים איז ער דען געוועזען גרעסער פון מיר האט זי איהם גיענטפערט מיט תורה צו ער איז געוועזען גרעסער פון דיר ווייס איך ניט אבער מיט מעשים טובים ווייס איך אז ער איז געוועזען גרעסער פון דיר ווייל ער האט אויף זיך מקבל געוועזען יסורים:

ווי רבי האט געזעהן אז די יסורים האבען געהאלפען צו ר' אליעזר בר ר' שמעון אז קיין ווערים האבען ניט קיין שליטה געהאט אין זיין גוף האט ער געזאגט אזוי ווי איך זעה אז יסורים זענען אזוי חביב. האט ער אויף זיך גענומען דרייצען יאהר יסורים. דער שומר פון די פערד פון רבי איז געוועזען רייכער פון דעם מלך שבור פון דעם מוסט פון די בהמות ווייל רבי האט געהאט פיהל בהמות ווען ער האט האט געגעבען די בהמות עסען האט

ניט

מען דאָס קול גיהערט פון דריי מייל ווייט. איינמאָהל האָט דער שומר גיגעבען די בהמות צו עסין פונקט אין דער צייט ווען רבי איז אַרויס געגאַנגען אין בית הכסא אַריין האָט מען דאָס קול פון רבי וואָס ער האָט געשריגען פון די יסורים וואָס ער האָט געהאַט העכער גיהערט. אין נאָך די גרויסע יסורים וואָס רבי האָט געהאַט זענען די יסורים פון ר׳ אליעזר געוועזען חשיבער ווייל די יסורים פון ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון זענען צו איהם געקומען מאהבה. אין מאהבה זענען זיי פון איהם אַוועק אין די יסורים פון רבי זענען צו איהם געקומען דורך אַ מעשה און דורך אַ מעשה זענען זיי פון איהם אַוועק. איינמאָהל האָט מען געפיהרט איין קאַלב צו דער שחיטה איז דאָס קאַלב אַנטלאָפען און עס האָט זיך בעהאַלטען אונטער די פאָלע פון רבי אין דאָס קאַלב האָט געוויינט. האט רבי געזאָגט צום קאַלב גיה ווייל די ביסט אויף דעם בעשאַפען געוואָרען. האָט מען אין הימעל געזאָגט ווייל ער האט זיך נישט מרחם געוועזען אויף דעם קאַלב זאלען אויף איהם קומען יסורים איינמאָהל האט די דינסט פון רבי אויסגיקערט די שטוב זענען אין שטיב געלעגען קליינע קעצליך האָט זי זיי געוואלט אַרויס וואַרפען האט רבי צו איהר געזאגט לאז זיי ליגען אין שטיב עס שטייט אין פסוק „ורחמיו על כל מעשיו” הקב״ה איז זיך מרחם אויף זיינע אַלע בעשעפינישען האָט מען געזאָגט אין הימעל ווייל ער איז זיך מרחם אויף בעשעפינישען דאַרף מען זיך אויף איהם אויך מרחם זיין און די יסורים זענען פון איהם אָבגיטרעטען. די אַלע יאָהרען וואָס ר׳ אליעזר האָט געהאַט די יסורים איז קיין מענטש נישט געשטאָרבען פאַר דער צייט און די אַלע יאָהרען וואָס רבי ... געהאַט די יסורים האָט די וועלט נישט בעדאַרפען קיין רעגין. הגם ... איז נישט געגאַנגען קיין רעגען איז די ערד געוועזען פייכט אין אַז מען האָט אויסגעריסען איין רעטיך פון דער בייט איז דאָס גריבעל פון דעם רעטעך געוואָרען פיעל מיט וואַסער:

רבי איז אַמאָהל געקומען אין דער שטאָדט ווי ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון האָט געוואָהנט האָט ער זיך גיפרעגט צו עס איז געבליבען ווערכער זוהן פון דעם צדיק האָט מען איהם גיענטפערט עס איז געבליבען פון איהם אַ זוהן נאָר ער איז נישט קיין ערליכער האָט רבי איהם געהייסען ברענגען צו זיך אין ער האָט איהם מסמך געוועזען כדי ער זאָל זיך איבער קלערען אַז ער איז שוין אַמוסמך וועט ער זיך נעמען צום לערנען אין ער האָט איהם איבערגעגעבען צו ר׳ שמעון בן איסי אַז ער זאָל מיט איהם לערנען. יעדען טאָג האָט ער געזאָגט איך וועל געהן אין מיין שטאָדט אַריין. האָט איהם ר׳ שמעון גיענטפערט מען רופט דיך חכם און רבי און די ווילסט געהן און דיין שטאָדט אַריין און די ווילסט נישט לערנען האָט ער געזאָגט איך שווער אַז איך וועל שוין נישט וועלען געהן און מיין שטאָט אַריין נאָר איך וועל לערנען. ווען ער איז גרויס געוואָרען איז ער געפאָרען אין דער ישיבה אריין פון רבי. האָט רבי דערהערט זיין קול האָט רבי געזאָגט דאָס קול איז גלייך ווי דאָס קול פון ר׳ אליעזר בר ר׳ שמעון האָט מען איהם גיענטפערט דאָס איז זיין זוהן. ווען ער איז נפטר געוואָרען האָט מען איהם געוואָלט קובר זיין אין דער מערה פון זיין פאָטער האָט איין שלאַנג אַרום געוויקעלט די מערה האָט מען געזאָגט צום שלאַנג עפין אויף דיין מויל זאָל אַריין געהן דער זוהן צום פאָטער האָט ער נישט געוואָלט

יומו

עפינען זיין מזיל האט מען גירעכינט ווייל דער פאטער איז גרעסער פון איהם איז אראב געקומען א בת קול נישט ווייל ער איז גרעסער פון איהם נאר ווייל דער פאטער איז שטענדיג געוועזען בצער אין ער איז נישט געוועזען בצער :

**רבי** יוחנן איז געוועזען זייער א שעה-נער מענטש. איינמאהל האט זיך ר׳ יוחנן געבאדען אין ירדן אין ריש לקיש האט זיך געבאדען און דער צוויי-טער זייט ירדן אין ער איז געוועזען דאמאלסט איין גזלן. ווי ריש לקיש האט דערזעהן ר׳ יוחנן איז ער איבער געש-ווימען דעם ירדן צו ר׳ יוחנן. האט ר׳ יוחנן געזאגט צו ריש לקיש דיין כח איז גיט צו דער תורה. האט איהם ריש לקיש גיענטפערט דיין שעהנקייט וואלט געפאסט פאר ווייבער. האט איהם ר׳ יוחנן געזאגט אויב די וועסט תשובה טוהן וועל איך דיר געבען מיין שוועסטער וואס זי איז נאך שענער פון מיר האט ריש לקיש אויף זיך גענימען ער זאל תשובה טאהן און ער האט געוואלט צוריק שווימען דעם ירדן ער זאל צוריק נעמען די מלבושים האט ער נישט גיקענט אזוי שווימען אזוי ווי פריהער ווייל ער האט אויף זיך גענימען דער עול תורה איז שוין זיין כח אב געשוואכט געווארען און ער האט אהנגעהויבען צו לערנען תורה ביי ר׳ יוחנן אין ער איז געווארען איין גדול בתורה. איינמאהל האט זיך געמאכט איין מחלוקת אין בית המדרש וועגען א מעסער ווען עס קען מקבל טומאה זיין ווארים דער דין איז אז אפלי קען נישט מקבל טומאה זיין ביז עס ווערט פערענדיגט. האט ר׳ יוחנן געזאגט צו ריש לקיש ווייל די ביסט געוועזען א גזלן ווייסט די און ביסט א בקי און די כלים פון א גזלן ווען זיי ווערען פערענדיגט. האט ריש לקיש געזאגט צו ר׳ יוחנן וואס האט מיר געהאלפען מיט דעם וואס איך האב אויף זיך גענימען דער עול תורה ווען איך בין געוועזען א גזלן האט מען מיך גערופען רבי ווייל איך בין געוועזען איין עלטסטער און דא רופט מען מיך רבי. האט איהם ר׳ יוחנן גיענט-פערט עס האט דיר געהאלפען וואס איך האב דיך מקרב געוועזען תחת כנפי השכינה אין ר׳ יוחנן האט געהאט חולשת הדעת פון די רייד וואס ריש לקיש האט איהם געזאגט. איז ריש לקיש שלאף געווארען און זיין ווייב איז געקומען צו ר׳ יוחנן און זי האט פאר איהם געוויינט אז ער זאל מתפלל זיין אז ריש לקיש זאל געזינד ווערען אין זי האט איהם געזאגט טוה צוליעב מיינע קינדער און בעט רחמים אז ריש לקיש זאל געזינד ווערען. האט ער איהר גיענטפערט איך וועל שפייזען דיינע קינדער. האט זי איהם געזאגט בעט רחמים צוליעב מיר איך זאל נישט בלייבען קיין אלמנה. האט ער איהר גיענטפערט איך וועל דיך שפייזען אין ריש לקיש איז נפטר גע-ווארען. האט ר׳ יוחנן זיך שטארק מצער געוועזען אויף דעם וואס ריש לקיש איז נפטר געווארען ווייל ער האט נישט געהאט קיין אזעלכען גוטען תלמיד אזוי ווי ריש לקיש. האבען די רבנים געזאגט ווער וועט געהן צו ר׳ יוחנן לערנען כדי זיין דעה זאל בערוהיגט ווערען איז געבליבען אז ר׳ אליעזר בן פדת זאל צו איהם געהן ווייל ער איז אגרויסער חריף ובקי איז ר׳ אלעזר געגאנגען. אין ער האט זיך געזעצט פאר ר׳ יוחנן וואס ר׳ יוחנן האט געזאגט אדין האט ר׳ אליעזר צו איהם געזאגט איך האב גי-לערינט אז עס איז אזוי ווי די. דער תנא זאגט אויך אזוי ווי די. האט ר׳ יוחנן צו איהם געזאגט די ביסט נישט אזוי ווי ריש לקיש אז איך האב געזאגט איין הלכה. האט מיך ריש לקיש גיפרעגט

פיער

פיער אין צוואנציג קשיות אין איך האב איהם גיענטפערט יעדער אין צוואנציג תירוצים אין ממילא איז די הלכה קלאהר געווארען אבער די ברענגסט מיר ראיות אז איך זאג גוט ווייס איך דען ניט אליין אז איך זאג גוט. האט ר׳ יוחנן צוריסען זיינע קליידער אין ער האט געשריגען ווי ביסט די ריש לקיש. אין ער האט אזוי לאנג געשריגען ביז ער איז אראב פון זינען האבען די רבנים מתפלל געוועזען אז ער זאל נפטר ווערען אין זיין נשמה איז ארויף געגאנגען אין הימעל אריין בטהרה:

דער תנא ר׳ חנינא האט זיך אמאהל געקריעגט מיט דעם תנא ר׳ חייא האט ר׳ חנינא געזאגט צו ר׳ חייא מיט מיר קריעגסט די דיך ווען די תורה זאל חס ושלום פערגעסען ווערען פון די יודען וואלט איך זיי דערמאנט מיט מיין פילפול. האט איהם ר׳ חייא גיענטפערט איך האב געטוהן איין סיבה אז די תורה זאל ניט פערגעסען ווערען פון די יודען איך האב געזייעט פלאקס אין פון דעם פלאקס האב איך געפלאכטען נעצען. אין איך האב געפאנגען הערשען אין דאס פלייש האב איך געגעבען צו עסען דיא יתומים, אין פון די פיהל האב איך אויסגעארבייט פארמיט אין איך האב אויף זיי אויף געשריבען די חמישה חומשי תורה אין איך בין געגאנגען אין אזעלכע שטעדט וואס עס איז דארט ניט דא קיין מלמדים איין איך האב גילערענט מיט פינף קינדער די פינף חומשים מיט יעדען יונגעל איין בעזונדער חומש אין מיט זעקס קינדער האב איך געלערענט די ששה סדרי משנה מיט יעדען יונגעל אבעזונדער משניות אין איך האב געהייסען די קינדער אז איין קינד זאל לערנען מיט דעם צווייטען זיין סדר וואס ער האט געלערענט ממילא האבען דאך אללע קינדער גיקענט גאנץ חומש אין גאנץ משניות דאס איז רעכט וואס רבי האט אמאהל געזאגט די מעשים פון ר׳ חייא זענען זייער גרויס האט איהם זיין זוהן ר׳ שמעון גיפרעגט די מעשים פון ר׳ חייא זענען גרעסער אפילו פון דיינע מעשים. האט ער איהם גיענטפערט זיי זענען גרעסער אפילו פון מיינע מעשים:

אליהו הנביא פלעגט יעדען טאג צו קומען אין דער ישיבה אריין פון רבי. איינמאהל איז ער געקומען שפעט עס איז געוועזען ראש חודש. האט איהם רבי גיפרעגט פאר וואס ער איז היינט געקומען שפעט האט ער איהם גיענטפערט איך האב ניט געהאט קיין צייט ווייל איך האב בעדארפען אויף שטעלען אברהם אבינו אין איהם געבען וואסער צו וואשען די הענד אין ער האט אבגעדאווענט אין איך האב איהם צוריק געלייגט. דערנאך האב איך דאס זעלבע בעדארפען טוהן צו יצחק אין צו יעקב. האט איהם רבי גיפרעגט פאר וואס דארפסט די אויף שטעלען יעדען בעזונדער די קענסט דאך זיי אויף שטעלען אלע מיט אמאהל וועט דאך ניט פערנעמען אזוי פיהל צייט. האט איהם אליהו גיענטפערט ווען זיי זאלען דאווינען אלע בעזאממען וואלטען זיי גיקענט ברענגען משיח פאר דער צייט איבער דעם האב איך ניט קיין רשות זיי אויף צו שטעלען אלע מיט אמאהל. האט איהם רבי גיפרעגט צו עס געפינט זיך אזעלכע מענטשען אויף דער וועלט וועלכעס זיי זאלען האבען אגרויסען זכות האט איהם אליהו גיענטפערט עס געפינט זיך אויף דער וועלט ר׳ חייא מיט זיינע קינדער זאלען דאווינען פאר דעם עמוד. אזוי ווי ר׳ חייא האט געזאגט משיב הרוח האט אהנגעהויבען צו בלאזען אווינד

אונגד אזוי ווי ער האָט געזאָגט מוריד הגשם איז געגאַנגען רעגען ווען ער האָט געהאַלטען ביי דער ברכה פון מחיה המתים האָט די וועלט אָהנגעהויבען צו שטאָרמען אין די מתים האָבען געוואָלט אויף שטיין פון זייערע קברים האָט מען אויף דעם הימעל גיפרעגט ווער איז דער וואס איז מגלה די סודות אז די תפלה פון ר' חייא מיט זיינע קינדער איז אזוי חשוב ווי די תפלה פון די אבות האָט מען געזאָגט אז אליהו האָט דאס אויסגעזאָגט. האט מען אליהון געשמיסען זעכציג קלעפ מיט איין פייערדיגע רוט. איז אליהו געקומען אין שוהל אריין אין ער האָט זיך פערשטעלט פאַר איין בער אין ער איז אריין געגאַנגען צווישען זיי אין ער האָט זיי מטרד געוועזען אין זיי האָבען שוין ניט גיקענט מכוון זיין אין דער תפלה :

דער תנא רבה בר נחמני איז נפטר געוואָרען ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם קיסר. מען האָט דערציילט דער קיסר אז ער איז מבטל די יודען פון פאַדאַטעק צוויי חדשים אין יאָהר ווייל ראש חודש ניסן אין ראש חודש תשרי קומען זיך צו איהם צוזאַמען צוועלף טויזענד תלמידים לערנען תורה אין אז מען וויל ביי זיי נעמען פאַדאַטעק געפינט מען זיי ניט אין דער היים האָט דער קיסר געשיקט א שליח אז ער זאָל ברענגען רבה בר נחמני אין ער האָט איהם ניט גיקענט געפינען ווייל ער האָט זיך פאַר איהם בעהאַלטען. איינמאָהל האָט זיך געטראָפען אז דער שליח איז געקומען אין דער שטאָדט פומבדיתא אין רבה איז פונקט געוועזען אין דער זעלבער אַכסניה ווי דער שליח איז געוועזען האָט דער שליח פון קיסר בעטרינקען צוויי כוסות וויין איז איהם זיין מויל געוואָרען אויסגעקרימט ווייל ער האָט געטרינקען זוגות האָט דער בעל אַכסניה געפרעגט רבה בר נחמני וואָס ער זאָל טוהן אז דעם שליח זאָל דאָס מויל אויסגעגלייכט ווערען ווייל ער איז איין שליח פון קיסר האָבען זיי מורא פאַר דעם קיסר אז ער זאָל ניט זאָגען אז מען האָט איהם געטוהן כשוף. האָט רבה געהייסען אז מען זאָל איהם געבען נאָך איין כוס וויין וועט דאָך שוין ניט זיין קיין זוגות וועט איהם זיין מויל אויסגעגלייכט ווערען. האָט מען אזוי געטוהן איז איהם זיין מויל אויס-געגלייכט געוואָרען. האָט דער שליח געזאָגט איך ווייס זיכער אז דער מענטש וואָס איך זיך איהם איז דאָ ביי אייך ווייל ער איז אגרויסער חכם אין ער האָט אייך געגעבען די עצה אז מיין מויל זאָל אויס געגלייכט ווערען. האָט דער שליח אָנגעהויבען צו זיכען אין ער האָט געפינען רבה בר נחמני. האָט דער שליח געזאָגט צו רבה איך געה צוריק צום קיסר אין אויב מען וועט מיך וועלען הרגענען אז איך זאָל אויסזאָגען ווי די ביזט וועל איך ניט אויסזאָגען אין איך וועל זיך לאָזען הרגענען נאָר אויב מען וועט מיך שטראָפען מיט יסורים וועל איך מוזען אויסזאָגען אין ער האָט גענומען רבה בר נחמני אין ער האָט איהם איינגיזעצט אין דער תפיסה אריין אין ער האָט פערשלאָסען די טהיר. האָט רבה בר נחמני מתפלל געוועזען איז געשעהן אנס אין די וואַנט פון דער תפיסה איז איינגעפאַלען אין ער איז אנטלאָפען צו דעם אָרט וואָס הייסט אגמא. אין ער האט זיך אנידער גיזעצט אויף א וואָרציל פון איין אינטער געשניטינעם בוים אין ער האָט געלערענט תורה. האט ער גיהערט ווי אין הימעל איז אמחלוקת וועגען אנגע. הקב"ה האט בעזאָגט אז זי איז טהור אין די גאַנצע ישיבה

ישיבה פון הימעל האָבען געזאָגט ווער זאָל אויסווייזען אַזוי ווי ווער די הלכה איז. האָט מען גיענטפערט אַז רבה בר נחמני זאָל אויסווייזען. האָט מען געשיקט דעם מלאך המות נאָך איהם. האָט ער ניט גיקענט צו איהם צו געהן ווייל ער האָט ניט אויף גיהערט צו לערנען. דערווייל האָט אָהנגעהויבען צו בלאָזען אַווינט אין עס איז געוואָרען אַ רעש צווישען די ביימער. האָט ער גירעכענט אַז דער רעש איז פון חיל פון קיסר וואָס זיי זענען געקומען איהם נעמען. האָט ער געזאָגט רבש״ע איך וויל בעסער שטאַרבען דורך דיין האַנד איידער איך זאָל איבער גיענטפערט ווערען אין דער האַנד פון קיסר אין ער איז תיכף נפטר געוואָרען. איידער ער איז נפטר געוואָרען האָט ער געזאָגט טהור. איז אַרויס אַבת קול פון הימעל אין עס האָט געזאָגט וואוהל איז דיר רבה וואָס דיין גוף איז טהור אין דיין נשמה איז אַרויסגעגאַנגען מיט דעם וואָרט טהור. איז אַראָב געפאַלען איין קוויטעל פון הימעל אין דער שטאָדט פומבדיתא וואָס רבה בר נחמני איז דאָרט געוועזען ראש ישיבה אַז רבה בר נחמני איז פערבעטען געוואָרען אין דער ישיבה של מעלה דאָס מיינט מען אַז ער איז נפטר געוואָרען. איז אביי מיט אַלע רבנים אַרויס געגאַנגען זיך מיט איהם מתעסק זיין נאָר זיי האָבען ניט געוויסט ווי ער געפינט זיך זענען זיי געגאַנגען צו דעם אָרט אַגמא האָבען זיי דערזעהען פון דער ווייטענס ווי אַ חברה פייגעל שטעהן אין דער לופטען אויף איין אָרט אין זיי האַלטען צו שפרייט די פליגעל זיי זאָלען מאַכין איין שאָהטען האָבען זיי געזאָגט אויף דעם אָרט געפינט זיך זיכער רבה בר נחמני זענען זיי דאָרט צו געגאַנגען אין זיי האָבען איהם דאָרט געפינען אין זיי האָבען זיך מיט איהם מתעסק געוועזען אין זיי האָבען איהם מספיד געוועזען דריי טעג אין דריי נעכט. איז אַראָב געפאַלען אַקוויטיל פון הימעל אין עס האָט געזאָגט ווער עס וועט אַוועק געהן פון דאַנען וועט זיין אין חרם. האָבען זיי איהם מספיד געוועזען זיבען טעג איז אַראָב געפאַלען אַ קוויטעל פון הימעל געהט אַהיים לשלום. אין דעם טאָג וואָס רבה בר נחמני איז נפטר געוואָרען איז געוועזען אַגרויסער שטורם ווינד אַז אַ טעריק איז גערייטען אויף אַקעמעל אויף דער זייט טייך האָט איהם דער ווינד אַריבער געוואָרפען אויף דער צווייטער זייט. האָט דער טערק גיפרעגט פאַר וואָס דער שטורם ווינד איז האָט מען איהם גיענטפערט אַז רבה בר נחמני איז נפטר געוואָרען האָט דער טערק געזאָגט רבש״ע די גאַנצע וועלט איז דיין אין רבה בר נחמני איז דיין די ביסט דער ליבהאָבער פון רבה בר נחמני אין רבה בר נחמני איז דיין ליבהאָבער פאַר וואָס ווילסט די חרוב מאַכען די וועלט איז באַלד דער שטורם ווינד געשטעלט געוואָרען:

דער יודישער קיסר הורדוס איז געוועזען אַ קנעכט פון מלכות בית חשמונאי איז איהם געפאַלען איין מיידיל פון בית חשמונאי, איינמאָהל האָט ער געהערט אַ בת קול פון הימעל אַז וועלכער קנעכט ער וועט יעצט מורד זיין וועט ער מצליח זיין. האָט ער אויס געהרגיט די גאַנצע מלכות בית חשמונאי אין ער האָט איבער געלאָזט דאָס מיידיל. דאָס מיידיל האָט געזעהן אַז ער וויל זי נעמען פאַר אַ ווייב איז זי אַרויף געגאַנגען אויף דעם בוידעם און זי האָט געשריגען ווער עס וועט זאָגען אַז ער איז פון מלכות בית חשמונאי זאָל מען וויסען אַז ער איז אַ קנעכט ווייל ער האָט אויס געהרגיט די גאַנצע משפחה פון מלכות

בית

בית חשמונאי עס איז נישט געבליבען נאָר איך אליין און איך ווארף זיך אראָב פֿון בוידעם אין זי האָט זיך טאַקע אראָב געוואָרפֿען פון בוידעם און זי איז געשטאָרבען. און הורדוס האָט איבער גענומען די מלוכה האָט ער גע-זאָגט ווער דרשינט דעם פסוק „מקרב אחיך תשים עליך מלך" פֿון דיינע ברוי-דער זאָלסט די דיר מאַכען איין מלך אין הורדוס איז דאָך געווען געבאָרען פֿון גוים. דאָס דרשינען נאָר די רבנים האָט ער אויס געהארגעט אלע רבנים נאָר ער האָט זיך איבער געלאָזט בבא בן בוטא כדי ער זאָל קענען ביי איהם פרעגין איין עצה ווען ער וועט דארפֿען און ער האָט גענימען איין פעל פֿון א שרץ וואס הייסט אנקה. דאָס האָט שטעכענדיגע האָר אַזוי ווי נאָדלען און ער האָט פון דער פֿעל געמאַכט אַ קרוין און ער האָט זי אָהנגעטוהן בבא בן בוטא ארום די אויגען אין ער איז בלינד געוואָרען. איינמאָהל איז הורדוס געקומען צו בבא בן בוטא און ער האָט זיך ניט אויס געגעבען אז ער איז הורדוס און ער האָט צו איהם געזאָגט זעה וואס דער קנעכט האָט געטוהן ער האָט אויס געהרגעט אלע רבנים אין שרים. האָט איהם בבא גיענטפֿערט וואָס זאָל איך איהם טוהן האָט איהם הורדוס גיענטפֿערט שעלט איהם האָט איהם בבא בן בוטא געזאָגט עס שטייט אז קיין מלך טאָר מען נישט שעלטען. האט איהם הורדוס געזאגט ער איז דאך נישט קיין מלך ער איז דאָך אַ קנעכט טאָר ער דאך נישט זיין קיין מלך. האָט איהם בבא בן בוטא געזאָגט זאָל ער ניט זיין קיין מלך נאָר איין עושר אין קיין עשיר טאהר מען אויך נישט שעלטען אפילו ער זאָל נישט זיין נאָר איין נשיא טאָהר מען איהם אויך נישט שעלטען. האָט איהם הורדוס געזאָגט דאס איז רעכט ווען ער איז איין ערלי-כער אבער ער איז דאָך נישט קיין ער-ליכער איבער דעם מעגסט די איהם שעלטען. האָט בבא בן בוטא געזאָגט איך האָב מורא אפשר וועט ער געוואָר ווערען אז איך האָב איהם געשאלטען וועט ער מיך הרגנען. האָט ער איהם געזאָגט עס איז דאָך דאָ קיינער נישט דאָ נאר מיר ביידע. ווער וועט איהם דערציילען. האָט איהם בבא בן בוטא גיענטפֿערט עס שטייט אין פסוק „כי עוף השמים יוליך את הקול" די עופות פון הימעל טוהן פֿיהרען דאס קול. אז הורדוס האָט געזוהן אז ער קען נישט איהם איבער ריידין האט ער איהם געזאגט איך בין הורדוס ווען איך זאל געוועזען וויסען אז די רבנים זענען אזוי ערליך וואלט איך זיי נישט געוועזען דערהרגיט יעצט גיב מיר איין עצה ווי אזוי איך זאל מתקן זיין דאס וואס איך האב אויס-געהרגיט די רבנים האט ער איהם גיענט-פערט די האסט פערלאשען דאָס ליכט פֿון דער וועלט וואס די האסט געהארגיט די רבנים וואס זיי לערנען די תורה וואס עס ווערט גערופען נר זאלסט די בויען דאָס בית המקדש וואָס עס ווערט אויך אהנגערופען נר האט איהם הורדוס גיענטפערט איך האָב מורא פאַר דעם מלך פון די רומיים (ווייל דאמאלסט זענען די יודען געוועזען אונטער טעניג אונטער די רומיים) אפשר וועט ער מיך נישט לאזען. האט איהם בבא בן בוטא גיענטפֿערט שיק אַ שליח קיין רום פרע-גען און דער שליח זאל געהן קיין רום אַ יאָהר אין ער זאל זיך פערזוימען דארט אַ יאָהר און וועג צוריק זאָל אויך דויערין אַ יאהר דער ווייל וועסט די עס צוריק אויף שטעלין. האָט ער אַזוי געטוהן און אין דער צייט האָט ער דאָס בית המקדש אויף געשטעלט האָט מען איהם פֿון רום צוריק געשיקט אויב די האסט נאָך נישט דאס בית המקדש צולייגט זאָלסט

[illegible] די עס נישט צולייגען. און אויב די האסט עס צולייגט זאלסט די עס נישט צוריק שטעלען און אויב די האסט עס שוין צוריק גישטעלט. איין שלעכטער קנעכט נאך דעם ווי ער טוהט פרעגט ער. אויב די האלסט דיך גרויס מיט דיין כלי זיין וואס די האסט מיט דעם אויסגעהרגט דיינע שרים דיין יוחס בריף איז דא ביי אונץ. מיר ווייסען אז די ביסט א קנעכט אין די ביסט נישט קיין מלך און נישט קיין בן מלך. די הורדוס ביסט געווארען אליין פריי. עס האט דיך קיינער נישט פריי געלאזט האבען אונזערע חכמים געזאגט. ווער עס האט נישט געזעהן דאס בנין פון הורדוס האט נאך קיין שעהן בנין נישט געזעהן. ער האט עס געבויעט מיט גרינע און ווייסע מערמאלשטיינער און ער האט עס גע-וואלט איבער דעקען מיט גאלד האבען איהם די רבנים געזאגט לאז עס אזוי זיין אזוי זעהט עס אויס אזוי ווי די פאליס פון ים:

**דער** תנא ר׳ יוחנן בן זכאי האט געזעהן מוצאי יום כיפור אין חלום אז זיין שוועסטערס קינדער דארפען דאס יאהר היזק האבען זיבען הינדערט רענד-דליך. האט ער זיי געצווינגען אגאנץ יאהר אין ער האט ביי זיי גענימען פיעל געלד אויף צדקה אז עס איז נאך ביי זיי געבליבען פון די זיבען הינדערט רענדליך זיבעצין. ערב יום כיפור זענען געקומען שלוחים פון קיסר און זיי האבען ביי זיי געוואלט געלד האט זיי ר׳ יוחנן בן זכאי געזאגט איהר זאלט נישט מורא האבען זיי וועלען ביי אייך נישט נעמען מעהר ווי זיבעצין רענדליך וואס איך האב נאך ביי אייך. האבען זיי איהם געפרעגט פון וואנען האסט די דאס געוויסט האט ער זיי גיענטפערט וייל איך האב אזוי געזעהן אין חלום אז איהר דארפט דאס יאהר היזק האבען זיבען הינדערט רענדליך. האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס האסט די אונץ דאס נישט געזאגט. וואלטען מיר עס דיר געוועזען אוועק געגעבען די גאנצע זיבען הונ-דערט רענדליך. האט ער זיי גיענטפערט דורך דעם האב איך אייך נישט געוואלט אויסזאגען כדי איהר זאלט טוהן די מצוה לשמה:

**איין** אשה איז געקומען צו בנימין הצדיק אין א יאהר פון הונגער אין ער איז געוועזען א גבאי צדקה אין זי האט צו איהם געזאגט רבי גיט מיר עסין. האט ער איהר גיענטפערט איך שווער אז איך האב נישט קיין געלד פון צדקה האט זי איהם גיענטפערט אויב איהר וועט מיך נישט שפייזען קומט אויס אז איך מיט מיינע זיבען קינדער זאלען שטארבען פון הונגער. האט ער איהר געגעבין עסין פון זיין געלד. און אצייט ארום איז בנימין הצדיק שלאף געווארען און ער האט געהאלטען ביי שטארבען האבען די מלאכים געזאגט פאר דעם רבש״ע די האסט געזאגט אז דער וואס דערהאלט איין נפש פון די יודען ביי דעם לעבען איז גלייך ווי ער וואלט דערהאלטען ביי דעם לעבין די גאנצע וועלט אין בנימין הצדיק האט דערהאלטען ביי דעם לעבין די אשה מיט זיבען קינדער זאל ער אזוי יונג שטארבען. האט מען צוריסען זיין גזר דין און מען האט איהם מוסיף געוועזען אויף זיינע יאהרען צוויי אין צוואנציג יאהר:

**דער** תנא ר׳ בנאה האט אמאהל ארום געצייכענט די קברים פון די צדיקים כדי די כהנים זאלען וויסען ביז וואנען זיי מעגען געהן און וייל ער איז געוועזען א אדם חשוב האט ער געהאט

רשות

רשות אַריין צו געהן אין די קברים פון
די צדיקים ווי ער איז צו געקומען צו
דער מערה פון אברהם אבינו האָט ער
געטראָפען אליעזר עבד אברהם שטייט
לעבען דער מערה. האט ער איהם
גיפרעגט וואָס טוהט יעצט אברהם. האָט
ער איהם גיענטפערט אַז ער זיצט לעבין
שרה אמנו אין זי קעמט איהם די האָר.
האָט איהם ר׳ בנאה געזאָגט געה אַריין
צו אברהם אין זאג איהם אַז בנאה
שטעהט דאָ אין ער בעט רשות אַריין
צו געהן. האָט אברהם גיענטפערט לאָז
ער אַריין געהן איז ר׳ בנאה אַריין
געגאַנגען אין ער האָט אויסגעמאָסטען
די מערה פון אינעוועהניג אין דערנאָך
האָט ער אַרום געצייכענט פון אויסעג-
וועהניג ווי ער איז צו געקומען צו דער
מערה פון אדם הראשון אין ער האָט
געוואלט אַריין; געהן איז אַרויס אַ בת
קול אין האָט געזאָגט אין געשטאַלט פון
יעקב אבינו וואָס ער איז בעשאַפען
געווארען אין געשטאַלט פון אדם הראשון
מעגסט די קוקען אבער אין געשטאַלט
פון הקב״ה טאָרסט די נישט קוקען. האט
ר׳ בנאה געזאָגט איך דאַרף דאָך אויס
מעסטין די מערה. האט איהם דאָס בת
קול גיענטפערט די מערה פון אדם
הראשון האָט די זעלבע מאָס ווי די
מערות פון די אָבות האָט ער געגעבען
אַ קוק אויף די טריט פון אדם הראשון
האבען זיי געלויכטען גלייך אַזוי ווי
צוויי זינען;

**איין** מאַן האָט אַמאהל גיהערט וויא זיין
ווייב האָט געזאָגט צו איהר
טאָכטער פאַר וואָס טוהסט די נישט
אַזוי בעהאַלטען ווי איך. נאָהר די טוהסט
יעדערער זאָל וויסען. איך האָב צעהן
קינדער אין פון דיין פאָטער האָב איך
נישט מעהר וויא איין זוהן און די
איבריגע קינדער זענען פון פרעמדע
מענשין. איידער דער מאַן איז נפטר
געוואָרען האָט ער געזאָגט מיין גאַנץ
פערמעגען זאָל מען אוועק געבען צו
איין זוהן. און ער האָט נישט געזאָגט
צו וועלכען זוהן. נאָך זיין פטירה זענין
אַלע קינדער געקומען צו ר׳ בנאה זיך
משפטן יעדער איינער פון זיי האָט
געזאָגט אַז איהם האָט דער פאָטער גע-
מיינט. האָט ר׳ בנאה צו זיי געזאָגט
געהט אויף אייער פאָטערס קבר אין
קלאַפט אין קבר אַריין ביז ער וועט
אויף שטיין און וועט זאָגען וועלכען
ער האָט געמיינט. ביין קינדער זענען
געגאַנגען. ווי ר׳ בנאה האָט געזעהן אַז
איינער איז נישט געגאַנגען האָט ער
פערשטאַנען דורך דעם געהט ער נישט
ווייל ער איז זיין ריכטיגער זוהן און
צוליב דעם וויל ער נישט געהן וויל
זיין נאַטור לאָזט איהם נישט מבזה זיין
זיין פאָטער אָבער די איבריגע זוהן
זענען ממזרים אַרט זיי נישט דער בזיון.
האָט ער געהייסען געבין דאָס פערמעגען
דעם זוהן וואָס ער איז נישט געגאַנגען
קלאַפען אויף דעם קבר. זענען די
איבריגע זוהן געגאַנגען צום קיסר אין
זיי האָבען איהם דערציילט אַז עס געפינט
זיך ביי די יודען איינער וואָס ער
הייסט בנאה און ציהט אויס ביי מענטשין
געלד אָהן אַ טעם (דאָס מיינט מען ער
פסקנט אָהן אַ טעם) אין אָהן עדות האָט
מען ר׳ בנאה געבראַכט צום קיסר און
מען האָט איהם איינגיזעצט און תפיסה
אַריין איז דאָס ווייב פון ר׳ בנאה
געגאַנגען צום קיסר און זי האָט געשרי-
גען פאַר דעם קיסר איך האָב געהאַט
אַ קנעכט אין מען האָט איהם אָבגעשני-
טען דעם קאָפ. און מען האָט אַראָב
גענומען זיין הויט. זיין פלייש האָט מען
אויף גיגעסין און מיט זיין הויט שעפט
מען וואַסער און מיט זיין הויט גיט מען
צו טרינקען די גאַנצע בני הישיבה אין

מען

מען וויל מיר ניט בעצאָהלען. האָט דער קיסר ניט פערשטאַנען וואָס זי מיינט אין זי האָט עקסטרי געזאָגט פערשטעלט כדי עס זאָל קיינער ניט פערשטיין נאָר איהר מאַן ר' בנאה. האָט דער קיסר גיפרעגט ר' בנאה וואָס מען מיינט דאָס האָט ער איהם גיענטפערט זי האָט געהאַט אַ אָקס האָט מען איהם ביי איהר צו געגאַזילט אין מען האָט איהם גישחטען אין מען האָט אויף געגעסען זיין פלייש אין פון דער פעל האָט מען געמאַכט אַלאַגעל אין מען שעפּט מיט דעם לאַגעל וואַסער אין מען טרינקט פון דעם לאַגעל. האָט דער קיסר געזאָגט ווייל ער איז אַזוי קליג זאָל ער זיצען ביי דעם טויער אין ער זאָל פסקנען :

א מענטש האָט געהאַט אַ בוים וואָס זיינע צווייגען זענען אַרויס געוואַקסען אין רשות הרבים אַריין האָבען די מענטשען פון רשות הרבים איהם געהייסען אָב האַקען די צווייגען ווייל די צווייגען האָבען זיי געשאַדעט. האָט דער מענטש ניט געוואָלט אָב האַקען די צווייגען. האָבען זיי איהם גערופען לדין צו ר' ינאי האָט ר' ינאי געזאָגט צו דעם מענטש גיה היינט אוועק אין די זאָלסט קומען מאָרגען ווייל ר' ינאי האָט אויך געהאַט אַ בוים וואָס זיינע צווייגען האָבען געוואַקסען אין רשות הרבים אַריין אין צוליעב דעם האָט ער היינט ניט געוואָלט פסקנען אז ער דאַרף די צווייגען אָב האַקען ווייל ער וועט איהם פרעגען פאַר וואָס ער האַקט ניט אָב זיינע צווייגען. ביינאַכט האָט ר' ינאי אָבגעהאַקט די צווייגען פון זיין בוים. מאָרגען ווי דער מענטש איז צו איהם געקומען האָט איהם ר' ינאי געהייסען אָב האַקען די צווייגען האָט איהם דער מענטש גיפרעגט פאַר וואָס האַקסט די ניט אָב דיינע צווייגען. האָט ער איהם גיענטפערט גיה זעה אויב די צווייגען פון מיין בוים זענען אָבגעהאַקט זאָלסט די אויך אָב האַקען דיינע צווייגען אין אויב מיינע צווייגען זענען ניט אָבגעהאַקט זאָלסט די דיינע צווייגען אויך ניט אָב האַקען. אין דאָס וואָס ר' ינאי האָט ביז יעצט ניט אָב געהאַקט די צווייגען ווייל ער האָט גירעכענט אז די מענטשען פון רשות הרבים האָבען אַ הנאה פון דיא צווייגען ווייל די צווייגען בעשיצען זיי פון דער זון, אָבער יעצט אז ער האָט גיזעהן אז זיי הייסען דעם מענטש אָבהאַקען די צווייגען איז דאָך אַבעווייז אז זיי האָבען ניט קיין הנאה פון די צווייגען האָט ער זיינע צווייגען אויך אָבגעהאַקט :

רבה בר חנה האָט דערציילט אז די מענטשען וואָס זיי פאָהרען שטענדיג אויף דעם ים אז די כוואַליע וואָס זי וויל דערטרינקען די שיף זעהט מען אין דער שפיץ פון דער כוואַליע איין געשטעלט אַזוי ווי ווייס פייער אין אז מען וויל צו קלאַפּען די כוואַליע שלאָגט מען זי מיט אַשטעקען וואָס עס איז אויף איהם אויס געקריצט אהי"ה אשר אי"ה ה' צבאות אמן אמן סלה ווערד די כוואַליע באַלד אָב גישטעלט. נאָך האָט רבה בר בר חנה דערציילט אז די מענטשען וואָס זיי פאַהרען שטענדיג אויף דעם ים האָבען איהם דערציילט אז פון איין כוואַליע ביז צו דער צווייטער כוואַליע איז ווייט דריי הונדערט מייל אין דאָס קול פון דער כוואַליע הערט מען גאַר ווייט אין די הויך פון דער כוואַליע איז דריי הונדערט מייל. איינמאָהל זענען זיי געפאָהרען אויף אַ שיף האָט זיי אַכוואַליע אויף געהויבען מיט דער שיף אַזוי הויך ביז זיי האָבען געזעהן דאָס אָרט פון אַקליינעם שטערין

איז

אין עס געווען אזוי גרויס אזוי ווי אפעלד וואס מען קען אויסזייען פערציג כור גארטשיצע. ווען די כוואליע זאל זיי געוועזען אויף הייבען העכער וואלטען מען געוועזען פערברענד געווארען פון דער היץ אין זיי האבען גיהערט ווי איין כוואליע האט געזאגט צו דער צווייטער צו האסט די עפיס איבער געלאזט אויף דער וועלט וואס די האסט עס ניט פערפלייצט וועל איך עס פערפלייצען. האט איהם די צווייטע כוואליע גיענט־פערט געה ארויס אין זעה דאס שטאר־קייט פון בעשעפער אז אפילו די ברייט פון איין פאדעם קענען מיר ניט ארויס געהן ווייטער פון ברעג:

נאך האט רבה בר בר חנה דערציילט אז מען האט איהם געוויזען איין צפרדע וואס זי איז געוועזען אזוי גרויס אזוי ווי דאס ארט וואס עס הייסט אקרא דהגרוניא עס איז דארט געוועזען זעכציג הייזער איז געקומען אשלאנג אין האט איין געשלינגען די צפרדע איז געקומען אעורב אנקבה אין זי האט איינגעשלינגען דעם נחש אין זי האט זיך ארויף געזעצט אויף אצווייג פון א בוים פון דעם קענען מיר זעהן דאס שטארקייט פון דעם בוים האט רב פפא בר שמואל געזאגט ווען איך זאל דארט ניט געוועזען זיין וואלט איך ניט געגלייבט:

נאך האט רבה בר בר חנה דערציילט איינמאהל בין איך געפאהרען אויף א שיף האב איך געזעהן א פיש וואס עס איז איהם ארייין אין זייבע באזלעכער איין ווערמיל אין עס האט געטיידט דעם פיש אין דער ים האט איהם אויסגעשפיגען ווייל דער ים קען ניט פערטראגען קיין טוידטע זאך אין דער פיש האט חרוב געמאכט זעכציג שטעדט וואס ער איז אויף זיי ארויף געפאלען אין זעכציג שטעדט האבען געגעסען פון פלייש פון דעם פיש אין זעכציג שטעדט וואס זיי זענען געוועזען ווייטער האבען איינגעזאלצען פלייש פון דעם פיש אין זיי האבען דאס פלייש צו זיך אהיים גענומען אין פון איין אויג פון דעם פיש האט מען ארויס גענומען דריי הינדערט פעסער בוימאייל ווען איך בין צוריק געפארען אויף דעם זעלבען ארט אין א יאהר ארים האב איך געזעהן ווי מען האט געהאקט פון די ביינער פון פיש בעלקים צוריק צו בויען די איינגעפאלינע שטעהט:

נאך האט רבה בר בר חנה דערציילט איינמאהל זענען מיר געפאהרען אויף א שיף האבען מיר געזעהן א פיש וואס אויף זיין ריקען האט זיך פערזא־מעלט זאמד אין עס האט אויף דעם זאמד געוואקסען גראז האבען מיר גערעכענט אז דאס איז א אינזעל פון ים זענען מיר אויף דעם זאמד ארויף געגאנגען אין מיר האבען אויף דעם זאמד געבאקט אין געקאכט אז דער ריקען פון פיש איז דערווארימט געווארען האט ער זיך געגעבען אדרעה ווען מיר זאלען ניט געוועזען זיין נאהנט פון דער שיף וואלטען מיר געוועזען דערטרינקען געווארען:

נאך א מעשה האט רבה בר בר חנה דער־ציילט איינמאהל זענען מיר געפא־רען אויף אשיף דריי טעג און דריי נעכט צווישען איין פליס פעדער ביז דער צוויי־טער און די שיף איז געגאנגען געגען דעם פיש און די שיף איז געגאנגען אזוי שנעל אז אין דער צייט וואס מען דער־ווארימט איין קעסיל וואסער איז די שיף אב געפאהרען זעכציג מייל אז א מענש האט געווארפען א פייל איז די שיף

געגאנגען

געגאנגען נאָך שנעלער. האָט רב אשי געזאָגט אז דער פיש איז פון די קלײנע פיש פון ים ווייל ער האָט צוויי פליס-פעדערין וואָרים די גרויסע פיש האָבען נאָר אײנציגע פליספעדערין אין דעם ריקען:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דער-ציילט אײנמאָהל זענען מיר גע-פאָהרען אויף א שיף האָבען מיר געזעהן ווי א פויגעל איז געשטאַנען ביז די קנעכיל אין וואסער האָבען מיר גירע-כענט אז דאָס וואסער איז נישט טיעף האָבען מיר זיך געוואָלט באָדען אין דעם וואסער איז אַרויס א בת קול פון הימעל אין עס האָט געזאָגט געהט נישט דאָ ווײל א האַק איז אויף דעם אָרט אַראָב געפאַלען שוין זיבען יאָהר און זי איז נאָך נישט געקומען צום גרינד אין נישט ווײל דאָס וואסער איז אזוי טיעף נאָר ווײל דאָס וואסער געהט מיט א גרויסען שטראָם איבער דעם קען די האַק נישט קומען צום גרונד:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דער-ציילט. אײנמאָהל זענען מיר גע-גאַנגען אין דער מדבר האָבען מיר געזעהן אַסטאַדע געניז וואָס די פעדערין זענען זיי אַרויס געפאַלען פון פעטקייט און עס האָט זיך געצויגען א טייך שמאַלץ פון די געניז האָב איך געזאָגט צו די געניז איך וועל פון אייך האָבען בעולם הבא האָט מיר איין גאַנז אויף געהויבען איין פיסעל אין א צווייטע גאַנז האָט מיר אויף געהויבען א פליגעל ווען איך בין אהיים געקומען האָב איך עס דערצײלט פאַר רבי אליעזר האָט ער מיר געזאָגט די יודען זענען עתיד ליתן את הדין דורך די געניז ווײל דורך זייערע זינד האַלטען זיי אויף די גאולה לײדען די געניז צער פון זייער פעטקייט:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דער ציילט. אײנמאָהל זענען מיר געגאַנגען אין דער מדבר און עס איז מיט אונז געגאַנגען א טערק האָט ער צו מיר געזאָגט קום וועל איך דיר ווײ-זען די מתי מדבר ווי אזוי זיי ליגען זענען מיר געגאַנגען האָבען מיר גיזעהן ווי זײ ליגען אזוי ווי א שיכור ליגט זיי זענען געווען בייזער פאַרב און זיי זענען גילעגען מיט דעם פנים אַרויף אין די קניה אויף גישטעלט איז דער טערק אדורך געגאַנגען אונטער אײנעמס א קניה און ער איז געריטען אויף א קעמיל און ער האָט געהאַלטען און דער האַנד א שפיז און ער האָט נישט אָהנגערוהרט די קניה. האָב איך אָב געשניטען א ציצה פון אײנעם כדי איך זאָל ווייזען די חכמים ווי אזוי די הלכה איז צו אזוי וויא די בית הלל צו אזוי ווי די בית שמאי האָבען די קעמלין וואָס מיר זענען אויף זיי געריטען זיך נישט גיקענט רוהרען פון אָרט האָט דער טערק מיר געזאָגט אפשר האָסט די ביי זיי עפּיס צו גענימען איבער דעם קענען די קעמלין זיך נישט רוהרען פון אָרט ווײל מיר האָבען א קבלה אז ווער עס נעמט עפּיס ביי זיי קען זיך ניש רוהרען פון אָרט האָב איך צוריק געלייגט די ציצה האָבען הערשט די קעמלין זיך גיקענט רוהרען פון אָרט ווי איך בין אהיים געקומען און האָב דאָס דערציילט די חכמים. האָבען זיי מיר געזאָגט אז איך בין א שוטה ווײל איך האָב בעדאָר-פען אכטונג געבען וואָלט איך דאָך שוין געוועזען געוויסט אזוי ווי ווער דער דין איז:

נאָך א מעשה האָט רבה בר חנה דער-צײלט. אײנמאָהל בין איך געגאַנ-גען אין דער מדבר בעזאממען מיט א טערק האָט דער טערק צו מיר געזאָגט

קום

קום וועל איך דיר ווייזען דעם בארג סיני. בין איך צו געגאַנגען האָב איך געזעהן ווי אַרום דעם בארג שטעהן עגדיסען. אַזוי ווי ווייסע אייזלין און איך האָב גיהערט אַ בת קול ווי עס זאָגט וועה איז וואָס איך האָב געשוואָ-רען און אַז איך האָב געשוואָהרען ווער קען מיר מופר זיין. אַז איך בין אַ היים געקומען און איך האָב זיי דאָס דערציילט האָבען זיי מיר געזאָגט אַז איך בין אַ שוטה איך האָב בעדאַרפֿען זאָגען מופר לך און איך האָב גירעכענט אַז דאָס וואָס דאָס בת קול זאָגט ווער עס קען מיר מיפר זיין מיינט מען דאָס וואָס מען האָט געשוואָהרען אַז איך זאָל נישט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט איבער דעם האָב איך נישט געוואָלט זאָגען מופר לך:

**נאָך** אַ מעשה האָט רבה בר חנה דער-ציילט אַז איינמאָהל איז ער בעגאַנגען אין וועג בעזאַמען מיט אַ טערק האָט צו איהם דער טערק געזאָגט קום וועל איך דיר ווייזען די שפּאַלטען און דער ערד פון דעם אָרט ווי די בני קרח זענען איינגעזונקען געוואָרען איז ער צו געגאַנגען צו דעם אָרט. האָט ער געזעהן אַ שפּאַלט און דער ערד האָט דער טערק גענימען אַ בייטעל וואָל און ער האָט עס איינגעווייקט אין וואַסער און ער האָט עס אַרויף גישטעקט אויף דער שפּיז און ער האָט עס אַריין גישטעקט אין דעם שפּאַלט אַריין און ער האָט עס אַרויס גענימען איז עס געוועזען אָבגיבּרענט. האָט דער טערק געזאָגט צו רבה לייג צו דיין אויער צו דעם שפּאַלט וועסט די הערען וואָס זיי זאָגען. האָט ער צו געלייגט דאָס אויער און ער האָט גיהערט ווי זיי זאָגען משה איז אמת און זיין תורה איז אמת און מיר זענען ליגנערס. האָט דער טערק צו איהם געזאָגט יעדען ראש חודש וואַרפט מען זיי אַריין פון גיהנם אויף דעם אָרט און זיי שרייען די זעלבע ווערטער משה איז אמת און זיין תורה איז אמת און מיר זענען ליגנערס:

**נאָך** אַ מעשה האָט רבה בר חנה דער-ציילט. איינמאָהל איז ער געגאַנגען אין וועג בעזאַממען מיט אַ טערק האָט דער טערק צו איהם געזאָגט קום וועל איך דיר ווייזען דאָס אָרט ווי דער הימעל מיט די ערד רוהרען זיך אָהן. איז ער צו געגאַנגען האָט ער געזעהן ווי עס איז דאָרט געמאַכט אַזוי ווי פענסטער האָט ער גענימען זיין פעקיל און ער האָט עס אַריין געלייגט אין איין פענסטער און ער האָט זיך גישטעלט דאַוונען און ווען ער האָט אָב געדאַווינט האָט ער געוואָלט זיך אַרויסנעמען פון פעקיל עפּיס צו עסין האָט ער נישט געטראָפען דאָרט זיין פעקעל האָט ער גיפרעגט צו דאָ געפינט זיך אויך גנבים האָט איהם דער טעריק גיענטפערט דער גלגל פון הימעל וואָס ער דרעהט זיך האָט זיכער צו גענימען דאָס פעקעל וואַרט ביז מאָרגען אין דער צייט דער גלגל וועט צוריק קומען אויף דעם אָרט וועט ער צוריק ברענגען דיין פעקיל. האָט ער געוואַרט ביז מאָרגען אין דער צייט ווען דער גלגל איז צוריק געקומען אויף דעם אָרט האָט דער גלגל צוריק געבראַכט דאָס פעקיל:

**רב** ספרא האט דערציילט. איינמאהל איז ער געפאהרען אויף אַ שיף האט ער געזעהן אַ פיש וואס ער האָט געהאַט אהאָרען אין אויף דעם האָרען איז געוועזען אויסגעקריצט איך בין אַקליין בעשעפעניש פון ים און איך בין גרויס דריי הינדערט מייל און איך געה אין מויל אַריין פון לויתן ער זאָל מיך אויף

עסין

עסין. האָט רב אשי געזאָגט דאָס איז אַ ציג פֿון ים אין מיט דעם האָרען גראָבט זי אין דער ערד זיכט זיך עסין :

רבי יוחנן האָט דערציילט. איינמאהל איז ער געפאהרען אויף אַ שיף האט מען דערזעהן אין ים אַ קעסטעלע וואָס אין דעם קעסטעלע איז געוועזען איינגעפאַסט דימאַנטען מיט פערל אין ארום דעם קעסטעלע זענען געשווימען פיש וואס זיי הייסען כּורשא איז אויף דער שיף געוועזען אמענטש וואס ער האט גיקענט שווימען האט ער זיך אראב געלאָזט אין ים אריין ארויס צו נעמען דאס קעסטעלע האבען די פיש געוואלט אָבבייסען זיין דיעך. האָט דער מענטש געוואָרפען אויף די פיש עסיג זענען די פיש אוועק געשווימען פון ריח פון עסיג איז אַרויס אַ בת קול פון הימעל וואָס האָט איהר צו דעם קעסטעלע דאָס ווייב פון רבי חנינא בן דוסא איז אהנגעבריייט צו בעהאלטען אין דעם קעסטעל תכלת פאר די צדיקים לעתיד לבוא :

רבי יהודה האָט דערציילט. איינמאָהל איז ער געפאָהרען אויף אַ שיף האָט מען דערזעהן איין אבן טוב וואָס אשלאַנג האָט איהם ארום געריגנעלט. אַ מענטש וואָס ער האָט גיקענט שווימען האָט זיך אראָב געלאָזט אין ים אריין צו נעמען דעם אבן טוב איז געקומען אשלאַנג אין. האָט געוואָלט איינשלינגען די שיף איז געקומען אפויגעל אין ער האָט אָבגעשניטען דעם קאָפּ פון שלאַנג אין ווייל דער שלאַנג איז געוועזען גרויס איז געוואָרען דאָס וואַסער רויט פון בלוט איז געקומען אצווייטער שלאַנג אין ער האָט גענומען דעם אבן טוב אין האָט איהם אַרויף געלייגט אויף דעם טוידטען שלאַנג. איז דער שלאַנג לעבעדיג געוואָרען: איז ער ווייטער צו געקומען צו דער שיף אין האָט זי גיוואָלט איינשלינגען איז ווייטער געקומען דער פויגעל אין האָט געהרגעט דעם שלאַנג דערווייל האָט דער מענטש גענומען דעם אבן טוב אין האָט איהם אריין געוואָרפען אין דער שיף אריין איז אין דער שיף געלעגען איינגעזאַל-צינע פייגעל האָט מען דעם אבן טוב ארויף געגלייגט אויף די פייגעל זענען זיי לעבעדיג געוואָרען אין זיי זענען אוועק געפלויגען מיט דעם אבן טוב :

רבי אליעזר אין רבי יהושע זענען געפאָהרען אויף אַ שיף איז רבי אליעזר דערשלאָפען געוואָרען. אין ר' יהושע האט ניט געקענט שלאָפען האָט רבי יהושע געגעבען אַ ציטער אין ער האָט זיך זייער דער-שראָקען האָט זיך רבי אליעזר אויף געוואַכט אין ער האט גיפרעגט רבי יהושע וואָס האָסטו דיך אַזוי דער-שראָקען. האָט איהם רבי יהושע גיענט-פערט איך האָב געזעהן אגרויס ליכטיקייט אין ים. האט איהם רבי אליעזר געזאָגט אפשר האָסט די געזעהן די אויגען פון לויתן וואָס זיינע אויגען לייכטען אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק „עיניו כעפעפי שחר" זיינע אויגען לייכטען אַזוי ווי די שטראַלען פון מאָרגען שטערען :

רב הונא בר נתן איז אמאָהל געגאַנגען מיט מענטשען אין דער מדבר האָבען זיי געהאַט איין שטיק פלייש האָבען זיי גיפינט דאָס שטיק פלייש אַרויס צו נעמען דאָס חלב מיט דעם אָדער אין זיי האבען דאָס פלייש אַרויף געלייגט אויף דעם גראָז אין זיי זענען געגאַנגען ברענגען האָלץ אָב צו בראָטען דאָס פלייש ווען זיי זענען געקומען מיט דעם האָלץ האָבען זיי געזעהן אַז דער שניט פון פלייש איז צוריק פערוואַקסן געוואָרען :

געווארען אין זיי האבען געמאכט פייער אין זיי האבען דאס פלייש אפ געבראטען אין א יאהר ארום ווען זיי זענען צוריק געגאנגען דעם זעלבען וועג האבען זיי געזעהן אז די קוילען זענען נאך ניט פערלאשען געווארען. ווען ער איז אהיים געקומען אין ער האט דאס דערציילט פאר אמימר האט איהם אמימר געענטפערט דאס גראז וואס די האסט ארויף געלייגט דאס פלייש הייסט סמתרי דאס איז אזא אשארפע זאך אז מען לייגט עס ארויף אויף איין איינגע-שניטענע זאך צוהט עס צוזאממען אין עס מאכט עס איינס אין די קוילען זענען פון דעם האלץ וואס עס הייסט רותם וואס זיי ווערען ניט אזוי שנעל פערלאשען:

רבי יוחנן האט געדרשנט לעתיד וועט הקב״ה ברענגען דימאנטען מיט פעריל וואס זיי זענען גרויס דרייסיג איילען די לענג אין דרייסיג איילען די ברייט אין ער וועט זיי אבשניצען אז זיי ווערען האלטען צעהן איילען די ברייט אין צוואנציג איילען די הויך אין ער וועט זיי ארויף שטעלען אין די טויערין פון ירושלים. האט איין תלמיד געלאכט פון דעם אין ער האט געזאגט מען קען נישט געפינען קיין דימאנט ער זאל אזוי גרויס זיין ווי איין איי פון איין עוף וואס עס הייסט צלצל ווי אזוי קען מעגליך זיין אז עס זאל זיך געפינען אזעלכע גרויסע דימאנטען ווי רבי יוחנן זאגט. איינמאל איז ער געפאהרען אויף א שיף זייער אוייטען וועג. האט ער געזעהן ווי מלאכים שניצען דימאנטען וואס זיי האלטען דרייסיג איילען די לענג אין דרייסיג איילען די ברייט אין זיי שניצען זיי אב זיי זאלען האלטען צעהן איילען די ברייט אין צוואנציג איילען די לענג האט ער זיי געפרעגט צו וואס שניצט איהר די דימאנטען האבען זיי איהם געענטפערט אז הקב״ה וועט זיי ארויף שטעלען אויף די טויערין פון ירושלים. ווי ער איז אהיים געקומען האט ער געזאגט צו רבי יוחנן רבי דרשן אין פאר דיר פאסט צו דרשנען ווייל אזוי ווי די האסט געדרשנט אזוי האב איך געזעהן. האט ר׳ יוחנן צו איהם געזאגט די לעהרער מענטש ווען די וואלסט ניט געזעהן קומט דאך אויס אז די שפעטסט פון די רייד פון די חכמים האט ער אויף איהם געגעבען אקוק איז פון איהם געווארען אין בערגעל ביינער:

יוסף בן יועזר האט געהאט אזוהן וואס ער האט זיך ניט געפיהרט אזוי ווי עס דארף צו זיין. אין ער האט געהאט א כלי פיהל מיט רענדלעך. האט ער מקדיש געוועזען די כלי מיט רענדליך כדי דער זוהן זאל זיי ניט ירשנען. האט דער זוהן גענימען א ווייב די טאכטער פון דעם מענטש וואס ער האט געמאכט קרוינען פאר דעם קיסר ינאי וועגען. איינמאהל האט זיין ווייב געבארען אקינד האט ער געקויפט פאר איהרט וועגען א פיש האט זי געעפענט דעם פיש האט זי אין איהם געפינען אברולאנט. האט דאס ווייב צו איהם געזאגט די זאלסט ניט פערקויפען דעם ברילאנט דעם קיסר ווייל ער וועט איהם ביי דיר קויפען פאר ווינציג געלד נאר טראג דעם ברילאנט צו דעם גבאי פון הקדש ער איז אערליכער ער וועט דיר בעצאהלען וויפיהל ער איז ווערד ווייל מען דארף איהם האבען צום אפוד נאר די זאלסט איהם ניט זאגען וויפיהל די ווילסט נאר ער זאל דיר זאגען וויפיהל ער וועט דיר געבען ווייל ער איז א ירא שמים ער וועט דיך ניט אב נארען האט ער געבראכט דעם ברעלאנט

צו דעם גבאי פון הקדש. אין עֶר האט איהם גיפרעגט וויפיהל ער איז ווערט. האָט דער גבאי איהם גיענטפערט ער איז ווערט דרייצען כלים מיט רענדליך נאָר עֶס איז ניט דאָ מעהר ווי זיבען כלים מיט רענדליך האָט ער גיענטפערט גיט מיר די זיבען כלים מיט רענדליך אין זעקס שענק איך אין הקדש אריין. האָט מען אויף געשריבען יוסף בן יועזר האָט גישענקט איין כלי מיט רענדליך אין זיין זוהן וואָס ער האָט גירעכענט אַז ער פיהרט זיך ניט אַזוי ווי עס דארף צו זיין האָט גישענקט זעקס כלים מיט רענדליך אין אַטייל זאָגען אַז אַזוי האָט מען אויף געשריבען יוסף בן יועזר האָט גישענקט אַכלי מיט רענדליך אין הקדש אַריין. אין זיין זוהן האט אַרויס גענומען פון הקדש זיבען כלים מיט רענדליך ווייל ער האָט ניט בעדאַרפען אויסליידיגען די קאַסע פון הקדש ער האָט בעדאַרפען עפּיס איבער לאָזען:

רבי גמליאל הנשיא האָט אַמאָהל געזאָגט אַז מען זאָל צוזאַמען רופען אויף מאָרגען אין דער פריה זיבען מענטשען אויף דעם גאָרען וואָס דער גאָרען איז געוועזען מיוחד פאַר דעם בית דין מען האָט בעדאַרפען מעבר זיין דאָס יאָהר. ווי ער איז אַרויף געקומען האָט ער דאָרט געטראָפען אַכט מענטשען. האָט עֶר געזאָגט ווער עֶס איז אַרויף געקומען שלא ברשות זאָל אַראָב געהן. האט שמואל הקטן זיך אויף גישטעלט אין ער האָט געזאָגט איך בין אַרויף געקומען שלא ברשות איך בין ניט אַרויף געקומען מעבר זיין דאָס יאָהר נאָר איך בין אַרויף געקומען זיך לערנען בייא אייך אַ הלכה ווי אַזוי איהר וועט טוהן. האָט איהם רבי גמליאל געזאָגט זיץ מיין זוהן זיץ. די אַלע יאָהרען זענען ראוי זיי זאָלען מעובר ווערען דורך דיר נאָר די חכמים האָבען געזאָגט אַז מען טאָהר ניט מעבר זיין דאָס יאָהר נאָר דורך די מענטשען וואָס זיי זענען גערופען ספּיציעל צו דעם אין באמת איז שמואל הקטן געוועזען פון די גערופינע נאָר ער האָט געזאָגט אַז עֶר איז ניט געוועזען פון די גערופנע כדי דער ניט גערופינער מענטש זאל ניט מעניש ווערען. די זעלבע מעשה איז פאָרגעקומען בייא רבי. רבי איז אַמאָהל געזעסען אין גילערענט מיט זיינע תלמידים האָט ער דער־שפּיערט אַ ריח פון קנאָביל האט רבי געזאגט ווער עס האט געגעסען קנאָביל זאָל אַרויסגעהן. האָט רבי חייא זיך אויף גישטעלט אין עֶר איז אַרויס געגאַנגען זענען אַלע תלמידים אויך אַרויס געגאַנגען. מאָרגען האָט רבי שמעון בן רבי געטראָפען רבי חייא האט עֶר צו איהם געזאגט די האָסט מצער געוועזען מיין פאטער. האט איהם רב חייא גיענטפערט איך האָב דיין פאָטער ניט מצער געוועזען איך האב ניט געגעסן קיין קנאָבעל נאָר דורך דעם בין איך אַרויס געגאַנגען כדי דער מענטש וואס האָט געגעסען קנאָביל זאל ניט מבויש ווערען ווייל איך האָב פערשטאַנען אַז איך וועל אַרויס געהן וועלען אַלע תלמידים אַרויס געהן ממילא וועט מען ניט וויסען ווער עס האט געגעסען קנאָביל. אין די זעלבע מעשה איז פאָר געקומען ביי רבי מאיר. עס איז אַמאָהל אַריין געקומען אַ אשה אין בית המדרש אַריין פון רבי מאיר אין זי האט געזאגט איינער פון אייך האט מיך מקדש געוועזען בביאה. האָט רבי מאיר אב געשריבען אַ גט אין ער האט איהר געגעבען. האבען אלע תלמידים אויך אַזוי געטוהן אין רבי מאיר האט זי ניט געהאַט מקדש געוועזען נאר עֶר האט עקסטרי אַזוי געטוהן כדי מען זאל ניט וויסען ווער עֶס האט זי מקדש געוועזען עֶר זאל ניט מבויש ווערען:

איין

איין קנעכט פון ינאי המלך האט א מאהל געהרגיט א מענש. האט רבי שמעון בן שטח געזאגט צו די חכמים. גיט אכטונג אין דעם דין איהר זאלט דעם עבד דן זיין. איהר זאלט ניט קוקען וואס ער איז א עבד פון ינאי המלך. האט מען געשיקט צו ינאי המלך דיין קנעכט האט גהרגיט א מענש. האט ער צו זיי געשיקט דעם עבד מען זאל איהם דן זיין. האבען זיי צו איהם צוריק געשיקט אז ער מוז אליין אויך קומען ווייל מען געהט דן זיין זיין עבד דארף ער אליין זיין ביי דעם דין. איז ער געקומען און ער האט זיך אנידער גיזעצט. האט רבי שמעון בן שטח געזאגט שטעל דיך אויף אין די עדות זאלען עדות זאגען. אז דיין קנעכט האט געהרגיט א מענש אין די שטעהסט ניט פאר אונז נאר די שטעהסט פאר הקב"ה. האט ינאי המלך צו איהם געזאגט נישט אזוי ווי די זאגסט וועל איך טוהן. נאר אזוי ווי דיינע חברים וועלען זאגען אזוי וועל איך טוהן. האט רבי שמעון בן שטח זיך געגעבין א דרעה אויס אין זיין רעכטע זייט צו די חכמים צו זעהן וואס זיי וועלען זאגען האבין זיי אראב געבויגען זייערע קעפ צו דער ערד. ווייל זיי האבען מורא געהאט פאר ינאי המלך. האט ער זיך אויס געדרעהט צו די חכמים וואס זענען געזעסען אין דער לינקער זייט האבען זיי אויך אראב געבויגען זייערע קעפ צו דער ערד. האט רבי שמעון בן שטח צו זיי געזאגט איהר זענט בעלי מחשבות דאס הייסט איהר האט פריהר געזאגט אז איהר וועט איהם משפט'ן און יעצט טראכט איהר אנדערש זאל קומען הקב"ה וואס ער הייסט אבעל מחשבות אין זאל פון אייך געצאהלט ווערען. איז געקומען דער מלאך גבריאל און ער האט זיי געווארפען אין דער ערד אין זיי זענען געשטארבען. פון דאמאלסט האט מען מתקן געווען אז א מלך זאל מען ניט דן זיין אין ער זאל קיין צווייטען נישט דן זיין ער זאל אויך קיין צווייטען נישט עדות זאגען אין קיין צווייטער זאל אויף איהם נישט עדות זאגען:

רבי שמעון בן שטח האט א מאהל געזעהן ווי איינער האט געיאגט דעם צווייטען אין א חורבה אריין איז רבי שמעון נאך געלאפען נאך זיי האט ער געזעהן ווי איינער האט געהאלטען א שווערד און עס האט פון איהר געטריפט בלוט אין דער צווייטער איז געלעגען אויף דער ערד דערהרגיט און ער האט זיך געווארפען. האט ר' שמעון בן שטח געזאגט צו דעם רוצח ווער האט איהם דערהרגיט עס איז נישט אנדערש נאר די. אבער איך. און איך ווייס דאך זיכער אז די האסט איהם דערהרגיט נאר וואס קען איך טוהן אז איך קען דיר גאר ניט טוהן ווייל עס איז ניט דא קיין עדות נאר הקב"ה וואס ער איז א יודע מחשבות זאל פון דיר געצאהלט ווערען אין רבי שמעון בן שטח איז נישט אוועק געגאנגען פון ארט ביז עס איז געקומען א שלאנג און ער האט דעם רוצח געגעבען א ביס אין ער האט איהם דערהרגעט:

אקיסר פון די אומות העולם האט אמאהל געזאגט צו רבי תנחום קום וועלען מיר אלע זיין איין פאלק. האט איהם רבי תנחום גיענטפערט מיר וועלען זיין איין פאלק נאר מיר זענען דאך גמלת קענען מיר נישט זיין גלייך מיט אייך נאר איהר קענט אייך מל זיין אין איהר זאלט זיין גלייך מיט אונז. האט איהם דער קיסר גיענטפערט די ביסט גירעכט נאר עס איז א גיזעץ אז דער וואס ער איז מנצח דעם קיסר און דער קיסר ווערט דורך איהם מבויש דארף מען איהם אריין ווארפען צו די חיות

חיות רעות האט מען איהם אַריין געוואָרפען צו די חיות האָבען די חיות איהם גאָרנישט געטוהן. האָט אַ מין געזאָגט צום קיסר דאָס וואָס די חיות האָבען איהם נישט אויף געגעסען איז ווייל זיי זענען נישט הונגעריג. האט מען דעם מין אַריין געוואָרפען צו די חיות האָבען זיי איהם אויף געגעסען:

**אַמאָהל** איז געשטאָרבען אַ מוכס (אַ עקזעקוטער) אַ יוד ער איז געוועזען אַ רשע אין דעם זעלבען טאָג איז געשטאָרבען אַ חכם גדול און אַלע גדול וחשובי העיר האָבען זיך מתעסק געוועזען מיט דער מטה פון דעם חכם און די קרובים פון דעם מוכס האָבען זיך מתעסק געוועזען מיט דער מטה פון דעם מוכס און זיי האָבען געטראָגען די מטה נאָך דער מטה פון דעם חכם. אויף דעם וועג זענען זיי בעפאַלען געוואָרען פון אַ חברה רויבערס האָבען זיי געלאָזט שטעהן די מטות און זיי זענען אנטלאָפען. שפּעטער זענען זיי צוריק געקומען קובר זיין דעם חכם האָבען זיי גענומען די מטה פון דעם מוכס. איז דאָרט געוועזען אַ תלמוד פון דעם חכם וואָס ער האָט ביי דער גאַנצער צייט נישט אָבגעטרעטען פון דער מטה האָט ער געשריגען צו זיי אַז זיי זאָלען נעמען די צווייטע מטה האָבען זיי אויף איהם נישט געקוקט און זיי האָבען בעגראָבען דעם מוכס בכבוד גדול און די קרובים פון מוכס האָבען קובר געוועזען דעם חכם אין דעם קבר פון מוכס און דער תלמוד האָט געהאַט פון דעם גרויס צער ער האט זיך געוויינ-דערט וואָס האָט מיין רבי געזינדיגט וואָס ער האט געהאַט אַזאַ בזיון און וואס פאַר אַ זכות האט דער מוכס געהאַט וואס ער האט געהאַט אַזאַ גרויסען כבוד. איז דער חכם געקומען צום תלמוד בחלום און ער האט איהם געזאָגט זיי דיך נישט מצער קום וועל איך דיר ווייזען מיין אָרט אין גן עדן. און דאס אָרט פון דעם מוכס אין גיהנם. נאָר איינמאָהל האב איך געהערט ווי מען האט מבזה געוועזען אַ תלמיד חכם און איך האָב געשוויגען. איבער דעם איז כיר געקומען דער בזיון. און דער מוכס האָט אַ מאָהל געמאַכט אַ סעודה פאַר דעם שר העיר וועגען. און דער שר העיר איז נישט געקומען אויף דער סעודה. האט ער די סעודה צוטיילט אָרימע לייט. איבער דעם האט ער געהאַט דעם כבוד און ער האט אָב גענומען זיין שכר. האט דער תלמוד געפרעגט ווי לאַנג וועט דער מוכס אַזוי זיין אין גיהנם. האָט איהם דער חכם גיענטפערט ביז רבי שמעון בן שטח וועט שטאַרבען און ער וועט אַריין אין גיהנם אויף זיין אָרט. האָט איהם דער תלמוד געפרעגט. פאַר וואָס קומט איהם דאָס. האָט איהם דער חכם גיענטפערט. ווייל עס איז דאָ אין דער שטאָדט אַשקלון אַכציג ווייבער מכשפות. און ער איז זיי נישט דן. און דער פריה האָט דער תלמוד דערציילט דאָס רבי שמעון בן שטח. האָט רבי שמעון בן שטח אויסגעקליבען אַכציג תלמידים שטאַרקע מענשען און יעדען איינציגען האָט ער געגעבען איין לאָגעל אין איין מאַנטיל איז געלעגען אין לאָגעל. און דעם טאָג האָט שטאַרק גירעגענט. און ער האָט צו זיי געזאָגט איהר זאָלט זיין גוט געוואָרענט זיי זענען אַכציג. אַזוי ווי איהר וועט אַריין קומען זאָל יעדער פון אייך נעמען איינע און אויף הייבען וועט שוין דער כשוף אויף אייך נישט קיין שליטה האָבען. און ער האָט זיי געלאָזט שטעהן אין דרויסען און ער איז אַריין געגאַנגען צו זיי אין שטוב אַריין. האָבען זיי איהם גיפרעגט ווער ביסט די. האָט ער זיי גיענטפערט. איך בין אַ מכשף. האָבען זיי איהם גיפרעגט וואָס פאַר

א כישוף

אַ כישוף קענסט די אונז ווייזען. האָט ער זיי געענטפערט. איך קען אייך ווייזען אַזוי ווי עס איז יעצט אַ רעגען און איך וועל אייך אַריין ברענגען אַכציג בחורים אָהנגעטוהן אין טריקינע מאַנטלען האָבען זיי איהם געזאָגט מיר ווילען זעהן. איז ער אַרויס געגאַנגען. און ער האָט צו זיי געגעבען אַ ווינק האָבען זיי אַרויס גענומען די מאַנטלין פון די לאָגלען אין זיי זענען אַריין געקומען. אין יעדער איינער האָט גענומען איינע אין ער האָט זי אויף געהויבען. און זיי האָבען זיי אַרויסגענומען אין אויף געהאָנגען. האָט דאָס זייערע קרובים פערדראָסען. און צוויי פון זיי האָבען עדות געזאָגט אויף אַ זוהן פון רבי שמעון בן שטח. אַז ער האָט געטוהן אַ עבירה וואָס עס קומט איהם מיתה. און מען האָט איהם דן געוועזען מען זאָל איהם פערשטיינען. ווען מען האט איהם אַרויס געפיהרט צו פערשטיינען האט ער געזאָגט. אויב איך האב געטוהן די עבירה זאָל מיין מיתה נישט זיין אַ כפרה. און אויב נישט. זאָל מיין מיתה זיין אַ כפרה אויף מיר אין אויף אייך. און די זינד זאָל ליגען אויף די עדות. ווי די עדות האָבען דאס דערהערט. האָבען זיי מודה געוועזען אַז זיי האָבען פאַלטש עדות געזאָגט ווייל זיי זענען אויף איהם געוועזען אין כעס פאַר וואָס זיין פאָטער האט אויסגעהרגיט די מכשפות זייערע קרובים. דאָך האָט דאָס בית דין איהם נישט געקענט פטרן. און מען האָט איהם פערשטיינגט:

**רבי** שמעון בן חלפתא איז אַ מאָהל בעגאַנגען אין וועג האָבען איהם בעגעגענט לייבען און זיי האָבען אויף איהם געברימט זיי האָבען איהם געוואָלט אויף עסען. האט ער געזאָגט עס שטייט אין פסוק „הכפירים שואגים לטרף" די לייבען שרייען צו פערציקונג. זענען אַראָב געקומען צוויי עופות פון הימעל. אין איין עוף האָבען די לייבען אויף גיגעסין. אין איין עוף האָבען זיי איבערגעלאָזט. האט ער דאָס עוף אַ היים גענומען און ער האט עס געבראַכט אין בית המדרש אַריין אין ער האט גיפרעגט צי דאס עוף איז טהור צו נישט. האָבען די חכמים איהם גיענטפערט אַז פון הימעל געהט נישט אַראָב קיין דבר טמא איבער דעם מעג מען דאָס עוף עסין:

**ווען** ירושלים איז חרוב געוואָרען איז דאָך געוועזען פיעל מענשען וואס זיי זענען געלעגען געשוואָלען פון הינגער. פלעגט אליהו הצדיק בעזוכען די מענשען. איינמאָהל האט ער געטראָפען אַ קינד ליגען אויף דעם מיסט. און עס איז געוועזען געשוואָלען פון הינגער. האט ער גיפרעגט דעם קינד פון וועלכער משפחה צר איז. האט ער איהם געזאָגט פון וועלכער משפחה ער איז. האָט ער איהם גיפרעגט צו עס איז נאָך עמיצער איבער געבליבען פון דער משפחה. האָט ער איהם גיענטפערט. אַז עס איז קיינער נישט איבער געבליבען נאָר ער אַליין. האָט איהם אליהו גיפרעגט. אויב איך וועל דיך אויסלערנען אַ זאַך וואס דורך דער זאַך וועסט די בלייבען לעבען. וועסט די דיך אויסלערנען. האָט איהם דאס קינד גיענטפערט. איך וועל זיך אויסלערנען. האט ער איהם געהייסען יעדען טאָג זאָגען שמע ישראל. האט איהם דאס קינד גיענטפערט איך וועל נישט דערמאַנען דעם נאָמען פון דעם גאָט וואס מיינע עלטערין האבען מיך נישט געלערנט. און ער האט אַרויס גענומען אַ עבודה זרה פון זיין שויס אין ער האט זי געהאַלדזט אין געקושט ביז זיין בויך איז צושפאָלטען געוואָרען און די עבודה-זרה איז אַראָב געפאַלען אויף דער ערד. און ער איז אַרויף געפאַלען אויף דער עבודה זרה און ער איז געשטאָרבען:

אנכרית איז א מאהל שטארק שלאף געוועזען האט זי א נדר געטוהן אז זי וועט געזינד ווערען וועט זי דינען אלע עבודה זרות פון דער וועלט. ווען זי איז געזינד געווארען איז זי געגאנגען אין זי האט געדינט אלע עבודה זרות פון דער וועלט אז זי איז געקומען צו דער עבודה זרה בעל פעור האט זי גיפרעגט די גלחים מיט וואס דינט מען די עבודה זרה. האבען די גלחים איהר גיענטפערט מען עסט אזא מין גראז וואס דאס גראז איז משלשל אין מען רייניקט זיך אויס אויף דער עבודה זרה. האט זי גיענטפערט איך וויל בעסער צוריק קראנק ווערען איידער איך זאל דינען אזוי די עבודה זרה:

אנכרית האט אמאהל גדעדינגען איודישען בעל עגלה ער זאל מיט איהר פאהרען אין וועג ווי זיי זענען אדורך געפאהרען דורך דער עבודה זרה פעור האט די נכרית געזאגט צו דעם בעל עגלה ער זאל אויף איהר ווארטען ביז זי וועט אריין געהן אין דינען די עבודה זרה ווען זי איז ארויס געקומען האט דער יהודי צו איהר געזאגט ווארט אויס ביז איך וועל אויך אריין געהן. האט זי צו איהם געזאגט די ביסט דאך איהודי. האט ער איהר גיענטפערט וואס ארט דיך איז ער אריין געגאנגען אין ער האט זיך אויסגערייניקט אין מיט דער עבודה זרה האט ער זיך אב געווישט. האבען די בעדינער פון דער עבודה זרה געלויבט דעם יהודי אין זיי האבען געזאגט עס האט נאך קיינמאהל קיין מענטש אזוי ניט געדיענט די עבודה זרה אזוי ווי דער יהודי:

טורנוסרופוס הרשע האט גיפרעגט רבי עקיבא פארוואס איז ביי דיר חשובער דער שבת מעהר פון אלע טעג. האט רבי עקיבא איהם גיפרעגט פאר וואס ביסט די אחשובער שר מעהר פון אלע שרים. האט ער איהם גיענטפערט וויל דער קיסר האט מיך געוואלט גרעסער מאכען פון אלע שרים. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט דעם טאג שבת האט אויך הקב״ה געוואלט גרעסער מאכען פון אלע טעג. האט איהם טורנוסרופוס געזאגט איך פרעג די פראגע פון וואנען ווייסט די אז היינט איז שבת אפשר איז אצווייטער טאג שבת. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט דער טייך סמבטיון וועט אויסווייזען אגאנצע וואך ווארפט ער שטיינער אין שבת רוהט ער אין דאס זעלבע דער מכשף בעל אוב וואס ער ברענגט אויף א מת מיט כישוף אגאנצע וואך קען ער אויף ברענגען דעם מת אין שבת קען ער איהם ניט אויף ברענגען. אין דער זעלבער בעווייז איז פון דיין פאטערס קבר אגאנצע וואך געהט אויף ארויעך פון זיין קבר אין שבת געהט נישט קיין רויעך ווייל אין שבת רוהען אלע רשעים פון גיהנם מען איז זיי ניט דן.

א אשה אמכשפה האט געוואלט אפער נעמען אביסעל ערד פון אינטער די פיס פון רבי חנינא כדי זי זאל איהם קענען טוהן כישוף. האט רבי חנינא צו איהר געזאגט אויב די וועסט קענען מיר טוהן כישוף מעגסט די טוהן ווייל דיין כישוף וועט גאהר נישט העלפען ווייל עס שטייט אין פסוק „אין עוד מלבדו״ מען קען גאהר נישט טוהן אז הקב״ה וויל נישט אין אויב די וועסט מיר קענען כישוף טוהן איז עס פון הקב״ה אין איך וועל עס מקבל זיין באהבה:

רב האט אמאהל דערציילט ר׳ חייא ווי ער האט געזעהן ווי איין אראבער

אראבער האט צו שניטען זיין קעמיל אויף שטיקער און ער האט געגעבען א קלינג מיט דעם גלעקיל האט זיך דאס קעמיל אויף גישטעלט. האט איהם ר' חייא גיפרעגט צו האסט די געזעהן ווען דאס קעמיל האט זיך אויף גישטעלט איז געווען א צייכען פון בלוט אז ער זאל עס געווע-זען צו שניידען וואלסט די בעדארפען אהן זעהן בלוט נאר דאס איז נאר געוועזען אפערבלענדיניש:

רבי אליעזר און רבי יהושע זענען ארייין געגאנגען זיך וואשען אין מרחץ און דער שטאדט טבריה איז דארט געוועזען א מכשף און ער האט געזאגט א שפראך זענען זיי געבליבען שטעהן אויף איין ארט און זיי האבען זיך נישט גיקענט רוהרען פון ארט. האט רבי אליעזר געזאגט צו רבי יהושע זעה נאר וואס עס האט אונז געטראפען אין זעה עפיס צו טוהן. האט רבי יהושע געזאגט עפיס האט דער טויער פון מרחץ אהנ-געכאפט דעם מכשף און ער האט איהם געהאלטען ווער עס איז ארייין געגאנגען אין מרחץ ארייין און ווער עס איז ארויס געגאנגען פון מרחץ האט דעם מכשף געגעבען א קלאפ. האט דער מכשף גע-בעטען רבי יהושע און רבי אליעזר אז זיי זאלען איהם אויף בינדען האבען זיי איהם גיענטפערט בינד די אויף דיין שפראך וועלען מיר אויף בינדען אונזערס האט ער אויף געבינדען זיינס און זיי זייערס און זיי זענען אלע ארויס געגאנגען. האט רבי יהושע געזאגט צו דעם מכשף די זעהסט מיר קענען אויך דאס זעלבע וואס די אין די האסט שוין פאר דיינעם אב גענימען דיין געצאהלט. האט דער מכשף צו זיי געזאגט קומט וועלען מיר געהן אויף דעם ים וועל איך אייך ווייזען וואס איך קען זענען זיי געגאנגען צום ים האט דער מכשף עפיס געזאגט האט זיך דער ים געש-פאלטען און ער האט צו זיי געזאגט איהר זעהט איך האב געטוהן דאס זעלבע ווי אייער רבי משה. האבען זיי צו איהם געזאגט ביסט די דען נישט מודה אז משה איז געגאנגען אין מיטען ים אין דער יבשה ווייזט די אויך דאס זעלבע. איז דער מכשף ארייין געגאנגען אין מיטען ים האט רבי יהושע גוזר געווען אויף דעם שר של ים אין דאס וואסער האט אהנגעהויבען צו געהן אזוי ווי פריהער און דער מכשף איז דערטרונקען געווארען:

רבי אליעזר און רבי יהושע און רבן גמליאל זענען געקומען קיין רום זענען זיי ארייין געקומען אויף איין ארט האבען זיי געזעהן ווי קינדער שפילען זיך מיט שטיקלעך ערד און זיי זאגען אזוי האט מען אין ארץ ישראל אבגע-שיידט תרומה אין מעשר. האבען זיי פערשטאנען אז אויף דעם ארט וואהנען יודען זענען זיי ארייין געגאנגען אין דער שטאדט ארייין אין זיי זענען איינ-געשטאנען ביי א מענש ווען זיי האבען זיך אנידער גיזעצט עסין האבען זיי געזעהן אז יעדער תבשיל וואס מען האט פאר זיי געבראכט האט מען עס פריהר אדורך געטראגען דורך א חדר נאך דעם האט מען דאס תבשיל פאר זיי געבראכט. האבען זיי גיפרעגט דעם בעל הבית פאר וואס טראגט ער פריהער ארייין יעדען תבשיל און דעם חדר ארייין. האט דער בעל הבית זיי גיענטפערט ער טוהט דאס צוליעב זיין אלטען פאטער וואס ער האט אויף זיך גענימען אז ער זאל נישט ארויס געהן פון דעם חדר ביז עס וועלען א הער קומען חכמים וועט ער זיי מגלה זיין פאר וואס ער וויל נישט ארויס געהן פון חדר. האבען זיי געזאגט צום בעל הבית געה אין

זאג

זאָג דיין אַלטען פאָטער אַז ער זאָל אַרויס געהן פון חדר און קומען פאַר די חכמי ישראל. וואָס זיי זענען אַ הער געקומען. איז דער זקן צו זיי אַרויס געגאַנגען האָבען זיי איהם געפרעגט פאַר וואָס זיצט די אין דעם חדר און די ווילסט ניט אַרויס געהן האָט ער זיי געענטפערט. דאָס טהו איך דורך מיין זוהן וואָס ער האָט נישט קיין קינדער און איך בעט פון אייך אַז איהר זאָלט מתפלל זיין אויף מיין זוהן אַז ער זאָל האָבען קינדער. האָט רבי אליעזר געזאָגט צו רבי יהושע טהו עפיס אַז דער יוד זאָל געהאָלפען ווערען. האָט רבי יהושע זיך געהייסען געבען זרע פון פלאַקס און ער האָט עס פערשפּרייט אויף דעם טיש האָט זיך אויזגעזעהן אַזוי ווי די זרע זייעט מען און עס וואַקסט און מען רייסט זיי אויס און עס איז אויף געגאַנגען אַ אשה דאָס איז געוועזען די מכשפה וואָס זי האָט כשוף געטוהן האָט רבי יהושע גע-זאָגט צו דער מכשפה בינד אויף דעם כישוף וואָס די האָסט געטוהן האָט זי געענטפערט איך וועל נישט אויף בינדען. האָט רבי יהושע צו איהר געזאָגט אויב די וועסט נישט אויף בינדען. דעם כישוף וועל איך פאַר יעדערען מפרסם זיין דיינע מעשים און דיין נאָמען. האָט זי געענט-פערט איך קען דעם כישוף נישט אויף בינדען ווייל איך האָב אַריין געוואָרפען דעם קשר פון כישוף אין ים אַריין האָט רבי יהושע גוזר געוועזען אויף דעם שר של ים האָט ער אויסגעשפּיגען דעם קשר פון כשוף נאָך דעם האָבען זיי מתפלל געוועזען און ער האָט געהאַט אַ זוהן דעם בעוויסטען תנא רבי יהודה בן בתירה:

ווען רבי אליעזר בן הורקנוס איז שלאָף געוואָרען (דאָס איז דער רבי אליעזר וואָס האָט געקריגט מיט רבי יהושע און מיט די חכמים וואָס די חכמים האָבען איהם געלייגט אין חרם אַריין) איז רבי עקיבא מיט זיינע חברים געגאַנגען איהם מבקר חולה זיין און רבי אליעזר איז געזעסען אין אַביידעל און זיי זענען געזעסען אין שטיב און עס איז דאַמאָלסט געוועזען ערב שבת און זיין זוהן הורקנוס איז צו איהם אַריין געגאַנגען איהם אויסטוהן די תפילין ווייל עס איז שוין געוועזען שפעט. האָט ער אויף איהם אָהן געשריגען און הורקנוס איז אַרויסגעגאַנגען מבויש און ער האָט געזאָגט צו זיינע חברים מיר זעהט אויס אַז מיין פאָטער איז ניט ביי די קלאָהרע געדאַנקען און ער האַלט שוין נאָהנט ביי שטאַרבען. וואָרים ווען ער זאָל זיין ביי די קלאָהרע געדאַנקען וואָלט ער זיך געלאָזט אויסטוהן די תפילין. האָט רבי אליעזר דאָס דער הערט האָט ער געזאָגט צו די חכמים מיין זוהן און זיין מוטער זענען נישט ביי די קלאָהרע געדאַנקען ווי אַזוי לאָזען זיי אַוועק אַ איסור סקילה דאָס הייסט ליכט צינדען און אַריין שטעלין דאָס עסין אין אויווען אַריין מיט דעם וואַרטען זיי און זיי פערנעמען זיך מיט אַ איסור דרבנן וואָרים אַז מען לייגט תפילין אין שבת איז מען נאָר עובר אויף אַ איסור דרבנן אַז די חכמים האָבען געזעהן אַז ער איז ביי די ריינע געדאַנקען זענען זיי צו איהם אַריין געגאַנגען און זיי האָבען זיך געזעצט ווייט פון איהם פיער איילין (ווייל ער איז געוועזען אין חרם) האָט ער געפרעגט די חכמים צוליעב וואָס זענט איהר געקומען האָבען זיי איהם געענטפערט מיר זענען געקומען לערנען תורה. האָט ער זיי געפרעגט פאַר וואָס זענט איהר ביז יעצט נישט געקומען. האָבען זיי איהם געענטפערט מיר האָבען נישט געהאַט קיין צייט האָט ער צו זיי געזאָגט איך וואונדער זיך אויב איהר

וועט

וועט שטארבען אַ געוועהנליכע מיתה האָט איהם רבי עקיבא גיפרעגט וואָס וועט זיין מיין מיתה האָט ער איהם גיענטפערט דיין מיתה וועט זיין שווערער פון זייערע ווייל די האָסט אַגיטען געדאַנק צום לערנען ווען די זאָלסט ביי מיר לערנען וואָלסט די געוועזען פיעל תורה גילערנט. האָט רבי אליעזר גענימען זיינע צוויי הענד אין ער האָט זיי אַרויף געלייגט אויף זיין האַרץ אין ער האָט געזאָגט וועה איז צו אייך מיינע הענד וואָס איהר זענט אַזוי ווי צוויי ספרי תורות וואָס מען איז זיי גולל (וואָרים אַ ספר תורה אַז מען וויקעלט זי צו זעהט מען נישט אַרויס דאָס כתב אזוי ווי די תורה וואָס איז ביי מיר אין האַרץ ווערט פערוויקעלט אין בעהאַלטען ווייל די תלמידים זענען נישט געקומען לערנען אין דער צייט וואָס ער איז געוועזען אין חרם. בלייבט דאָך די תורה ביי איהם אין האַרץ פערבאָרגען) פיעל תורה האָב איך אַליין גילערנט אין פיעל תורה האָב איך גילערנט מיט די תלמידים און איך האָב נישט געפעהלט פון מיינע רבנים אפילו אַזוי ווי אַ הונד לעקט וואַסער פון ים. דאָס הייסט איך האָב גאָר נישט פערגעסען און איך האָב מיט מיינע תלמידים אויך געלערנט אַלעס וואָס איך האָב ביי מיינע רבנים געלערענט אין ניט דאָס אַליין נאר איך האָב געלערנט דריי הונדערט הלכות אין מראות נגעים אין עס האָט מיך קיינער גאָר נישט איבער גיפרעגט אין איך האָב געלערענט דריי הינדערט הלכות פון נטיעות קישואין אין עס האָט מיך קיינער גאָר נישט איבער גיפרעגט אויסער עקיבא בן יוסף. איינמאָהל בין איך געגאַנגען אין וועג מיט עקיבא בן יוסף. האָט ער צו מיר געזאָגט רבי לערען מיך דאָס פלאַנצען פון די קישואין דאָס הייסט דורך אַ שם וואָס איך וועל זאָגען זאָלען וואַקסען קישואין. האָב איך געזאָגט איין וואָרט איז דאָס פעלד פיהל געוואָרען מיט קישואין האָט ער צו מיר געזאָגט די האָסט מיך אויס גילערענט ווי אַזוי מען פלאַנצט זיי לערען מיך אויס זייער אויסרייסען. האָב איך געזאָגט איין וואָרט זענען אַלע קישואין זיך איינגעזאַמעלט אויף איין אָרט. האָבען די חכמים איהם גיפרעגט אַ דין אויף אַ זאַך צו די זאַך איז טהור צו זי איז טמא האָט ער זיי גיענטפערט זי איז טהור אין זיין נשמה איז פון איהם אַרויס בטהרה. האָט זיך רבי יהושע אויף גישטעלט און ער האָט געזאָגט דער חרם איז מותר. מוצאי שבת האָט רבי עקיבא בעגעגענט טראָגען זיין מטה צווישען דער שטאָדט קיסרי און דער שטאָדט לוד האָט רבי עקיבא זיך געשלאָגען זיין לייב אין ער האָט געשריגען רבי. איך האָב פיעל געלד צו בייטען און איך האָב עס נישט ביי וועמין צו בייטען דאָס מיינט מען איך האָב פיעל שאלות צו פרעגען און איך האָב זיי נישט וועמין צו פרעגען:

**קליאפטורא** המלכה האָט געזאָגט צו רבי מאיר דאָס גלייב איך די מתים וועלען לעבעדיג ווערען נאר איך פרעג דיך צו וועלען זיי אויף שטעהן נאַקיט צו מיט זייערע מלבושים. האָט ער איהר גיענטפערט מיר קענען נעמען אַ ביישפיעל פון אַ ווייץ. אַ ווייץ לייגט מען אַריין אין דער ערד אַריין נאַקיט און זי וואַקסט אַרויס אין אַ זאַנג דאָס הייסט איהר מלבוש. אַ מענש וואָס מען בעגראָבט איהם אין מלבושים וועט אוודאי אויף שטיין מיט די מלבושים:

**אַ קיסר** האָט אַ מאָהל גיפרעגט רבן גמליאל'ן איהר זאָגט אַז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען זיי ווערען דאָך

דאָך ערד און ערד קען דען לעבען. האָט דעם קיסרס טאָכטער געזאָגט צו רבן גמליאל איך וועל מיין פאָטער ענטפערין אַ תשובה. למשל עס איז דאָ ביי אונז אין שטאָדט צוויי טעפּערס. איינער מאַכט טעפּ פון וואַסער. און דער צווייטער מאַכט טעפּ פון ליים. וועלכער טעפּער איז בעסער. האָט ער איהר גיענטפערט דער וואָס ער מאַכט פּון וואַסער. ווייל פּון ליים איז נישט קיין ווינדער אַז מען מאַכט טעפּ. אָבער פון וואַסער איז אַ ווינדער. האָט זי צו איהם געזאָגט אַז הקב"ה קען בעשאַפען מענשען פּון וואַסער פון אַ טיפּה סרוחה קען ער פון ערד אוודאי בעשאַפען. איבער דעם איז נישט קיין ווינדער. חאָטשע די מתים ווערען ערד אין זיי וועלען לעבעדיג ווערען:

**א מין** האט געזאָגט צו רבי אַמי. איהר זאָגט אַז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען עס ווערט דאָך פון זיי ערד. און ערד קען דען לעבעדיג ווערען. האט איהם רבי אַמי גיענטפערט. איך וועל דיר געבען צו פערשטעהן מיט אַ משל. אַ מלך בשר ודם האט געזאָגט צו זיינע קנעכט זיי זאָלען איהם בויען אַ פּאַלעץ אויף אַזאַ אָרט ווי עס איז נישט דאָ קיין וואַסער און קיין ערד. האָבען זיי אָבגעזוכט אַ אָרט ווי עס איז נישט דאָ קיין וואַסער אין קיין ערד. און זיי האָבען דאָרט געשטעלט אַ פּאַלאַץ. אין אַ צייט אַרום איז דער פּאַלאַץ איינגע-פאַלען. האט ער זיי געהייסען שטעלען אַ פּאַלאַץ אויף אַזאַ אָרט ווי עס איז דאָ וואַסער און ערד. האָבען די קנעכט גיענטפערט. מיר קענען אויף אַזאַ אָרט קיין פּאַלאַץ נישט שטעלען. האט זיך דער מלך אויף זיי געבייזערט. און ער האט צו זיי געזאָגט אויף אַזאַ אָרט ווי עס איז נישט דאָ קיין וואַסער און קיין ערד האט איהר געקענט שטעלען דעם פּאַלאַץ. און אויף אַזאַ אָרט ווי עס איז דאָ וואַסער אין ערד קענט איהר נישט שטעלען. דאָס זעלבע איז דאָ אויף הקב"ה האָט בעשאַפען דעם מענטש פון אַ טפה קטנה וואָס זי האָט נישט קיין ממש. זאָל ער איהם פון ערד נישט קענען בעשאַפען. און אויב די ווילסט מיר נישט גלויבען אַז הקב"ה קען בעשאַפען פון ערד. געה אַרויס אויף אַ פּלאַץ וועסט די זעהן אַ עכבור וואָס ער ווערט בעשאַפען פון דער ערד וועסט די זעהן אַז היינט איז ער האַלב עכבור אין האַלב ערד און מאָרגען וועסט די זעהן אַז ער איז שוין אינגאַנצען אַ עכבור. אפשר וועסט די זאָגען אַז ער ווערט בעשאַפען אין אַ לאַנגע צייט נישט אין איין טאָג. געה אַרויס אויף דעם באַרג. וועסט די זעהן אַז עס איז אויף איהם נישט דאָ קיין איין חלזון. און מאָרגען אַז עס וועט געהן רעגען. וועסט די זעהן אַז דער באַרג וועט זיין פיל מיט חלזון. איז דאָך אַבעוויז אַז הקב"ה קען בעשאַפען אַ בריה אין אַ קליינע צייט:

**אַ צדוקי** האט געזאָגט צו גביהה בן פסיסא. וועה איז צו אייך רשעים וואָס איהר זאָגט אַז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען. מיר זעהן אַז די לעבעדיגע מענשען שטאַרבען. זאָגט איהר אַז די געשטאָרבענע וועלען לעבעדיג ווערען. האט איהם גביהה בן פסיסא גיענטפערט פערקעהרט. וועה איז צו אייך רשעים וואָס איהר זאָגט אַז די מתים וועלען נישט לעבעדיג ווערען. די מענשען וואָס זיי האָבען נאָך קיינמאָהל נישט געלעבט אויף דער וועלט לעבען יעצט. די וואָס זיי האָבען שוין אַמאָהל געלעבט וועלען דאָך אוודאי לעבעדיג ווערען. האט דער צדוקי געזאָגט צו גביהה בן פסיסא. די רופסט מיך רשע. ווען איך זאָל דיר געבען אַ דריק מיט

מיין

מיין פוס. וואָלט איך דיר אויסגעגלייכט דיין פלייצע (גביהה האט געהאַט אַ קרימע פלייצע). האט איהם גביהה גיענטפערט. אויב די וועסט אַזוי טוהן וועסט די זיין אַ גוטער רופא און איך וועל דיר גוט בעצאָהלען:

דיי בני אַפריקא זענען זיך געקומען מאָהנען ביי די יודען אַ חלק אין ארץ ישראל פאַר אַלכסנדרוס מוקדון. זיי האָבען געטענהט אַז ארץ ישראל איז זייערס. ווייל די תורה רופט עס ארץ כנען. און כנען איז געווען זייער פאָטער. האט גביהה בן פסיסא געזאָגט צו די חכמים. גיט מיר רשות וועל איך געהן טענה'ן פאַר אייך. אויב זיי וועלען מיך מנצח זיין וועט איהר זאָגען איהר האט מנצח געוועזען אַ פראָסטען מענש פון אונז. און אויב איך וועל זיי מנצח זיין וועט איהר מיר נישט געבען דעם כח הניצוח מיר. נאָר איהר וועט זאָגען אַז די תורה פון משה רבינו האָט זיי מנצח געוועזען. האָבען די חכמים איהם געגעבען רשות און ער איז געגאַנגען צו אַלכסנדרוס מוקדון. האָט ער צו זיי געזאָגט. פון וואַנען האָט איהר אַ ראיה אַז ארץ ישראל איז אייערס פון דער תורה. איך וועל אייך אויך געבען אַ ראיה פון דער תורה. עס שטעהט אין פסוק „ויאמר ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו". נח האָט געזאָגט פערפליעכט זאָל זיין כנען אַ קנעכט זאָל ער זיין צו זיינע ברודער. עס קען זיין אַז דאָס לאַנד כנען איז אייער פאָטערס. נאָר דער דין איז אַז אַ עבד קויפט אַ פער־מעגען גיהערט דאָס פערמעגען צו זיין בעל הבית. און אייער פאָטער כנען איז דאָך געוועזען אַ עבד צו אונזער פאָטער שם. גיהערט דאָך זיין פערמעגען צו אונזער פאָטער שם. קומט דאָך אויס אַז ארץ ישראל איז אונזער און איך מאָהן נאָך ביי אייך די ווערד פון דער אַרבייט פון אַזוי פיעל יאָהרען וואָס איהר האָט ביי אונז נישט געאַרבייט. האָט אַלכסנדרוס מוקדון געזאָגט צו די בני אַפריקא ענטפערט איהם אַ תשובה אויף זיינע רייד. האָבען זיי געזאָגט צו אַלכסנדרוס מוקדון גיב אונז צייט דריי טעג מיר זאָלען זיכען אַ תשובה. האָט ער זיי געגעבען צייט דריי טעג. זיי האָבען געזיכט אַ תשובה און זיי האָבען נישט געפונען. זענען זיי אַנטלאָפען און זיי האָבען איבער געלאָזט זייערע פעלדער פערזייעט אין דאָס יאָהר איז פונקט געוועזען אַ יאָהר פון שמיטה:

אין אַ צייט אַרום זענען די בני מצרים געקומען צו אַלכסנדרוס מוקדון זיך פערקלאָגען אויף די יודען. און זיי האָבען גע'טענה'ט עס שטעהט אין דער תורה „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום". הקב"ה האָט געגעבען אַז די יודען זאָלען האָבען חן אין די אויגען פון די מצרים און זיי האָבען זיי געליגען גאָלד און זילבער גיט אונז אָב דאָס גאָלד און זילבער וואָס איהר האָט ביי אונז געליגען. האָט גביהה געזאָגט צו די חכמים. גיט מיר רשות איך זאָל געהן לדין מיט זיי. אויב זיי וועלען מיך מנצח זיין וועט איהר זאָגען אַ הדיוט פון אונז האָט איהר מנצח געוועזען. און אויב איך וועל זיי מנצח זיין. וועט איהר מיר נישט געבען דעם כבוד הניצוח. נאָר איהר וועט זאָגען אַז די תורה פון משה רבינו האָט זיי מנצח געוועזען. האָבען זיי איהם געגעבען רשות איז ער געגאַנגען און ער האָט צו זיי געזאָגט פון וואַנען ברענגט איהר אַ ראיה פון דער תורה. איך וועל אויך ברענגען אַ ראיה פון דער תורה. עס שטעהט אין פסוק „ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה" די יודען זענען גיוועסען אין מצרים און

געאַרבייט

געאַרבייט פיער הונדערט אין דרייסיג יאָהר. בעצאָהלט אונז פאַר פיער הונדערט אין דרייסיג יאָהר אַרבייט פון ששים רבוא יודען וואָס איהר האָט מיט זיי געאַרבייט. האָט אַלכסנדרוס מוקדון געזאָגט צו די בני מצרים ענטפערט זיי אַ תשובה. האָבען זיי געזאָגט גיב אונז צייט דריי טעג האָט ער זיי געגעבען צייט דריי טעג אין זיי האָבען געזוכט אַ תשובה. און זיי האָבען נישט געפינען קיין תשובה. אין זיי זענען אַנטלאָפען און זיי האָבען איבער געלאָזט זייערע פעלדער פערזייעט און דאָס יאָהר איז אויך געוועזען שמיטה. אין אַ לענגערע צייט אַרום זענען געקומען די בני ישמעאל אין די בני קטורה צו אלכסנד-רוס מוקדון זיך פערקלאָגען אויף די יודען און זיי האָבען גע'טענה'ט אַז ארץ ישראל גיהערט צו זיי אויף ווייל עס שטייט אין פסוק „ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם" דאָס זענען די קינדער פון ישמעאל בן אברהם און עס שטייט ווי-טער אין פסוק „ואלה תולדות יצחק בן אברהם" דאָס זענען די קינדער פון יצחק בן אברהם זענען מיר דאָך אויך קינדער פון אברהם האָבען מיר דאָך אַ חלק אין ארץ ישראל. האָט גביהה בן פסיסא געזאָגט צו די חכמים גיט מיר רשות איך זאָל געהן צו אלכסנדרוס מוקדון טענהן האָבען זיי איהם געגעבען רשות האָט ער צו זיי געזאָגט פון וואַ-נען ברענגט איהר אַ ראיה צו אייך פון דער תורה איך וועל אויך ברענגען אַ ראיה פון דער תורה עס שטייט אין פסוק „ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק" אברהם האָט אַוועק געגעבען זיין גאַנץ פערמעגען צו יצחק „ולבני הפלגשים אשר לאברהם נתן מתנות אין די בני פלגשים האָט ער געגעבען מתנות פרעג איך אייך אַ פאַטער וואָס ער האָט איין געטיילט ביי זיין לעבען זיין פער-מעגען צו זיינע קינדער קען איינער האָבען טענות צום צווייטען האָבען זיי איהם באַלד מודה געוועזען אַז יער איז גירעכט:

דער קיסר אַנטינינוס האָט אַ מאָהל געזאָגט צו רבי דער גוף מיט דער נשמה קענען זיך פטר'ן ביי דעם דין דער גוף קען טענהן די נשמה האָט געזינדיגט וואָרים זינד די נשמה איז פון איהם אַוועק געגאַנגען ליג איך אין קבר אַזוי ווי אַ אבן דומם אין די נשמה קען טענהן דער גוף האָט געזינדיגט וואָרים זינט איך בין אַרויס געגאַנגען פון דעם גוף פליה איך אַרום אויף דער לופט אַזוי ווי אַ פויגעל און זינדיג גאַר נישט. האָט איהם רבי גיענטפערט איך וועל דיר עס געבען צו פערשטיין מיט אַ משל. אַ מלך בשר ודם האָט געהאַט אַ גאָרטען אין דעם גאָרטען האָט געוואַקסען שעהנע פירות און ער האָט אַריין גיזעצט אין דעם גאָרטען אַריין צוויי שומרים איינער איז געוועזען אַ לאָמער און דער צווי-טער איז געוועזען אַ בלינדער. האָט דער לאָמער געזאָגט צו דעם בלינדען איך זעה אין דעם גאָרטען שעהנע פירות נעם מיך אויף דיינע פלייציס וועלען מיר ביידע קענען צו געהן אָב רייסען די פירות. זיי האָבען אַזוי געטוהן און זיי האָבען די פירות אויף געגעסען. און אין אַ צייט אַרום איז דער מלך געקומען אין גאָרטען אַריין האָט ער געזעהן ווי די שעהנע פירות זענען נישט דא האָט איהם דער בלינדער גיענטפערט איך בין דאָך בלינד און איך זעה דאָך נישט צו רייסען די פירות אין דער לאָמער האָט גיענטפערט איך בין דאָך לאָם ווי אַזוי האָב איך גיקענט צו געהן אָברייסען די פירות. האָט דער מלך אויף גיזעצט דעם לאָמען אויף דעם בלינדען אין ער האָט זיי געמשפט. אַזוי דא אויך

שיקט

שיקט הקב"ה צוריק אַריין די נשמה אין דעם מענטשענס גוף אַריין און ער איז זיי דן:

הקב"ה האָט געזאָגט צו דוד המלך וועלכען עונש ווילסט די צו דיינע קינדער זאָלען פערלענד ווערען צו די זאָלסט איבער גיענטפערט ווערען אין דער האַנד פון שונא האָט דוד המלך געזאָגט רבש"ע איך וויל בעסער איבער גיענטפערט ווערען אין דער האַנד פון שונא איידער מיינע קינדער זאָלען פערלענד ווערען. איינמאָהל איז דוד המלך אַרויס געגאַנגען אין אַדאָרף אַריין איז געקומען דער שטן און ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ הירש האָט ער איהם געוואַלט פאַנגען און ער האָט איהם געוואָרפען פייל און ער האָט איהם נישט געטראָפען די פיילען און ער האָט דעם הירש נאָך געיאָגט ביז צום לאַנד פלשתים. ווי ישבי בנוב האָט איהם דער־זעהן האָט ער געזאָגט ער האָט געהרגת מיין ברודער גלית און ער האָט גענימען דוד המלך און ער האָט איהם געבינדען און ער האָט איהם אַרינטער געלייגט אונטער דער פרעס פון דער אָלאַרנע. איז געשעהן אַ נס אַז די ערד וואָס דוד איז אויף איהר געלעגען איז געוואָרען ווייך און עס האָט איהם גאָר נישט געשאַדט דאָס איז פונקט געוועזען ערב שבת פאַר נאַכט. און אַבישי האָט זיך געוואַשען האָט ער געזעהן און דעם וואַסער פלעקין פון בלוט אין אַ אַטייל זאָגען אַז אַטויב איז געקומען אין זי האָט געקלאַפט מיט די פליגעל און זיך געריסען איהרע פעדערין. האָט אַבישי געזאָגט די כנסת ישראל איז גיגלעכענט צו אַטויב און אַז זי רייסט זיך די פעדערין איז אַבעוויינ אַז דוד המלך איז בצער. איז ער געגאַנגען זיכען דעם מלך און זיין שטיב האָט ער איהם נישט געפינען. האָט ער איהם געשיקט זיכען און בית המדרש אַריין איז ער אויך נישט געוועזען האָט ער גיפרעגט אַ שאלה צו בשעת הסכנה מעג מען רייטען אויף דעם פערד פון מלך האָבען איהם די חכמים גיענטפערט אַז בשעת הסכנה מעג מען רייטען אויף דעם פערד פון מלך. האָט ער זיך גיזעצט רייטען אויף דעם פערד פון מלך. און ער האָט געהאַט קפיצת הדרך און ער איז באַלד געקומען צום לאַנד פלשתים. ווי ער איז אָהנגע־קומען אין לאַנד פלשתים איז געזעסען ערפה די מוטער פון ישבי און זי האָט געשפינען ווי זי האָט דער זעהן אבישי האָט זי איהם געוואָרפען דאָס שפינדעל און זי האָט עס נישט געטראָפען האָט זי צו איהם געזאָגט הייב מיר אויף דאָס שפינדעל וואָס עס איז פון מיר אַראָב געפאַלען. האָט אבישי איהר געוואָרפען דאָס שפינדיל און ער האָט זי געהרגיט. ווי ישבי האָט דערזעהן אבישי האָט ער געזאָגט יעצט זענען זיי שוין צוויי מענשען האָט ער גענימען דוד המלך און ער האָט איהר געוואָרפען אין דער הויך און ער האָט אינטער גישטעלט די שפיז כדי דוד זאָל אַרויף פאַלען אויף דער שפיז. און ער זאָל געהרגיט ווערין האָט אבישי געזאָגט א שם און דוד המלך געבליבען שטעהן אין דער לופט און זיי זענען ניצול געוואָרען. האָט אבישי גיפרעגט דוד המלך ווי קומסט די אַ הער. האָט איהם דוד דער ציילט וואָס הקב"ה האָט איהם געזאָגט און וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען. האָט אבישי צו איהם געזאָגט עס איז גלייכער די זאָלסט דיר אויסקליבען דעם צווייטען עונש די דאַרפסט נישט פערקלעהרען וואָס עס וועט זיין מיט דיינע קינדער האָט דוד געזאָגט צו אבישי העלף מיר צו מתפלל זיין האָט איהם אבישי גע־האָלפען און ער האָט געזאָגט אַ שם

זעבען

זענען זיי צוריק אראָב אויף דער ערד אין ישבי האט זיי נאָך געיאָגט ביז זיי זענען געקומען צו דער גרענעץ פון ארץ ישראל. האָבען זיי זיך אָב גישטעלט און זיי האָבען מלחמה געהאַלטען מיט איהם. און זיי האָבען איהם ניט געקענט בייקומען. ווי זיי האָבען צו איהם געזאָגט געה וועסט די זעהן דיין מוטער ליגט שוין אין קבר. ווי זיי האָבען איהם דערמאָנט אַז זיין מוטער איז געשטאָרבען איז זיין כח אָבגעשוואַכט געוואָרען און זיי האָבען איהם געהרגית:

**רבי** טביומי האָט געזאָגט אַז מען זאָל איהם געבען דאָס גאַנצע פערמעגען פון דער וועלט וועט ער נישט זאָגען קיין ליגענט. איינמאָהל איז ער געקומען אין אַ שטאָדט אריין וואָס זי האָט געהייסען קושטא (קושטא איז טייטש אמת) און די מענשען פון דער שטאָדט האָבען קיינמאָהל נישט געזאָגט קיין ליגענט. און עס איז דאָרט קיינער נישט געשטאָרבען פאַר דער צייט און רבי טביומי האָט פון דאָרט גענומען אַ ווייב. און ער האָט מיט איהר געהאַט צוויי זוהן. איינמאָהל האָט דאָס ווייב זיך געוואַשען דעם קאָפּ איז אַריין געקומען אַ שכנה און זי האָט גיפרעגט צו זיין ווייב איז דאָ אין שטוּב. האָט ער ביי זיך געטראַכט. ווייל זי וואַשט זיך דעם קאָפּ איז נישט שעהן אַז די שכנה זאָל צו איהר אַריין געהן. האָט ער איהר גיענטפערט אַז זי איז נישט דאָ אין שטוב. זענען איהם זיינע צוויי זוהן געשטאָרבען. האָבען איהם די מענשען פון דער שטאָדט גיפרעגט פאַר וואָס האָט זיך דיר דאָס געטראָפען. האָט ער זיי דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דער שכנה וואָס ער האָט איהר געזאָגט ליגענט אַז זיין ווייב איז נישט דאָ אין דערהיים. און צוליעב דעם רעכענט ער זענען זיינע צוויי זוהן געשטאָרבען. האָבען די מענשען צו איהם געזאָגט מיר בעטען דיך אַז די זאָלסט דיך אַרויסציהען פון אונזער שטאָדט די זאָלסט נישט אָהנרייצען דעם מלאך המות אַז ער זאָל קומען צו אונז אין שטאָדט אַריין דורך דעם וואָס די האָסט געזאָגט ליגענט. דורך דעם האט די שטאָדט געהייסען קושטא ווייל קושטא איז טייטש אמת ווייל מען האט דאָרט שטענדיג געזאָגט אמת:

**דער** קיסר שבור האט אַ מאָהל געזאָגט צו שמואל'ן איהר זאָגט אַז משיח וועט קומען אויף אַ אייזעל. איך וועל איהם שיקען מיין שעהן פערד עס קען גוט לויפען. ווייל עס איז אַ בושה פאַר איהם אַז ער זאָל קומען אויף אַ אייזעל. האט איהם שמואל גיענטפערט דיין פערד האט דען הונדערט קאָליהרען. ווייל דאס אייזעל וואס משיח וועט אויף איהם קומען וועט האָבען הונדערט קאָליהרען:

**רבי** יהושע בן קרחה האָט אַ מאָהל געטראָפען אליהו הנביא שטעהן לעבען דער מערה פון רבי שמעון בן יוחאי. האָט ער איהם גיפרעגט צו ער וועט האָבען עולם הבא. האט ער איהם גיענטפערט. אויב דער האַר וועט וועלען (דאס האט ער געמיינט די שכינה). האט רבי יהושע בן לוי געזאָגט. איך האב גיהערט אַ קול פון דריי מענשען. און געזעהן האב איך נאָר צוויי. ווייל דער דריטער איז געוועזען די שכינה. האט ער איהם ווייטער געפרעגט. ווען וועט קומען משיח. האט איהם אליהו גיענטפערט געה אין פרעג משיח אַליין וועט ער דיר זאָגען. האט ער איהם גיפרעגט ווי וועל איך איהם געפונען. האָט ער איהם גיענטפערט. ער זיצט לעבען דער שטאָדט רום. האט ער איהם גיפרעגט וואָס פאַר אַ סימן. האָט איהם אליהו גיענטפערט ער זיצט צווישען אָרימע לייט וואָס זיי האָבען נגעים אויף זייער לייב. יעדער

יעדער אָרימאַן וואָס ער האָט עטליכע נגעים. בינד זיך אויף אַלע נגעים בעזאַמען און ער ווישט זיי אָב. און ער בינד זיי צו אַלע בעזאַמען. אָבער משיח בינד זיך אויף יעדען נגע בעזונדער. און ער ווישט זי אָב און בינד זי צו. און דערנאָך בינד ער אויף די צווייטע נגע און ווישט זי אָב. און ער בינד זי צו. וויל ער טראַכט דערביי אפשר וועט ער דערוויל דאַרפען געהן אויסלייזען די יודען ביז ער וועט דאַרפען צו בינדען אַלע נגעים וועט דאָך לאַנג דויערן. איז רבי יהושע בן לוי צו געגאַנגען צו משיח און ער האָט צו איהם געזאָגט שלום עליך רבי ומורי. האָט איהם משיח גיענטפערט שלום עליך בן לוי. האָט איהם רבי יהושע בן לוי גיפרעגט. ווען וועט דער האַר קומען. האָט ער איהם גיענטפערט. הייַנט. ווען רבי יהושע בן לוי איז צוריק געקומען צו אליהו. האָט איהם אליהו גיפרעגט וואָס האָט דיר משיח געזאָגט. האָט ער איהם גיענטפערט ער האָט מיר געזאָגט שלום עליך בן לוי. האָט איהם אליהו געזאָגט. ער האָט דיר און דיין פאָטער מבטיח געוועזען אַז איהר וועט האָבען עולם הבא. וואָרים ווען איהר זאָלט נישט זיין קיין צדיקים גמורים וואָלט ער דיר נישט גיענטפערט קיין שלום און ער וואָלט נישט דערמאָנט דיין פאָטערס נאָמען. האָט רבי יהושע בן לוי געזאָגט צו אליהו. משיח האָט מיך אָבגענאַרט. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער וועט הייַנט קומען און ער איז נישט געקומען. האָט איהם אליהו גיענטפערט זיין כונה איז געוועזען מיט דעם וואָס ער האָט דיר געזאָגט הייַנט (היום) האָט ער געמיינט. „היום אם בקולי תשמעו" הייַנט אויב איהר וועט זיין ערליך וועט ער הייַנט קומען:

ווען רבי אליעזר איז שלאָף בעוואָרען זענען זיינע תלמידים אריין געגאַנ-גען איהם מבקר חולה זיין. האָט ער צו זיי געזאָגט אַיין גרויסער צאָרען איז דאָ אויף דער וועלט (דאָס האָט ער געמיינט אויף זיך וואָס ער איז שלאָף). האָבען די תלמידים אָנגעהויבען צו וויינען און רבי עקיבא האָט געלאַכט. האָבען זיי געזאָגט צו רבי עקיבא. פאַר וואָס לאַכסט די. האָט ער זיי גיפרעגט פאַר וואָס וויינט איהר. האָבען זיי איהם גיענטפערט די ספר תורה איז בעצער זאָלען מיר נישט וויינען. האָט רבי עקיבא צו זיי געזאָגט פאַר דעם לאַך איך וואָרים כל זמן איך האָב געזעהן אַז דער וויין פון מיין רבין איז נישט זויער געוואָרען און זיין פלאַקס איז נישט אויס געקלאַפּט געוואָרען און זיין בוימאייל איז נישט פערשטינקען געוואָרען. וויל ער האָט געהאַט אַ ברכה אין זיין פערמעגען. האָב איך גירעכענט אפשר האָט דער רבי אָבגענומען זיין שכר אויף דער וועלט אָבער אַז איך זעה אַז דער רבי איז בעצער זעה איך אַז זיין שכר איז אָבגעהיטען לעולם הבא. און דאָס וואָס ער ליידט אויף דער וועלט איז כדי ער זאָל אָב קומען אויף דער וועלט. אפשר האָט ער גע-זינדיגט. האָט רבי אליעזר געזאָגט צו רבי עקיבא איך האָב דען עפּיס געפעהלט פון דער תורה וואָס די זאָגסט אַז איך לייד יסורים פאַר מיינע עונות. האָט איהם רבי עקיבא גיענטפערט. די האָסט דאָך מיך געלערענט אַז עס שטייט אין פסוק „כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" עס איז נישט דאָ קיין צדיק אויף דער וועלט אַז ער זאָל טוהן בלויז גוטס. און ער זאָל ניט זינדיגען מן הסתם האָסט די אויך עפּיס געזינדיגט:

אין דער צייט ווען רבי אליעזר איז שלאָף געוועזען זענען צו איהם אריין געגאַנגען פיער זקנים איהם מבקר חולה זיין. רבי טרפון און רבי יהושע און

אין רבי אלעזור בן עזרי' אין רבי עקיבא האָט רבי טרפון געזאָגט צו רבי אלעזור די ביסט בעסער פאַר די יודען פון רעגען ווייל רעגען איז נאָר גיט אויף דער וועלט אין דיין תורה וואָס די האָסט מיט זיי געלערענט מאַכט זיי גיט אויף דער וועלט אין אויף יענער וועלט. האָט רבי יהושע זיך אָנגערופען די ביסט בעסער צו די יודען פון דער זין ווייל די זין איז נאָר אויף דער וועלט ווייל לעתיד וועלען די ליכט בענייעט ווערען אָבער דיין תורה איז בעולם הזה ובעולם הבא. האָט זיך רבי אלעזור בן עזרי' אָהנגערופען די ביסט בעסער צו די יודען ווי פאָטער און מוטער ווייל פאָ-טער אין מוטער זענען נאָר אויף דער וועלט וואָס זיי טוהען גוטס זייערע קינדער אָבער אַ רבי טוט גוט זיינע תלמידים בעולם הזה ובעולם הבא. האָט זיך רבי עקיבא אָהנגערופען. די יסורים זענען דיר געליעבט זיי זענען אויף דיר מכפר. האָט רבי אליעזור געזאָגט האלט מיך אונטער איך זאָל הערען די רייד פון מיין תלמיד עקיבא וואס ער זאָגט אַז די יסורים זענען גיט :

מען האָט געפאַנגען צוויי יודען פון דעם אָרט הר הכרמל אין דער פאַנגער האָט זיי געפיהרט און ער איז נאָך געגאַנגען האָט ער גיהערט ווי איינער האָט געזאָגט צום צווייטען דאָס קעמיל וואָס עס געהט פאַר אונץ איז בלונד אויף איין אויג און עס ליגט אויף דעם קעמיל צוויי לאָגלען איינער מיט ווין און דער צוויטער מיט בוימאייל אין די צוויי מענשען וואָס זיי פיהרען דאָס קעמיל. איז איינער אַ יוד און דער צוויטער אַ עכו״ם. האָט דער פאַנגער צו זיי געזאָגט איהר זענט אַ עם קשה עורף פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלעס דאָס קעמיל איז דאָך וויט פון אונץ. האָבען זיי איהם גיענטפערט דאָס וואָס מיר זאָגען אַז דאס קעמיל איז בלינד אויף איין אויג דערקענען מיר פון דעם גראָז וואָס אין איין זייט איז דאס גראָז אָב געגעסען אין דער צווייטער זייט נישט ווען דאס קעמיל זאָל זעהן אויף ביידע אויגען וואָלט עס געגעסען פון ביידע זייטען איז דאָך אַ סימן אַז אויף איין אויג איז עס בלינד. אין דאָס וואָס מיר זאָגען אַז עס ליגט אויף דעם קע-מיל צוויי לאָגלען איז איינער מיט וויין אין דער צווייטער מיט בוימאייל דער-קענען מיר אין די טראָפּענס וואָס עס איז אַראָב גערינען פון די לאָגלען אין איין זייט זענען די טראָפּענס איינגע-זאַפט אין דער ערד דאָס איז וויין ווייל עס איז נישט פעט ווערט עס באַלד איינגעזאַפט אין דער ערד אין פון דער צווייטער זייט ווערען די טראָפּענס ניט איינגעזאַפט און דער ערד איז אַ סימן אַז עס איז בוימאייל ווייל בוימאייל איז פעט ווערט עס אַזוי שנעל נישט איינ-געזאַפט אין דער ערד. אין דאָס וואָס מיר זאָגען אַז די צוויי מענשען וואָס זיי פיהרען דאָס קעמיל איז איינער אַ יוד און דער צווייטער אַ עכו״ם מיר האָבען געזעהן אַז זיי האָבען משתין געוועזען איז איינער געגאַנגען אין דער זייט אַריין. און דער צווייטער האָט משתין געוועזען און מיטען וועג. אַ יוד איז זיין שטייגער אַז ער זאָל געהן אין אַזייט אריין משתין זיין. אָבער אַ עכו״ם איז משתין אין מיטען וועג. איז דער פאַנגער נאָך געלאָפען דעם קעמיל אין ער האָט געזעהן אַז עס איז אמת אַזוי ווי זיי האָבען געזאָגט האָט ער זיי געקושט און זייער קאָפּ אריין אין ער האָט זיי אהיים געבראַכט צו זיך און שטיב אריין. און ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ סעודה און ער האָט פאַר זיי געטאַנצט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט עס זעהט אונץ אויס אַז די ביסט אַ זוהן פון דעם תליון האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער

אויב

אויב די וועסט מיר אויס זאגען דעם אמת ווער מיין פאטער איז. איז גוט ווען נישט וועל איך דיך הרג'נ'ן. האט איהם זיין מוטער געזאגט בשעת החופה איז מיין מאן ארויס געגאנגען אין דער תליון איז צו מיר אריין געגאנגען און ער האט מיט מיר מזנה געוועזען און איך בין פון איהם מעוברת געווארען און איך האב דיך געבאהרען. נאך דעם האט ער זיי געגעבען פלייש צו עסין האבען זיי צו איהם געזאגט דאס פלייש האט א טעם פון הינד פלייש. האט ער גיפרעגט זיין מוטער צו עס איז אמת. האט זי איהם געזאגט דאס שעפסעל האט נאך געזייגט ווען איהר מוטער איז געפגרט האט זי געזייגט פון א הינד. האט ער זיי געגעבען ווין צו טרינקען האבען זיי געזאגט דער ווין האט א טעם פון אמת. האט ער גיפרעגט זיין מוטער האט זי איהם גיענטפערט דער ווין איז פון דעם בוים וואס ער וואקסט אויף דיין פאטערס קבר האט ער זיי געגעבען גאלד אין זילבער אין ער האט זיי גע-קישט און ער האט געזאגט געלויבט איז דער גאט פון די יודען וואס ער האט אויסדערוויילט אין די קינדער פון אברהם און ער האט זיי געגעבען פון זיין חכמה ווי זיי קומען ווערען זיי שרים צו זייערע שרים און ער האט זיי פריי געלאזט און זיי זענען א היים געגאנגען בשלום :

די מענטשען פון סדום האבען איינגעפיהרט אזא מנהג. דער וואס האט געהאט איין בהמה האט געפאשעט אלע בהמות פון דער שטאדט איין טאג. און דער וואס האט נישט געהאט קיין בהמה האט בעדארפט די בהמות פון דער שטאדט פאשען צוויי טעג. איז דארט געוועזען איתום וואס ער האט נישט געהאט קיין בהמה האט מען איהם געגעבען צו פאשען די בהמות פון שטאדט צוויי טעג. האט ער געהרגיט די בהמות און ער האט געזאגט ווער עס האט בהמות דער זאל נעמען איין פעל. און דער וואס האט נישט קיין בהמות זאל נעמען צוויי פעל. האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס ער טוהט אזוי האט ער זיי גיענטפערט איהר האט דאך אליין געמאכט אזא פסק אז דער וואס האט בהמות זאל פאשען איין טאג און דער וואס האט נישט קיין בהמות זאל פאשען צוויי טעג. אזוי דאס אויך ווער עס האט בהמות זאל נעמען איין פעל און דער וואס האט נישט קיין בהמות דארף נעמען צוויי פעל :

אין סדום איז געוועזען פיער דיינים איינער האט געהייסען שקראי און דער צווייטער האט געהייסען שקרוראי און דער דריטער האט געהייסען זייפי און דער פערדטער האט געהייסען מצלי דינא. און זיי האבען איינגעפיהרט אזא דין אז איינער האט געשלאגען דעם צווייטענס ווייב און זי האט מפיל גע-וועזען האבען זיי געפסקינט אז ער זאל איהם געבען דאס ווייב ער זאל מיט איהר ליגען ביז זי וועט צוריק מעוברת ווערין. און אז איינער האט אבגעשניטען דאס אויער פון צווייטענס א אייזיל האט מען איהם געהייסען געבען דאס אייזיל ביז עס וועט צוריק וואקסען דאס אויער. און ווער עס האט געמאכט דעם צווייטען א ווינד האט מען געהייסען אז ער זאל איהם בעצאהלען פאר דעם בלוט וואס ער האט איהם געלאזט. און ווער עס איז אדורך געגאנגען דורך א בריק האט בעדארפען צו געבען פיער גילדען. און ווער עס איז געגאנגען אין וואסער האט בעדארפען צו געבען אכט גילדען. איז אהן געקומען קיין סדום א פרעמדער מענש און ער איז געגאנגען אין וואסער נישט אויף דער בריק האט מען איהם געהייסען געבען פיהר גילדען

זיין

(ווייל זיי האָבען גירעכענט אַז ער איז געגאַנגען אויף דער בריק). האָט דער מענטש געזאָגט איך בין נישט געגאַנגען אויף דער בריק נאָר אין וואַסער. האָבין זיי צו איהם געזאָגט אויב אַז די ביסט נישט געגאַנגען אויף דער בריק דאַרפסט צו געבען אַכט גילדען אין זיי האָבען איהם געשלאָגען אין צובייזט און זיי זענען מיט איהם געגאַנגען צום דיין. האָט דער דיין געזאָגט צו דעם פרעמ־דען מענטש איינמאָהל דאַרפסט די בעצאָהלען פאַר דעם בלוט וואָס מען האָט פון דיר געלאָזט אין אַכט גילדען דאַרפסט די בעצאָהלען פאַר דעם וואָס די ביסט געגאַנגען אין וואַסער נישט אויף דער בריק:

אליעזר עבד אברהם איז אַ מאָהל געקומען קיין סדום האָבען מענטשען איהם געשלאָגען און זיי האָבען איהם געלאָזט בלוט. איז ער געגאַנגען מיט די מענטשען צום דיין האָט דער דיין געזאָגט צו אליעזר באַצאָהל די מענשען וואָס זיי האָבען דיר געלאָזט דאָס בלוט האָט אליעזר געגעבען אַפּאַטש דעם דיין און ער האָט איהם געלאזט דאָס בלוט. האָט דער דיין גיפרעגט אליעזר'ן פאַר וואָס האָסט די מיר גע־לאָזט דאָס בלוט האָט איהם אליעזר גיענטפערט אַז מען שלאָגט יענעם אין מען לאָזט איהם דאָס בלוט קומט נאָך דעם שלאָגער צו בעצאָהלען איבער דעם האָב איך דיר אויך געלאָזט דאס בלוט כדי די זאָלסט מיר אויך דאַרפען צו בעצאָהלען און דאס געלד וואס די דאַרפסט מיר געבען גיב עס דעם מענש וואס ער האָט מיר געלאָסט מיין בלוט:

די מענטשען פון סדום האאבען געהאַט אַ בעט פאַר אורחים וועגען צו שלאָפען און זיי האָבען זיך אַזוי געפיהרט אויב דער אורח איז געוועזען לענגער פון דעם בעט האָט מען איהם אָב געשניטען די פיס און אויב דער אורח איז געווע־זען קערצער פון דעם בעט האָט מען דעם אורח אַזוי לאַנג געצויגען ביז מען האט איהם אַרויס געצויגען זיינע אבריט פון די גלידער. איינמאָהל איז אליעזר עבד אברהם געקומען קיין סדום האָבען זיי איהם געהייסען לייגען שלאָפען. אליעזר האָט פערשטאַנען זייער כוונה האָט ער זיי געזאָגט זינט מיין מוטער איז געשטאָרבען האָב איך אַ נדר געטוהן אַז איך זאָל קיינמאָהל נישט שלאָפען אויף אַ בעט:

נאָך אַ שלעכטען מנהג האָבען געהאַט די מענטשען פון סדום אַז עס איז צו זיי געקומען אַ אָרימאַן האָט איהם יעדער איינער געגעבען אַ רענדיל און זיי האאבען זיך אויף געשריבען זייערע נעמען כדי יעדער איינער זאָל זיך דער קענין זיין רענדיל ער זאל עס קענען אָבנעמען אין קיין ברויט האָט איהם קיינער נישט געטארט פערקויפען און ער האָט זיך אַזוי לאַנג אַרום געגד־רעהט און סדום און געהונגערט ביז ער איז געשטאָרבען, און יעדער איינער האָט זיך אָבגענימען זיין רענדיל. איין מיידיל איז דאָרט געוועזען וואָס זי פלעגט צו געבען די אָרימע לייט ברויט זי פלעגט צו געהן נאָך וואסער פלעגט זי אריין לייגען און קריג אריין ברויט אין כדי עס זאָל קיינער נישט בעמערקען האָט זי עס געגעבען די אָרימע לייט. ווי די מענטשען פון סדום האָבען זיך פון דעם דערוויסט האָבען זיי דאָס מיידיל אויסגעטוהן באַקיט בעשמיערט מיט האָניק און מען האָט זי אַרויף געלייגט אויף אַדאַך און די בינען האָבען זי געביסען אַזוי לאַנג ביז זי איז געשטאָרבען:

די מענטשען פון סדום האָבען געמאַכט צווישען זיך אַ תקנה אַז ווער עס וועט

וועט זיין א אורח אויף א חתונה. זאל מען פון דעם מענש אראב ציהען די מלבישים. איינמאהל איז אליעזר עבד אברהם געקומען קיין סדום און ער האט נישט געהאט וואס צו עסען. איז פונקט דארט געווען א חתונה. איז ער געגאנגען אויף דער חתונה און ער האט זיך געזעצט אין עק טיש. האט מען איהם גיפרעגט ווער האט דיך גערופען אויף דער חתונה. האט ער געזאגט צו דעם מענש וואס איז געזעסען לעבען איהם. די האסט מיך גערופען אויף דער חתונה. האט דער מענש ביי זיך געטראכט. אויב מען וועט הערען אז איך האב איהם געבעטען אויף דער חתונה וועט מען פון מיר אראב ציהען מיינע מלבושים. האט ער זיך אויף געהויבען און איז ארויס געגאנגען. האט זיך אליעזר ווייטער גערוקט און ער האט צו דעם צווייטען אויך געזאגט דאס זעלבע. האט זיך דער צווייטער אויך אויף געהויבען און איז ארויס געגאנגען. און אליעזר האט זיך ווייטער גערוקט און ער האט ווייטער געזאגט דאס זעלבע ביז אלע מענשען זענען ארויס געגאנגען און אליעזר איז אליין געבליבען און ער האט אויף געגעסען די גאנצע סעודה:

רבי ספרא האט א מאהל געהאט א חפץ צו פערקויפען. זענען מענשען געקומען צו איהם קויפען דאס חפץ. האט ער געוואלט פאר דעם חפץ צעהן רענדליך. און זיי האבען איהם געוואלט געבען פונף רענדליך. האט ער עס נישט געוואלט פערקויפען. מארגען זענען די קונים געקומען נעמען דאס חפץ. און זיי האבען איהם שוין געוואלט געבען צעהן רענדליך. נאר רבי ספרא האט דאמאלסט געזאגט קריאת שמע האט ער מיט זיי נישט געקענט ריידען. און ער האט ביי זיך געטראכט אז זיי ווילען איהם נישט געבען מעהר ווי פונף רענדליך אזוי ווי נעכטען. און ער האט ביי זיך בעשטימט אז ער זאל זיי פערקויפען פאר פונף רענדליך. ווי ער האט אב געזאגט קריאת שמע זענען די קונים צו איהם צו געגאנגען אין זיי האבען איהם געוואלט געבען צעהן רענדליך. האט ער צו זיי געזאגט איך וויל ביי אייך נישט נעמען מעהר ווי פונף רענדליך. ווייל איך האב אזוי בעשטימט ביי מיר אז איך זאל ביי אייך נישט נעמען מעהר פון פונף רענדליך איז מעהר וויל איך נישט נעמען:

רבי ספרא איז א מאהל ארויס געגאנגען חוץ לעיר מיט זיינע תלמידים שפאצירען אויף דעם וועג. האט ער בעגעגענט א חסיד וואס ער איז אהנגע־קומען פון וועג. האט דער חסיד גירעכענט אז רבי ספרא איז איהם א קעגען געגאנגען. האט דער חסיד געזאגט צו רבי ספרא פאר וואס האסט די דיך מטריח געווען מיר א קעגען צו געהן. האט איהם רבי ספרא געענטפערט. איך בין דיר נישט א קעגען געגאנגען נאר איך בין ארויס געגאנגען שפאצירען. איז דער חסיד מבויש געווארען. האבען די תלמידים איהם געפרעגט. רבי פאר וואס האט איהר איהם דאס געענטפערט. האט ער זיי געענטפערט. פאר וואס זאל איך זאגען ליגענד. האבען די תלמידים צו איהם געזאגט. איהר האט בעדארפען שווייגען גאר נישט צו זאגען. האט ער זיי געענטפערט איך זאל געוועזען שווייגען וואלט איך געוועזען מקיים געוועזען דעם פסוק „ודובר אמת בלבבו" ער ריידט אמת אין הארץ דאס מיינט מען אפילו מען זאגט נישט קיין שקר מיט דעם מויל נאר מען שווייגט. נאר אז יענער זאל מיינען אז עס איז אזוי טאהר מען אויך נישט. איבער דעם האב איך נישט געוואלט שווייגען:

רבן גמליאל און רבי אלעזר בן עזריה און רבי יהושע און רבי עקיבא זענען געגאנגען אין וועג. האבען זיי געהערט דעם רעש פון בבל הונדערט און צוואנציג מייל ווייט. האבען זיי אהנגעהויבען צו וויינען און רבי עקיבא האט געלאכט. האבען זיי געזאגט צו רבי עקיבא פאר וואס לאכסט די. האט ער זיי גיפרעגט פאר וואס וויינט איהר. האבען זיי איהם גיענטפערט פאר וואס זאלען מיר נישט וויינען. מיר זעהן אז די עכו"ם וואס זיי ביקען זיך צו די בילדער און זיי זענען מקטיר קטורת צו די נארישקייטען זיצען זיך אזוי בשלום ובשלוה און מיר יודען זענען פערטריבען אין גלות און דאס בית המקדש איז חרוב זאלען מיר נישט וויינען. האט זיי רבי עקיבא גיענטפערט פאר דעם לאך איך אז איך זעה אז די וואס זענען עובר אויף דעם רצון פון הקב"ה איז זיי אזוי גוט. מיר יודען אז מיר וועלען היטען דעם רצון פון הקב"ה וועט אונז זיכער גוט זיין. נאך א מאהל זענען זיי געגאנגען אין וועג קיין ירושלים. אז זיי זענען געקומען לעבען הר הצופים האבען זיי צוריסען זייערע קליידער. און אז זיי זענען געקומען צום הר הבית האבען זיי געזעהן א פוקס ארויס געהן פון דעם ארט פון קדשי קדשים האבען זיי אהנגעהויבען צו וויינען. און רבי עקיבא האט געלאכט. האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס לאכסט די. האט ער זיי גיפרעגט פאר וואס וויינט איהר. האבען זיי איהם גיענטפערט אויף דעם ארט וואס עס שטעהט אין דער תורה „והזר הקרב יומת" אז א מענש וואס ער איז נישט קיין כהן אז ער געהט דארט אריין קומט איהם מיתה. איז יעצט מקוים געווארען דער פסוק „על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו" אויף דעם בארג ציון וואס ער איז וויסט אין פוקסען טרעטען אויף איהם זאלען מיר נישט וויינען. האט ער זיי גיענטפערט דורך דעם לאך איך אז איך זעה אז די נבואה פון חרבן בין איך זיכער אז עס וועט מקוים ווערען די צווייטע נבואה פון דער גאולה. האבען זיי צו איהם געזאגט די האסט אונז געטרייסט:

צוויי און דרייסיג יאהר האבען די רומאים מלחמה געהאלטען מיט די יוונים און זיי האבען זיי נישט געקענט איין נעמען ביז די רומאים האבען שותפות געמאכט מיט די יודען און זיי האבען זיך אויסגענומען מיט די יודען אויב דער מלך וועט זיין פון אונז וועלען די גרויסע שרים זיין פון אייך. און אויב דער מלך וועט זיין פון אייך וועלען די שרים זיין פון אונז. האבען די רומאים געשיקט צו די יוונים ביז יעצט האבען מיר געהאלטען מלחמה. און יעצט זאלען מיר זיך מתווכח זיין. און מיר וועלען זעהן ווער איז גירעכט. האבען די רומאים גיפרעגט אז איינער האט א פעריל מיט א ברילאנט ווער איז חשובער מען זאל איהם איין פאסען אין צווייטען. האבען די יוונים גיענטפערט זיכער איז דער ברילאנט חשובער און מען דארף איהם אריין פאסען אין דעם פעריל. האבען זיי ווייטער גיפרעגט. אז מען האט א פראסטען ברילאנט און א ברילאנט וואס ער הייסט נופך. וועלכער איז מעהר חשוב. האבען זיי גיענטפערט זיכער איז דער ברילאנט נופך מעהר חשוב. האבען זיי גיפרעגט א ברילאנט נופך און א ספר תורה ווער איז מעהר חשוב ווער דארף זיין בכנע צום צווייטען האבען זיי גיענטפערט זיכער איז די ספר תורה מעהר חשוב און דער ברילאנט נופך דארף זיין בכנע צו דער ספר תורה. האבען די רומאים צו זיי געזאגט אויב אזוי אז איהר זאגט אז א ספר תורה איז מעהר חשוב ווי א ברילאנט זאלט איהר וויסען אז די יודען

יודען האבען שותפות געמאכט מיט אונז און זיי האבען א ספר תורה דארפט איהר זיין נכנע אונטער אונז. און די יונים האבען זיך אונטער געווארפען אונטער די רומאים. זעקס און צוואנציג יאהר האבען די רומאים געלעבט גיט מיט די יודען נאך דעם האבען זיי מיט זיי אהנגעהויבען צו ארבייטען:

אנטונינוס דער מלך פון רום איז געוועזען שטארק בעפריינ-דעט מיט רבי האט ער אמאהל געזאגט צו רבי איך וויל אז מיין זוהן אסירוס זאל זיין מלך אויף מיין ארט אין די שטאדט טבריה זאל זיין פריי פון פאדאטעק וויל עס וואהנען דארט רבנים (וויל אנטוני-נוס איז אפט געוועזען ביי רבי האט ער ליעב געהאט די רבנים) אין אויב איך וועל פערלאנגען פון די שרים ביידע זאכען וועלען זיי נישט טוהן נאר איין זאך. אבער ביידע זאכין וועלען זיי מיר נישט טוהן און איך וואלט געוואלט ביידע זאכען. האט רבי גענימען א מענש אין ער האט איהם ארויף געזעצט אויף א צוויטען מענטש און ער האט געגע-בען צו דעם מענטש וואס ער איז געזעסען אויף דעם צוויטען א טויב אין דער האנד אריין און ער האט געזאגט צו דעם אונטערשטען מענטש אז ער זאל זאגען דעם אויבערשטען מענטש אז ער זאל אבלאזען די טויב. האט אנטו-נינוס פערשטאנען אז רבי מיינט אז ער זאל מאכען קעניגען זיין זוהן און ממילא וועט די שטאדט טבריה זיין אינטער זיין רשות וועט ער קענען טוהן וואס ער וועט וועלין וועט ער זי קענען בעפרייען פון פאדאטעק. נאך האט אנטונינוס געזאגט צו רבי די חשובע לייט פון רום האבין מיך מצער גיוועזין. איז רבי מיט איהם געגאנגען אין גארטען אריין אין יעדען טאג האט ער אויסגעריסען א רעטאך האט אנטונינוס פערשטאנען אז ער מיינט אז יעדען טאג זאל ער הרגינען איינעם פון זיי אין ער זאל זיי ניט הרגינען אלע מיט איין מאהל:

אנטונינוס האט געהאט א טאכטער זי האט געהייסען גירא אין זי האט מזנה גיוועזען האט אנטונינוס געשיקט צו רבי א מין גראז וואס עס הייסט גרגורא האט רבי זיך געוואונדערט צו וואס שיקט ער מיר דאס גראז איך דארף עס ניט. האט ער פערשטאנען אז מיט דעם מיינט ער עפיס א כוונה גר גירא איז צוויי ווערטער. גר איז טייטש זי ווערט נאך גישלעפט נאך די מנואפים מיין טאכטער וואס זי הייסט גירא. האט איהם רבי צוריק געשיקט א מין גראז וואס עס הייסט כוס ברתא דאס איז אויך צוויי ווערטער כוס איז טייטש די זאלסט שעכטין ברתא די טאכטער. האט איהם אנטונינוס געשיקט א מין גראז וואס עס הייסט כרתא דאס האט ער געמיינט אז מיט דעם וואס ער וועט הרגינען זיין טאכטער וועט דאך איהם פערשניטען ווערען א קינד. האט איהם רבי צוריק געשיקט א מין גראז וואס עס הייסט חסא. חסא איז טייטש רחמנות ער זאל אויף איהר רחמנות האבען אין ער זאל זי ניט הרגינען. יעדען טאג האט אנטונינוס געשיקט צו רבי א זאק מיט שטיקער גאלד. אין עק האט ער אריין געשיקט ווייץ כדי אז מען וועט אויף עפינען דעם זאק זאל מען זעהן אז אין איהם ליגט ווייץ. האט רבי געזאגט צו אנטונינוס איך דארף עס ניט איך האב גענוג האט איהם אנטונינוס געזאגט עס וועט דיר צוגיין קומען פאר דיינע קינדער וועגען זיי וועלין א מאהל דארפען געבען געלד צו די מלכי רומי וואס זיי וועלין זיין נאך מיר וועלין זיי האבען פון דעם געלד צו געבען:

אנטונינוס

אנטונינוס האט געהאט א הייל פון
זיך ביז צו רבי יעדען
טאג פלעגט ער צו לערנען תורה. און
ער האט מיט זיך מיט גענומען צוויי
קנעכט איינעם האט ער געהרג'ת באלד
לעבין זיין טהיר. און דעם צווייטען
קנעכט האט ער געהרג'ת לעבען דער
טהיר פון רבי. און ער האט זיך אויס-
גענומען מיט רבי אז אין דער צייט וואס
ער וועט צו איהם קומען זאל קיינער
ניט זיין אין שטיב. איינמאהל איז ער
געקומען האט ער געטראפען זיצען רבי
חנינא בן חמא האט ער געזאגט צו רבי
איך האב דאך מיט דיר אויסגענומען
אז ווען איך וועל צו דיר קומען זאל
קיינער ניט זיין, האט איהם רבי גיענט-
פערט ער איז ניט קיין מענטש נאר
א מלאך האט ער געזאגט צו רבי זאג
איהם אז ער זאל אריין רופען דעם
קנעכט וואס ער שלאפט לעבען דיין
טהיר. איז רבי חנינא ארויס געגאנגען
האט ער געזעהן אז דער קנעכט איז
טויט. האט רבי חנינא גיקלעהרט וואס
ער זאל טוהן זאל ער צוריק געהן און
זאגען אז דער קנעכט לעבט ניט מען
טאהר דאך ניט זאגען קיין שלעכטע
בשורה זאל ער ניט צוריק געהן וועט
ער דאך מבזה זיין דעם כבוד פון מלך
האט ער מתפלל געוועזען און דער
קנעכט איז לעבעדיג געווארען און ער
האט איהם אריין געשיקט דעם קנעכט.
האט אנטונינוס געזאגט איך ווייס אז
דער קלענצטער פון אייך קען מחיה
מתים זיין דאך וויל איך אז אין דער
צייט ווען איך וועל צו דיר קומען זאל
קיינער ביי דיר ניט זיין יעדען טאג
פלעגט אנטונינוס משמש זיין צו רבי
ווען רבי האט זיך געוואלט לייגען שלא-
פען, האט זיך אנטונינוס אנידער געלייגט
און ער האט געזאגט צו רבי אז ער
זאל אויף איהם ארויף געהן אין פון
איהם אויף דעם בעט האט איהם רבי
גיענטפערט עס איז ניט קיין דרך ארץ
מזלזל זיין בכבוד המלכות האט איהם
אנטונינוס גיענטפערט הלואי זאל איך
זיין איין אינטער בעטונג פאר דיר אויף
יענער וועלט האט איהם אנטונינוס
איהם געפרעגט צו וועל איך האבען
עולם הבא האט איהם רבי מבטיח
געוועזען אז ער וועט האבען עולם
הבא:

אמאהל איז געוועזען א קיסר א שונא
ישראל האט ער גיפרעגט
זיינע יועצים א שאלה אז א מענש
האט א מכה אויף זיין פיס וואס דורך
דער מכה איז איהם פערפוילט געווארין
דאס פלייש פון זיין פיס און ער האט
פון דעם גרויס צער וואס זאל ער
טוהן צו זאל ער אב שניידען דעם
פיס וועט ער שוין מעהר ניט ליידען
קיין יסורים צו זאל ער ליידען שטענדיג
צער און ער זאל דעם פיס ניט אב
שניידען. האבען איהם די יועצים גיענט-
פערט עס איז גלייכער אז ער זאל
אבשניידען זיין פיס איידער ער זאל
שטענדיג ליידען צער דאס האט ער
געמיינט די יודען ווייל כל זמן די יודען
לעבען וועט ער האבען צער איז גיוועזין
צווישען די שרים איינער א חשוב ביי
דעם קיסר ער האט געהייסען קטיעא
בר שלום האט ער געזאגט צו דעם מלך
אין צו די יועצים איהר וועט די יודין
גאהר ניט קענען טוהן ווייל זיי זענען
פערשפרייט אויף פיעל ערטער און
אזוי ווי עס איז ניט מעגליך אז די
וועלט זאל זיין אהן ווינטען אזוי איז
ניט מעגליך די וועלט זאל זיין אהן
יודען און ווידער מען וועט דיך רופען
איין אבגעהאקטע מלוכה ווייל די וועסט
אויסהארגינען א גאנץ פאלק וועט דאך
אין לאנד פעהלען איין פאלק האט
דער קיסר צו איהם געזאגט די האסט
גאנץ גיט געזאגט נאר דער וואס אין
מנצח

מנצח דעם מלך איז דאך מבייש דעם מלך קומט דעם מענש אריין צו ווארפען אין א לעהרע שטוב אריין און מען זאל אין דער שטוב אריין ווארפען ערד כדי דער מענש זאל גע'הרג'ית ווערען. ווען מען האט איהם געפיהרט אריין צו ווארפען אין דער שטוב אריין. האט א פרוי צו איהם געזאגט. וועה איז צו דער וואס זי פאהרט אהן אבצאהל און מען לאזט זי נישט אריין אין דער מדינה אריין. זי האט איהם מרמז געוועזען די ווערסט געטייט דורך די יודען און די אליין ביסט נישט געמלת ווערסט די דאך נישט קענען נעמען קיין חלק אין זייער גוטס. האט ער זיך א נידער געווארפען אויף דעם שפיץ פון זיין מילה און די ערלה האט זיך אבגעשניטען. האט ער געזאגט איך האב געגעבען מיין אבצאהל און איך וועל שוין קענען קומען אין גן עדן אריין גלייך מיט יודען. ווען מען האט איהם אריין געווארפען אין דער לעהרער שטוב אריין. האט ער געזאגט מיין גאנץ פערמעגען שענק איך אוועק צו רבי עקיבא און זיינע חברים. און עס איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט געזאגט קטיעא בר שלום איז מזומן לחיי עולם הבא. האט רבי געוויינט און ער האט געזאגט עס טרעפט זיך א מענש וואס ער איז קונה עולם הבא אין איין שעה און עס איז פערהאנדען מענשען וואס זיי דארפען ארבייטען זייערע אלע יאהרען ביז זיי זענען קונה עולם הבא:

**אונקלוס** בן קלוניקוס (דער וואס האט געמאכט דעם תרגום אויף תורה) האט זיך מגייר געוועזען. האט דער קיסר געשיקט זעלבנער זיי זאלען איהם נעמען ווען זיי זענען צו איהם געקומען האט ער זיי איבער-גערעדט און ער האט זיי אויסגעוויזען ראיות פון פסוקים אז עס איז נישט דא אויף דער וועלט נאר איין גאט וואס די יודען דינען איהם האבען זיי זיך אויך מגייר געוועזען. האט דער קיסר געשיקט צווייטע זעלבנער זיי זאלען איהם נעמען און ברענגען צום קיסר און ער האט זיי אהן געזאגט אז זיי זאלען צו איהם גאר נישט ריידען. בשעת זיי האבען איהם געפיהרט האט אונקלוס געזאגט צו זיי דער דרך העולם איז אז א קליינער שר האלט דאס ליכט פאר דעם גרויסען שר און דער גרעסערער שר האלט דאס ליכט און ער לייכט פאר דעם קיסר. האט ער זיי גיפרעגט צו דער מלך האלט א מאהל דאס ליכט ער זאל לייכטען פאר א פראסטען מענש האבען זיי איהם גיענטפערט אז נישט. האט ער צו זיי געזאגט. אבער הקב"ה איז נישט אזוי ער איז א מלך אויף דער גאנצער וועלט און ער האלט דאס ליכט און ער לייכט פאר די יודען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק „וה' הולך לפניהם יומם בעמוד ענן ולילה בעמוד אש להאיר להם" הקב"ה טוהט פיהרען פאר די יודען בייטאג דעם עמוד ענן ער זאל זיי ווייזען דעם וועג. און ביינאכט טוהט ער פאר זיי פיהרען דעם עמוד האש ער זאל פאר זיי לייכטען. ווי די זעלבנער האבען דאס דערהערט האבען זיי זיך אויך מגייר געוועזען. האט דער קיסר געשיקט נאך אמאהל זעלבנער זיי זאלען איהם נעמען. און ער האט זיי אהנגעזאגט איהר זאלט מיט איהם גאר נישט שמוסען אויף דעם וועג. ווי זיי זענען מיט איהם געגאנגען האט ער געזעהען א מזוזה אויף א טהיר. האט ער ארויף געלייגט זיין האנד אויף דער מזוזה און ער האט זיך געפרייט. האבען זיי זיך נישט גיקענט איינהאלטען און זיי האבען איהם גיפרעגט פאר וואס ער פרייט זיך אזוי. האט ער זיי גיענטפערט א מלך בשר ודם זיצט אין שטוב און זיינע קנעכט שטייען אין דרויסען און זיי

זיי היטען איהם. אָבער הקב"ה איז ניט
אַזוי גאָר זיינע קנעכט זיצען אין שטוב
און ער היט זיי אין דרויסען. אַזוי ווי
עס שטייט אין פסוק „ה׳ ישמור צאתך
ובואך" הקב"ה טוהט הוטען דיין אַרויס-
געהן און דיין אַריין געהן (וואָרום די
מזוזה ביי דער טהיר היט די יודען פון
מזיקים). האָבען זיך די זעלנער אויך
מגייר געוועזען. ווי דער קיסר האָט
געזעהן אַז וואָס ער שיקט נאָך איהם
זעלנער זענען זיי זיך מגייר. האָט ער
שוין מעהר נאָך איהם נישט געשיקט:

מען האָט אַמאָהל געצווינגען דעם תנא
רבי אליעזר אַז ער זאָל דינען
די עבודה זרה און מען האָט איהם
אויף געבראַכט אויף דעם אָרט ווי מען
איז דאָרט דן דיני נפשות. האָט דער
עלטסטער פון די שרים צו איהם געזאָגט
אַזאַ זקן ווי די ביסט זאָלסט די עוסק
זיין בדברים בטלים די לערענסט תורה
עס וואָלט גלייכער געוועזען די זאָלסט
דינען אונזער גאָט וועט מען דיך נישט
הרג׳נען. האָט רבי אליעזר גיענטפערט
דער דיין איז בעגלייבט אין ער איז
גירעכט. האָט דער גירעכענט אַז דאָס
וואָס רבי אליעזר זאָגט אַז דער דיין איז
בעגלייבט אין גירעכט מיינט ער איהם.
אבער באמת איז זיין כוונה געוועזען
אויף הקב"ה אַז הקב"ה איז גירעכט
וואָס מען האָט איהם דאָ אַהער
געבראַכט מען זאָל איהם דן זיין מיתה.
ווייל מסתמא האָט ער געזינדיגט צו
הקב"ה. האָט דער שר געזאָגט צו רבי
אליעזר יעצט זעה איך אַז די גיסט מיר
גירעכט אַז די זאַכען וואָס די ביסט
אין זיי עוסק זענען דברים בטלים. איבער
דעם שוועהר איך ביי דער עבודה זרה
וואָס זי הייסט דימות אַז די ביסט פטור
פון מיתה. ווען רבי אליעזר איז אַ היים
געקומען איז ער געוועזען זייער טרויעריג
האָבען איהם די תלמידים געטרייסט און
ער האָט נישט געוואָלט מקבל זיין קיין
טרייסט און ער האָט געזיכט אין זיינע
מעשים אפשר האָט ער עפּיס געטוהן
איין עבירה וואָס דורך דער עבירה איז
איהם געקומען אַזאַ עונש אַז מען זאָל
איהם צווינגען צו דינען די עבודה זרה. האָט
רבי עקיבא צו איהם געזאָגט רבי גיב
מיר רשות איך זאָל פאַר דיר עפּיס
זאָגען אפשר האָסט די גיהערט אַ דבר
מינות און די האָסט פון דעם אַ הנאה
געהאַט. האָט ער איהם געזאָגט די האָסט
מיך דערמאָנט. איינמאָהל בין איך
געגאַנגען אין מאַרק פון דער שטאָדט
ציפּורי איז צו מיר צי געקומען אַ מענש
ער הייסט יעקב פון דאָרף סכניא און
ער האָט מיך גיפרעגט עס שטייט אין
דער תורה „לא תבוא אתנן זונה ומחיר
כלב בית ה׳ אלהיך" אַ מתנה פון אַ זונה
וואָס אַ נואף האָט איהר געגעבען פאַר
אַ עבירה און אויב איינער האָט זיך
געביטען מיט אַ הינד ער האָט פאַר
איהם גענומען אַ בהמה טאָהר מען עס
נישט מקריב זיין אויף דעם מזבח. צו
מעג מען פון דעם געלד מאַכען אַ בית
הכסא פאַר דעם כהן גדול וועגען. האָב
איך איהם גאָר נישט גיענטפערט האָט
ער צו מיר געזאָגט מיך האָט מען אַזוי
געלערענט פון אַ מקום טינופת איז דאָס
געלד געקומען צו אַ מקום טינופת מעג
דאָס געלד געהן. איבער דעם מעג מען
פון דעם געלד מאַכען אַ בית הכסא און
איך האָב פון דעם געהאַט אַ הנאה
איבער דעם האָב איך געהאַט דעם עונש
אַז מען האָט מיך געוואָלט צווינגען צו
דינען די עבודה זרה:

אַ אשה איז אַ מאָהל געקומען צו רב
חסדא און זי האָט צו איהם
געזאָגט איך האָב געטוהן אַ קליינע עבירה
איך האָב געבוירען מיין יונגערין זוהן
פון מיין עלטערין זוהן און איך וועל
טוהן תשובה. און זי האָט גיבעטען אַז
רב חסדא זאָל איהר אַרויס געבען
אַ תשובה

אַ תשובה האָט רב חסדא געזאָגט צו די מענטשען וואָס זענען דאָרט געשטאַנען ברייט איהר צו שפייז אויף איהר ווייל דאָס האָט ער געמיינט תכריכים ווייל זי וועט שטאַרבין אין זי איז באַלד געשטאָרבען :

רבי אלעזר בן דורדיא איידער ער האָט געטוהן תשובה איז ער געוועזען אַ גרויסער נואף ער האָט ניט אָב געלאָזט קיין זונה פון דער וועלט ער זאָל מיט איהר ניט מזנה זיין. אַמאָהל האָט ער גיהערט אז עס געפינט זיך אַ זונה אין די שטעהט וואָס ביי דעם ים וואָס זי נעמט אַ בייטעל רענדליך שכר פאַר אַ עבירה וואָס מען טוהט מיט איהר. האָט ער גענומען אַ בייטעל מיט רענדליך אין ער איז צו איהר געגאַנגען אין ער איז אַ דורך געגאַנגען זיבען טייכען ביז ער איז צו איהר געקומען בשעת תשמיש האָט זי געגעבען אַ נפוח האָט זי צו איהם געזאָגט אַזוי ווי דער נפוח וועט שוין ניט צוריקגעהן אויף זיין אָרט אַזוי וועט מען רבי אלעזר בן דורדיא ניט מקבל זיין בתשובה. זענען איהרע רייד איהם אַריין אין הארץ. אריין אין ער האָט מהרהר בתשובה געוועזען אין ער האָט זיך אַנידער געזעצט צווישען בערג אין ער האָט געזאָגט בערג בעט אויף מיר רחמים. האָבען זיי איהם גיענטפערט איידער מיר זאָלען בעטען פאַר דיר רחמים וועלען מיר בעטען רחמים פאַר אונז אַליין האָט ער געזאָגט הימעל אין ערד בעט אויף מיר רחמים האָבען זיי איהם אויך דאָס זעלבע גיענטפערט איידער מיר זאָלען אויף דיר בעטען רחמים וועלען מיר בעטען רחמים פאַר אונז האָט ער געזאָגט זון אין לבנה בעט אויף מיר רחמים האָבען זיי איהם אויך גיענטפערט איידער מיר זאָלען אויף דיר בעטען רחמים וועלין מיר בעטען רחמים פאַר אונז אַליין האָט ער געזאָגט שטערין אין מזלות בעט אויף מיר רחמים האָבען זיי איהם אויך גיענטפערט איידער מיר זאָלין בעטען רחמים אויף דיר וועלין מיר בעטען רחמים פאַר אונז. האָט ער געזאָגט אַז עס וויל קיינער ניט בעטען פאַר מיר מוז איך אַליין בעטען האָט ער געלייגט זיין קאָפּ צווישען די קניה אין ער האָט געשריגען מיט אַ געוויין ביז זיין נשמה איז פון איהם אַרויס. איז אַרויס אַ בת קול פון הימעל אין האָט געזאָגט רבי אלעזר בן דורדיא איז מזומן לחיי העולם הבא האָט רבי געוויינט אין ער האָט געזאָגט עס טרעפט זיך אַ מענטש וואָס איז קונה עולם הבא אין איין שעה אין עס טרעפט זיך אַ מענטש וואָס ער דאַרף זיינע אַלע יאָהרען אַרבייטען ביז ער איז זיך קונה עולם הבא :

בשעת מען האָט גענומען צום קיסר רבי אלעזר בן פרטא אין רבי חנינא בן תרדיון מען זאָל זיי דן זיין האָט רבי אלעזר בן פרטא געזאָגט צו רבי חנינא בן תרדיון וואָהל איז דיר וואָס מען האָט דיך איינגעזעצט צוליב איין זאַך אין מיך האָט מען איינגעזעצט צוליעב פינף זאַכען וואָס איך האָב געטוהן כנגד דעם קיסר האָט רבי חנינא בן תרדיון געזאגט צו רבי אלעזר בן פרטא וואָהל איז דיר וואָס חאָטשע מען האָט דיך איינגיזעצט צוליעב פינף זאַכען דאָך וועסט די פון זיי ניצול ווערען ווייל די האָסט עוסק געוועזען בתורה ובגמילות חסדים אין איך חאָטשע מען האָט מיך איינגיזעצט צוליב איין זאַך דאָך וועל איך ניט ניצול ווערען ווייל איך האָב נאָר עוסק געוועזען בתורה אַליין אין ניט אין קיין גמילות חסדים. האָט מען צום ערשטען גענומען משפט'ן רבי אלעזר בן פרטא אין מען האָט

האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די געלערינט תורה אין די ביסט געוואָרען אַ גזלן האָט ער גיענטפערט דער וואָס ער לערינט דער איז ניט קיין גזלן אין דער וואָס ער איז אַ גזלן דער לערינט ניט אין אַזוי ווי איין זאַך איז שקר אַזוי איז דאָס צווייטע אויך שקר. האָט מען ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס רופט מען דיך רבי האָט ער גיענטפערט איך בין איין עלטסטער פון וועבערס האָט מען איהם געבראַכט סחורה אין מען האָט איהם גיפרעגט וועלכעס איז די לענג אין וועלכעס איז די ברייט איז איהם געשעהן אנס אין עס איז געקומין אַ עגדיס אין ער האָט זיך געזעצט אויף דעם לאַנגען פאַדעם אין עס איז געקומין אַ עגדיס אַ נקבה אין זי האט זיך גיזעצט אויף דעם קורצען פאַדעם האָט ער פערשטאַנען וועלכעס עס איז דער לאַנגער פאַדעם אין וועלכעס עס איז דער קורצער פאַדעם. האָט מען איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס קומסט די ניט אין דעם הויז אַריין וואָס מען עסט דאָרט אין מען טרונקט לכבוד די עבודה זרה אין מען גוט אַכטונג וואָס די עבודה זרה דאַרף אין יעדער איינער איז מנדב פאַר דער עבודה זרה וועגען. האָט ער גיענטפערט איך בין איין אַלטער מענטש האָב איך מורא מען זאָל מיך ניט צו טרעטען. האָבען זיי איהם גיפרעגט עס איז דען שוין אַמאהל צו טרעטען געוואָרען אַ מענטש איז געשעהן אַ נס אין עס איז דעם טאָג צו טרעטען געוואָרען אַ מענטש. האָט מען איהם ווייטער גיפרעגט פאַר וואָס האָסט די אַרויס געלאָזט דיין קנעכט פריי אין זיי האָבען גוזר גיוועזען אַז מען זאָל ניט אַרויס לאָזען קיין קנעכט פריי האט ער גיענפערט עס איז שקר איך האָב ניט אַרויס געלאָזט מיין קנעכט פריי. איז צו געגאַנגען איינער פון די שרים אין ער האָט געוואָלט עדות זאָגען אַז ער האָט אַרויס געלאָזט זיין קנעכט פריי האָט זיך אליהו פערשטעלט פאַר איינעם פון די חשובע שרים אין ער האָט געזאָגט צו דעם שר אַזוי ווי עס אין איהם געשעהן אַ נס ביי די פיער שאלות וועט איהם זיכער ביי דעם אויך געשעהן אַ נס פאַר וואָס זאָלסט די אַרויס ווייזען דיין רשעות ער וועט ניצול ווערען אין די וועסט בלייבען אַ רשע. האָט דער מענטש ניט געקוקט אויף די רייד אין ער האָט געוואָלט עדות זאגען האָבען די שרים געהאַט אָבגעשריבען אַ כתב אין זיי האבען דעם בריף געוואָלט שיקען צום קיסר האבען זיי דעם בריף געשיקט מיט דעם מענטש וואָס ער האָט געוואָלט עדות זאָגען האָט אליהו דעם עדות פערוואַרפען אויף פיער הינדערט מייל ווייט כדי ער זאָל ניט קענען צוריק קומען אין רבי אלעזר בן פרטא איז ניצול געוואָרין. האָט מען געבראַכט רבי חנינא בן תרדיון צום משפט אין מען האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס האסט די גילערינט תורה האָט ער גיענטפערט איך האָב געטוהן אַזוי ווי הקב"ה האָט געבאָטען האָט מען איהם דן געוועזען אַז מען זאָל איהם פער-ברענען אין זיין ווייב זאָל מען הרגינען מיט אַ שווערד אין זיין טאָכטער זאָל זיצען אין אַ בית זונות דורך דעם איז נגזר געוואָרען אויף זיין טאָכטער אַז זי זאָל זיצען אין אַ בית זונות ווייל איינמאהל איז זי געגאַנגען לעבען די שרים פון רום האָבען די שרים פון רום געזאָגט ווי שעהן זענען די טריט פון דעם מיידיל ווי זי האָט דאָס דערהערט האָט זי מדקדק געוועזען דאָס זי זאָל שטעלען שעהנע טריט דרובער איז אויף איהר נגזר געוואָרען מן השמים אַז זי זאָל זיצען אין אַ בית זונות ווייל אַ יודישע טאָכטער דאַרף זיצען

אין

אין שטיב ניט זיך דרעהן אין גאס:

ווען רבי יוסי בן קסמא איז שלאף געוואָרען איז רבי חנינא בן תרדיון געקומען איהם מבקר חולה זיין. האָט רבי יוסי בן קסמא געזאָגט צו רבי חנינא בן תרדיון חנינא די ווייסט דען ניט אז די אומה האָט מען געמאַכט קעניגען פון הימעל. א בעוויז אז זי האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש אין זי האָט פערברענט דאָס היכל אין זי האָט אויסגע׳הרג׳ת די חסידים אין זי האָט נאָך אַ קיום איז דאָך אַ בעוויז אז מן השמים וויל מען אזוי. אין איך האָב גיהערט אז די זיצט אין לערנסט תורה אין די זאַמאָלסט איין תלמידים אין די האַלסט אַ ספר תורה אויף דיין שויס אין זיי האָבען דאָך גוזר געוועזען אז מען זאָל ניט לערנען קיין תורה האָט רבי חנינא איהם גיענטפערט פון הימעל וועט מען זיך אויף מיר דער־בארמען. האָט איהם רבי יוסי געזאָגט איך זאָג דיר אַ זאַך מיט אַ טעם אין די זאָגסט מיר אז פון הימעל וועט מען זיך אויף דיר דערבאַרמען איך ווינדער זיך אויב מען וועט דיך ניט פערברענען מיט דער ספר תורה אויף דעם פייער. האָט איהם רבי חנינא גיפרעגט צו ווערל איך האָבען עולם הבא. האָט רבי יוסי איהם גיפרעגט עס איז דיר ווען אינטער געקומען אַ מעשה אין די ביסט געשטאַנען אין אַ נסיון אין די האָסט אויסגעהאַלטען דעם נסיון דערצייל מיר וועל איך שוין וויסען צו די וועסט האָבען עולם הבא. האָט ער איהם דערציילט ער האָט געהאַט ליגען צדקה געלד אין זיין געלד צו קויפען עסען אויף דער סעודה פון פורים האָט ער געוואָלט צוטהיילען דאָס צדקה געלד צו די אָרימע לייט האָט ער זיך טועה געוועזען ער האָט צוטהיילט זיין געלד האָט ער דאָך זיך בעדאָרפען אָבנעמען זיין געלד פון דעם צדקה געלד האָט ער ניט אַזוי געטוהן נאָר ער האָט דאָס צדקה געלד אויך צו־טיילט. האָט איהם רבי יוסי בן קסמא ביענטפערט אויב די האָסט אזוי געטוהן וויל איך האָבען אַזאַ עולם הבא ווי די. אין אַ קורצע צייט איז רב יוסי בן קסמא נפטר געוואָרען. זענען אַלע גרויסע לייט פון רום געגאַנגען צו זיין לויה אין זיי האָבען איהם מספד געוועזען. ווען זיי זענען צוריק געגאַנגען האָבען זיי געטראָפען רבי חנינא בן תרדיון זיצען אין לערנען מיט תלמידים אין ער האָט געהאַלטען אַ ספר תורה אויף דער שויס ׳ האָבען זיי איהם גענומען אין איינגעוויקעלט אין דער ספר תורה אין זיי האָבען ארום איהם געלייגט טריקענע צוויגעלעך אין מען האָט זיי אָהנגעצינדען אין זיי האָבין גענומען בינטלעך וואָהל אין איינגעווייקט אין וואַסער אין מען האָט זיי אַרויף געלייגט אויף זיין האַרץ כדי די נשמה זאָל פון איהם ״אַזוי שנעל נישט אַרויס. האָט די טאָכטער צו איהם געזאָגט פאָטער אין אַזאַ שטאַנד זעה איך דיך דאָס איז דער שכר פון דער תורה. האָט ער איהר גיענטפערט ווען איך אַליין זאָל פערברענד ווערען וואָלט איך מורא געהאַט. אָבער יעצט אַז איך ווער פערברענד מיט דער ספר תורה ווער עס וועט זיך אָהנעמען פאַר דער תורה דער וועט זיך פאַר מיר אויך אָהנעמען. האָבען די תלמידים איהם גיפרעגט רבי וואָס זעהסט די. האָט ער זיי גיענטפערט איך זעה ווי די פאַרמעט ווערט פערברענד אין די אותיות פליהען אַרויף האָבען די תלמידים צו איהם געזאָגט רבי עפין אויף דיין מויל וועט דאָס פייער אין דיר אַריין וועסט די באַלד שטאַרבען וועסט די נישט ליידען קיין יסורים. האָט ער זיי געענטפערט עס איז גלייכער עס זאָל צו נעמען די

נשמה דער וואָס האָט זי מיר געגעבען און איך אליין זאָל נישט צו איילען מיין טויט. האָט דער תליון צו איהם געזאָגט רבי אז איך וועל פון דיר אראָב נעמען די בינטלעך וואָל וועסט די מיך ברענגען לעולם הבא. האָט ער איהם צו געזאָגט אז ער וועט איהם ברענגען לעולם הבא. האָט דער תליון צו איהם געזאָגט שווער מיר צו האָט ער איהם צו געשוואָהרען. האָט דער תליון אראָב גענומען די בינטלעך וואָל פון זיין הארץ און זיין נשמה איז באלד פון איהם ארויס. און דער תליון איז אויך אריין געשפרינגען אין פייער אריין און ער איז פערברענד געוואָרען איז ארויס א בת קול און האָט געזאָגט רבי חנינא בן תרדיון מיט זיין תליון זענען מזומן לחיי עולם הבא:

**דאָס** ווייב פון רבי מאיר האָט גע-הייסען ברוריא זי איז געוועזען א טאָכטער פון רבי חנינא בן תרדיון. האָט זי געזאָגט צו איהר מאַן רבי מאיר עס איז מיר א בושה אז מיין שוועסטער זאָל זיצען אין א בית זונות און זי האָט איהם געבעטען אז ער זאָל זי אויסלייזען. האָט רבי מאיר גענומען דריי טעפ רענדליך און ער איז געגאַנגען זי אויס-לייזען און ער האָט געזאָגט אויב מען האָט נאָך מיט איהר נישט מזנה געוועזען וועט איהם זיכער געשעהן א נס און ער וועט זי קענען ארויס נעמען פון בית זונות. האָט רבי מאיר זיך אָהנגעטוהן אזוי ווי איינער פון די רייטער פון קיסר און ער איז צו איהר געקומען און ער האָט איהר געזאָגט אז ער וויל מיט איהר מזנה זיין. האָט זי איהם גיענט-פערט איך קען מיט דיר נישט מזנה זיין ווייל איך בין נישט ריין. האָט רבי מאיר צו איהר געזאָגט איך וועל וואַרטען ביז די וועסט ריין ווערען. האָט זי צו איהם געזאָגט פאַר וואָס דאַרפסט די וואַרטען אויף מיר עס געפינט זיך שענערע פון מיר האָט רבי מאיר ביי זיך געטראַכט פון דעם איז אָבעוויזן אז זי האָט נאָך נישט מיט קיינעם מזנה געוועזען נאָר ווער עס קומט צו איהר ענטפערט זי דעם זעלבען תירוץ איז ער געגאַנגען צום שומר און ער האָט צו איהם געזאָגט גיב מיר ארויס די אשה. האָט איהם דער שומר גיענטפערט איך האָב מורא פאַר דעם קיסר. האָט רבי מאיר צו איהם געזאָגט נעם דיר צו די כלי מיט רענדליך העלפט וועסט די האָבען צו געבען דעם מלך אין יעדער צייט ווען מען וועט וועלען דיך שטראָפען וועסט די דיך מיט דעם געלד אָבקויפען אין די צווייטע העלפט וועסט די האָבען פון דיינעט וועגען אויף פרנסה. האָט דער שומר צו איהם געזאָגט וואָס וועל איך טוהן אז דאָס געלד וועט זיך אויסלאָזען ווי וועל איך נעמען אנדער געלד איך זאָל זיך קענען אָב קויפען. האָט איהם רבי מאיר גיענטפערט וועסט די זאָגען „אלהא דמאיר ענני” גאָט פון מאיר ענטפער מיר וועט דיר קיינער נישט קענען טוהן קיין שלעכטץ. האָט דער שומר געזאָגט פון וואַנען וויים איך אז עס איז אמת אז איך וועל זאגען אלהא דמאיר ענני וועט מען מיר ניט קענען קיין שלעכטץ טוהן. האָט איהם רבי מאיר גיענטפערט די וועסט באלד זעהן. אין דעם הויף איז געוועזען ווילדע הינד וואָס זיי האָבען געגעסען מענשען. האָט רבי מאיר גענומען א שטיק ערד און ער האָט געוואָרפען צו די הינד זענען די הינד צו איהם צו געלאָפען און זיי האָבען איהם געוואָלט אויף עסין. האָט ער געזאָגט אלהא דמאיר ענני זענען די הינד פון איהם אַוועק. האָט איהם דער שומר ארויס געגעבען די אשה. ווי דער קיסר האָט דאָס גיהערט האָט ער געהייסען דעם שומר אויף הענגין ווי מען האָט גענומען דעם שום.

שומר אויף דער תלויה האָט ער געזאָגט „אלהא דמאיר ענני" האָט מען איהם אַראָב גענומען פון דער תלויה. האָט מען זיך געוואונדערט פאַר וואָס מען קען איהם ניט הענגען אין זיי האָבען איהם גיפרעגט פאַר וואָס מען קען איהם ניט הענגען. האָט ער זיי דערציילט וואָס רבי מאיר האָט איהם געהייסען זאָגען ווען מען וועט איהם וועלען שלעכטץ טוהן אין דורך דעם קענען זיי איהם ניט הענגען האָט מען אויסגעקריצט די צורה פון רבי מאיר אויף דעם טויער פון רוים אין מען האָט אַרויס געגעבען אַ בעפעהל אַז ווער עס וועט איהם זעהן זאָל איהם נעמען. איינמאָהל האָט מען איהם געזעהן האָט מען איהם נאָך געיאָגט אין ער איז אַנטלאָפען אין ער איז אַריין געגאַנגען אין אַ בית זונות אַריין כדי זיי זאָלען זאגען אַז דער איז ניט רבי מאיר וואָרום רבי מאיר וואָלט נישט אַריין געגאַנגען אין אַ בית זונות אַריין. אין אַ טהייל פון אונזערע רבנים זאָגען אַז רבי מאיר איז אַריין געלאָפען אין אַ שטיב אַריין פון אַ עכו"ם און מען האָט געקאָכט בשר טמא האָט רבי מאיר אַריין גישטעקט איין פינגער אין דעם עסין אַריין און ער האָט אָב גילעקט דעם צווייטען פינגער און די וואָס זענען געשטאַנען פון דער ווייטענס האָבען נישט אַזוי גוט געזעהן. האָט זיך זיי געדאַכט אַז ער לעקט אָב דעם זעלבען פינגער וואָס ער האָט אַריין גישטעקט האָבען זיי געזאָגט אַז דער איז נישט רבי מאיר וואָרום רבי מאיר וואָלט ניט גיגעסען קיין דבר טמא. אין אַ טהייל פון אונזערע רבנים זאָגען אַז אליהו האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ זונה און ער האָט איהם אַרום גענומען האָבען זיי געזאָגט דער איז נישט רבי און ער איז ניצול געוואָרען און ער איז אַנטלאָפען קיין בבל:

דער קייסר פון רום האָט גיפרעגט רבי יהושע בן חנניא ווי לאַנג דויערט דער עיבר פון אַ שלאַנג האָט ער איהם גיענטפערט זיבען יאָהר טראָגט דער שלאַנג זיין קינד. האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט די אַלטע לייט פון דער שטאָדט אתון האָבען דאָך צוזאַממען געפּאָהרט צוויי שלאַנגען אַ זכר מיט אַ נקבה אין צו פיער יאָהר איז געבאָהרען געוואָרען פון זיי אַ שלאַנג האָט רבי בן חנניא גיענטפערט די שלאַנג איז שוין געוועזען מעוברת מיט דריי יאָהר פריהער האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא די זקנים פון אתון זענען דאָך גרויסע חכמים און זיי האָבען די זאַך גיט פּראַקטעקירט האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צום קיסר מיר יודען זענען קלוגער פון זיי. האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט אויב ביסט קליגער פון זיי געה קיין אתון אין זאָלסט זיי מנצח זיין און ברענג זיי אהער וועל איך וויסען אַז די ביסט קליגער פון זיי. האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צום קיסר הייס מיר מאַכען אַ שיף פון זעכציג חדרים און יעדען חדר זאָל שטיין זעכציג שטוהלין האָט דער קיסר אַזוי געטוהן אין רבי יהושע בן חנניא איז מיט דער שיף געפאָהרען קיין אתון און ער איז צו געגאַנגען צו אַ קצב ווען ער האָט צו שניטען אַ בהמה האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צו דעם קצב די וועסט מיר פערקויפען דיין קאָפּ האָט איהם דער קצב גיענטפערט איך וועל דיר פערקויפען מיין קאָפּ. האָט ער איהם גיפרעגט ווי פיעל ווילסט די. האָט איהם דער קצב גיענטפערט אַ האַלבען גילדען. האָט רבי יהושע געגעבען דעם קצב אַ האַלבען גילדען און ער האָט צו איהם געזאָגט גיב מיר דיין קאָפּ האָט איהם דער קצב געגעבען אַ קאָפּ פון אַ בהמה. האָט רבי יהושע געזאָגט צום קצב איך האָב דאָך געקויפט דיין קאָפּ נישט דעם קאָפּ פון אַ בהמה די ווילסט

אַז

אז איך זאָל דיך אָבלאָזען געה פאַר מיר אין ווייז מיר ווי די זקנים וואָהנען האָט דער קצב צו איהם געזאָגט איך קען דיר נישט ווייזען זייער שטיב וויל דער וואָס ער ווייזט זייער שטיב הרגינין זיי איהם. האָט רבי יהושע צו איהם געזאָגט נעם אַ בינטעל האָלץ אויף דיין אַקסיל און ווען די ועסט קומען לעבען זייער שטיב זאָלסט די דאָס בינטעל האָלץ אַ נידער שטעלען אויף דער ערד גלייך ווי די ווילסט דיך אָברוהען וועל איך שוין וויסען ווי זייער שטיב איז. האָט דער קצב אַזוי געטוהן און רבי יהושע איז צו זיי אריין געקומען האָט ער געזעהן ווי עס שטעהן צווייערליי שומרים פון דרויסען און פון אונעוויי-נוג זיי זאָלען נישט לאָזען קיינעם אריין געהן און נישט קיינעם אַ רויס געהן און אַז די זקנים דערזעהן אַצייכען פון אַ טריט פון אַ מענש וואָס ער איז אריין געגאַנגען הרגינען זיי די שומרים וואָס שטעהן אין דרויסען פאַר וואָס זיי האָבען אריין געלאָזט אַ מענטש. און אויב זיי דערזעהן אַ טריט פון אַמענטש וואָס איז אַרויס געגאַנגען הרגינען זיי די שומרים פון אונווייניג פאַר וואָס זיי האָבען אַרויס געלאָזט אַ מענטש און די שומרים האָבען נישט דערהרג'ט דעם מענש וואָס ער איז אריין געגאַנגען צו אַרויס געגאַנגען ביז ער איז אין גאַנצען אריין געגאַנגען אָדער און גאַנצען אַרויס געגאַנגען האָט רבי יהושע איבער גע-דרייט איין פיס האָט מען אָהנגעזעהן אַ טריט ווי איינער איז אַרויס געגאַנגען און איינער איז אריין געגאַנגען און רבי יהושע איז נישט אריין געגאַנגען. נאָר די שומרים האָבען איהם אַרוס געשטיפט פון דער שוועל און הרגנען האָבען זיי איהם נישט געקענט וויל ער איז דאָך נישט אריין געגאַנגען און נישט אַרויס געגאַנגען. ווי די זקנים האָבען דערזעהן די טריט האָבען זיי גירעכענט אַז איין מענטש איז אריין געגאַנגען און איין מענש איז אַרויס געגאַנגען האָבען זייא געהרגיטביידע שומרים. נאָכדעם איז רבי יהושע אריין געגאַנגען האָט ער גיזעהן ווי די יונגע לייט זיצען אויווען און די זקנים זיצען הינטען און זייער כוונה איז געוועזען זיי זאָלען קענין יעדער מענש וואָס ער וועט צו זיי אַ ריין קומען הרגינען. וועט ער פריהער געבען שלום די יונגע לייט וועלען די זקנים איהם הרגינען זיי וועלען זאָגען מיר זענען עלטער האָסט די אונז פריהר בעדאָרפען געבען שלום וועט ער די זקנים פריהער געבען שלום וועלען די יונגע לייט איהם הרגינצען זיי וועלען זאָגען מיר זענען גרעסער פון די זקנים האָסט די אונז בעדאָרפען פריהר געבען שלום האָט רבי יהושע גיקלעהרט וואָס ער זאָל טוהן האָט ער זיך מיישב געוועזען און ער האָט זיי אַלע מיט איינמאָהל געגעבען שלום. האָבען זיי איהם גיפרעגט וואָס ווילסט די האָט ער זיי גיענטפערט איך בין דער חכם פון די יודען און איך בין געקומען ביי אייך לערנען חכמה האָבען זיי צו איהם געזאָגט אויב די ביסט דער חכם פון די יודען וועלען מיר דיך פרעגען אַ דבר חכמה האָט רבי יהושע צו זיי געזאגט איר קענט מיך פרעגען נאָר בתנאי אויב איהר וועט מיך מנצח זיין מעגט איהר מיר טוהן וואָס איהר וועט וועלען. און אויב איך וועל אייך מנצח זיין פערלאַנג איך פון אייך אַז איהר זאָלט ביי מיר עסין אויף דער שיף:

**דהאָבען** זיי איהם געפרעגט וואָס איז דאָס אַמענש איז געגאַנגען בעמען אווייב אין מען האָט זי איהם נישט געוואָלט געבען וויל זי איז געוועזען מעהר מיוחסת פון איהם צום סוף איז ער געגאַנגען אויף אַ צווייט אָרט נעמען אַווייב נאָך אַ גרעסערע מיוחסת פון דער ערשטער ער האָט דאָך אויך בעדאַרפען

בעדאַרפין וויסען אז די ערשטע וואָס זי איז ניט געוועזען קיין גרויסע מיוחסת האָט מען איהם ניט געוואָלט געבען ווען מען דאָך איהם די צווייטע זיכער ניט געבען האָט רבי יהושע גענומען איין נאָגעל אין ער האָט איהם בעוואָלט אריין שטעקען אין דער וואַנד הינטען ווי עס איז ניט געוועזען קיין לאָך האָט דערנאָגעל ניט געקאָנט אריין. נאָך דעם האָט ער איהם גענומען העכער ווי עס איז געוועזען אַ לאָך איז דער נאָגעל אַריין אין ער האָט זיי געזאָגט די ערשטע איז ניט ביוועזין זיין בת מזל איבער דעם האָט מען איהם זי ניט געוואָלט געבען אין די צווייטע איז געוועזען זיין בת מזל מעג זי זיין אגרעסערע מיוחסת ווען מען איהם זי געבען. האָבען זיי איהם ווייטער גיפרעגט אַז אַ מענטש האָט געליגען דעם צווייטען געלד אין עס איז איהם שווער אָהנגעקומין ביז ער האָט דאָס געלד אָב גענומין אין ער לייט דערנאָך געלד אַ צווייטען ער האָט דאָך בעדאַרפען מורא האָבין אפשר ווען איהם ביי דעם צווייטען אויך שווער אָהנקומען ביז ער וועט אָב נעמין האָט ער זיי גיענטפערט דאָס איז גלייך צו אַ מענטש וואָס איז געגאַנגען אין וואַלד אַריין אין ער האָט אָהנגעקליבען אַ בינטעל האָלץ אין ער האָט עס אַליין ניט גיקענט אויף הייבען האָט ער דער וויל אָהנגעקלובען נאָך האָלץ וויל ער דאַרף דאָך אַז אַ צווייטער זאָל איהם צו העלפען ווען ער איהם צו העלפען צו דעם צווייטען בינטעל אויך. אַזוי דאָ אויך אַז ער האָט ביי דעם ערשטען ניט בעטראָפען לייט ער אַ צווייטען ביז ער וועט טרעפען אַ זעלכען וואָס ער איז אַ ערליכער אין ער וועט ביי איהם פערדינען. אַז זיי האָבען גיזעהן אַז זיי קענען איהם ניט מנצח זיין. האָבען זיי צו איהם גענזאגט זאָג איינך אַ זאך

וואָס זי איז שקר וכזב האָט ער צו זיי געזאָגט מיר האָבען געהאַט אַ מויל אייזיל וואָס זי האָט געבאָהרען אַ קינד אין אויף דעם האַלדז פון וואַלד האָט געהאָנגען אַ קוויטעלע אין עס איז געשטאַנען אויף געשרובען אַז ער האָט זיך געליגען ביי מיין פאָטער טויזענד גולדען האָבען זיי איהם גיפרעגט איז דען מעגליך אַז אַ מויל אייזיל זאָל האָבען קינדער. האָט ער זיי גיענטפערט דאָס איז דאָך טאַקע די ליגענט וואָס איהר האָט פון מיר פערלאַנגט איך זאָל אייך זאָגען. האָבען זיי איהם גיפרעגט זאַלץ אַז עס איז פערשטינקען געוואָרען מיט וואָס זאָל מען עס זאַלצען עס זאָל ווערען בעסער. אַזוי ווי פרוהער האָט ער זיי גיענטפערט מען זאַלצט עס מיט אַ שליא פון אַ מויל אייזעל האָבען זיי צו איהם געזאָגט אַ מויל אייזעל האָט דען אַ שליא האָט ער זיי גיענטפערט זאַלץ קען דען פערשטינקען ווערען האָבען זיי צו איהם געזאָגט בוי אונץ אויף אַ הויז אין דער לופט האָט רבי יהושע געזאגט אַ שם אין ער איז געשטאַנען אין דער לופט צווישען הימעל אין ערד אין ער האָט צו זיי געזאָגט דערלאַנגט מיר אַ העך ציגעל מיט ליים וועל איך בויען איין שטיב. האָבען זיי איהם גיפרעגט ווער קען לייגען ציגעל מיט ליים אין דער לופטען האָט ער זיי גיענטפערט ווער קען בויען איין שטיב אין דער לופט. האָבען זיי איהם גיפרעגט ווי איז די מיטען וועלט האָט ער זיי געוויזען מיט דעם פינגער אויף אַ אָרט אַז דאָ איז די מיטען וועלט האָבען זיי איהם גיפרעגט פון וואַנען ווייסט די אַז דאָ איז די מיטען וועלט. האָט ער צו זיי געזאָגט ברענגט מיר אַ שטריק וועלען מיר אָב מעסטען פון עק וועלט וועלין מיר זעהן. האָבען זיי צו איהם געזאגט מיר האָבען אַ בריגע אין דער מדבר ברענג זי אונץ אריין

אריין אין שטאדט אריין. האט ער צו זיי געזאגט מאכט מיר א שטריק פון קלייען וועל איך מיט דעם שטריק אריין ברענגען די ברינע אין שטאדט אריין. האבען זיי איהם גיפרעגט קען מען דען מאכען א שטריק פון קלייען. האט ער זיי גיפרעגט קען מען דען אריין שלעפען א ברינע אין שטאדט אריין. האבען זיי צו איהם ווייטער געזאגט מיר האבען א צובראכענע מיהל ניי זי צו האט ער צו זיי געזאגט צוהט מיר ארויס פעדים פון דעם מיהל (אזוי די וויבער טוהן אז זיי ווילען פערריכטען א צוריסענעם מלבוש צוהען זיי ארויס פון דעם מלבוש פעדים אין זיי פערריכטען דאס מלבוש) וועל איך אייך צו נייען די מיהל. האבען זיי איהם גיפרעגט קען מען דען פון א מיהל ארויס צוהען פעדים האט ער זיי גיענטפערט קען מען דען א צובראכינע מיהל צו נייען. האבען זיי צו איהם ווייטער געזאגט א בייט וואס זי איז בעוואקסען פיהל מיט מעסערס מיט וואס שניידט מען אב די מעסערס. האט ער זיי גיענטפערט מיט א הארען פון א אייזעל האבען זיי איהם גיפרעגט האט דען א אייזעל א הארען. האט ער זיי גיפרעגט איז דען פערהאנדען א בייט מיט מעסערס. האבען זיי איהם געוויזען צוויי אייער אין זיי האבען איהם גיפרענט וועלכעס איי איז פון א שווארצע הין און וועלכעס איז פון א ווייסע הין. האט ער זיי געוויזען צוויי קעזין אין ער האט זיי גיפרעגט וועלכער קעז איז פון א שווארצע ציג אין וועלכער איז פון א ווייסע ציג האבען זיי איהם גיפרעגט אז א עופעלע שטארבט ווען עס איז נאך אין איי פון וואנען געהט ארויס דער אטעם האט ער זיי גיענטפערט פון דעם זעלבען ארט וואס דער אטעם איז אריין געגאנגען פון דעם זעלבען ארט געהט ער ארויס. האבען זיי צו איהם געזאגט וויין אונז אויף וואס עס איז ניט ווערד דעם היזק וואס מען מאכט דורך איהר האט ער פאר זיי געבראכט א גרויסע ראגזע וואס מען האט זי ניט גיקענט אריין נעמין אין שטיב אריין ווייל זי איז געוועזען גרויס אין ער האט צו זיי געזאגט ברענגט מיר א לאפאטע אין מען האט ארום געגראבין די טהיר ביז מען האט גיקענט אריין נעמען די ראגזע אין דער היזק וואס מען האט געמאכט אין דער טהיר האט מעהר בעטראפען ווי די ראגזע:

ווי רבי יהושע האט זיי מנצח געוועזען האבען זיי געמוזט מקיים זיין דעם תנאי וואס ער האט זיך מיט זיי אויסגענומען אין זיי זענען מיט איהם געגאנגען עסען אויף דער שיף אין ער האט זיי יעדען איינציגען אריין געפיהרט אין א בעזונדער חדר אריין פון דער שיף אין אז זיי האבען געזעהן זעכציג שטוהלען האבין זיי גירעכינט אז אין דעם חדר אריין וועלען אלע אריין געהן ווי זיי זענען שוין אלע געוועזען אין דער שיף האט רבי יהושע געזאגט צו דעם שיפער בינד אב די שיף אין פאהר. אין רבי יהושע האט מיט גענומען א ביסעל ערד פון אתון אין אז זיי זענען געקומין צו דעם וואסער פון אוקיינוס וואס דאס וואסער זאפט איין אלע וואסערין האט רבי יהושע גענומען אזא ביסעל וואסער אין ער האט די זיבעציג זקנים פון אתון געבראכט פאר דעם קיסר האט דער קיסר געזעהן אז זיי זענען ביי זיך זייער שפל ווייל זיי זענען ניט געוועזען אין זייער לאנד האט דער קיסר געזאגט צו רבי יהושע אפשר זענען זיי ניט די מענטשען וואס איך האב דיך געהייסען ברענגען פון וואנען וועל איך וויסען אז די זאגסט אמת אז דאס זענען זיי. האט רבי יהושע

געגומען

גענימען די ערד פון אתון און ער האָט פאַר זיי געוואָרפען ווי זיי האָבען דער שפירט דעם ריח פון דער ערד האָבען זיי גערעכענט אַז זיי זענען נאָהנט צו זייער לאַנד זענען זיי געוואָרען אַזוי ווי בייע מענטשען און זיי האָבען זיך אַקיי־גען געשטעלט קייגען דעם קיסר האָט דער קיסר געזאָגט צו רב יהושע די מעגסט זיי טוהן וואָס די ווילסט האָט רבי יהושע גענומען דאָס וואַסער פון אוקינוס און ער האָט עס אַריין גענאָ־סען און אַ פאַס אַריין און ער האָט צו זיי געזאָגט גיסט אָהן פיהל דאָס פאַס מיט וואַסער וועט איהר אַהיים פאָהרען האָבען זיי אָהנגעהויבען צו גיסען וואַסער אין פאַס אַריין און וואָס זיי האָבען אַריין געגאָסען וואַסער האָט דאָס וואַסער פון אוקינות עס איינגעזאָפט זיי האָבען אַזוי לאַנג געטראָגען וואַסער ביז די בייבער פון זייערע אַקסלין זענען אַרויס פון די גלידער און זיי זענען אַלע באַלד געשטאָרבען :

די פילאָזאָפען האָבען גיפרעגט די זקנים פון די יודען אין רום אַז אייער גאָט האָט פיינד די עבודה זרה פאַר וואָס פערשטערט ער זי נישט פון דער וועלט האָבען די זקנים גיענטפערט ווען די עכו״ם זאָלען דינען בלויז צו אזעלכע זאַכען וואָס די וועלט דאַרף זיי נישט האָבען וואָלט ער זיי פער־שטערט פון דער וועלט אַז זיי דינען אָבער צו דער זון אין לבנה אין די שטערען זאָל הקב״ה מאַכען פערלירען די וועלט דורך די שוטים דאָס דאַרף נישט זיין דאָס איז גלייך ווען איינער האָט גע׳גזל׳ט ביי אַ צווייטען אַ קורץ ווייץ. און ער האָט איהם געזייעט וואָלט דער ווייץ נישט בעדאָרפען וואַקסען ווייל עס איז דאָך גע׳גזל׳ט נאָר די וועלט פיהרט זיך אַזוי ווי דער שטייגער איז און די שוטים וואָס זיי האָבען געזינדיגט וועט זיי הקב״ה שטראָפען דאָס זעלבע וואָלט בעדאָרפען זיין ווען איינער איז מזנה מיט אַ אשת איש וואָלט זי נישט בעדאָרפען מעוברת ווערען נאָר די וועלט פיהרט זיך אַזוי ווי דער שטייגער איז און די שוטים וואָס זינדיגען וועט הקב״ה זיי שטראָפען :

**אַ פּילָאזָאף** האָט געפרעגט ביים רבן גמליאל׳ן עס שטייט אין דער תורה „כי ה׳ אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא” הקב״ה איז אַזוי ווי ברענענדיג פייער ער איז זיך מקנא און די וואָס דינען די עבודה זרה פאַר וואָס איז ער זיך מקנא אין די מענטשען וואָס זיי דינען די עבודה זרה און ער איז זיך נישט מקנא און דער עבודה זרה אַליין האָט רבן גמליאל איהם גיענטפערט איך וועל דיר עס געבען צו פערשטיין מיט אַ משל אַ בשר ודם האָט געהאַט אַ זוהן און דער זוהן האָט געהאָדיוועט אַ הינט און ער האָט דעם הונט גערופען דעם זעלבען נאָמען פון זיין פאָטער אַז ער האָט געשוואָהרען האָט ער געזאָגט איך שווער ביי דעם לעבען פון מיין פאָטער דעם הונד אַז דער מלך הערט דאָס אויף וועמען דאַרף ער זיין אי כעס צו אויף דעם הונט צו אויף דעם זוהן. מסתמא איז ער אין כעס אויף דעם זוהן נישט אויף דעם הונט אַזוי דאָ אויך דער מלך מלכי המלכים הקב״ה איז נישט אין כעס אויף דער עבודה זרה. נאָר אויף די וואָס זיי דינען די עבודה זרה. האָט דער פילאָזאָף געזאָגט צו רבן גמליאל די רופסט די עבודה זרה הונט מיר זעהן דאָך אַז עס איז אין איהר דאָ אַ ממש. האָט איהם רבן גמליאל גיפרעגט וואָס פאַר אַ ממש האָסט די געזעהן און דער עבודה זרה האָט ער איהם גיענטפערט עס האָט גיברענט אין שטאָדט. איז די גאַנצע שטאָדט פערברענט געוואָרען און די עבודה זרה

אין

אין נישט פערבערענט געווארען האט איהם רבן גמליאל גיענטפערט איך וועל דיר געבען צו פערשטיין מיט א משל א מדינה האט זיך פערזינדיגט פאר דע קסר און דער קיסר געהט מיט איהר מלחמה האלטען האלט ער נאר מלחמה מיט די לעבעדיגע אבער נישט מיט די מתים אזוי דא אויך הקב"ה שטראפט נאר די לעבעדיגע מענשין אבער נישט די עבודה זרה וואס זי איז אזוי ווי א מת האט דער פיליזאף געזאגט צו רבן גמליאל די רופסט די עבודה זרה כלב אין מת פאר וואס מאכט הקב"ה זי נישט פערלי-רען פון דער וועלט האט איהם רבן גמליאל גיענטפערט ווען מען זאל נאר דינען צו אזעלכע זאכען וואס די וועלט דארף זיי נישט וואלט ער זיי געמאכט פערלירען פון דער וועלט מען דינט דאך אבער צו די זון און צו די לבנה און די שטערען וואס די וועלט דארף זיי האבען קען ער זיי נישט מאכען פערלירען פון דער וועלט דורך די שוטים:

איינער ער האט גהייסען א גריפס האט גיפרעגט רבי'ן גמליאל עס שטייט אין אייער תורה „כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא" הקב"ה איז אזוי ווי א ברענענדיג פייער ער איז א גאט וואס ער רעכענט זיך מיט די וואס דינען די עבודה זרה איז זיך דען מקנא איינער און צווייטען. נאר א חכם און א צווייטען חכם א גבור אין א צווייטען גבור. א עושר אין א צווייטען עושר פאר וואס איז זיך הקב"ה מקנא און דער עבודה זרה וואס איהר זאגט אז זי איז גאר נישט. האט ער איהם גיענט-פערט איך וועל דיר געבען צו פער-שטיין מיט א משל. א מענטש האט גענומען א ווייב אויף דעם ערשטען ווייב אויב דאס צווייטע ווייב איז חשו-בער פון דער ערשטער איז דאס ערשטע ווייב נישט אזוי פיהל אין כעס אויף דעם מאן פאר דעם. אבער אז דאס צווייטע ווייב איז ערגער פון דעם ערש-טען ווייב איז דאס ערשטע ווייב אין כעס אויף דעם מאן אזוי דא אויך וויל מענטשען דינען די עבודה זרה וואס זי איז א גארנישט איבער דעם איז הקב"ה אין כעס אויף די מענשען וואס זיי דינען די עבודה זרה:

א ייד ער האט געהייסען זונין האט געזאגט צו רבי עקיבא מיר ביידע ווייסען אז אין דער עבודה זרה איז נישט דא קיין ממש נאר וואס איז דאס וואס מיר זעהן אז מענטשען וואס זיי ליידען יסורים און אז זיי געהן צו דער עבודה זרה און זיי ווערען געהיילט האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט איך וועל דיר געבען צו פערשטיין מיט א משל עס איז געוועזען א אדם נאמן אין א שטאדט וואס יעדער איינער האט איהם געגעבען צו בעהאלטען געלד אהן עדות אין איין מענטש האט איהם גע-געבען צו בעהאלטען געלד פאר עדות. איינמאהל האט דער מענטש פערגעסען אין ער האט איהם געגעבען צו בעהאל-טען געלד אהן עדות האט דעם ווייב פון דעם אדם נאמען געזאגט צו איהר מאן לאמיר איהם פערלייקינען דאס געלד האט דער מאן איהר גיענטפערט וייל דער מענטש איז געוועזען א שוטה און ער האט געטוהן נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין ער האט אונז ביז יעצט חושד געוועזען זאלען מיר פער-לירען אינזער אמונה. אזוי די יסורים בשעת מען שיקט זיי אויף דעם מענטש בעשווערט מען זיי אז זיי זאלען נישט ארויס געהן נאר אין דעם טאג און אין דער שעה דורך דעם מענטש און דורך דעם סם אז עס קומט די צייט זיי זאלען אוועק געהן פון דעם מענטש און דער מענטש געהט צו דער עבודה זרה זאגען

זאָגען די יסורים מיר וואָלטען נישט בעדאַרפען אַוועק געהן פון דעם מענטש נאָר ווייל דער שוטה האָט געטוהן נישט אַזוֹי ווי עס דאַרף צו זיין וואָלען מיר עובר זיין אויף אונזער שבועה:

**רבא** האָט אַמאָהל געבראַכט אַ מתנה צו בר שישך (ער איז געוועזען אַ שר אַ עכו"ם) האָט ער איהם געטראָפען זיצען און אַוואַנע און זונות זענען אַרום איהם געשטאַנען נאַקעט. האָט בר שישך געזאָגט צו רבא איהר וועט האָבען אַזא פערגעניגען בעולם הבא האָט איהם רבא גיענטפערט אונזער פערגעניגען וועט זיין גרעסער פון אייער פערגעניגען האָט בר שישך צו איהם געזאָגט עס איז נאָך פערהאַנדען אַ גרעסער פערגעניגען פון דעם פערגעניגען וואָס איך האָב יעצט. האָט איהם רבא געזאָגט איהר האָט אימת המלכות. אָבער מיר וועלען נישט האָבען קיין אימת המלכות האָט בר שישך געזאָגט צו רבא וואָס פאַר אַ אימת המלכות האָב איך יעצט. אַזוֹי ווי רבא איז דאָרט געשטאַנען איז אַהנגעקומען אַ שליח פון קיסר צו בר שישך און האָט צו איהם געזאָגט קום דער קיסר רופט דיך. ווען בר שישך איז געגאַנגען צום קיסר האָט ער געזאָגט דאָס אויג וואָס עס וויל אייער שלעכטץ זאָל געלעכערט ווערען ווייל הקב"ה איז ממלא אַלע אייערע תאוות. אַפילו אייערע רייד ווערען אויסגעפיהרט האָט רבא גיענטפערט אמן. און עס איז באַלד צו שפּאַלטען געוואָרען איין אויג פון בר שישך:

**רבן** גמליאל און רבי יהושע זענען אַמאָהל געפאָהרען אויף אַ שיף רבן גמליאל האָט מיט זיך גענאַט ברויט און רבי יהושע האָט גענאַט זעמיל מעהל. האָט זיך ביי רבן גמליאל'ן אויס-געלאָזט דאָס ברויט האָט ער געמוזט עסין פון דעם זעמיל מעהל פון רבי יהושע האָט רבן גמליאל געזאָגט צו רבי יהושע פון וואַנען האָסט די געוויסט אַז מיר וועלען זיך לאַנג פערזוימען אויף דער שיף וואָס די האָסט דיר מיט גענימען זעמעל מעהל האָט איהם רבי יהושע גיענטפערט עס איז פערהאַנדען אַ שטערין וואָס געהט אויף איינמאָהל אין זיבעציג יאָהר אין ער מאַכט בלאָנ-דזען די שיפערס האָב איך גערעכענט אפשר יעצט ווען מיר וועלען יעצט פאָהרען וועט דער שטערן אויף געהן אין ער וועט מאַכען בלאָנדזען אינזער שיף. וואָרים דער שטייגער פון די שיפערס איז בשעת זיי פאָהרען אַרויס אויף דעם ים איז דער עלצטער פון די שיפערס פערקוקט זיך אויף איין שטערין אין כל זמן ער זעהט דעם שטערן אין דער זעלבער זייט ווייסט ער אַז די שיף געהן גלייך. אַז ער זעהט דעם שטערען און אַ צווייטע זייט ווייסט ער אַז די שיף געהט נישט אין גלייכען וועג אין דער שטערין וואָס ער געהט אויף איין מאָהל אין זיבעציג יאָהר איינמאָהל געהט ער אין דרום זייט. אין איינמאָהל געהט ער אין צפון זייט איבער דעם אַז דער שיפער זעהט דעם שטערין און אַ צווייטע זייט מיינט ער אַז די שיף געהט נישט אין גלייכען וועג דרעהט ער זי אָב אויף אַ צווייטע זייט ער מיינט אַז אַזוֹי וועט די שיף געהן גלייך און באמת דרעהט ער הערשט אָב די שיף אויף אַ קרימען וועג און דורך דעם בלאָנדזשעט די שיף. האָט רבן גמליאל געזאָגט צו רבי יהושע אַז די ביסט אַזאַ גרויסער חכם. דאַרפסט די פאָהרען אויף דעם ים זיכען פרנסה האָט רבי יהושע צו איהם געזאָגט איידער די זאָלסט דיך ווינדערין אויף מיר. ווינדער דיך בעסער אויף די צוויי תלמידי חכמים וואָס זיי זענען אויף דער יבשה. רבי יוחנן בן גודגדא. און רבי

אליעזר

אליעזר בן חסמא וואס זיי קענען אָבּ-
שאַצען די טראָפּענס פון ים און זיי
האָבען נישט צו עסין און נישט קיין
מלבוש. האָט רבן גמליאל געטראַכט אַז
ווען ער וועט אַ היים קומען זאָל ער זיי
איבער געבען אַ שררה כדי זיי זאָלען
האָבען פרנסה. ווען ער איז אַהיים געקו-
מען האָט ער נאָך זיי געשיקט. זענען
זיי נישט געקומען האָט ער נאָך זיי
נאָך איינמאָהל געשיקט זענען זיי הערשט
געקומען האָט רבן גמליאל צו זיי גע-
זאָגט וואס האָט איהר גירעכענט אַז איך
וועל אייך איבּער געבען אַ שררה ניין
איך גיב אייך נישט קיין שררה נאָר
איין עבדות. ווייל דאָס שררות איז איין
עבדות פאַר דעם מענטש ווייל עס ליגט
אויף איהם אַ עול פון פיעל מענטשען:

**רבן** שמעון בן גמליאל איז געווען
אַ נשיא ווען ער איז אַריין
געקומען אין בית המדרש אַריין האָבען
זיך אַלע מענטשען פון בית המדרש
פאַר איהם אויף געשטעלט און ווען רבי
מאיר און רבי נתן זענען אַריין געקומען
אין בית המדרש אַריין האָבען זיך אויך
אַלע מענטשען פאַר זיי אויף געשטעלט
ווייל רבי מאיר איז געווען דער
גרעסטער פון די חכמים און רבי נתן
איז געווען דער עלצטער פון די דיינים.
האָט רבן שמעון בן גמליאל געזאָגט איך
וויל אַז עס זאָל זיין אַ חילוק צווישען
מיר און צווישען רבי מאיר און רבי
נתן כדי אַז יעדערער זאָל דער-
קענען אַז איך בין גרעסער פון זיי
אָבער אַז מען שטעלט זיך אויף פאַר
זיי גלייך ווי פאַר מיר דערקענט מען
דאָך נישט אַז איך בין אַ נשיא. האָט
רבן שמעון בן גמליאל מתקן געווען
אַז ווען ער וועט אַריין קומען און בית
המדרש אַריין זאָלען זיך אַלע מענטשען
אויף שטעלען און זיי זאָלען נישט אַני-
דער זעצען ביז ער וועט זיי הייסען
זיצען. און אַז דער עלצטער פון די
דיינים. וועט אַריין קומען אין דעם בית
המדרש אַריין זאָלען זיך פאַר איהם
אויף שטעלען צוויי שורות מענטשען און
ווען ער וועט זיך אַנידער זעצען זאָלען
זיי זיך אויך אַנידער זעצען און ווען
רבי מאיר וועט אַריין קומען זאָל זיך
נאָר פאַר איהם אויף שטעלען איין שורה
און די צווייטע שורה מעג זיצען:

**דעם** טאָג וואס מען האָט געמאַכט די
תקנה איז רבי מאיר און רבי
נתן נישט געווען אין בית המדרש
האָבען זיי נישט געוויסט פון דער תקנה.
אין צווייטען טאָג ווען זיי זענען אַריין
געקומען אין בית המדרש אַריין האָבען
זיי געזעהן אַז מען שטעלט זיך פאַר
זיי נישט אויף אַזוי ווי יעדען טאָג
האָבען זיי גיפרעגט וואס פאַר אַ נייעס
איז עפּיס פאָרגעקומען אין בית המדרש
וואס מען שטעלט זיך נישט פאַר זיי
אויף גלייך ווי פאַר רבן שמעון בן
גמליאל האָט מען זיי גיענטפערט אַז
רבן שמעון בן גמליאל האָט אַזוי מתקן
געווען אַז פאַר איהם זאָלען זיך אויף
שטעלען אַלע מענטשען ווייל ער איז
אַ נשיא. און פאַר זיי זאָלען זיך נישט
אויף שטעלען אַלע מענטשען כדי מען
זאָל וויסען אַ חילוק צווישען איהם און
צווישען זיי האָט רבי מאיר געזאָגט צו
רבי נתן איך בין אַ חכם און די ביסט
דער עלצטער פון די דיינים און ער
האָט גרינג געמאַכט אונזער כבוד דאַר-
פען מיר זעהן אַ עצה געגען דעם. מיר
זאָלען צו איהם זאָגען אַז ער זאָל מיט
אונז לערנען די מסכת עוקצין און איך
ווייס אַז די מסכת קען ער נישט וועט
ער מבויש ווערען און יעדער איינער
וועט זעהן אַז ער קען נישט די מסכת
וועלען מיר צו איהם זאָגען עס שטייט
אין פסוק „מי ימלל גבורות ה׳ ישמיע
כל תהלתו״ ווער קען ריידען דאָס
שטאַרקייט

שטארקייט פון הקב"ה ער זאל זיין
א נשיא און דרשנן פאר א קהל מענשען
דער וואס קען מאכען הערצן זיין גאנצע
לויב ער קען לערנען ווי מען וועט
איהם פרעגען און די וויל די קענסט
נישט די מסכת עוקצין דארפסט די
נישט זיין קיין נשיא און מיר וועלען
איהם מאכען אויס נשיא. און מיר ווע-
לען אהנהייבען צו דרשנ'ן און דער
מסכת עוקצין און די וועסט ווערען נשיא
און איך וועל זיין דער עלצטער פון
די דיינים. האט רבי יעקב בן קורשאי
גיהערט וואס רבי מאיר און רבי נתן
ריידען האט ער געזאגט יעצט וועט רבן
שמעון בן גמליאל מבויש ווערען איז
ער ביינאכט געגאנגען און ער האט זיך
גיזעצט אונטער דער שטיב ווי רבן
שמעון בן גמליאל האט געוואהנט און
ער האט גלערענט א גאנצע נאכט די
מסכת עוקצין כדי רבן שמעון בן גמליאל
זאל הערען וואס ער לערענט. אז מאר-
גען זיי וועלען איהם פרעגען און דער
מסכת עוקצין זאל ער וויסען זיי צו
ענטפערען. און ער וועט נישט מבויש
ווערען ווי רבן שמעון בן גמליאל האט
גיהערט אז רבי יעקב לערענט די מסכת
עוקצין האט ער ביי זיך געטראכט פאר:
וואס לערענט ער די נאכט פונקט די
מסכת אפשר איז דא אין בית המדרש
מענטשען וואס זיי טראכטען אויף מיר
שלעכטע מחשבות און זיי ווילען מיך
אראבזעצען פון נשיאות מיט דעם וואס
זיי וויסען אז איך קען נישט די מסכת
און צוליעב דעם לערענט ער די מסכת
כדי איך זאל גיט צו הערען וואס ער
לערענט און איך זאל נישט מבויש
ווערען. האט רבן שמעון בן גמליאל גוט
צו גיהערט צו זיין לערנען און ער האט
גיט געקענט די מסכת עוקצין. און דער
פריה האט רבי מאיר און רבי נתן
געזאגט צו רבן שמעון בן גמליאל אז
אז ער זאל מיט זיי לערנען די מסכת
עוקצין האט ער מיט זיי געלערענט. נאך
דעם ווי ער האט מיט זיי אפגילערענט
האט ער זיך אויף געשטעלט און ער
האט צו זיי געזאגט ווען איך זאל נישט
געוועזען לערנען די מסכת וואלט איהר
מיך געוועזען פערשעהמט מיט דעם וואס
איך וואלט אייך נישט געוויסט צו ענט-
פערען. אבער יעצט אז איך האב גלער-
רענט די מסכת קענט איהר מיך נישט
מבייש זיין נאר ווייל אייער כוונה איז
דאך געוועזען אז איהר זאלט מיך
מבייש זיין האט ער זיי געהייסען ארויס-
געהן פון בית המדרש. וואס האבען זיי
געטוהן זיי האבען אפגעשריבען קשיות
און זיי האבען זיי אריין געווארפען אין
בית המדרש אריין און וואס רבן שמעון
בן גמליאל האט נישט געוויסט צו פער-
ענטפערען האבען זיי אפגעשריבען דעם
תירוץ און אריין געווארפען אין בית
המדרש אריין כדי זיי זאלען וויזען אז
זיי קענען בעסער פון רבן שמעון בן
גמליאל מען זאל איהם אראב זעצען פון
זיין נשיאות. האט רבי יוסי געזאגט די
תורה איז אין דרויסען און מיר זיצען
און בית המדרש דאס האט ער געמיינט
רבי מאיר און רבי נתן אדער זיי זאלען
אריין געהן אין בית המדרש אריין אבער
איך זאל צו זיי ארויס געהן האט רבן
שמעון בן גמליאל זיי געגעבען רשות
אז זיי זאלען אריין געהן אין בית
המדרש אריין נאר מען זאל זיי קנס'נ'ן
און דאס איז געוועזען זייער קנס. אז
מען האט נישט געזאגט קיין הלכה אויף
זייער נאמען אז רבי מאיר האט געזאגט
א הלכה האט מען נישט געזאגט אז רבי
מאיר זאגט. נאר מען האט געזאגט
אנדערע זאגען. און אז מען האט געזאגט
א הלכה פון רבי נתן וועגען האט מען
געזאגט א טהייל זאגען מען האט געווי-
זען רבי מאיר און רבי נתן אין חלום
אז זיי זאלען איבער בעטען רבן שמעון
בן גמליאל. רבי נתן איז איהם געגאנגען
איבער

איבער בעטען און רבי מאיר האָט נישט געוואָלט געהן איבער בעטען ער האָט געזאָגט פון אַ חלום איז נישט קיין שום בעווייז. ווי רבי נתן איז אַריין געקומען צו רבי שמעון בן גמליאל האָט רבי שמעון בן גמליאל צו איהם געזאָגט אויב דער גאָלדינער גאַרטיל פון דיין פאָטער האָט דיר געהאָלפען אַז די זאָלסט זיין דער גרעסטער פון די דיינים אַזוי ווי דיין פאָטער איז געוועזען אָבער צו זיין אַ נשיא וועט דיר נישט העלפען:

פּלימו האָט גיפרעגט ביי רבי אַ שאלה אַז אַ מענש האָט צוויי קעפּ אויף וועלכען קאָפּ זאָל ער לייגען די תפילין. האָט רבי געזאָגט צו פּלימו אָבער נעם אויף דיר צו ליידען גלות. אָבער נעם אויף דיר די זאָלסט זיין בחרם ווייל די שפּעטסט פון מיר ווייל עס געפינט זיך נישט אַ מענש מיט צוויי קעפּ. איז פונקט אַריין געקומען אַ מענש און ער האָט גיפרעגט אַ שאלה עס איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען אַ זוהן אַ בכור מיט צוויי קעפּ צו ווערט עס גירעכענט פאַר איין קינד. דאַרף ער נאָר געבען דעם כהן פונף סלעים צו ווערט עס גירעכענט פאַר צוויי קינדער. דאַרף ער געבען דעם כהן צעהן סלעים. איז אַריין געקומען אַ זקן אין ער האָט געזאָגט אַז זיי ווערען גירעכענט פאַר צוויי קינדער און ער דאַרף געבען דעם כהן צעהן סלעים:

עס איז געוועזען אַ מענש וואָס ער איז געוועזען שטאַרק נזהר אין מצות ציצית. האָט ער געהערט אַז עס געפינט זיך אַ זונה אין די שטעדט פון ים וואָס זי נעמט פיער הונדערט רענדליך שכר פאַר אַ עבירה. האָט ער איהר געשיקט פיער הונדערט רענדליך. און זי האָט איהם בעשטימט אַ צייט ווען ער זאָל צו איהר קומען. ווען עס איז געקומען די צייט איז ער צו איהר געפאהרען און ער האָט זיך אַ נידער גיזעצט ביי דער טהיר פון איהר שטוב. איז איהר דיענסט צו איהר אַריין געגאַנגען און האָט צו איהר געזאָגט דער מענש וואָס האָט דיר געשיקט די פיער הונדערט רענדליך איז געקומען און ער זיצט ביי דער טהיר. האָט זי איהם געהייסען אַריין שיקען איז ער אַריין געקומען. האָט זי אויס גיבעט זיבען בעטליך איינס אויף דעם צווייטען. זעקס בעטליך זענען געוועזען זילבערינע און דאָס זיבעטע איז געוועזען פון גאָלד. און פון איין בעטעל ביז צום צווייטען איז געוועזען אַ זילבערין לייטעריל אַרויף צו געהן און ביי דעם אויבערשטען בעטיל איז געוועזען אַ גילדערין לייטערעל. און זי האָט זיך אויסגעטוהן נאַקעט און זי איז אַרויף געגאַנגען אויף דעם אויבערשטען בעטעל און ער האָט זיך אויך אויס געטוהן נאַקעט אַרויף געהן צו איהר. זענען געקומען די פיער ציצית און זיי האָבען איהם געקלאַפּט אין זיין פנים אַריין. איז ער אַראָב געגאַנגען און ער האָט זיך גיזעצט אויף דער ערד. און זי איז אויך אַראָב געגאַנגען און זי האָט זיך גיזעצט אויף דער ערד און זי האָט צו איהם געזאָגט. איך בעשווער דיך ביי דעם גאָט פון רום אַז די זאָלסט מיר זאָגען וואָס פאַר אַ פעהלער די האָסט ביי מיר געזעהן. האָט ער איהר גיענטפערט איך שווער דיר אַז איך האָב קיין אַזאַ שעהנע אשה נישט געזעהן אַזוי ווי די ביסט. נאָר דאָס וואָס איך בין אַראָב געגאַנגען איז דורך דעם. ווייל איין מצוה האָט אונז אונזער גאָט געבאָטען דאָס איז די מצות ציצית. און עס שטייט ביי דער מצוה צוויי מאָהל „אני ה׳ אלהיכם״ איך בין אייער גאָט וואָס וויל אייך שטראָפען און איך בין אייער גאָט וואָס וויל אייך געבען שכר. האָבען זיך

די

די פּיער ציצית פאַר מיר פאַרגישטעלט
אַזוי ווי פּיער עדות. און זיי האָבען מיך
נישט געלאָזט טוהן די עבירה. האָט זי
צו איהם געזאָגט איך וועל דיך נישט
אָבלאָזען ביז די וועסט מיר זאָגען דיין
נאָמען און דעם נאָמען פון דיין שטאָדט
און דעם נאָמען פון דיין רבי'ן און דעם
נאָמען פון דעם בית המדרש וואָס די
לערענסט. האָט ער אויף געשריבען און
ער האָט איהר געגעבען און ער איז
אַ היים געפאָהרען. און זי האָט גענומען
איהר פערמעגען און זי האָט עס איינגע-
טהיילט. אַ דריטעל האָט זי אוועק געגעבען
דעם קיסר ער זאָל זי לאָזען מגייר זיין
און איין דריטעל האָט זי צו טהיילט
אָרימע לייט און איין דריטעל האָט זי
מיט זיך מיט גענומען אויסער די זיבען
בעטליך וואָס זי האָט נישט אוועק
געגעבען נאָהר זי האָט זי מיט זיך מיט
גענימען און זי איז געקומען אין בית
המדרש אריין פון רבי חייא און זי האָט
צו איהם געזאָגט רבי איך וויל זיך
מגייר זיין האָט רבי חייא זי גיפרעגט
אפשר איז דיר געפעלען איינער פון
מיינע תלמידים איבער דעם ווילסט די
דיך מגייר זיין. אָבער נישט וויל דיר
געפעלט די יודישע אמונה. האָט זי אַרויס
גענימען דאָס פּאַפּיער וואָס דער מענטש
האָט איהר אויף געשריבען און זי האָט
איהם דערציילט וואָס עס איז פאַרגעקו-
מען און זי וויל זיך מגייר זיין לשם
שמים. האָט ער זי מגייר געוועזען אין
ער האָט צו איהר געזאָגט זיי זוכה אין
דיין מקח דאָס הייסט האָב חתונה מיט
דעם מענטש די בעטלעך וואָס די האָסט
איהם אויס גיבעט באיסור בעט איהם
אויס בהיתר דאָס איז דער שכר פון
אַ מצוה בעולם הזה און ווי גרויס וועט
נאָך זיין דער שכר פון דער גרויסער
מצוה בעולם הבא:

דיי מענטשען פון דער שטאָדט לודקיא
האָבען בעדאַרפען האָבען בוימאייל
האָבען זיי געשיקט אַ מענטש קויפען
בוימאייל און זיי האָבען איהם געגעבען
צעהן מאָהל הינדערט טויזענד גילדען
ער זאָל פאַר דעם געלד ברענגען
בוימאייל. איז ער געגאַנגען קיין ירושלים
זיכען בוימאייל האָט מען איהם געהייסען
געהן צו דעם אָרט וואָס עס הייסט צור.
איז ער געגאַנגען קיין צור האָט מען
איהם געהייסען געהן אין דער שטאָדט
וואָס זי הייסט גושחלב ער איז געקומען
קיין גושחלב האָט מען איהם געזאָגט געה
צו דעם מענטש אין פעלד אריין איז
ער צו איהם געגאַנגען אין פעלד אריין.
האָט ער איהם געטראָפען אַז ער האָט
אַרום געגראָבען די ביימער איז ער צו
איהם צו געגאַנגען און ער האָט איהם
גיפרעגט צו ער האָט פאַר צעהן מאָהל
הינדערט טויזענד גילדען בוימאייל האָט
ער איהם גיענטפערט וואַרט אויס ביז
איך וועל ענדיגען מיין אַרבייט. ווען ער
האָט גיענדיגט זיין אַרבייט האָט ער
פערשאַרצט זיינע קליידער אַזוי ווי
אַ אָרימאַן און ער האָט אַרויס געוואָרפען
די שטיינער פון פעלד און ער איז מיט
איהם אַ היים געגאַנגען. אויף דעם וועג
האָט דער מענטש ביי זיך געטראַכט איז
דען מעגליך אַז אַזאַ מענטש זאָל האָבען
פאַר צעהן מאָהל הינדערט טויזענד גילדען
בוימאייל. עס זעהט אויס אַז די מענטשען
וואָס זיי האָבען מיר אָהנגעוויזען צו
דעם מענטש האָבען זייא פון מיר
גישפּעט. אַז זיי זענען אהיים געקומען
האָט איהם די דיענסט צו געבראַכט
אַ קעסיל מיט וואַרעם וואַסער און ער
האָט זיך אָבגעוואַשען נאָך דעם האָט
צו איהם געבראַכט אַ גאָלדינעם בעקען
מיט בוימאייל און ער האָט זיך אָבגע-
שמירט די הענד מיט די פיס און
ווי זיי האָבען זיך געזעצט עסין. נאָך דעם
ווי זיי האָבען אָב געגעסען האָט ער
איהם אָבגעמאָסטען פאַר צעהן מאָהל
הינדערט טויזענד גילדען בוימאייל איז
ער

ער האָט צו איהם געזאָגט אפשר דארפסטו די נאָך בוימבייל קען איך דיר פערקוי־פען. האָט איהם דער מענטש פון לודקיא גיענטפערט איך דארף מעהר בוימאייל נאהר איך האָב נישט קיין געלד האָט ער צו איהם געזאָגט אויב די ווילסט קענסט די נעמען נאָך בוימאייל אין איך וועל מיט דיר מיט געהן צו דיר אהיים וועסט די מיר דארט בעצאָהלען. האָט ער איהם אָבגעמאָסטען נאָך זיבעצען מאָהל אַזוי פיהל בוימאייל. ווי פיעל פערד און אייזלען אין קעמלען עס איז געוועזען אין ארץ ישראל האָט דער מענטש געדינגען אהיים צו פיהרען דעם בוימאייל. ווי ער איז אהיים גע־קומען זענען די מענטשען פון שטאָדט איהם אקייגען געגאַנגען אין זיי האָבען איהם געלויבט דאָס ער האָט אַזוי פיעל בוימאייל געבראַכט. האָט ער צו זיי געזאָגט לויבט נישט מיך נאָר לויבט דעם מענטש וואָס ער געהט מיט מיר. דער מענטש איז געוועזען פון שבט אשר וואָס עס שטייט אין פסוק „וטובל בשמן רגלו״ ער וועט האָבען אַזוי פיעל בוימאייל אז ער וועט איינטינקען זיינע פיס אין בוימאייל:

**דער** תנא רבי פנחס בן יאיר איז אמאָהל געגאַנגען אויסלייזען געפאַנגענע איז ער צו געקומען צו דעם טייך וואָס ער הייסט גינאי האָט ער געזאָגט צו דעם טייך צו טהייל דאָס וואַסער איך זאָל קענען אדורך געהן. האָט איהם דער טייך גיענטפערט די געהסט טוהן דעם רצון פון הקב״ה און איך טוה דעם רצון פון הקב״ה. ביי דיר איז א ספק צו די וועסט טוהן דעם רצון פון הקב״ה וויל עס איז נישט אָבהעניג אין דיר נאָר אין די פאַנגער אפשר וועלען זיי דיר נישט וועלען ארויס געבען די געפאַנגענע אָבער איך טוה זיכער דעם רצון פון הקב״ה וויל ער הייסט מיך פליסען און איך פליס איבער דעם קען איך נישט צו טהיילען מיין וואַסער פאַר דיר. האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט צום טייך אויב די וועסט נישט צו טהיילען דיין וואַסער וועל איך גוזר זיין אַז די זאָלסט אויס געטריקענט ווערען און עס זאָל שוין קיינמאָהל דאָ נישט זיין קיין וואַסער. האָט זיך דאָס וואַסער צו טהיילט איז מיט איהם מיט געגאַנגען א יוד וואָס ער האָט געטראָגען ווייץ צו מאַהלען אויף פסח האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט צום טייך צו טהייל דיין וואַסער פאַר דעם מענש וועגען אויך וויל ער געהט אויך טוהן א מצוה און עס איז מיט איהם מיט גע־גאַנגען איין ערבי האָט רבי פנחס בן בן יאיר געזאָגט צום טייך צו טהייל דיין וואַסער פאַר דעם ערבי וועגען אויך. כדי ער זאָל נישט זאָגען אַז אויף דעם גאַנצען וועג זענען מיר געגאַנגען גלייך אין יעצט האָט ער מיך געלאָזט שטיין האָט זיך דאָס וואַסער צו טהיילט פאַר דעם ערבי וועגען אויך איז ער געקומען אין א אכסניה אריין האָט מען געגעבען זיין אייזיל געררשטען צו עסען האָט דאָס אייזיל נישט געוואָלט עסין דעם גערשטען האָט מען דעם גערשטען גיט אויסגערייניקט אין דאָס אייזיל האָט וויטער נישט געוואָלט עסין. האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט צו די מענטשען פון דער אכסניה אפשר האָט איהר דעם גערשטען נישט גע׳מעשר׳ט איבער דעם וויל דאָס אייזיל נישט עסין דעם גערשטין. האָבען זיי גע׳מעשר׳ט דעם גערשטען האָט דאָס אייזיל הערשט געגעסען דעם גער־שטען. האָט רבי פנחס בן יאיר צו זיי געזאָגט דאָס אייזיל געהט צו א דבר מצוה און איהר ווילט איהר געבען צו עסין טבל:

**ווי** רבי האָט גיהערט אַז רבי פנחס בן יאיר קומט אין שטאָדט אריין איז ער איהם אקייגען געגאַנגען און ער האָט

האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל ביי איהם עסין. האָט רבי פנחס בן יאיר צו איהם געזאָגט אַז ער וועט ביי איהם עסין האָט ער זיך געפרייט ווייל רבי פנחס בן יאיר האָט קיינמאָהל נישט געוואָלט עסין ביי קיין שום מענטש און ביי איהם וועט ער עסין. האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט צו רבי די מיינסט אַז איך האָב אַ נדר געטוהן אַז איך זאָל נישט עסין ביי קיין יוד די יודען זענען הייליג און זיי זענען ראוי אַז מען זאָל ביי זיי עסין נאָר עס איז פערהאַנדען אַזעלכע יודען וואָס זיי ווילען מהנה זיין נאָר זיי קענען נישט זיי זענען אָרום ביי אַזעלכען קען איך נישט עסין ווייל עס איז פאַר איהם שוועהר. און עס איז פערהאַנדין אַזעלכע מענשען וואָס זיי זענען רייך נאָר ער וויל ניט מהנה זיין אפילו ער בעט עמיצען צו זיך עסין טוהט ער עס נאָר פאַר בושה אָבער נישט מיט זיין גוטען ווילען. ביי אַזעלכען קען איך זיכער נישט עסין. אָבער די קענסט געבען צו עסין ווייל די ביסט רייך און די ווילסט אַז איך זאָל ביי דיר עסין וועל איך ביי דיר עסין. נאָר יעצט האָב איך נישט קיין צייט ווייל איך דאַרף טוהן אַ מצוה נאָר ווען איך וועל צוריק געהן וועל איך צו דיר קומען און וועל ביי דיר עסין:

ווען רבי פנחס בן יאיר איז צוריק געגאַנגען איז ער אַריין געגאַנגען צו רבי פונקט דורך דער טהיר וואָס דאָרט זענען געשטאַנען מויל אייזלין. האָט רבי פנחס בן יאיר געזאָגט דער מלאך המות איז דאָ ביי איהם אין הויז און איך זאָל ביי איהם עסין. ווייל אַז אַ מויל אייזיל גיט אַ מענש אַ ביס קען זיך דער ביס נישט פערהיילען. האָט רבי דערהערט איז ער צו איהם אַרויס געגאַנגען און ער האָט צו איהם געזאָגט איך וועל זיי פערקויפען. האָט רבי פנחס בן יאיר צו איהם געזאָגט די טאָהרסט זיי נישט פערקויפען. ווייל אַזוי ווי זיי זענען אסור פאַר דיר זענען זיי אסור פאַר אַ צווייטען. האָט רבי צו איהם געזאָגט איך וועל זיי אַוועק שיקען אויף הפקר אין וואַלד אַריין. האָט ער איהם געזאָגט וועסט די נאָך מעהרען שאָדען ווייל עס וועט זיי קיינער נישט היטען. האָט רבי געזאָגט איך וועל אַראָב נעמען זייערע שיכלעך זיי זאָלען נישט קענען קאַפּען. האָט איהם רבי פנחס בן יאיר געזאָגט וועלען זיי דאָך האָבען צער טאָהר מען אויך נישט. האָט רבי געזאָגט איך וועל זיי הרג'ינען. האָט ער איהם געזאָגט אַז הרג'ינען טאָהר מען אויך נישט ווייל ער מאַכט דאָך זיך אַ היזק. האָט רבי שטאַרק געבעטען רבי פנחס בן יאיר אַז ער זאָל ביי איהם עסין אין ער האָט נישט געוואָלט און עס איז געוואָרען צווישען זיי אַ הויכער באַרג און ער האָט זיי צו שיידט. האָט רבי געוויינט וואָס רבי פנחס בן יאיר וויל ביי איהם נישט עסין. און ער האָט געזאָגט אַז די צדיקים זענען ביי זייער לעבען אַזוי גרויס ווי גרויס זענען זיך נאָך זייער פטורה בעולם הבא:

דער תנא רבי שמעון בן חלפתא פלעגט צו פראַקטיקירען יעדער זאַך ער זאָל זעהן צו די זאַך איז אמת. ער האָט געזאָגט עס שטייט אין פסוק „לך אל נמל עצל ראה דרכיה וחכם אשר אין לה קצין ושוטר ומושל תכין בקמץ לחמה" געה צו אַ מילב וואָס זי איז פויעל זעה איהרע וועגען וועסט די ווערען קליעג זי האָט נישט קיין שר אין אַ שוטר אין אַ מושל זי טוהט אָהנגרייטען אין זומער איהר ברויט אויף ווינטער. האָט ער געזאָגט איך וועל געהן און זעהן צו עס איז אמת אַז די מילבען האָבען נישט קיין מושל איז ער געגאַנגען אין זומער אין

אין חודש תמוז ווען די זון איז געוועזען גרויס און ער האָט פערשפרייט זיין מלבוש אויף אַ נעסט פון מילבען און די טבע פון די מילבען איז אַז זיי קענען נישט ליידען די זון און זיי האָבען ליעב שאָטען. איז איין מילב ארויס געגאַנגען פון דער נעסט און זי האָט געזעהן דעם שאָטען איז זי אַריין געגאַנגען אין דער נעסט אַריין און זי האָט דערציילט די מילבען אַז אין דרויסען ליעבען דער נעסט איז דאָ אַ שאָטען זענען אַלע מילבען אַרויס געגאַנגען. דערווייל האָט רבי שמעון בן חלפתא אַראָב גענומען זיין מלבוש ווי זיי האָבען געזעהן אַז עס איז נישט דאָ קיין שאָטען האָבען זיי די מילב דערהרגעת ווייל זי האָט געזאָגט ליגענט. האָט רבי שמעון בן חלפתא געזאָגט פון דעם וואָס זיי האָבען די מילב תיכף גיהרגית איז אַ בעוויז אַז זיי האָבען נישט קיין מושל ווארום ווען זיי זאָלען האָבען אַ מושל וואָלטען זיי די מילב נישט תיכף גיהרגית זיי וואָלטען פריהער גענומען רשות פון מושל:

אַ קֵיסַר האָט געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא אייער גאָט איז געגליכענט צו אַ לייב עס שטייט אין פסוק „אריה שאג מי לא יירא ה' אלהים דבר מי לא ינבא" אַ לייב טוהט שרייען ווער האָט נישט קיין מורא. אַזוי אַז הקב"ה טוהט ריידען ווער קען נישט זאָגען קיין נביאות. איז דאָך אייער גאָט געגליכענט צו אַ לייב וואָס איז דאָס גרויסקייט מיר זעהן דאָך אַז אַ שטאַרקער מענטש הרגית אַ לייב. האָט איהם רבי יהושע גיענטפערט מען מיינט נישט אַזעלכע לייבען וואָס מיר זעהן נאָר מען מיינט גרעסערע און שטאַרקערע לייבען. האָט איהם דער קיסר געזאָגט איך וויל זעהן דעם לייב. האָט איהם רבי יהושע בן חנניא געזאָגט די וועסט איהם נישט קענען זעהן. האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט איך וויל איהם דאָך זעהן און די מוזט איהם מיר ווייזען. האָט רבי יהושע בן חנניא געבעטען רחמים איז דער לייב אַרויס געגאַנגען פון זיין אָרט צו געהן קיין רום. ווען דער לייב איז געוועזען ווייט פון רום פיער הונדערט מייל האָט דער לייב געגעבען אַ געשריי האָבען די וויבער פון רום מפיל געוועזען אין די מויערן פון רום זענען איינגעפאַלען און אַז דער לייב איז געווען ווייט פון רום דריי הונדערט מייל האָט ער געגעבען אַ געשריי זענען די ציין פון די מענטשען אַרויסגעפאַלען אין דער קיסר אַליין איז אַראָפּ געפאַלען פון זיין שטיהל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא איך בעט דיך זיי מתפלל אַז דער לייב זאָל צוריק געהן אויף זיין אָרט האָט רבי יהושע בן חנניה מתפלל געווען איז דער לייב צוריק געגאַנגען אויף זיין אָרט:

אֵיינמָאהָל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניה איך וויל זעהן אייער גאָט האָט איהם רבי יהושע געזאָגט די וועסט איהם נישט קענען זעהן האָט דער קיסר צו איהם געזאָגט איך וויל איהם פאָרט זעהן און די מוזט איהם ווייזען. האָט ער דעם קיסר אַרויס געפיהרט אויף דער גאַס אין חודש תמוז ווען די זון האָט געשיינט און ער האָט איהם געהייסען קוקען אין דער זון אַריין. האָט דער קיסר געזאָגט איך קען נישט קוקען אין דער זון אַריין. האָט רבי יהושע בן חנניא געזאָגט צום קיסר אַז די קענסט נישט קוקען אין דער זון אַריין וואָס זי איז איינע פון זיינע משמשים וואָס זיי שטעהן אין בעדינען פאַר הקב"ה אין הקב"ה אַליין וועסט די זיכער נישט קענען קוקען:

נָאךְ איינמאָהל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא איך וועל צוגרייטען

צו גרייטען א סעודה פאר הקב"ה האט רבי יהושע בן חנניא צו איהם געזאגט די וועסט נישט קענען צו גרייטען קיין סעודה פאר זיינעט וועגען האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס. האט ער איהם אזוי גיענטפערט ווייל ער האט פיהל חיילות. האט דער קיסר צו איהם געזאגט איך וויל דאך צוגרייטען א סעודה פאר אייער גאט וועגען. האט רבי יהושע בן חנניא צו איהם געזאגט געה און גרייט צו א סעודה ביי דעם ברעג טייך וואס ער הייסט רביתא דארט איז א גרויס ארט דארט וועלען זיך קענען איינזאמלען זיינע חיילות. האט דער קיסר אזוי געטוהן און ער האט זעקס חדשים צו בעגרייט די סעודה איז געקומען א ווינט און ער האט די גאנצע סעודה אריין געווארפען אין וואסר אריין. האט דער קיסר ווייטער צו געגרייט זעקס חדשים א סעודה האט זיך געמאכט א שטארקער רעגען און ער האט פערפלייצט אין וואסער אריין די גאנצע סעודה. האט רבי יהושע בן חנניא געזאגט צום קיסר דאס זענען די בעדינער פון הקב"ה און זיי האבען אויף גיגעסען די סעודה. האט דער קיסר צו איהם געזאגט אויב אז ער האט אזוי פיעל חיילות וועל איך טאקי נישט קענען אהן גרייטען פאר זיינעט וועגען א סעודה:

**א צידוקי** האט געזאגט צו רבי דער גאט וואס ער האט בעשאפען די בערג האט נישט בעשאפען דעם ווינט נאר א צווייטער. ווייל עס שטייט אין פסוק "יוצר הרים ובורא רוח" ער בעשאפען די בערג און ער האט האט בעשאפען דעם ווינט. ווען אז איינער זאל עס האבען בעשאפען וואלט בעדארפען שטיין יוצר הרים ורוח ער האט בעשאפען די בערג אין דעם ווינט. ווען עס שטייט בעזונדער ער האט בעשאפען די בערג און ער האט בעשאפען דעם ווינט איז אבעוויין אז איינער האט בעשאפען די בערג און א צווייטער האט בעשאפען דעם ווינט. האט רבי צו איהם געזאגט שוטה קוק אין סוף פון פסוק "ה' צבאות שמו" דער וואס האט בעשאפען די בערג מיט דעם ווינט הייסט ה' צבאות. איז דאך אבעוויין אז איינער האט זיי ביידע בעשאפען האט דער צידוקי געזאגט צו רבי גיב מיר צייט דריי טעג וועל איך דיר געבען א ענטפער אויף דעם. האט רבי געפאסט דריי טעג אז דער צידוקי זאל נישט געפינען קיין תשובה ווען רבי האט זיך גיזעצט עסין האט מען איהם געזאגט אז דעם צידוקי שטייט אין דרויסען האט רבי געזאגט דעם פסוק "ויתנו בבותי ראש" ווען איך וועל עסין פערביטערט מען מיר דאס עסין שפעטער האט מען געזעהן אז דאס איז נישט דער זעלבער צידוקי נאר א צווייטער און ער האט געזאגט צו רבי איך בין געקומען ,דיר מבשר זיין א בשורה טובה אז דיר צידוקי האט נישט געפינען קיין תשובה און ער איז ארויף געגאנגען אויף דעם דאך און ער האט זיך אראב געווארפען פון דאך און ער איז געשטארבען. האט רבי געזאגט צו דעם צידוקי צו ווילסט די דעם כוס של ברכה צו ווילסט די פערציג גילדען ווייל א כוס של ברכה איז ווערט פערציג גולדען. האט דער צידוקי געזאגט איך וויל בעסער דעם כוס של ברכה איז אראב א בת קול און עס האט געזאגט אז א כוס של ברכה איז ווערט פערציג גולדען:

**דעם** שר וואס ער איז ממונה אויף עניות האט געלאקערט אויף א מענש ער האט איהם געוואלט מאכען פאר א ארימאן און ער האט איהם נישט גיקענט בייקומען ווייל דער מענטש איז געווען נזהר אז ווען ער האט אבגיגעסען זאל

זאָל ער באַלד אויסקערין די שטוב כדי מען זאָל גישט טרעטען אויף די שטיקלעך ברויט וואָס זיי פאַלען אַראָב פון טיש (דאָס איז אַ סגולה מען זאָל גישט אָרום ווערען). איינמאָהל האָט דער מענטש גיגעסין אויף דעם גראָז. האָט דער שר ביי זיך געטראַכט יעצט וועל איך איהם בעקומען ווייל פון גראָז וועט ער נישט קענען אויסקערין וועלען דאָך מענשען טרעטען אויף די קליינע שטיקלעך ברויט וועל איך איהם שוין קענען מאַכען פאַר אַ אָרימאַן. ווי דער מענטש האָט אָב גיגעסען האָט ער גענומען אַ לאָפּאַטע און ער האָט אויס געריסען דאָס גראָז מיט די קליינע שטיקלעך ברויט און ער האָט זיי אַריין געוואָרפען אין טייך אַריין האָט דער מענטש גיהערט ווי דער שר האָט געזאָגט וועה איז צו מיר דער מענטש האָט מיך אַרויס געצוויגען פון מיין מקום מנוחה און איך קען איהם גאָר נישט טוהן :

אלכסנדר מוקדון האָט געזאָגט צו די חכמים איך וויל געהן קיין אפריקי האָבען זיי איהם גיענטפערט די וועסט נישט קענען געהן דאָרט. ווייל אין מיטען וועג זענען דאָ די הרי חושך עס איז אַזאַ אָרט וואָס עס איז שטענדיג פינסטער ביי טאָג און ביי נאַכט און קיין שום מענטש קען נישט אַדורך געהן דורך די בערג האָט ער צו זיי געזאָגט איך האָב ביי מיר בעשטימט איך זאָל אַהין געהן און איך מוז אַהין געהן און איך פרעג ביי אייך צו איך זאָל געהן צו נישט איך פרעג נאָר ביי אייך ווי אַזוי איך זאָל אַהין געהן. האָבין זיי איהם געזאָגט נעם ווייסי אייזלען פון מצרים וואָס זיי קענען געהן אין דער פינסטער אין די זאָלסט בעמען שטריק אין די זאָלסט איין עק שטריק אָהנבינדען אויף דעם אָרט ווי עס הייבט זיך אָהן דאָס פינסטער-ניש אין די רעשט שטריק זאָלסט די האַלטען ביי דיר אין דער האַנד כדי אַז די וועסט וועלען צוריק געהן וועסט די דורך דעם שטריק קענען צוריק געהן האָט ער אַזוי געטוהן אין ער איז אַדורך געגאַנגען די הרי חושך אין ער איז געקומען אין אַ שטאָדט אַריין וואָס איז געווועזען בלויז ווייבער נישט קיין מאַנספערזאָן אין ער האָט מיט זיי געוואָלט מלחמה האַלטען. האָבען די ווייבער צו צו איהם געזאָגט אויב די וועסט אונז בייקומען ווער עס וועט דאָס הערען וועט ער זאָגען וואָס איז דאָס אַוואונדער. אַז ער האָט ביי געקומען דיא ווייבער וואָס זיי זענען נישט שטאַרק אין נישט געלערינט צו אַ מלחמה. אין אויב מיר וועלען דיך בייקומען וועט דאָך זיין אַ בושה פאַר דיר מען וועט זאָגען אַז די ביסט אַזוי שוואַך אַז ווייבער האָבען דיך בייגעקומען איבער דעם איז גלייכער אַז די זאָלסט מיט אינך נישט מאַכען קיין מלחמה. האָט ער צו זיי געזאָגט איך וועל אייך פאָלגען אין וועל מיט אייך נישט מאַכען קיין מלחמה אין ער האָט זיך געהייסען געבען עסין. האָבען זיי איהם געבראַכט אַ גאָלדינעם טיש מיט גאָלדין ברויט האָט ער זיי גיפרעגט איז דען ביי אייך אַ מנהג צו עסין גאָלדען ברויט האָבען זיי איהם גיענט-פערט עס איז ביי אינך נישט קיין מנהג צו עסין קיין גאָלדען ברויט נאָר צו-ליעב דעם האָבען מיר פאַר דיר געבראַכט גאָלדען ברויט ווייל עס איז ביי אינך אַ ווינדער ביסט די דען צו אינך געקומען עסען ברויט עס פעהלט דען דיר ברויט ביי דיר אין לאַנד נאָר זיכער ביסט די אַ הער געקומען צוליעב גאָלד. איבער דעם האָבען מיר דיר געבראַכט גאָלדען ברויט ווען ער איז אַרויס געגאַנגען פון דער שטאָדט האָט ער אויף געשריבען אויף דעם טויער פון דער שטאָדט איך אלכסנדר מוקדון

בין

בין געוועזען אַ שוטה ביז איך בין געקומין אין דער שטאָדט אַריין פון די ווייבער אין זיי האָבען מיך גילערינט חכמה אין ער האָט זיך אַנידער גיזעצט עסען לעבען אַ קוואַל אין ער האָט געהאַט הערינג אין ער האָט דעם הערינג אָב געוואַשען אין דעם קוואַל זענען די הערונג לעבעדיג געוואָרין. האט ער געזאָגט דער קוואַל מוז זיכער זיך צוהען פון גן עדן אין ער איז נאך געגאַנגען פון וואַנען ער האָט זיך געצויגען ביז ער איז צו געקומען צו דעם גן עדן. האָט ער געזאָגט עפּענט מיר אויף דעם טויער האָט מען איהם גיענטפערט דאָס איז דער טויער פאַר צדיקים וועגען זיי זאָלען דאָרך דעם טויער אַריין געהן. האָט ער געזאָגט איך בין אַ מלך גיט מיר אַזאך פון גן עדן אַז איהר ווילט מיך ניט אַריין לאָזען האָט מען איהם געגעבען איין אויג פון אַמענש (מען האָט איהם מרמז געוועזען אַזוי ווי דאָס אויג פון אַמענש קען זיך ניט אָהנזעטען אויף דער וועלט אַזוי קען ער זיך ניט אָהנזעטען מיט זיין פערמעגען וואס ער האָט) איז ער אַהיים געקומען האָט ער אַרויף געלייגט דאָס אויג אויף איין וואָגשאָהל אין זיין גאַנץ גאָלד אין זילבער אויף אַצווייטע וואָגשאָאהל אין דאָס אויג האט אַללעס איבער געוואהגען האָט ער גיפּרעגט די חכמים וואָס דאָס בעדייט האבען זיי איהם געזאָגט אַז דאָס בעדייט אַז דאס אויג פון אַמענש קען זיך ניט אָהנזעטען ביז מען דעקט עס צו מיט ערד. האָט ער זיי גיפרעגט פון וואַנען ווייסט איהר אַז דאָס אויג פון מענטש זעט זיך ניט אָהן ביז מען דעקט עס צו מיט דער ערד האָבען זיי צו איהם געזאָגט דעק צו דאָס אויג מיט ערד וועסט די זעהן אַז די וועסט עס קענען אָב וועגען האָט ער אַזוי געטוהן איז דאָס אויג גרינג געוואָרען:

דער קיסר פון רום האָט גוזר געוועזען אויף די יודען דריי גזירות אַז זיי זאָלען ניט היטען שבת אין זיי זאָלען ניט מל זיין זייערע קינדער אין זייערע ווייבער זאָלען ניט היטען זייערע ריינקייט האָט רבי ראובן בן איסטרובלי זיך אָהנגעטוהן מלבישים פון אַ עכו״ם כדי מען זאָל איהם ניט דערקענען אַז ער איז אַ יודי אין ער איז געגאנגען צום קיסר אויף דעם פערזאַמלונג. ווען מען האָט געוואָלט אַרויסגעבען די גזירות אין ער האָט זיי גיפרעגט דער וואָס ער האָט אַ שונא וואָס דאַרף ער וועלען צו ער זאָל רייך ווערען צו ער זאָל אָרים ווערען האבען זיי איהם גיענטפערט זיכער וויל ער אַז זיין שונא זאָל אָרים ווערען. האָט ער צו זיי געזאָגט דאַרפט איהר דאָך זעהן אַז זאָלען ניט אַרבייטען שבת וועלען זיי ווינציגער פערדינען אין אַז זיי טוהן ניט קיין מלאָכה אין שבת עסין זיי אין טרינקען גיטע מאכלים אין משקאות אין זייא גיבען אויס אויף שבת דאָס וואָס זיי פערדינען אַגאַנצע וואָך. איבער דעם איז גלייכער אַז מען זאָל מבטל זיין די גזירה פון שבת איז זיי גיפעלען זיין עצה אין זיי האָבען די גזירה פון שבת מבטל געוועזען. האָט ער צו זיי ווייטער געזאגט דער וואס ער האָט אַ שונא צו וויל ער אַז ער זאָל זיין שטארק צו ער זאָל זיין שוואַך האָבען זיי איהם גיענטפערט ער וויל זיכער אַז ער זאָל זיין שוואַך האָט ער צו זיי געזאָגט איז דאך גלייכער אַז זיי זאָלען מל זיין זייערע קינדער צו אַכט טעג אין דאָס בלוט רינט פון זיי אַרויס ווען זיי זענען קליין אין דאָס שוואכט אָב זייער כח האָט מען די גזירה אויך מבטל געוועזען. האט ער זיך ווייטער גיפרעגט דער וואס ער האט אַ שונה וויל ער אַז ער זאָל זיך מעהרען צו ער זאָל ווינציגער ווערען האבען זיי איהם גיענטפערט זיכער וויל ער אַז ער זאָל ווינציגער ווערען האָט ער צו זיי געזאָגט איז דאָך גלייכער אַז מען זאָל לאָזען

היטען

היטען זייערע ווייבער זייער ריינקייט כדי זיי זאָלען זיך ניט מעהרען האָט מען די גזירה אויך מבטל געוועזען שפּעטער האבען זיי זיך דער וויסט אַז דער בעל יועץ איז געוועזען אַ יוד האָבען זיי צוריק געמאַכט די דריי גזירות האָבען די חכמים גיקלעהרט וועמען צו שיקען צום קיסר בעטען אַז מען זאָל מבטל זיין די גזירות איז ביי זיי געבליבען אַז רבי שמעון בן יוחאי זאָל געהן צום קיסר ווייל ער איז געוואָהנט מיט ניסים הקב״ה טוהט איהם שטענגדיג ניסים וועט ער איהם יעצט אויך טוהן אַ נס. אין רבי אלעזר בן רבי יוסי זאָל מיט געהן אויף דעם וועג איז זיי אַקייגען געקומען אַשד וואָס ער האָט געהייסען בן תלמיון אין ער האָט צו זיי געזאָגט אויב איהרווילט וועל איך מיט אייך געהן האָט רבי שמעון בן יוחאי געוויינט אין ער האָט געזאָגט הגר די דיענסט פון אברהם אבינו האָט זיך צו איהר בעוויזען אַ מלאַך אויף דעם וועג דריי מאָהל אין צו מיר ניט קיין איין מאָהל. דערנאָך האָט ער געזאָגט זאָל שוין קומען דאָס נס דורך דעם שד אין די יודען זאָלען שוין געהאָלפען ווערען אַז מען זאָל מבטל זיין די גזירות. האָט דער שד צו זיי געזאָגט איך וועל געהן פריהער אין וועל אַריין געהן אין דעם קיסר׳ס טאָכטער אַריין אין זי וועט משוגע ווערען אין זי וועט ניט האָבען קיין רפואה ביז איהר וועט קומען אין איהר וועט מיך הייסען אַרויסגעהן דאַמאָלסט וועל איך אַרויסגעהן (אין דער שד האָט אַזוי געטוהן אין ער איז אַריין אין קיסר׳ס טאָכטער אַריין אין זי איז משוגע געוואָרען אין זי האָט געשריגען ברענגט מיר אַ העָר רבי שמעון בן יוחאי ווי רבי שמעון בן יוחאי איז געקומען צום קיסר האָט ער געזאָגט בן תלמיון געה אַרויס איז ער אַרויס געגאַנגען אין זי איז געזונד געוואָרען האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי שמעון בן יוחאי אין צו רבי אלעזר בן יוסי זאָגט וואָס איהר ווילט וועל איך אייך געבען אין מען האָט זיי אַריין געפיהרט אין קיסר׳ס אוצר אַריין זיי זאָלען זיך אויסקלויבען וואָס זיי וועלען האָבען זיי געפינען דאָס פּאַפּיער וואָס עס איז געוועזען אויף געשריבען די דריי גזירות אין זיי האָבען עס צוריסען אין די גזירות זענען בטל געוואָרען: